STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04194

OYF UNZER KULTUR-FRONT

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מײזיל

אויף אונזער קולטור־פראָנט

(פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קולטור־שאַפן)

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

Printed in Poland

Nachman Majzels
Ojf unzer kultur-front

Nakł. tyg. „Literarisze Bleter"
Warszawa 1936

Druk. „Pośpiech", Warszawa

אַ פּאָר ווערטער

אין דעם בוך קומען אַריין אַרטיקלען און עסייען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך מיר די לעצטע צען־צוועלף יאָר ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, — אַרטיקלען און עסייען, וועלכע באַהאַנדלען בעיקר פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קולטור־שאַפן.

אַ גרויסער טייל פון די אַרטיקלען איז געשריבן געוואָרן אויף דער הייסער מינוט. די אַרטיקלען האָבן באַדאַרפט אָפּשלאָגן אַנגריפן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף אונזער קולטור־פראָנט הן פון דרויסן און נאָכמער—פון אינעווייניק. און דערפאַר דער נאָמען פונם בוך.

במשך פון די לעצטע יאָרן האָט זיך פיל און פיל ביי אונז, אין אונזער קולטור־וועלט, געענדערט. עס האָבן זיך אויך געביטען די כוחות־פאַרהעלטעניש פון די קעמפנדיקע צדדים דאָ און דאָרט. אַ ריי פראַגן האָבן, אפשר, אָנגעווירן זייער שאַרפקייט, אָבער דאָס איז אין פלוג. אין תוך זענען די פּראָבלעמען עד־היום אַקטועל. דאָס איז די פאַרענטפערונג, וואָס עס זענען אַריין אין בוך אויך אייניקע אַר־טיקלען, וואָס האָבן צו טון מיט דערשיינונגען און דעבאַטן, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק אונז פאַרנומען.

די אַרטיקלען זענען געגעבן אין דער פאָרם, ווי זיי זענען בשעתם געשריבן געווען, און מיט דער גאַנצער אייליקייט זייערער צו דעם מאָמענט. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר נויטיק איצט זיי „אויסבעסערן״, „פאַרריכטן״, איך האָב נישט געוואָלט צונעמען ביי זיי זייער צאַפּל.

די אַרטיקלען זענען געשריבן ביי פאַרשידענע שטימונגען און סיטואַציעס, זענען דעריבער ממילא אומפאַרמיידלעך דאָ און דאָרט ווידעראַנאַנדן און ווידערהאָלונגען.

נ. מ.

26 יולי, 1936

מידע און אָפּגעשוואַכטע

עס איז שוין אַזאַ מנהג ביי אונז! פון צייט צו צייט כאַפּט זיך עמעץ פּלוצים אַזוי אויף מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים: „מ׳גייט אונטער!״ געפינט זיך שוין גלייך אַן אָנגעשראָקענער עולם, וואָס כאַפּט אונטער דעם געוואַלד: „מען גייט אונטער!״ אָט אַ שטייגער מיט אַ יאָר צוועלף צוריק האָט אַ משכיל און שרייבער — ש. י. איש-הורוויץ — זיך פּלוצים אַזוי אויפגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד: „יידן גייען אונטער! דאָס יידיש פאָלק האָט נישט קיין זכות פאַר זיין עקזיסטענץ!״ און אונזער יידיש וועלטל איז מיטאַמאָל אינגאַנצן אויפגערודערט געוואָרן. פון פאַרשידענע זייטן האָבן אַלע זיך גענומען צו זוכן דעם טעם, פאַר וואָס דאָס יידיש פאָלק לעבט נאָך, און אַ גאַנצע ליטעראַטור איז דאַן באַשאַפן געוואָרן. און לסוף: ש. י. הורוויץ איז שוין איצט אַ שוכן-עפר, אָן די פיל קלוגע און נישט-קלוגע מאַמרים וועגן קיום-היהדות האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסן. און דאָך... דאָס יידישע פאָלק לעבט, לעבט און קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ, לעבט און שאַפט...

דאָס מאָל איז דער פאַרצווייפלטער אויסגעשריי געמאַכט געוואָרן אין אונזער ליטעראַרישער וועלט אין אַמעריקע און איז אויך אריבער-געטראָגן געוואָרן אַהער, צו אונז: „ראַטעוועט! יידיש גייט אונטער!״ פּלוצים גאָר, אין מיטן פון קאָכעדיקער אַרבייט — אַזעלכע יאוש-שטימען.

וואָס איז געשען? — איז טאַקע דאָ אַ טעם צו דער פאַרצווייפלונג, צו דער שרעק.

די לעצטע צען, צוואַנציק, דרייסיק יאָר האָט דאָס לעבעדיקע און געדרוקטע יידיש וואָרט אויף די פאַרשיידנסטע געביטן זיך אַזוי געוואַלדיק אַנטוויקלט און פאַרנומען אַזאַ בכבודיק אָרט אין אונזער לעבן, אַז קיין פאַנטאַסט האָט וועגן דעם אַפילו נישט געקאָנט חלומען. אינגאַנצן אַ דיסטאַנץ פון געציילטע יאָרן, און וואָס איז געווען אונזער

פּרעסע, ליטעראַטור, שול, טעאַטער, יידיש אין עפנטלעכן לעבן פריער, און ווי האַלט עס איצט.

פריער — אַ נעבעכדיק לעבן. אַ פּאָר משכּילים און עטלעכע בטלנים פּאָרען זיך אַרום „זשאַרגאָן”. דער באַגאַזש — אַ פּאָר מעשה־ביכלעך, דער פאַרנעם — קליינלעכע איבערגעניצעוועטע געדאַנקען און אידעען.

און איצט — אַ מעכטיקע יידישע פּרעסע אין גאָר דער וועלט, — עטלעכע צענדליק טאָג־צייטונגען, הונדערטער וואָכנשריפטן און זשורנאַלן מיט עטלעכע מיליאָן שטענדיקע יידישע לייענער; העכער טויזנט יידישע שולן, גימנאַזיעס, אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, לערער־סעמינאַרן, ביבליאָטעקן, יידיש טעאַטער אין די גרעסערע יידישע צענטרען, אָן אַ שיער דראַמאַטישע קרייזלעך אין די קלענערע יידישע שטעט; אַ רייכע יידישע ליטעראַטור, אַן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע; ערנסטע פאַרצווייגטע פאַרלאַג־טעטיקייט אין וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע, ווילנע, בערלין, קיעוו, מינסק. פּרוּוון פון יידישער בוך־פּראָדוקציע אין בוענאָס־איירעס, ריגע, קאָוונע, דרום־אַפריקע, ביאַליסטאָק, ווין, מאָנטרעאָל.

דער פּשוטער פאַרגלייך בלויז פון אַמאָל און איצט איז גענוג, כּדי צו איבערצייגן, ווי גוואַ[illegible]יק גרויס איז דער וווּקס פון יידיש, און ווי ס׳איז אינגאַנצן פאַלש דער [illegible]יל פו[illegible] די קלאָגער און דער טרויער פון די צווייפלער.

די פאַרצווייפלונגס־שטימעס האָבן געבראַכט אויך דערצו, אַז אייניקע האָבן זיך אַוועקגעלאָ[illegible] אין די טונקעלע וועגן פון אינערלעכע גריבלענישן און מ׳האָט אָנגעהויבן זיך שטעלן פראַגן: „ווער זענען מיר און וואָס זענען מיר און ווו איז די באַרעכטיקונג פונם קיום פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור?” און מען האַלט דערביי דעם דופק פון דער יידישער ליטעראַטור, מען ציילט די טעג פון איר לעבן, מען פּלפּולט זיך און מען הענגט־אָן דעם קיום אָן פאַרשיידענע אויסערלעכע באַדינגונגען: וועט געשען אַזוי און אַזוי — איז גוט און ס׳איז באַשערט לאַנג צו לעבן, א.א ניט — איז שלעכט.

און עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן.

שטייט מען אַזוי ביים מעכטיקן שטראָם פונם יידישן שאַפן און מען וויל אים שטעלן צוימען. דער שטראָם אָבער גייט זיין וועג און האָט קיין צייט נישט אָפּצושטעלן זיך.

און די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור?

זיי ליגן אין דעם ע צ ם פאַקט פון איר עקזיסטענץ. די אידעע איז געבונדן מיט דער כסדרדיקער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן גע־דאַנק. די יידישע ליטעראַטור, — דער שטאַרקסטער און בולטסטער אויסדרוק פונם יידישן שאַפן — איז אין זיך כולל אַל־דאָס לעבעדיקע, אינטערעסאַנטע, מערקווירדיקע פונם שאַפנדיקן יידישן לעבן. איז פאַראַן ביי די מאַסן אַ שאַפונגס־גייסט, דערוועקן זיך ביי די מאַסן שאַ־פונגס־כוחות, געשעט עס אין יידיש, אין דער יידישער ליטעראַטור. יידיש, דאָס יידישע שאַפן באַהעפט איצט די יידן פון פאַרשיי־דענע לענדער.

אין דער יידישער ליטעראַטור קלויבן זיך די טרוימען, אידעען, אָנזאָגן פון יידן פון פאַרשיידענע עקן וועלט. אָט דאָס איז דער כוח, דער גוואַלדיקער כוח פון יידיש און יידישער ליטעראַטור. און די אידעע דרינגט אַרויס יעדעס מאָל פון אינעווייניק. און הויבט ווער אָן צו זוכן דעם זכות־הקיום פון דער יידישער ליטעראַטור, פונם יידישן שאַפן, — איז עס אַ שלעכטער סימן נישט פאַר דער ליטעראַטור, נאָר פאַרן זוכער.

און נאָך:

מיר האָבן זייער פיל בעלי־טענות און בעלי־תביעות. פון מאָל צו מאָל שטעלט מען זיך אַזוי אַוועק און מען פאָדערט: „גיט אונז גאונים, גיט אונז גאונישע ווערק. די ביבל, נישט אַנדערש ווי די ביבל!“

אָבער נישט יעדן יאָר וואַקסן אויף גאונים און גאונישע ווערק. אויך ביי די שטאַרק־אַנטוויקלטע און הויך־קולטורעלע נאַציעס זענען גרויסע ווערק זעלטענע דערשיינונגען. און בכלל — אַ ליטעראַרישע תקופה לאָזט זיך שטענדיק ריכטיקער אויפּצונעמען ערשט שפּעטער.

ווען די אומגעדולדיקע קאָנען גלייך נישט אויפדעקן דעם תמצית פון דער אָדער יענער ליטעראַרישער תקופה, זענען זיי מבטל דאָס שאַפן פון דער צייט. אַזעלכע אומצופרידנהייט־שטימען לאָזן זיך איצט הערן וועגן אונזער איצטיקן שאַפן.

יעדער תקופה האָט איר נשמה, איר אידעע, איר מהות, וואָס אַנטפּלעקט זיך, סומירט זיך סוף כל סוף. שטייט מען אינמיטן, אינעווייניק, איז שווער עס אויפצופאַסן. צוליב די ביימער זעט מען אָפטמאָל דעם וואַלד נישט אַרויס. עס ציען זיך איינזאַמע ריטשקעלעך, שניידן זיך איינצלווייז אַדורך, אָבער זיי גיסן זיך אַריין אינם ברייטן, אַלגעמיינעם קול־טור־שטראָם. עס טרעפן ליטעראַרישע פּעריאָדן, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן

בעת-מעשה צו זיין זייער אָפּגעשטאַנען, — אָבער שפּעטער געפינט מען אין זיי אַ קלאָרן פּרצוף, שטאַרק-אויסגעשפּראָכענע אידעען און טענ-דענצן. און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אויך אונזער איצטיק שאַפן, וואָס מ׳האַלט אין איין באַקלאָגן זיך אויף דעם, — פאַרמאָגט חיות, שפּע און אינהאַלט. ס׳דאַרף נאָר געגעבן ווערן צייט און מעגלעכקייט צו סינטעזירן עס.

אונזערע קולטור-אוצרות האָבן זיך לעצטנס געוואַלדיק פאַרמערט, זיי שטייגן אָן אַ שיער אַריבער די אָן-ווערטיקע דרוק-פּאַפּירלעך, און ווען-ווען, — אָבער איצט איז אוודאי קיין צייט נישט פאַר פאַרצווייפלונג...

עס איז איצט אַ צייט פון אַרבעט און קאַמף פאַר אונזער מאָ-דערנעם שאַפן. דער מידער און אָפּגעשוואַכטער זאָל זיך זיצן אין דער היים און נישט אָנוואַרפן קיין שרעק אויף די שאַפער און בויער.

1924

אומגערעכטע פֿאָרוואורפֿן

„צי פֿאַרמאָגט אונזער שיינע ליטעראַטור אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט. און אויב יאָ — טאָ וועלכע זענען עס זיינע שטריכן?“— דאָס איז די ערשטע און די הויפּט-פֿראַגע, וואָס ה. ש. קאַזשדאַן שטעלט אין זיין אַרטיקל „אידעאַלן און העלדן אין אונזער ליטעראַטור“ („ל״ט. בלעטער“ נומ. 18).

אויף דער ערשטער העלפֿט פֿון דער פֿראַגע, וואָס ה. קאַזשדאַן באַמיט זיך צו ענטפֿערן נעגאַטיוו, קאָנען מיר ענטפֿערן גלייך, אָן שום וואַקלעניש: אונזער שיינע ליטעראַטור איז געוויס דורך און דורך נאַציאָנאַל. זי איז געווען נאַציאָנאַל, ווען זי האָט געהאַט אַ דורכויס-נעגאַטיווע באַציִונג צום יידישן שטייגער-לעבן, צו די רגילותן און מנהגים, זי איז געווען נאַציאָנאַל, ווען זי האָט געהאַלטן אין איין אָפּשפּעטן און חוזק-מאַכן פֿונם יידישן לעבן (עטינגער, לינעצקי, שאַצקעס). און נאָך מער נאַציאָנאַל איז די שיינע ליטעראַטור געוואָרן אָנגעהויבן פֿון מענדעלע, שלום-עליכם און פּרץ און אַזוי ביז היינט צו טאָג. און אַדרבא—אויב ס'איז דאָ וואָס פֿאָרצוּוואַרפֿן דער ניי-יידישער ליטעראַטור איז גראָד דאָס, וואָס זי איז צו נאַציאָנאַל, וואָס זי שעפּט איר גאַנצע יניקה פֿון די ריין-יידישע נאַציאָנאַלע קוואַלן, וואָס זי איז פֿאַרטוּן בלויז מיט יידישע און יידישלעכע טעמעס און איז ווייניק אוניווערסאַל, ווייניק אַלמענטשלעך.

„דאָס שיינע קונסט-וואָרט—זאָגט קאַזשדאַן—איז אויך אַנטפּלעקונג פֿון געדאַנק, אַריינדרינגונג אין דער טיפֿעניש [ф]ון פּסיכאָלאָגיע, איז אויך אייגנטלעכע אויפֿפּאַסונג פֿון געשיכטע און אַנטוויקלונג-גאַנג“. און טאַקע אין דער הינזיכט איז אונזער שיינע ליטעראַטור פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן מערקווירדיק. זי איז אָן אויפֿהער געווען די אַנטפּלעקונג פֿון יידישן געדאַנק. זי האָט שטענדיק אַריינגעדרונגען אין די פּסיכאָלאָגישע טיפֿענישן פֿונם יידישן פֿאָלקס-מענטש און אינטעליגענט

און געגעבן די אייגנטלעכע אויפפאַסונג פון אונזער לעבנס-געשיכטע און איר אַנטוויקלונגס-גאַנג. אונזער ליטעראַטור האָט ליידנשאַפטלעך אויפגענומען די לעבנס-דערשיינונגען, די לופט-ענדערונגען, און טריי אָפּגעשפּיגלט די ווירקלעכקייט פון די לעצטע פאָר צענדליק יאָר. ברענגען מיר אַרויף אין אונזער זכרון די פּאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן, די אַלע צופלוסן און אָפּפלוסן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט, די פריידן און ליידן פון דרויסן און אינעווייניק, קאָנען מיר גלייך אָנרופן די ווערק פון פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס זענען דערביי (מיט מער אָדער ווייניקער קינסטלערישן טאַלענט—דאָס איז אַ צווייטע פראַגע) געשאַפן געוואָרן. און עס איז דעריבער לחלוטין נישט ריכטיק קאַזשדאַנס באַהויפּטונג, אַז די מאַסן-באַוועגונגען, ציוניזם און בונדיזם, זענען פארבליבן אויסער דער יידישער שיינער ליטעראַטור.

דער יידישער שרייבער איז נישט געווען בלויז גלייכגילטיקער צוקוקער, אָביעקטיווער באַשרייבער. ער איז על-פּי-רוב אַליין אַ טרעגער פון די נייע אידעען, אַליין האָט ער מיטגעמאַכט דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג, און אין די פאַרשיידנסטע קלענערע און גרעסערע דערציילונגען און נאָוועלן האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן און געפינען, געהאַלטן אין אויפדעקן און אַנטפּלעקן דעם מהות, כאַראַקטער, די פּסיכאָלאָגיע פון די לעבנס-דערשיינונגען און פון די אינעווייניקסטע ענדערונגען, וועגן און אומוועגן, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט. דער יידישער קינסטלער האָט נישט געקאָנט קאַלט, אָביעקטיוו, לאָגיש און סיסטעמאַטיש „נ ע מ ע ן“ אַלס „ראָמאַן-העלדן“ און „הויפּט-פּערסאָנאַזשן“ באַשטימטע פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן, וואָס ח. קאַזשדאַן וויל זיי זען אַלס טיפּן פון ווערק, — ווייל, ווייל ער איז אַליין געווען איינגעטונקט אין די באַוועגונגען, געלעבט און געאָטעמט אין זיי, געצויגן פּעדעם פון זיך, פון זיי און אַליין געשפּונען דעם לעבנס-געוועב, אַליין געשאַפן און מיטגעשאַפן זיין אויסזען און פּאַרנעם. דער אינעווייניקסטער און אויסנווייניקסטער לעבנס-פּראָצעס איז געגעבן געוואָרן אין די ווערק פון אַלע בעסערע יידישע שרייבער (און נישט נאָר בעסערע), ביי פּרץ, שלום-עליכם, בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין, אַנסקי, פּינסקי, אַש, נאָמבערג, רייזען, בערשאַדסקי, אַ. ווייטער, קאַבאַק, בערגעלסאָן, ז. י. אנכי, שאַפּיראָ, סעגאַלאָוויטש, שניאור, אָלגין, קאַפּלאַנאָוויטש א. אַ. וו. (דאָ זענען אַריין אויך אייניקע העברעישע שרייבער — נאָר אין דער הינזיכט שפּילט קיין ראָלע נישט, וואָס זיי שרייבן העברעיש) האָט זיך

אַזוי אָדער אַנדערש אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקס-מאַסן פאַר די לעצטע יאָרן און אויך — פון ציוניזם און בונד. און פאַרשיידענע מאָמענטן, עפּיזאָדן, בילדער, מאָטיוון, שטימונגען, טיפּן פון אָט די צוויי באַוועגונגען זענען מייסטעריש געשילדערט דורך די אויבנדערמאָנטע שרייבער, און דער עיקר — זיי זענען געשילדערט דאָס רוב נישט פון אויסן, נישט מן הצד, נישט גענומען ווי סתם-טעמעס, נאָר זענען געווען אויפגעפּאַסט פון אינעווייניק. ווייל די קינסטלער האָבן געגעבן זיך און זייערע אייגענע, נאָענטע פּסיכיש-פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען.

מאַכנדיק לכתחילה נישט-ריכטיקע אָפּשאַצונגען וועגן דעם באַטייט פון דער יידישער ליטעראַטור, קומט ח. קאַזשדאַן צו אַ באַשלוס, אַז די פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור „זענען אַליין אינגאַנצן אָפּגעריסן פונם ברייטן פאָלקס-לעבן, פירן אַן ענג - אינטעליגענטיש אָפּגעזונדערט לעבן, זיי מאַכן נישט מיט אַקטיוו די גרויסע געשעענישן און באַוועגונגען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן". אָבער ח. קאַזשדאַן וועט דאָך אין קיין פאַל נישט זאָגן, אַז אייניקע פון די פריער-אָנגערופענע יידישע שרייבער זענען ווייניקער אינטערעסאַנטע אַנטפּלעקונגען אין יידישן לעבן, זענען מינדערווערטיקע געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן, ווי אייניקע פון די פּאַרטיי-פירער און טוער, וואָס ער רופט זיי אָן אין זיין אַרטיקל, און אַז זיי זענען געשטאַנען מחוץ למחנה און נישט מיט-געמאַכט די אינטערעסאַנטע פּעריאָדן אין יידישן לעבן. און קאָן מען דען אָפּטיילן דאָס שאַפן פון פּרץ, בערדיטשעווסקי, ברענער, ווייטער, בערגעלסאָן פון די דיכטער גופא? זייערע ווערק זענען דאָך דער לעבעדיקער, שאַפערישער המשך פון זייער לעבן, פון דעם לעבן פון גייסטרייכע יידישע פּערזענלעכקייטן.

און וועלכע זענען עס די שטריכן פון דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט? ח. קאַזשדאַן מיינט און איז זיכער, אַז אין מענדעלעס „קליאַטשע" האָבן מיר מער נאַציאָנאַלע מאָטיוון, ווי אין בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". אָבער די „קליאַטשע" איז דאָך בעיקר אַ פּובליציסטיש ווערק, וווּ דאָס נאַציאָנאַלע איז אַרויסגערוקט אויפן פאָדער-גרונט, וווּ דאָס נאַציאָנאַלע איז בכיון פאַרשאַרפט, פאַרשפּיצט ביז דער גרעסטער מדרגה, בעת אין די ווערק פון די מאָדערנע שרייבער איז דאָס נאַציאָנאַלע אַ נאַטירלעכע זאַך, עס ליגט אין עצם פון די טיפן, עס קומט אַרויס ממילא, אָרגאַניש, נאָרמאַל. און איז דען נישט ע. וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס" דורך

און דורך יידישלעך, הגם דער שטח, וואָס דער אויטאָר שפּרייט פֿאַנאַנדער פֿאַר אונז, ליגט כּלל נישט אויף דער ליניע פֿון „נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין און זעלבסטגעפֿיל". די נאָוועלן פֿון א. מ. פֿוקס זענען דורכויס יידישע, הגם אויסערלעך האָבן זיי נישט צו טון מיט דער „באַגייסטערונג פֿון אידעאַלן און קאַמפֿן". און בערגעלסאָנס „אָפּגאַנג" און מ. באָריישאָס „זאַוול רימער" — איז עס נישט „לעבעדיקע אַקטועלע בעלעטריסטיק", וואָס קאַזשדאַן האָט באַשלאָסן, אַז מיט שלום-עליכמען איז זי אינגאַנצן פֿאַרחתמעט געוואָרן?

ח. קאַזשדאַן ברענגט ביישפּילן פֿון דאָסטאָיעווסקי, שפּילהאַגען, טורגענעוו, מערעזשקאָווסקי, טאָלסטאָי, וואָס האָבן געגעבן אין זייערע ווערק בילדער און פֿיגורן פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט, און ער חדושט זיך, הלמאי עס פֿעלן ביי אונז שילדערונגען פֿון העלדן און העלדישקייטן. אָבער די אַלע אויסגערעכנטע שרייבער האָבן געשילדערט און באַלויכטן די העלדן און זייער תּקופֿות ערשט שפּעטער, אין אַ צייט אַרום. דער קינסטלער איז געקומען צו זיי ווי צו אַ געשיכטלעכן שטאָף, געקליבן, געפֿאָרשט די געשיכטלעכע סיטואַציע, די סביבה, די קעמפֿנדיקע כּחות און אין אָט דער שיין האָבן זיי אויפֿגעבראַכט דעם העלד, די מאַסן. אַזעלכע געשיכטלעכע ראָמאַנען פֿון אַ ברייטן פֿאַרנעם זענען די לעצטע יאָרן געשאַפֿן געוואָרן ביי אונז און גראָד זענען זיי פֿון די אינטערעסאַנטסטע און גייסטרייכסטע ווערק (אַ ש ס — „קידוש-השם" און „כּישופֿמאַכערן פֿון קאַסטיליען", אָ פּ אַ ט אָ ש ו ס — „אין פּוילישע וועלדער" און „1863", לייוויקס — „דער גולם"). דערצו איז נויטיק אַ באַשטימטער צייט-מהלך, ווען געשעענישן, פּאַסירונגען און פּערזענלעכקייטן לאָזן זיך אָביעקטיוויזירן, ווען ס'איז פֿאַראַן די מעגלעכקייט אויסצוטיילן און אָפּצוטיילן פֿיל פּרטים און צוגעבן און דערפֿילן אַנדערע, אייגענע, „צוגעטראַכטע", דיכטערישע.

„די טרעגער פֿון אונזער ליטעראַטור — באַשולדיקט ח. קאַזשדאַן ווייטער—פֿעלט אַקטיווקייט, גלויבן אין פֿאָלק און אין זיין צוקונפֿט". אָבער די אַקטיווקייט פֿון דעם יידישן קינסטלער ווערט אָפּט אָפּגעטויט פֿון דעם גלייכגילט פֿון די יידישע פֿאָלקס-מאַסן צום יידישן שאַפֿן. דער גלויבן פֿונם יידישן דיכטער אין דעם יידישן שאַפֿן ווערט אָפּט געבראָכן ביי די טרעגער פֿון דער ליטעראַטור דורך די טרויעריקע דערשיינונגען און פֿאַקטן פֿון דער יידישערווירקלעכקייט. באַווייזן און ראיות

זענען דאָ איבעריק, זיי זענען גענוג באַוווּסט. און ממילא זענען אָט די אַלע פאָרוואָרפן אין דער נישט-געטריישאַפט פונעם יידישן שרייבער צום פאָלק אומגערעכטע. און אויב שוין יאָ מאַכן פאָרוואָרפן — דאַרף מען זיי אָנווענדן גאָר אין אַן אַנדער זייט, אָבער אין קיין פאַל נישט אויפן חשבון פונעם יידישן שרייבער און יידישער ליטעראַטור.

1924

אַמאָל און איצט

אָפטמאָל קומט-אויס צו הערן טענות און קלאָגענישן אויף דער אָרעמקייט, וואָס עס הערשט אין אונזער ליטעראַטור אויף פאַרשיידנסטע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן.

געוויס איז דאָס מאָדערנע יידישע בוך אין פאַרגלייך מיטן בוך פון די גרויסע קולטור-פעלקער שטאַרק אָפּגעשטאַנען. אָבער גענוג איז צו פאַרגלייכן דעם צושטאַנד פון יידישן בוך צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר, מיטן צושטאַנד פונם בוך א י צ ט, כּדי צו זען סאַר אַ געוואַלטיקן מהלך מיר האָבן אַדורכגעמאַכט מיט אונזער ליטעראַטור פאַר אָט דער קורצער צייט.

יידיש און יידישע ליטעראַטור איז געווען אַמאָל אין בעסטן פאַל אַ נעבעך-זאַך. אַ נ ע ב ע ך אַפילו פאַר די, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל באַציִונג צו יידיש. אין דער אַרומיקער אַטמאָספער פון שנאה און פאַראַכטונג צו יידיש, איז די „זשאַרגאָן"-שרייבער אויסגעקומען אויסצוזוכן תּירוצים און כלערליי פאַרענטפערונגען, פאַרוואָס זיי האָבן זיך „אַראָפּגעלאָזט" צו דער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור.

„אונזערע שרייבער, די ב ע ל י - ה ל ש ו ן — זאָגט מ ע נ ד ע ל ע — האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבנדיק יידיש, וועל איך מיך דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער חשק נוצן צו ברענגען האָט גובר געווען די פאַלשע בושה, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל — איך וועל מיך אָננעמען פאַר דאָס פאַרשטויסענע יידיש און וועל נוצלעך זיין מיין פאָלק"...

„צי זאָל איך שרייבן, צי ניין? צי איז קריטיקע אין דער פּראָסט-יידישער שפּראַך אויך אַזוי נויטיק און נוצלעך, גלייך ווי אין אַלע אַנדערע לשונות, אָדער ס'איז אפשר גאָר אַן איבעריקע זאַך און מען באַדאַרף דאָס דאָ גאָר לחלוטין נישט האָבן?" — מיט אָט די ווערטער

הויבט-אָן זיין קריטיק דער באַקאַנטער יידיש-העברעישער שרייבער ב ר-ק צ י ן (י. ח. ראַווניצקי) אין שלום-עליכמס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" 2 (1889), און דערציילט אַגב וועגן די אָנפאַלן, וואָס עס ווערן געמאַכט אין די „העברעישע גאַזעטן" קעגן די, וואָס שרייבן יידיש:

„סטייטש, — פילדערן די העברעישע שרייבער — אַזאַ רציחה אין דער וועלט: זיידענע שרייבער מיט איידעלע הענט זאָלן זיך גאָר אָפּגעבן מיטן פּראָסטן, גראָבן עולם און שרייבן אינם מיאוסן, שמוציקן זשאַרגאָן! לאָז די וועלט הערן אונזער „אזהרה": קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן ווייטער אויפהויבן אַ האַנט צו שרייבן אין דעם פאַרפלוכטן זשאַרגאָן, ימח שמו וזכרו!" אַנדערע, אַביסל ווינציקער ברענענדיקע מלאכים האָבן דווקא יאָ מתיר געווען צו שרייבן פּראָסט יידיש, נאָר קליינ-קייטן, שמאָכטעלייען, אָבער עפּעס רעכטס — חלילה וחס! „פּראָסטע נפשות, מ'שטיינס געזאָגט, זיי ווייסן דען, וואָס איבערצוקלייבן, זיי פאַרשטייען דען, וואָס הייסט פליש; נישקשה, זיי קאָנען גריזען די ביינער און כאַפּן די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון טיש — און יוצא".

אויך פ ר ץ שרייבט אין זיין לייטאַרטיקל „בילדונג" („יידישע ביבליאָטעק", 1891), אַז

„זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פאַרטרעטן די מוטערס שטעלע אין אַ יידיש הויז. דעם פּלאַץ פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען לשון-קודש. זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לערער-שטעלע, דעם פּלאַץ מוז לעת-עתה פאַרנעמען אַ לאַנדס-שפּראַך. זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָנהויבן ריידן... דערנאָך — מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפן, אָדער אויס דאנקבאַרקייט איר איבערלאָזן אַן אָרט ביים טיש!".

און קלאָר איז, אַז ביי אַזאַ מין באַציונג צו יידיש האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן אַ נאָרמאַלער און אַלזייטיקער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. און טאַקע לענגערע צייטן איז די יידישע ליטעראַטור באַשטאַנען פון מעשה-ביכלעך, געשאַפן צוליבן פשוטן המון, אָן וואָסערע ס'איז ברייטערע פּרעטענזיעס און אויפגאַבן.

אין דעמזעלבן בוך „די יידישע פאָלקס ביבליאָטעק" 2, 1889 — געפינען מיר אַ רשימה „פון אַלע זשאַרגאָנישע ביכער, וואָס זענען אָפּגעדרוקט אינם יאָר תרמ"ט (1889)", און ווי קלאָגנדיק-אָרעם עס איז די רשימה און ווי איינזייטיק-באַגרענעצט זענען די אַלע אַרויסגעגעבענע ביכער. עטלעכע בעלעטריסטישע ווערק, אַ פּאָר מוסר-

ספרים אין יידיש און דערנאָך אַ צעטל פון שונד־ביכלעך פון שמ״ר, בלאָשטיין, בוכבינדער א. אַ. און דאָס גאָר. מען דאַרף געדענ־קען, אַז צו יענער צייט האָט קיין יידישע פּרעסע כמעט ווי נישט עקזיסטירט, און די אַרויסגעגעבענע ביכער און ביכלעך זענען אַזוי אַרום געווען די גאַנצע פּראָדוקציע פונם יידישן שאַפן אין יידיש.

און אין עטלעכע יאָר אַרום, אין די יאָרן 1893—1894 איז אַלץ דער קרייז פון יידישן שאַפן געווען ביז גאָר אַן ענגער. אַ. ליטוואַק אין זיין אַרטיקל „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן״ (רויטער פּנקס 1) דערציילט וועגן זיין מי צוזאַמען מיט אייניקע יונגעלייט צו שאַפן אַ ביבליאָ־טעק פון יידישע ביכער פאַר אַרבעטער אין ווילנע. און דער גאַנצער באַשטאַנד פון דער ביבליאָטעק איז געווען עטלעכע צענדליק ביכער— נישט מער. פון בעלעטריסטיק—אייניקע ביכער פון מענדעלע, לינעצקי, דיק, מ. ספּעקטאָר, שלום־עליכם, אַ יידישע איבערזעצונג פון פרידבערגס ראָמאַן „עמק הארזים״ — די אומגליקלעכע מרים, אַ נאָכמאַכונג פון טשערנישעווסקיס „טשטאָ דעלאַט״. פון פּאָעזיע אײנגאַנצן 5 ביכלעך: מיכל גאָרדאָן — לידער, י. ל. גאָרדאָן — שיחת חולין, ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע) — יידל, אברהם גאָלדפאַדן — יידעלע, אליקום צונזער — 10 לידער; עטלעכע זאַמלביכער; 5 דראַמען — מענדעלע מו״ס — די טאַקסע, דער פּריזיוו, לינעצקיס איבערזעצונג פון לעסינגס „נתן החכם״, גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״ איבערגעזעצט פון י. לערנער, מ. ל. לילענבלום — זרובבל; קריטיק— איין ביכל — שלום עליכמס „סוד פּריסיאַזשניך אָדער שמ״רס משפּט״; נאַטורוויסנשאַפט איין בוך — דער סוף פון דער וועלט אָדער דער „קאָמעט״ פון מיכל וועבער, אַ פּרייזע באַאַרבעטונג פון פלאַמאַריאָנס פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע; איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן נאָר 2 בראָ־שורן פון איינעם מינדלין פון אָדעס: „אַרטעלן״ און „אם אין אני לי, מי לי״ — ביידע איבער פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַטיוון. „דאָס — זאָגט אַ. ליטוואַק — איז געווען כמעט אַלץ, וואָס אַ יידישע ביבליאָטעק, וועלכע האָט געוואָלט אויסקומען אָן שמ״ר און בלאָשטיין, האָט דעמאָלט גע־קאָנט האָבן. און נאָך לאַנגע יאָרן שפּעטער, איז נישט געווען קיין מאַטעריאַל, פון וואָס צונויפצושטעלן אַ יידישע ביבליאָטעק״.

די לעצטע יאָרן פונם 19־טן און אין די ערשטע יאָרן פונם 20־טן י״ה, צוזאַמען מיטן אויפוואַכן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און אַרבעטער־מאַסן, צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער דיפערענצירונג און

נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אינם יידישן לעבן, האָט די יידישע ליטעראַטור מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטון פון איר פאַרגליווערונג, און אין אַלע ווינקלען פון יידישן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָנגעשטרענגטע שעפערישע אַרבעט. יידיש איז געוואָרן דער וויכטיקסטער כלי-זיין אין קאַמף פאַר רעכט, פאַר אָנשויונגען, פאַר אידייען און פּראָבלעמען.

אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן וואַקסט אַלץ מער די יידישע ליטעראַטור, און פון יאָר צו יאָר קומען-צו אין יידיש נייע צווייגן פון מענטשלעכן שאַפן, פון מענטשלעכער קולטור. עס זענען דערשינען טויזנטער ביכער און ביכלעך אין יידיש, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע: ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמען און לידער, וויסנשאַפטלעכע ווערק, קריטיק, נאַטורוויסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע, היסטאָרישע ווערק, פּובליציסטיק, ווערטער-ביכער, לערנביכער, קינדער און יוגנט-ליטעראַטור.

דאָס יידישע בוך דערשיינט איצט אין אַמעריקע, פּוילן, ליטע, רוסלאַנד, קאַנאַדע, אַרגענטינע, דייטשלאַנד, עסטרייך, דרום-אַפריקע, לעטלאַנד, רומעניע. אַרום דעם יידישן געדרוקטן וואָרט — פּרעסע און בוך — זענען באַשעפטיקט איצט טויזנטער זשורנאַליסטן, שרייבער, מיטאַרבעטער, קינסטלער און צענדליקער טויזנטער זעצער, מאַטריצירער, דרוקער א. אַז. וו.

ביז נישט לאַנג איז דאָס יידישע בוך געווען אַ ביי-זאַך ביים פּריוואַטן בוכהענדלער, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן בוך, ווען ער איז פריי געווען פון זיינע רומל-ספרים, לשנה-טובה קאַרטעס און טליתים. און דעריבער איז אויפן בוך קיין אַכט נישט געלייגט געוואָרן. די לעצטע יאָרן זענען צוגעטראָטן צום יידישן בוך מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ערנסטע פאַרלאַג-אונטערנעמונגען, וואָס זענען געקומען צום יידישן בוך מיט טיפן ערנסט און קענטעניש, מיטן געפיל פון דער גרויסער אחריות פאַר אַרויסגעבערישער אַרבעט.

פון סתם יידישע מעשה-ביכלעך איז אויפגעוואַקסן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר צענדליק יאָר אַ פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור; פון אַ *נעבעך* און *נעבן-זאַך*, וואָס דאָס יידישע בוך איז געווען *אַמאָל*, צוריק מיט אַ דרייסיק, צוואַנציק יאָר, איז *איצט* דאָס יידישע בוך אַ *וויכטיקער* און מעכטיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן.

1924

ווער איז שולדיק?

אין נומער 35 „ליטעראַרישע בלעטער‟ האָט ד. טשאַרני אַ טענה צו די „ליט. בלעטער‟, הלמאי זיי איגנאָרירן די קולטור-דערשיינונגען פון סאָוועט-רוסלאַנד בכלל און די דאָרטיקע יידישע קולטור-דערשיינונגען בפרט. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, ווי מיר וואָלטן בכיוון פאַרשוויגן און אַזוי-אַרום באַקעמפט דאָס קולטור-און קונסט-שאַפן פון ראַטן-פאַרבאַנד „צוליב געוויסע פּאָליטישע פניות‟.

ווען כ'האָב אַדורכגעלייענט דעם פאָרוואורף, האָט מיר לכתחילה אויסגעוויזן, אַז ס'איז אַ ריכטיקע טענה. איך האָב אָבער אַדורכגעבלעטערט די עטלעכע און דרייסיק נומערן פון אונזערע וואָכנשריפט און זיך איבערצייגט, אַז פיל אָרט, אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס האָבן מיר געווידמעט די רוסלענדישע ליטעראַטורן און קונסט-פּראָבלעמען, הן די יידישע און הן די נישט-יידישע.

פון ערשטן נומער אָן, דרוקן מיר און דרוקן-איבער אַרטיקלען, נאָטיצן און אָפּהאַנדלונגען וועגן די וויכטיקסטע קולטור און ליטעראַטור-אויפטוען אין רטפ״ב.

איך האָב אָנגעציילט עטלעכע און דרייסיק אַרטיקלען-איבערזיכטן, וואָס האָבן דעם ציל צו באַלויכטן (און פּאָזיטיוו) דאָס, וואָס ס'טוט זיך אין קינסטלערישן רטפ״ב.

(און אין קלאַמערן; נישט געקוקט אויף אונזערע באַמיונגען, ווערן די „בלעטער‟ נישט אַריינגעלאָזט צו אונזער קאָרעספּאָנדענטן גופא אין רטפ״ב. און וואָס פאַר אַן ענגער קאָנטאַקט קאָן דאָ זיין, ווען אונזער מיטאַרבעטער-קאָרעספּאָנדענט זעט נישט זיין אייגענע געדרוקטן אַרטיקל?)

אָבער וויבאַלד עס איז שוין געקומען צו רייד און מ'האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן כוונות און באַציונגען, גלוסט זיך טאַקע ארויסזאָגן עטלעכע ווערטער, וואָס רייסן זיך שוין לאַנג פון צונג. ווייל

אזא מין פארווארף, ווי ד. טשארני מאכט, לאזט זיך שוין שפירן פון לאנג ביי אונזערע חברים ליטעראטן און קולטור-בויער אין ראטן-פארבאנד. ווער איז אין אט דער קאלטקייט און צעריסנקייט שולדיק? ווער שאפט אט דעם תהום צווישן דער יידישער ליטעראטור אין רטפ״ב און די אלע איבעריקע לענדער?

אונזערע קאלעגן אין רטפ״ב האבן באשלאסן, אז די רוסלענדישע ליטעראַרישע שפּראָצונגען ווערן אַריבער אַלץ, וואָס ס'איז געשאַפן ביז זיי. און עס גייט ביי זיי (אפילו ביי די נישט-פאליטיקער) א שפּיל: ווער מער? ווער איז מער מבטל און רייסט מער אראפ אלץ און אלעמען, וואס איז געשאפן אין פוילן, אין אמעריקע און די לעצטע פאר יאר—אויך דורך די שרייבער, וואס זענען פאר דער צייט צוליב פארשידענע טעמים אריבערגעטרעטן די גרענעץ פון רטפ״ב.

די ערשטע פאר יאר איז בכלל געווען א מאדע אין רטפ״ב אראפ-צושליידערן (אפילו פון זייערע דענקמעלער) די גאונים-קלאסיקער. דאס איז געווען דער לייט-מאטיוו ביי די רעוואלוציאנערע טוערס (און דער עיקר — ביי שרייערס-פילדערערס) און רעוואלוציאנערע דיכטער. איצט האט זיך די לאגע געענדערט. איצט גייט א ניי באהעפטן זיך מיט די גרויסע קלאסישע ווארט-קינסטלער אויך פון דעם פאר-רעוואלוציע-רוסלאנד. לייענט די אפיציעלע מלוכה-זשורנאלן און זעט, ווי מיט נייער פיעטעט דעקט מען אויף פושקינען, דאסטאיעווסקין, גאגאלן, טאל-סטאיען, טיוטשעוון, מען באלויכט פונדאסניי די באהאלטנסטע קעמער-לעך פון זייער לעבן און שאפן. לייענט די פארשידענע ארטיקלען, ווי ס'ווערן קריטיקירט און געטאדלט איצט די חוצפהדיקע פראזן פון די פראלעטקולט-ספערן קעגן קונסט און שאפן, קעגן דעם „בורזשואזן" כאראקטער פון ליטעראטור און ליטעראַרישע קאנאנען.

אין די רוסישע רעוואלוציאנערע ליטעראַריש-קינסטלערישע קרייזן האט מען זיך שוין לאנג געכאפּט צוריק און ס'ווערן איבערגעשאצט פיל אורטיילן און פאראורטיילן, וואס זענען אין דער ערשטער צייט מיט אזא לייכטער האנט געמאכט געוואָרן. פריערדיקע „בורזשואזע" קינסטלער זענען איצט די ווארט-זאגער און פירער אין די פארשיידנסטע ליטעראַרישע ארגאנען. מ'האט דערפילט די ירושה פון דורות, דערשפירט די השפעות, די פארבינדונגען מיט דער אמאליקער, אייגענער און פרעמדער קונסט.

ביי אונז אבער גייט נאך אלץ אן אין רטפ״ב דער הפקרדיקער

ביטול, דאָס אַראָפּרייסן און צונישט צו מאַכן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור און אַלע אירע קינסטלער ביז דעם אָקטאָבער-פּעריאָד. און דערהויפּט גייט די אַטאַקע אויף די לעבעדיקע און ווירקנדיקע יידישע קינסטלער. סאַר אַ לייכטזיניקע, צונישטמאַכנדיקע אַרטיקלען עס האָבן אַרויסגערופן אין יידישן רטפ״ב די יידישע ווערק און קינסטלער, וואָס האָבן אומעטום, אין די איבעריקע לענדער אויסער רטפ״ב, אַרויסגערופן אינטערעס און פּיעטעט. און אַזוי לייכט גייט ביי זיי אָן דאָס בויען קינסטלערישער טעאָריעס און פּלאַטפאָרמעס דווקא אויף די חורבונות פון אַלע יידישע קונסט-טעמפּלען. וויפיל מאָל האָט מען אָפּגעמעקט אַשס, אָפּאַטאָשוס, בערגעלסאָנס, ראבאָיס זכר פון דעם יידישן קינסטלערישן איבערפלאַך. און ווי צופרידן איז מען געווען דאָרט אונטערצוכאַפּן פון מאָל צו מאָל פראַזן, וואָס דאַרפן פאַרשרייען יעדעס נייע ווערק פון די „איירָאָפּע״-לענדער און פון די „עמי-גראַציע״-קרייזן.

מען וויל זיך באַפרייען, אָפּשאָקלען פון דער גייסטיקער, קולטור-קינסטלערישער עשירות, וואָס אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט. מען פאַרגעסט, אַז ב. שטיינמאַן איז אויסגעוואַקסן אויף פרצס קני, שוואַרצמאַן האָט געצויגן זיין יניקה פון ביאַליקן, מ. דניאל — פון דוד בערגעלסאָן, און די גאַנצע גרופּע יונגע דיכטער — פון דער אַמעריקאַנער „שריפטן״-גרופּע. און פאַרוואָס ליגט דאָרט דער גאַנצע פּאַטאָס פונם קינסטלערישן אַני-מאַמין דווקא אינם אַראָפּרייסן די גרויסע יידישע קינסטלער פון זייער הויך? אָט זאָגט דאָך נ. אויסלענדער אין דער הקדמה צו זיין קריטיק-בוך „וועג-איין — וועג-אויס״ (אָקאָרשט אַרויס אין קיעוו-מאָסקווע) „דורך „שווערע אבדות״ פון אויטאָריטעטישע נעמען, דורך דעם אויסוואָרצלען פיל בירושה-באַקומענע סימפּאַטיעס צים דער וועג פונם נייעם יידישן קינסטלער״.

מיר דאָ זענען גרייט שטענדיק מיט פרייד און מיט ליבע אויפצונעמען יעדע נייע שפּראָצונג אויף דעם פעלד פון יידישן ליטעראַטור-שאַפן אין רטפ״ב. מיר שטרייכן עס כסדר אונטער.

אדרבא, מיר שטייען פאַר אַ וויכטיק פּראָבלעם:

צונויפזאַמלען די פאַרשידענע יידישע קינסטלערישע אויפטוען, צונויפשמידן די איינצלנע קונסט-רינגען, פאַראייניהייטלעכן אונזער ליטעראַטור און קונסט-פראָנט.

ביז פאַר דער מלחמה האָבן מיר געהאַט כמעט איין ליטעראַטור-

צענטער און איין גרופּע שרייבער און דיכטער, — אַל־יידישע, אַל־וועלטלעכע: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, מ. ראָזענפעלד, יהואש, — און די יונגע און יינגערע האָבן זיך געוואָרעמט ביי זייער פייער. בעת דער מלחמה און רעוואָלוציע־יאָרן זענען ביי אונז אויסגעוואַקסן לי־טעראַרישע משפחות אין פּוילן, אַמעריקע, אוקראַינע, ראַטנפאַרבאַנד, אַרגענטינע, ליטע, לעטלאַנד, גאַליציע. איצט באַדאַרפן מיר זיי אַלע צונויפנעמען און געמיינזאַם שאַפן די איינציקע גרויסע יידישע ליטעראַטור. מען דאַרף פאַרגלעטן שפּיצן און געפינען דעם עיקרדיקן הויפּט־מאָטיוו. מען דאַרף ווירקן און זיך לאָזן אויך באַווירקט צו ווערן.

די יונגע יידישע ליטעראַטן אין רטפ״ב וויל דווקא מאַכן שבת פאַר זיך און ווילן נישט מיטגיין, מיטשאַפן, מיטאַרבעטן. זיי ווילן וועגן זיך נישט לאָזן הערן און לאָזן אַנדערע נישט ווירקן און משפּיע צו זיין ביי זיך. און לסוף — פאַרבלייבן זיי אויסערן אַלגעמיינעם, אַל־וועלטלעכן יידישן שאַפן.

ס'האָט זיך געשאַפן אַ פאַרפרעמדקייט און איזאָלירטקייט פון דעם יידישן קינסטלערישן שאַפן אין רטפ״ב.

אָבער ווער איז דעם שולדיק?

1925

■■■■■■■■

פוילן און אַמעריקע

אונזערע ליבע אַמעריקאַנער געסט י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק האָבן פאַר זייער אָפּפאָרן פון פוילן, — ווי זיי האָבן פאַרבראַכט עטלעכע חדשים, — אויף די באַנקעטן, „זיי־געזונטן" און אין שמועסן זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פון יידישן ליטעראַרישן פוילן. גאַנץ קאָרעקט, אָבער — אויך גאָר קלאָר (ווי ס׳פּאַסט פאַר אַמעריקאַנער) האָבן זיי ביידע אין גאַנץ שוואַרצע פאַרבן געמאָלט אונזער ליטעראַרישע וועלט: אונזער ליטעראַרישע משפחה איז אינגאַנצן צעשפּליטערט, צווישן די יידישע ליטעראַטן הערשט אַן אָפּגעלאָזנקייט און צעקראָכנקייט. און אויפוואַרפנדיק אונז אָט־די „מעלות־טובות", האָבן זיי אַלס מוסטער קעגנגעשטעלט די יידישע ליטעראַטן אין אַמעריקע, זייערע ענערגיע און קאָלעקטיוויקייט. דאָרט איז מען אייניק, מיט געמיינזאַמע כּוחות שאַפט מען, מיט קאָלעקטיוון ווילן אַרבעט מען פאַר דער יידישער קונסט, און דאָ איז יעדער איינער פאַר זיך, טראַכט נאָר וועגן פּערזענלעכע נוצן, און גיט מען דאָ אַמאָל אַרויס אַן אַלמאַנאַך — איז עס אויפן חשבון פון רייכן פעטער, — און דערייבער איז דאָ אַלץ אַזוי נישטיק און פאַרוואָרלאָזט א. אַז. וו.

אָט די מוסר־רייד האָבן מיר אַלע אויסגעהערט. איך ווייס נישט, צי פון העפלעכקייט־וועגן אָדער פון אַנדערע מאָטיוון־וועגן, אָבער מ׳האָט די באַשולדיקונגען ווי אָנגענומען פאַר גוט. אייניקע—אונזערע ביטול־מענטשן האָבן מיט חוזק און ביטול־שמייכל אָראָפּגעשלונגען די רייד, אַ טייל, — די „נאַיווע" נעבעך (די נאַיווע — אין די אויגן פון די „קליגערע", „ניכטערע") האָבן פון אָפּאַטאָשוס און לייוויקס רייד געהאַט שבירת־הלב, שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און געטראַכט: אפשר איז טאַקע באמת אַזוי: אַ גאַסט אויף אַ ווייל, זעט דאָך אויף אַ מייל.

איז דען באמת די לאַגע ביי אונז, אין אונזער ליטעראַרישער

וועלט, אין פאַרגלייך מיט אַמעריקע אַזוי שרעקלעך? און צי זענען מיר טאַקע דאָ מיט אונזער ליטעראַרישן שאַפן און ליטעראַרישע אויפטוען אַזוי נישטיק און הינטערשטעליק לגבי די אַמעריקאַנער קאָלעגן?

מיר זענען אָפּגעריסן פון אַמעריקע. מיר האָבן דאָ נישט אויף הוצאות צו פאָרן קיין אַמעריקע, און חוץ־לזה איז די „פרייע״ אַמעריקע איצט נישט אַזוי ווייכהאַרציק און גאַסטפריינטלעך (אַפילו צו ליטעראַטן אויף אַ קורצן באַזוך), און מיר ווייסן דעריבער נישט, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אויפן אָרט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן. זייער מעגלעך, אַז אונזער אַ גאַסט אויף אַ ווייל וואָלט דאָרט אויך געזען אויף אַ מייל, און וואָלט, נאָך אַ באַזוך אויפן אָרט, געהאַט וואָס צו זאָגן און אפשר נאָך האַרבערע און מער־פאַרדינטע מוסר־רייד די אַמעריקאַנער קאָלעגן.

אָבער אַמעריקע איז גוט באַוואָרנט: אונזער איינער קאָן זיך אַהין נישט אַריינקריגן, קומט דעריבער אויס צו ריידן אויפן סמך פון ווייטע איינדרוקן, פון איינצלנע פאַקטן און השערות.

געוויס זענען דאָ צווישן אונז ליידיקגייער, אָפּגעלאָזענע קאָלעגן. אָבער צי זענען זיי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היגער שאַפנדיקער ליטעראַרישער סביבה? פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זענען דאָ אויפגעוואַקסן און פונאַנדערגעוואַקסן אייניקע באַגאַבטע דיכטער און פּראָזאַיקער. נעמען זענען דאָ איבעריק. מ׳קאָן זיי גאַנץ גוט, און איבערהויפּט די חברים אָפּאַטאָשו און לייוויק האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו זען און צו פילן זייער שעפערישן כוח. און גראָד פילט זיך איצט גאַנץ גוט דאָס נייע, פרישע און צוגעקומענע פאַר די לעצטע 5—4 יאָר אין דעם יידישן פוילן. און גראָד פילט זיך דאָס נייע מער אין דער אַלגעמיינער, קאָלעקטיווער סביבה, וואָס די ליטעראַרישע וואַרשע האָט די לעצטע יאָרן געשאַפן: נעמט אָקאָרשט יאָר־סך־הכלען פון ליטעראַרישע אויסגאַבן, פון ליטעראַרישע דיספּוטן, פון ליטעראַרישן פאַרמעגן צוריק מיט אַ 6—5 יאָר, וועט איר ערשט זען דיסטאַנצן, וועט איר זען אַ מהלך. דער צוגאַנג, דער פאַרנעם, די אָפּשאַצונג, דאָס פאַרשטענדעניש, די באַציִונג, — אַלץ האָט זיך געענדערט, און — צום גוטן. און ווי אַרום איז עס געשען? נישט פון אויפריכטיקער, געמיינזאַמער, קאָלעקטיווער אַרבעט? די קאָלעקטיווע, בשותפותדיקע טעטיקייט ווערט געפירט אַפילו דאַן, ווען ס׳ווייזט זיך אויס, אַז מען איז צעריסן, צעשפּליטערט, פונאַנדערגעשיידט. און מיט אָט דעם

קאָלעקטיוון עקשנותדיקן ווילן האָט דאָס יידישע פּוילן אַריינגעטראָגן אין דעם יידישן ליטעראַטור-אוצר פאַר די לעצטע 5 יאָר לערך אַ 1000 (לייען טויזנט) ביכער און ביכלעך, און צווישן זיי — פיל און פיל גוטע יידישע און אויך איבערגעזעצטע ביכער, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור אויף פאַרשיידענע געביטן.

פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זענען ביי אונז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרשיידענע זאַמלונגען, אַלמאַנאַכן און זשורנאַלן נישט-נאָר דורך פאַרלעגער, נאָר אויך דורך ליטעראַטן גופא אין וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, און טאַקע אויף א י י ג ע נ ע ם חשבון; און האָבן דאָך ליטעראַטן גופא אויפגעבויט און טראָגן נאָך איצט די לאַסט פון די „ליטעראַרישע בלעטער“, וואָס פיל פון די אַמעריקאַנער שרייבער זענען אונז מקנא פאַר זיי, און צו אַזאַ מין ק אָ ל ע ק ט י ו ו ן אָרגאַן,— שרייבן זיי אונז, — קאָנען זיי בשום-אופן נישט דערגרייכן.

און טאַקע די שרייבער אָפּאַטאָשו און לייוויק גופא: זייערע ווערק מוזן זיי אַרויסגעבן אין אָרעמען פּוילן; די רייכע, אָנגעזעטיקטע אַמעריקע איז עס נישט ביכולת צו טאָן. און זייערע ווערק זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן און עס זענען דורכגעשלאָגן געוואָרן וועגן פאַר זיי אין דעם פאַרלאָזטן גלייכגילטיקן וואַלד דווקא און דער עיקר— דורך ה י ג ע פּוילישע שרייבער, דווקא דורך די „ענגהאַרציקע, אָפּגעלאָזענע“ היגע שרייבער. די „קאָלעקטיוו-געשטימטע“ אַמעריקאַנער קאָלעגן האָבן אַפילו געהוזקט דערפון.

און ווו זענען עס די פּרוכטן פון דער קאָלעקטיוועער אינטענסיווער שעפערישער אַרבעט פון די אַמעריקאַנער יידישע פּרוכטבאַרע און אַרבעטס-פעיִקע שריפטשטעלער פאַר די לעצטע יאָרן? ווו זענען עס זייערע אַלמאַנאַכן, זאַמלביכער און זשורנאַלן? מיר ווייסן פון „צוקונפט“, וואָס איז אויף קעסט ביים „פאָרווערטס“. מיר ווייסן וועגן „דאָס נייע לעבן“ און „טעאַליט“ ע"ה, וועלכע האָבן אויפגעגעסן אַ שיינע פאָר טויזנט מעצענאַטישע דאָלאַר. און די איבעריקע אַמעריקאַנער מאָגערע העפטלעך, — לאָמיר ריידן אָפן, — זענען דאָך גיכער פאַמיליע-און קרייזל-בלעטלעך...

און נאָך: וואָס פאַר אַ יידישע ליטעראַטור ברענגט אונז דאָס רוב די אַמעריקאַנער פּאָסט? אַלץ ספקדיקע פּאָעזיע, לידלעך און לידער, וואָס „פּלאָדיען“ זיך און מערן זיך און וואָס שלאָגן אָפּ דעם חשק צו אַן אמת יידיש בוך. די פּרוכטן פון דער דאָזיקער „שעפערישער“ אַרבעט

האָט איר איצט אין אַמעריקע. אייער יידישער לעזער פאַרזאָגט דערי־בער אַ צענטן, ער זאָל זיך נישט דערוועגן צו קויפן אַ יידיש בוך. אָט די אַלע לידל־ביכער זענען אַרויסגעגעבן מיט אַזאַ פּראַכט און מיט אַזאַ פּאַפּיר (און מיטן פּאָרטרעט פונם פאַרפאַסער, פאַרשטייט זיך), וואָס אַ „גאַש־בראַט״ אַ פּוילישער קאָן זיך עס אין קיין אופן נישט פאַרגינען.

און גראָד מ י ר, ד אָ פּילן די פאַרבונדנקייט און די אַחריות און די ערבות (וואָס איז אייגנטלעך דער געפיל פון קאָלעקטיוויקייט) פאַר אַ קאָלעגע. זעט, ווי מיר האָבן אויפגענומען די לעצטע יאָרן י. אָפּאַטאָשו, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, לעיעלעסן, גלאַזמאַנען, און ווידער אַמאָל י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק. אַלע מיטאַרבעטער פון די היגע צייטונגען האָבן זיך געאייניקט, געשאַפן דעם איינעם, געמיינזאַמען פראָגנט און מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג, אָפּטמאָל דעם טריומף פאַר אַמעריקאַנער חברים. און ז. טיגעל אין זשורנאַל „פאַרבאַנד״ האָט דאָ נישט לאַנג געמאַכט אַ פאַרגלייך, ווי די „אָנגעשטאָפּטע״ אַמע־ריקע נעמט אויף אַמאָל אַ יידישן שרייבער פון פּוילן, און פאַרקערט, ווי דאָס „אויסגעהונגערטע״ יידישע פּוילן נעמט אויף אַ יידישן שריי־בער פון אַמעריקע...

אונזערער אַ שרייבער קאָן האָבן אַ דריסת־הרגל אין דער אַמע־ריקאַנער יידישער פּרעסע נאָך דורך... חשדיקן, סענסאַציאָנעלן און „אונטערוועלטישן״ (איידל געזאָגט) שטאָף, און אייניקע פון אונזערע יונגע טאַלענטפולע שריפטשטעלער טראָגן אויף זיך דעם דאָזיקן פלעק און זיי נוצן ביי דער דאָזיקער אומריינער אַרבעט אַפילו אַן אַנדער מלאכה־בגד (פּסיידאָנים בל״ז). מיר דאָ פאַרקערט, נעמען אויף דעם אַמעריקאַנער שרייבער מיטן בעסטן און אָפּגעקליבנסטן, וואָס ער פאַר־מאָגט און נעמען אים מיט זיין פולן און גוטן נאָמען און באַמיען זיך אַרויסצוזוכן פון אים דאָס בעסטע און אָפּגעקליבנסטע.

מיט איין זאַך, אמת, קאָנען מיר זיך באַין־אופן נישט פאַרגלייכן מיט אַמעריקע: מיט דעם הרחבת־דעת, מיט דער אַרומיקער פעסטקייט און קרעפטיקייט פון לעבן, מיט דעם געזונטן איינגעפונדעוועטן באָדן, וואָס עס פעלט אונז דאָ. און געוויס רופט זיך אָפּ אונזער עקאָנאָ־מישע געבראָכנקייט, אונזערע ווייניק־געזיכערטע פּאָזיציעס אויף דעם כאַראַקטער פון אונזערע קולטור־בנינים, אויף אונזערע שאַפונגס־ווערק,

אָבער ביי אונזער גאַנצער אָרעמקייט און שטענדיקע זאָרגן, געפינען מיר אין זיך דאָך כּוח גובר צו זיין די שווערע לאַגע.

איר אַליין דערמאָנט דאָך און זענט אַנטציקט פון דעם אינטע־רעס, וואָס עס הערשט ביי אונז צו יידישער ליטעראַטור, פון דער פּיעטעט, וואָס עס איז איינגעפלאַנצט אין הערצער פון טויזנטער און טויזנטער מאַסן־לייענער און פאַרערער. און ווי, מיינט איר, איז עס געוואָרן? ליגט נישט אין דעם אינטערעס אַרבעט, און קומט ער דען נישט אונטער דער דירעקטער השפעה פון גערעדטן און געשריבענעם וואָרט פון היגן יידישן שרייבער? די יידישע ליטעראַטור איז דאָך איצט די אַקטיווסטע און שטאַרקסטע פּאַרטיי אויף אונזער יידישער גאַס, מיט אָן אַ שיעור איבערגעגעבענע, טרייע אָנ־הענגער און פאַרערער. און ווען האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען? — — —

די לעגענדע דערציילט:

אַן אָרעמאַן און אַ רייכער קומען אויפן עולם־האמת פאַר בית־דין של־מעלה, פרעגט מען דעם אָרעמאַן: „פאַרוואָס האָסטו קיין תּורה נישט געלערנט!” הייבט ער זיך אָן צו פאַרענטפערן: „איך בין אָרעם געווען, שטענדיק פאַרטראָגן געווען מיט דאגת־פּרנסה”. זאָגט מען אים:

— ביסטו אפשר אָרעמער פאַר הללן?

גיט מען אַ פרעג דעם רייכן: „און פאַרוואָס האָסטו נישט עוסק געווען אין תּורה?” פאַרענטפערט ער זיך: „איך בין געווען זייער רייך, תמיד פאַרטראָגן געווען אין גרויסע געשעפטן”. זאָגט מען אים:

— ביסטו אפשר רייכער געווען פון ר' אליעזר בן חרסום? —

אי דער אָרעמאַן, אי דער רייכער זענען ווערט שטראָף, אָבער דעם אָרעמאַנס טענות זענען דאָך פעסטערע און מער גערעכטע, און מאָנען — מאָנען קאָן מען געוויס מער ביי דעם רייכן.

1925

דער קאַמף פאַר העגעמאָניע

מיר שטייען איצט ביי דעם אָנהויב פון אַן אָפענעם העפטיקן קאַמף צווישן אונזערע דריי ליטעראַרישע הויפט-צענטערן: וואַרשע, ניו-יאָרק, מאָסקווע. עס איז נאָך נישט קלאָר, וועלכע ליטעראַרישע כוחות און גרופּירונגען עס וועלן דאָ און דאָרט מאָביליזירט און אַריינגעצויגן ווערן אינם קאַמף; מיר ווייסן נאָך נישט, וועלכע טענות און מאָטיוון און פאָדערונגען עס וועלן אַרויסשטעלן די קעמפנדיקע צדדים אינם דאָזיקן ברודער-קריג. איינס אָבער איז קלאָר: עס גייט דאָ וועגן דער העגעמאָניע אויף דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, עס גייט דאָ וועגן דעם עיקר-צענטער און אויבנאָן - אין דעם ווייטערדיקן יידישן שאַפן.

ערשט נישט לאַנג, ערשט צוריק מיט אַ צוויי-דריי יאָר, איז געווען אַן ענגע, ברודערלעכע באַנטשאַפט צווישן די פּוילישע און אַמעריקאַנער יידישע דיכטער, עס איז געווען דער אויפריכטיקער און נאַטירלעכער ווילן וואָס-ענגער זיך צונויפצובינדן און באַהעפטן, קעגנזייטיק צו ווירקן און באַווירקט צו ווערן, עס זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון און פּראָיעקטן פון אַ בשותּפותדיקן שעפערישן צוזאַמענאַרבעטן. מען האָט געזוכט התקרבות, געווען גליקלעך צו געפינען געמיינזאַמע מאָטיוון און שטרעבונגען, זיך שטאַרק געהברט און באַמיט פעסטער איינצושמעלצן זיך אין איין גוף און אין איין נשמה. אַזאַ מין דראַנג צו אַן אינערלעכער פאַרבינדונג איז אויך געווען צוריק מיט אַ 4—5 יאָר צווישן די היגע יידישע פּויליש-גאַליצישע דיכטער (מלך ראַוויטש, א. צ. גרינבערג, משה בראָדערזאָן, משה קולבאַק, ישראל שטערן) מיט די יידישע אוקראַיִנישע דיכטער (האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש) און מיט די דיכטער פון אַמעריקע (ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, זישע לאַנדוי, מאַני לייב). און אָט דער דראַנג און אָט דער ווילן צו באַ-

העפטן האָט אומעטום (אין אַלע דריי ליטעראַרישע צענטערן) געשטאַרקט, באַפליגלט, געמונטערט און געפעסטיקט. מען האָט געפילט באָדן אונ־טער די פיס, געזוכט פלייצעס, אויף וועמען זיך אָנצושפאַרן, און ממילא אַליין געוועז זיכער און פעסטער אין שאַפן. און עס זענען געווען אַלגעמיינע טענער, געמיינזאַמע זוכענישן און דערגרייכונגען, און ניט־צווייפלגערעדטערהייט, האָט מען איינער דעם צווייטן מיטגעהאָלפן און געווירקט.

אין די ערשטע חדשים פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע (זומער 1917), ווען מען באַקומט אין קיעוו על־פּי־צופאַל די צווייטיקע בענדער פון מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „500 יאָר יידישע פּאָעזיע", וואָס איז דאַן דערשינען אין ניו־יאָרק (פון וועלכן מ'איז העכער פיר יאָר געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן), פאַלט גלייך דאָס אויג און דאָס האַרץ ווערט צוגעשמידט צו די נייע פרישע, ברויזנדיקע לידער פון די יונגע יידישע אַמעריקאַנער דיכטער (וואָס פיל פון זיי זענען דאַן געווען אין אוקראַיִנע אומבאַקאַנטע נעמען). מען דערפילט דאָ אַן אייגענע התגלות: טענער, מאָטיוון און געזאַנגען, וואָס וואָלטן געקאָנט און געדאַרפט ביי אונז אַרויסגעזונגען ווערן. מען גיט אַרויס דאַן אין קיעוו אַ זאַמלונג „די יונגע יידישע דיכטונג אין אַמעריקע" מיט דעם געהעריקן פאָרוואָרט און מען איז „מקבל־קנין" און מען איז זיך מתחתן אויף לאַנגע יאָר. און אָט דאָס ביכל (דאָס ערשטע יידישע ליטעראַרישע בוך אין קיעוו בעת דער רעוואָלוציע) האָט געוויס מיט־געהאָלפן דאָס קומען פון אשר שוואַרצמאַן, האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, וועלכע זענען ווי מיטגעוואַקסן מיט די ערשט־אַנטדעקטע אַמעריקאַנער יידישע דיכטער און מיטגעשאַפן מיט זיי און אַ לענ־גערע צייט געפילט אויף זיך זייער השפּעה און געווען גליקלעך און שטאָלץ דערמיט.

און אויך אַפילו איצט, נאָך אַ צייט פון זיבן שווערע און משונה־דיקע יאָרן, דערציילט דער טאַלענטפולער יונגער יידישער דיכטער פון רוסלאַנד א. קושניראָוו: „איך דערמאָן זיך, אין אַכצענטן יאָר איז אין קיעוו דערשינען אַ קליין ביכעלע „די יונגע יידישע דיכטונג אין אַמעריקע". — דאָס איז געווען דער ערשטער און אַזאַ פריידיקער גרוס פון די יידישע דיכטער, פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע... דאָס ביכעלע האָט געוויס געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנט־

וויקלונג פון אונזער פּאָעזיע, וועלכע האָט דאָ (אין רוסלאַנד) זייער גיך אויפגעבליט*).

אָט די ווערטער האָט דער דיכטער געלאָזט הערן ביי דעם באַנקעט, וואָס די יידישע שרייבער, קולטור-טוער און פּאָליטישע טוער אין מאָסקווע האָבן איינגעאָרדנט ה. לייוויקן,—ביי דעם באַנקעט, וואָס איז גלייך פון אָנהויב אָן אַריבער אין אַן עפנטלעכן משפּט איבער דער יידישער ליטעראַטור, איבער דעם דראַנג און דעם שווונג פון דעם יידישן שאַפן אין די פאַרשיידענע דריי יידישע ליטעראַרישע צענטערן.

און טאַקע אויף אָט דעם באַנקעט-פאַרהער, אויף וועלכן ס'האָבן גענומען אָנטייל פאָרשטייער נ אָ ר פון ניו-יאָרק-מאָסקווע, האָט זיך ווידער געלאָזט פילן דער שאַרפער אַנטאַגאָניזם, וואָס וואַקסט צווישן די דריי יידישע שאַפונגס-צענטערן, און ס'זענען געפאַלן קלאָרערע ווערטער צום עצם-ענין.

נאָך דאָ, אין וואַרשע, פאַר זיין אָפּפאָר פון פּוילן, „איז געקומען צו רייד" מיט ה. לייוויקן פיל און פיל מאָל וועגן דעם תהום, וואָס עס שאַפט זיך צווישן די יידישע דיכטער אין די דריי לענדער. און אי ם, דעם וואָרנער, איז געוואָרנט געוואָרן, ער זאָל זען דעם תהום נישט צו פאַרטיפן און אַדרבא — זיך באַמיען צו פּרוּוון איבערוואַרפן אַ בריק איבער אָט דעם אָפּגרונט. און גוט האָט ה. לייוויק געטאָן, וואָס אין זיין ערשטן וואָרט, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט די מאָסקווער יידישע שרייבער און דיכטער, האָט ער קלאָר געזאָגט: „אונזער ליטעראַטור איז צעבראָקלט איבער דריי הויפּט-צענטערן: ניו-יאָרק, וואַרשע, מאָסקווע. און די דאָזיקע דריי הויפּט-צענטערן באַציען זיך איינער צו די אַנדערע, ווי פרעמדע, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין שייכות נישט האָבן איינע צו די אַנדערע". און נאָכמער איז געווען אויפן אָרט לייוויקס האַרבע ווערטער, אַז „מער פון אַלעמען איז פרעמד מאָסקווע, פרעמד און קעגנעריש. מאָסקווע קוקט אויף אַלע אונזערע צענטרען פון אויבן אַראָפּ, רייסט איבער אַלע פעדים, וואָס פאַרבינדן. מאָסקווע לייקנט און פאַרלייקנט אַלע אונזערע

*) דידאָזיקע ציטאַט, ווי אויך אַלע איבעריקע ציטאַטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די דעבאַטן אויף דעם באַנקעט לכבוד ה. לייוויק אין מאָסקווע, זענען גענומען פון ניו-יאָרקער „פרייהייט" פון 24 אָקטאָבער 1925.

אַרבעטן און שאַפונגען, און דאָס במילא רופט אַרויס און מאַכט שטאַר־קער די דערוויטערונג״...

אָט די פרעמדקייט און קעגנערישקייט און דעם אופן, ווי מען „לייקנט און פאַרלייקנט אַלע אונזערע אַרבעטן און שאַפונגען״ האָבן גלעצענד אילוסטרירט און באַוויזן כמעט אַלע שפּעטערדיקע רעדנער אויף דעם משפּט־באַנקעט.

מ. ליטוואַקאָוו, — דער שאַרפער און עקסטרעמער — געפינט קלאָרע אויסדרוקן, ווי צו כאַראַקטעריזירן די באַציִונג פון מאָסקווע צו אונז. ער דערמאָנט די מינסקער לערער־קאָנפערענץ, „וווּ עס זענען מיט דער גאַנצער ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון יידישער קולטור־בויונג״, ער אָפּערירט מיט די „שולן פון אַלערליי שטופעס״, וועלכע לייוויק האָט געזען. ער דערמאָנט „די מאַסן, וואָס זענען אויפ־גערודערט״ דורך זייער אַרבעט, און „די אַנשטאַלטן, וואָס פאָדערן ליטעראַטור״, און ער פרעגט, צי „איז דען אין דעם נישטאָ קיין פּאַטאָס ?״ און וועגן דער זעלבער ערנסטער, ביז גאָר שווערער קול־טור־אַרבעט אין פּוילן זאָגט ער: „גיסט מען איצט אין פּוילן יידישיס־טישע שמן־זיתדיקע התפעלות איבער יידישער ליטעראַטור״. און ווײַ־טער דערציילט ער, אַז „מען קומט (אין פּוילן) מאַסנווייז קלייבן נחת פון לייוויקן, הגם מען האָט אים נישט געלייענט און מען פאַרשטייט אים נישט, ווייל דאָס הייסט מקיים זיין מצוות יידישיזם״...

מיט איין מאַך מיט דער האַנט מבטל געמאַכט דאָס אַלץ, וואָס ווערט ביי אונז מיט אַזויפיל איבערמענטשלעכער מי און קרבנות געשאַפן!

האָבן מיר דאָך אויך געהאַט דאָ שול־צוזאַמענפאָרן, לערער־קאָנפערענצן, קולטור־באַראַטונגען, אויף וועלכע עס זענען אויך „מיט דער גאַנצער ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן פון דער יידישער קולטור־בויונג״. און שווערער, פילמאָל שווערער איז ביי אונז די אַרבעט, ווייל מיר מוזן נישט־נאָר באַהאַנדלען פראַגן פון קולטור־בויען, נאָר אַליין דערנאָך מיט אייגענע כוחות (אָ, גאַנץ שוואַ־כע!) אַרויסטראָגן דאָס יידישע קולטור־בויען, אָן פאַרטיקע מלוכה־בודזשעטן, אָן רעגירונגס־אַסיגנירונגען. און מכוח — לייענען און פאַרשטיין לייוויקן (און פאַרוואָס נאָר לייוויקן?), וועגן דעם קאָנען דערציילן די טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון לייוויקס „גולם״, וואָס זענען אין אַ קורצער צייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין „נישטיקן״ יידישן

פוילן און די צענדליקער אַרטיקלען און פּאָרטרעגן און דיספּוטן, וואָס זענען ביי אונז געדרוקט, געהאַלטן און דורכגעפירט געוואָרן, נאָך איידער ה. לייוויק איז געקומען צו אונז.

און אויב שוין רעדן גאָר גענוי, באַדאַרף מען צוגעבן, אַז קעגן די העכער 3000 עקז. פון לייוויקס „גולם", וואָס זענען דאָ אין פוילן פאַרשפּרייט געוואָרן, איז אין ראַטנפאַרבאַנד „דער גולם" „גע-גאַנגען" ביי אַ הונדערט עקז.

און מאָדנע קומט אויס, וואָס אויף דעם זעלבן אָוונט האָט י. נוסינאָוו אַזוי פעסט און זיכער „פעסטגעשטעלט", אַז מיר (דאָס הייסט רוסלאַנד) זענען געוואָרן „דער הויפּט-מאַרק פאַרן אָפּזאַץ פון יידישן בוך פון פוילן און אַמעריקע". וואָס געהער צו אַמעריקע, האָט אַמעריקע דאָס וואָרט, און וועגן פוילן — מאַכט אויס דער אָפּזאַץ פון יידישן בוך פון פוילן אין רוסלאַנד, ליידער, דערווייל קוים-קוים אַ דריי פּראָצענט (און דאָס אויך נאָר פון אַ טייל „געקליבענע" יידישע ביכער).

אַזוי באַווייזן די אָביעקטיווע ציפערן די זאַך, ווי זי איז. און הלוואי זאָל וואָס גיכער י. נוסינאָוו זיין גענטער צום אמת. אַדרבא!

און גראָד קעגן דער „ריכטיקער" אויסטייטשונג פונם „גולם" דורך די מאָסקווער קאָלעגן, איז לייוויק אַליין געווען שטאַרק אויפגע-בראַכט און ער האָט געזאָגט: „איך קעגן דער באַציונג אייערער צו מיין פּאָעמע „דער גולם", ווי צו אַ ווערק, וואָס דאַרף נישט אויפ-גענומען ווערן דאָ, ווייל ס'איז געשריבן כלומרשט נישט אין הסכם מיט די איצטיקע קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערע טענדענצן — איך קעגן דעם — פּראָטעסטיר איך מיט מיין גאַנצן האַרצן. אייער באַציונג איז אַ שלעכטע און אַן אומגערעכטע. איר האָט נישט פאַרשטאַנען, זאָג איך, דעם אמתן דראַנג פונם בוך און דעם אמת פון מיין שטי-מונג, ווייל איר האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון זייטיקע קלייניקייטן, וואָס האָט מיט דער פּאָעמע גאָרנישט צו טאָן"...

דאָס וווּנדערבאַרסטע אין דער גאַנצער גרויסער דעבאַטע איז, וואָס קיינער כמעט פון די מאָסקווער שרייבער און דיכטער האָט נישט באַוויזן צו דערציילן וועגן די קינסטלערישע רעזולטאַטן, וואָס די יידישע ליטעראַרישע מאָסקווע האָט דערגרייכט, און וואָס אין זייער נאָמען פאַרלאַנגט מען איצט נישט אַנדערש, ווי די העגעמאָניע איבער דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

לייוויק האָט אין סוף פון זיין שלוס־וואָרט געזאָגט: „איך זע ביי אייך אַן אויפקום פון נייע פּאָעטן, פון גאָר נייע נישט געדאַכטע פּאָעטן, פון גאָר פרישע—און דאָס איז אַ פרייד. אָבער ס׳איז ערשט אַ קליינער אָנהויב, און ווייניק, און עס טאָר זיך נישט אַריינכאַפּן צו אייך די שלאַנג פון צופרידנקייט"... דעם זעלבן איינדרוק האָט לייוויק, ווי מיר ווייסן, אַרויסגעטראָגן אויך פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט די יונגע יידישע דיכטער אין וואַרשע און מיט זייערע שאַפונגען, און ער איז אויך דאָ געווען אויפגעמונטערט און גליקלעך פון דעם.

און פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר אומבאַדינגט וועלן בויען איין צענטער פון יידישן שאַפן אויף די חורבות פון דעם אַנדערן? פאַרוואָס זאָל יעדער צענטער גלייך וועלן פּרעטענדירן נישט אַנדערש, ווי אויף העגעמאָניע און אויף נעגאַציע פון אַנדערע?

אויך די פריערדיקע יידישע ליטעראַטור פון מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ איז נישט געווען און נישט געקאָנט זיין קיין ריין לאָקאַלע ליטעראַטור און זי האָט פאַרשפּרייט איר השפּעה און גייסט ווייט איבער די גרענעצן פון זייער אַלטגעזעסענער היים, הגם די שרייבער האָבן דורכויס געלעבט און אויסגעלעבט זיך אין דער ענגער אַלטער־היים אַטמאָספער. די איצטיקע יידישע ליטעראַטור איז שוין ווייניקער פאַרוואָרצלט און פאַראַנקערט אין איין באָדן און זי איז דעריבער מער אַלוועלטלעך. זי ציט און מוז ציען יניקה פון די פאַרשיידענע יידישע לעבנס־און קולטור־צענטרען, און דעריבער מוז גיין די בלוט־צירקולאַציע פון איין לאַנד צום צווייטן, און עס וועט אוממעגלעך און אומנוצלעך זיין דאָס אומאויפהערלעכע איבעררהאַקן די אָדערן לויט די גרענעץ־סלופּעס. ווייל ווי מען וועט נישט וועלן פאַר־שווייגן, צוליב פאַרשיידענע סיבות, גאָר די אייגענע בערגעלסאָן, נסתר, מאַרקיש און אויך די איבעריקע „פרעמדע" שרייבער פון וואַרשע און ניו־יאָרק, — וועט זייער השפּעה און ווירקונג זיין נישט מינדער און קלענער ווי אַמאָל אין 1917 די השפּעה פונם קליין ביכל „יונגע יידישע דיכטונג אין אַמעריקע". און אז מען האָט זיך צערעדט, האָט שוין דאָבּרושין זיך דאָך דערעדט, אַז „מיר האָבן דאָ אין ראַטן־רוס־לאַנד און גראָד אין דער לעצטער צייט געהאַט אַ מין לייוויק־שטראָם... אונזער יונגע דיכטונג רעכנט אַפילו לייוויקן צווישן אירע לערער און פאָרגייער". און ווען מ׳זאָל נאָך און נאָך רעדן און זיך וועלן דער־רעדן, וועט מען געוויס און קאָנען אָנרופן נאָך שטראָמען (און

וועגן אַ „נסתר־שטראָם“ ווייזט אָן אויך דאָברושין) און מ׳וועט קאָנען אָנרופן נאָך נעמען פון „לערער און פאָרגייער“, וואָס געפינען זיך אויסער די ראַטן-גרענעצן און וואָס זענען פאַר דער יידישער נייער ליטעראַטור (אַפילו פון רוסלאַנד) נישט ווייניקער וויכטיק און באַדייטנד...

אויב איר ווילט, איז אין דעם יידישן ליטעראַרישן פּוילן פאַראַן אַ שטאַרקער צומיש פון ליטווישן און וואָלינישן יידישן בלוט.

און סוף־כּל־סוף, איז דען דער פּוילישער אַפּאַטאַשו אַן אַמעריקאַנער, און דער ליטוויש־רוסישער לייוויק — אַן אַמעריקאַנער? און ווילאַנג איז עס דער וואָלינישער מאַרקיש דער פּוילישער פאָרשטייער? און אויך די „אמת־פּוילישע“ אהרן צייטלין און משה בראָדערזאָן? און צו וועלכער טעריטאָריע וועט מען איצט צושמידן בערגעלסאָנען, וואָס וווינט זינט פיר יאָר אויסער די אַלע דריי הויפּט-צענטרען. און צו וועמען געהערט דער ברייט-צעוואַקסענער אַש, צו פּוילן, צו אַמעריקע און אפשר גאָר צו שפּאַניע (כּישופמאַכע־רין פון קאַסטיליע, מאַראַנען) אָדער צו ארץ-ישראל?

פאַרפאַלן, מיר זענען אויסער מלוכה-גרענעצן און אויסער לענדער מיט אונזער יידישן שאַפן.

דער מוסר-השכּל איז:

נישט אויפן וועג פון צעברעקלונג און פאַרלייקענונג און ביטול וועלן מיר, טיילן פון גאַנצן, אויפגעריכט ווערן. לאָקאַל-פּאַטריאָ־טיזם איז שעדלעך און איבערשעדלעך אין אַלע הינזיכטן.

מיר מוזן זוכן די פאַרשטענדיקונג פון די אַלע דריי הויפּט־צענטרען, מען מוז געפינען ווערטער, ווי מ׳זאָל זיך צונויפרעדן. דאָס בלאָזן זיך און דאָס הפקר-ביטול און דאָס נישט וועלן פאַרשטיין איינער דעם צווייטן — מוז אויפהערן.

און וואָס פריער אַלץ בעסער.

דאָס פאַרלאַנגט די איינהייטלעכע יידישע ליטעראַטור, דאָס אַלוועלטלעכע יידישע שאַפן, וועלכע מיר אַלע דינען און צו וועלכע מיר אַלע שטרעבן.

1925

צי איז די יידישע דיכטונג טויט?

עטלעכע יידישע דיכטער האָבן די טעג אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין פאַר אַן עולם פון העכער דריי הונדערט צוהערער הייס און ליידנשאַפטלעך דעבאַטירט די פראַגע, צי איז די יידישע דיכטונג ביי היינטיקן טאָג טויט אָדער לעבעדיק.

איינינקע האָבן אויף שטענדיק באַגלייט די דיכטונג אויפן „עולם־האמת", אַנדערע ווידער האָבן געפּרוווט צו דערווייזן די לעבנס־קראַפט פון דער איצטיקער יידישער דיכטונג. ווי עס זאָל נישט זיין, אָבער שוין דער עצם־פאַקט פון שטעלן און דעבאַטירן אַזאַ מין פראַגע — איז איצט זייער סימפּטאָמאַטיש, און עס באַווייזט, אַז מיט אונזער איצטיקער דיכטונג האַלט נישט גאָר גוט. מיר האָבן טאַקע פיל טאַלענט־פולע דיכטער, עס דערשיינען דאָ און דאָרט לידער־זאַמלונגען, ס'דרוקן זיך לידער אין זשורנאַלן, אַלמאנאַכן, אָבער קיינער וועט נישט לייקענען, אַז די דיכטונג שפּילט די לעצטע צייט אַ קנאַפּע ראָלע אין אונזער לעבן.

פיל זוכן דעם שולדיקן אין דעם לעזער. ער, הייסט עס, איז אינגאנצן שולדיק, וואָס פלוצים האָט ער אָנגעוווירן דעם אינטערעס פאַר דער דיכטונג. דער דיכטער איז אין אָרדענונג, אָבער דער לעזער איז געפאַלן, אַראָפּ פון דרך־הישר און וויל נישט אויפנעמען דעם דיכטערס וועלט.

פון וואַנעט קומט טאַקע באמת אָט דער פּירוד־הלבבות פון דיכטער און לייענער? פאַרוואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען דער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן זיי? און פאַרוואָס האָט דער דיכטער טאַקע אַליין דערפילט דעם פּחד פאַר זיין איינזאַמקייט?

ווייל דער דיכטער לעבט צופיל מיט מאָמענטאַלע שטימונגען, מיט קורצאָטעמדיקע געפילן, מיט אייגענע פּערזענלעכע צאַפּלעניש, אָן פעסטע געזעלשאַפטלעכע אידעען, אָן אַ סאָציאַלן אינהאַלט און דער

עיקר — אָן אַ ברייטן פאַרנעם און ווייטן קוק. די דיכטונג איז צופיל פאַרנומען מיט צערטלען און „צאַצקען" זיך מיט די אייגענע איינצלנע אָנרעגונגען און כוונות און רמזי־רמזים פון איך־איבערלעבענישן. און דאָס אַלץ, — אייגנטלעך די הכנות צום שאַפן — לאָזן זיי תיכף ומיד אויס אין זייערע לידער, נאָך איידער עס האָט זיך זיי אַליין איינגעגעבן צו שאַפן דערפון עפּעס דויערנדיקס און גאַנצס און פאַרענדיקטס. אָט די צעשאָטענע, צעוואָרפענע, מאָמענטאַלע דיכטערישע עקספּרעסיעס זענען טאַקע שטאַרק דערעסן דעם לעזער און זיי דערגייען שוין מער נישט צו אים.

נישט אַלע מאָל איז עס אַזוי. פאַראַן צייטן, — און ערשט נישט לאַנג איז עס ביי אונז געווען — ווען עס איז נויטיק געווען אָט די מאָמענטאַלע שטימונג, די אימפּולסיווע רופן פון דער דיכטונג, און זיי האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין לעבן. עס איז דאַן, ווען די דיכטערישע קלאַנגען זענען „דונערן און בליצן" פון אַן אומרו־צייט, די לופט איז פול און אָנגעלאָדן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, און דער דיכטער קומט מיט זיינע הילכיקע געזאַנגען און ער לאָדט אויס דעם שטורם און דעם אימפּעט, וואָס עס הערשט אין גאַס און וואָס עס פאַרמאָגט דאָס לעבן. אין אַזאַ צייט איז די פּראָזע מיטן פּראָזאַיִקער ווי אבלים, ווי נישט־געבעטענע אורחים אויף אַ פרעמדער שמחה. אַזוי איז געווען צוריק מיט עטלעכע יאָר. דער קינסטלער פּראָזאַיִקער, איז לויט זיין טבע, להיפּוך פון דעם דיכטער, אַ „קאָנסערוואַטאָר". מיט טויזנטער פעדעם איז ער פאַרוועבט אין דעם גאַנצן, אָפּגעשטעלטן און האַרמאָנישן לעבן, זיין אויג קאָן בעיקר רוען נאָר אויף דעם גאַנצן און פאַרגאַנצטן, אָפּגעשטעלטן און פאַרגליווערטן לעבנס־נוסח. און ווען אָנהייבן און סופן גייען פאַרלוירן, ווען וועלטן ווערן חרוב און וועלטן קומען־אויף, דאַן מוז דער פּראָזאַיִקער בעל־כרחו זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט, און צעטומלט פון דעם לעבנס־גערויש, זיך פילן פרעמד און איבעריק. אין אַזאַ מין אויפברויז־צייט האָט דאָס וואָרט דער דיכטער. ער נעמט אויף דאָס צאַפּלדיקע, ברויזנדיקע, און ווי דער פּאָליטיקער און פּובליציסט לעבט ער דאַן מיטן טאָג, ער איז דער שאַפער און מיטשאַפער פון דעם נייעם, אויפוואַכנדיקן, שטורמישן אין לעבן.

דוד האָפשטיין זאָגט אין אַ ליד:

„ווען ס׳קריצן ציין צונויפגעפרעסטע,
ווען ס׳בליצן פונקען פון די אויגן,
ווער קאָן מיר עצהן מעסטן,
ווער קאָן מיך פרעגן:
האָסט אָפּגעוווֹיגן?

ווען קנוילן גרויל זיך קייקלען איבער גאַסן, —
ווער קאָן מיר הייסן וואַרטן?...״

ווען אָבער דאָס לעבן גייט אַריין אין זיינע ברעגן און עס קומען אָן וואָכעדיקע טעג, דאַן מוז די מאָמענטאַלע דיכטונג אָפּרוקן זיך אָן אַ זייט. עס מוז קומען דער עפּיקער, דער שילדערער פון לעבנס־שטייגער און פאַרמעסטן זיך אויף ברייטע שטחים, אויף לעבנס־נוסח, וואָס ווערט געשאַפן בהדרגה, לאַנגזאַם, דורך באַרויִקנדיקע געמיטער, דורך איינגעשטילטע און איינגעשטעלטע לעבנס־פאָרמען. נאָר זעלטן קאָנען פאַרכאַפּן דעם לעזער די שטימונגען, צאַפּלענישן, אויפבליצן פון דעם דיכטער, — דערצו דאַרף דער דיכטער זיין די גרויסע, מערקווירדיקע, רייכע פּערזענלעכקייט, וואָס זיין יעדער נשמה־ריר איז אינטערעסאַנט און וויכטיק פאַרן לייענער.

און עס איז כּלל נישט קיין צופאַל, וואָס אייניקע פון אונזערע בעסערע דיכטער אין פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד און אַמעריקע, וועלכע זענען פריער געווען פאַרנומען דורכויס מיט „ריינער״, סוביעקטיווער דיכטונג, אָדער מיט דעם געבראַזג פון הילכיקע טאָג־קלאַנגען, האָבן זיך לעצטנס פאַרקליבן אין זייערע שאַפונגס־געצעלטן און גענומען אַרבעטן אויף גרויסע, גאַנצע ווערק פון לעבנס און תקופות. ה. לייוויק, י. י. שוואַרץ, א. לעיעלעס, פּרץ מאַרקיש, א. קאַציזנע, מ. קולבאַק, מלך ראַוויטש, — זיי אַלע, ווי מיר ווייסן, זענען פאַרטון אין אויפשטעלן ברייטערע ראַמען, אַלגעמיינערע סכעמעס פאַר זייערע דיכטונגס־וועלטן. דורך גרעסערע פּראָזע ווערק, דורך דראַמאַטישע פּאָעמעס ווילן איצט די דיכטער זייער תּקון געפינען. אָנשטאָט איינצלנע, אָפּגעריסענע, צעשאָטענע שטימונגס־איינדרוקן, וואָס קומען־אויף אין קליינע, קורצע טאָג־לידער און גייען אָפּט גיך פאַרלוירן, וועלן די פאַרגרעסערטע, פאַרגאַנצטע ווערק בכּוח זיין צו דערהויבן דעם אויטאָר, צוגעבן מער וואָגיקייט, מער שלמות די אייגענע איבערלעבונגען. האָט דאָך לייוויק אין זיין „גולם״, אין זיינע דראַמעס, אין זיין „ליר״ געגעבן אַ צונויפזאַמלונג

פון פיל דיכטערישע עמאָציעס, דיכטערישע אימפּולסן און פאַרקער־פערט זיי אין זיינע ווערק. און האָט דאָך י. י. שוואַרץ באַוויזן אין זיין „קענטאָקי״ צונויפצוזאַמלען פיל איינצלנע שילדערונגען, שטימונגען און באַגייסטערונגען און אויפשטעלן פון זיי איין גאַנץ ווערק, וואָס דורך אים דערגייען ממילא צום לעזער אויך די סוביעקטיווע איבער־לעבונגען פון דיכטער, וועלכע וואָלטן דורך איינצלנע אָפּגעריסע לידלעך צום לייענער נישט דערגאַנגען. אויך די איבעריקע בעסערע דיכטער זענען איצט פאַרנומען מיט טראָגן דיכטונג־ציגל פאַר גרויסע דיכטערישע בנינים.

און אַזוי, משמעות, איז אויך אין ראַטנפאַרבאַנד. פריער איז די דיכטונג געווען פאַרטומלט פון די געשעעניש, און ס׳האָבן דעריבער געהערשט אין איר דער עיקר ערשטע אוממיטלבאַרע באַגייסטערונג־רופן, קורצע, אָפּגעהאַקטע התפעלות־געזאַנגען, און ווען דאָס לעבן הייבט אָן אַריינצוגיין אין די נאָרמאַלע ברעגעס, דאַן זוכט שוין אויך דאָרט די דיכטונג ברייטע שריפטשטעלערישע יריעות פאַר דויערנדיקע איבערלעבונגען. די דיכטער זאָגן זיך אָפּ פון סתם־זינגען, פון סתם־דיכטן און זיי פאַרמעסטן זיך אויף לעבנס־שטייגער, אויף לעבנס־סיטואַציעס, אויף מער אָביעקטיוויזירטע לעבנס־סיטואַציעס און צו־זאַמענשטויסן.

די דיכטונג איז נישט טויט, זי גייט אַוועק און מוז אַוועקגיין פון מאָמענטאַלער אָנרעגונג, פון חנדלען זיך מיט זיך און זי מוז אַרויף אויפן ברייטן שליאַך פון לעבן און אידעען.

דאָ, אויף דעם דרך־המלך פון לעבן און אידעען, וועט זי ווידער אַויפלעבן, און עס וועט ממילא פאַרשווינדן די פראַגע — צי איז די דיכטונג טויט אָדער לעבעדיק.

1926

פאַרלוירנקייט

ווען מען רוקט זיך אַמאָל אָפּ אָן אַ זייט פונם ליטעראַטור-געטומל, ווען מען בלייבט אַמאָל אַליין מיט זיך, — דערוועקט זיך די פראַגע: וואָס איז אַזוינס פּאָרט די איצטיקע יידישע ליטעראַטור, וועלכע זענען די כאַראַקטער-שטריכן און אייגנשאַפטן פון אונזער איצטיקן יידישן שאַפן, וועלכע אידעען, פּראָבלעמען טראָגט איצט די יידישע ליטעראַטור אין איר שויס?

מען ברענגט אַרויף אויפן געדאַנק איין שרייבער, אַ צווייטן, אַ דריטן, מען דערמאָנט זיך אָן איין ווערק, אָן אַ צווייטס, אַ דריטס,— און קיין קלאָרן ענטפער באַקומט מען נישט. ערגעץ-ווו זענען דאָ אָנדייטונגען אויף כאַראַקטער-שטריכן פון אונזער צייט, ערגעץ-ווו — בלאַסע כוונות אויף צו געבן דעם פּרצוף-פּנים פון אַ דור, פון אַ תקופה, — אָבער דאָס זענען נישט מער ווי נישט-איינגעגעבענע עקספּע-רימענטן. אינגאַנצן-גענומען הערשט איצט אין אונזער ליטעראַטור אַ פאַרלוירנקייט, צעשוומענקייט, צעפלאָסנקייט. ווי אַ טשערעדע שאָף אָן אַ פּאַסטוך, אָן אַ פירער, איז מען צעקראָכן אין פאַרשיידענע זייטן, מען בלאָנדזשעט אַרום און מען קריכט אין שאָדן...

עס טרעפן אָפט צייטן, ווען אַן עדה מתפּללים מוז זיך צעשיידן, און יעדער איינער פאַררוקט זיך אין זיין אייגן געצעלט און פּראַוועט עבודה ביחידות. אָבער דאָס לאָזט זיך נישט זאָגן וועגן דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור און אירע שפּער. אויך דער יחיד איז איצט ווי פאַרלוירן, די ליפּצן זיינע שאָקלען זיך אפשר, אָבער קיין אמתע תּפלה איז אויך ביים יחיד איצט נישטאָ.

דער יידישער שרייבער איז ווי אַוועק פון זיך אַליין, ער האָט אפשר מורא אַריינצוקוקן זיך אַליין אין דער נשמה. אפשר אויס מורא פאַר פּוסטקייט. זיין אייגן וועזן רעגט אים נישט אָן, די אַרומיקייט— אוודאי נישט, וואָרפט ער זיינע בליקן צו דעם אַמאָל, צו דער ווייטער

יידישער געשיכטע. ווי אַלע לעבעדיקע קוואַלן פון הייִנטצייטיקן לעבן וואָלטן אויסגעטריקנט געוואָרן און מען לאָזט זיך דעריבער אין געשיכטלעכע מרחקים צו זוכן דאָרט שטאָף און אימפּעט און באַגייסטערונג. האָט ווער פון די יידישע שריפטשטעלער אָנגעקליבן האָב און גוטס פון פריער, פון אַמאָל, ליגן ביי אים אין די קאַמערן שפּייז פון די זיבן גוטע, זאַטע יאָרן — איז גוט, ציט ער יניקה פון די אַמאָל-צונויפגעקליבענע אוצרות, אלא נישט, — אויב ער איז אָנגעוויזן אויף אייגענעם איצטיקן גערעטעניש — איז שלעכט. זענען ביי אָט דעם שרייבער — זיבן הונגער יאָר און ער האָט נישט וואָס צו שניידן.

זאָל עס זיין די קללה פון די נאָך מלחמה און רעוואָלוציע-יאָרן, ווען אויג און אויער קאָנען זיך אַלץ נישט צוגעוווינען צו נאָרמאַלע לעבנס-דערשיינונגען, צו רויער-גרויער ווירקלעכקייט, צו פּשוט-מענטשלעכע איבערלעבענישן, צו האַרטביידערערדיקע געשעענישן? ווער ווייסט!

און אומפאַרשטענדלעך איז דער איצטיקער צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור, איר פאַרלוירנקייט און צעמישונג גראָד דאַן, ווען מיר האָבן צו פאַרצייכנען אַ גאַנצע רייי טאַלענטן, וועלכע זענען ביכולת און וואָלטן באַדאַרפט אַ הויב-טון די יידישע ליטעראַטור צו אַ הויכער קינסטלערישער און אידעיִשער מדרגה און געבן געשטאַלטן און לעבנססיטואַציעס גאָר מיט אַ נייעם אידעיִשן אינהאַלט.

פאַרוואָס-זשע הערשט אומעטום אַזאַ דערשלאָגנקייט, אַזאַ גייסטיקע ווֹרעמקייט, אַזאַ סתם-שרייבעריי, אָן אַ פאַרנעם, אָן אַ פאַרטיפונג?

אפשר איז עס דערפאַר, וואָס צוליב אונזער באַזונדערער לאַגע אין דער וועלט, קומט-אויס ווי מיר הויבן אָן אַלעמאָל פון אָנהויב, עס ברעכט זיך האַסטיק און אומברחמנותדיק אונזער יידישער לעבנסשטייגער, עס הייבט זיך אָן אויספיקן גאָר אַ נייער, אומדערוואַרטעטער. אַמעריקע, פאַלעסטינע, דאָס נייע רוסלאַנד—גאָר נייעס, אויסטערלישעס קומט-אויף. ווי אַן אַלט פאָרפאָלק מיט זייערס אַ בן-זקונים, אַזוי קומט אויס אונזערע קינסטלער צו פאַרנעמען זיך מיט די נייע, יונגע, ערשט-אַנטפלעקנדיקע יידישע לעבנס-דערשיינונגען. און ס'מוז דעריבער קומען די התפעלות פון די ערשטע טריט, פון די ערשטע אַרויסגעשטאַמלטע ווערטער. ווערן דעריבער אַריינגעריסן אין אונזער ליטעראַטור פונסנייי אַזוי פיל עטנאָגראַפיע-עלעמענטן און אויסערלעכע באַשרייבונגס-שילדערונגען אָנשטאָט פראָבלעמען-גראַנגל, אידעען-צוזאַמענשטויסן. האָט א. ראַבאָי מיט אַזוי פיל אַנטציקונג געשילדערט

דעם יידן אין זיין באַהעפטונג מיט ערד, פּונקט ווי דער ייד וואָלט געוועזן דער ערשטער. שילדערט י. י. שוואַרץ מיט אַזאַ פּיעטעט דעם צוזאַמענטרעפן פון דעם ייד מיט דער זאַפטיקער קענטאַקיער געגנט, באַקומען די יידישע דיכטער אין ראַטנפאַרבאַנד גרויס התפעלות פון דעם פּשוטן יידן אין די קאָלאָניעס. און ווי אונזערע ערשטע שרייבער רעאַליסטן האָבן געשילדערט אין פאַראַלגעמיינטע פאָרמען דאָס דאַמאָלסטיקע ווירקלעכע לעבן, אַזוי אויך קומען די נייע יידישע קינסטלער און געבן דאָס קאָלעקטיווע יידישע לעבן. ווידער מעשה-בראשית. צי דאָמינירט נישט איצט ביי זיי דער באַשרייבנדיקער עלעמענט אויפן חשבון פון דעם אידעיִשן, קעמפנדיקן?

עס זענען פאָרגעקומען אין אַלגעמיינעם און אויך אין יידישן לעבן גוואַלטיקע אויפטרייסלונגען און איבערהויפּט אין דעם שטח פון אַמאָליקן גרויסן רוסלאַנד, וווּ עס האָבן געוווינט ביז אַ העלפט יידן. און וווּ זענען די שפּורן פון אָט דער איבערקערעניש אין אונזער פּראָזע? האָבן דאָך די רוסישע עמיגראַציע-קינסטלער, למשל, געגעבן אַזוי פיל טראַגישפולע ווערק פון דעם נע-ונדן רוסישן עמיגראַנט-אינטעליגענט מיט זיין צעבראָכענער נשמה און מיט זיין טיפן, ליידנשאַפטלעכן בענקען נאָך רוסלאַנד, מיט זיין גיפטיקער שנאה צו דער איצטיקער אָרדענונג און פאַרפלאָנטערטן אינעווייניקסן געראַנגל. וואָס האָט אונזער, משטיינס געזאָגט, קינסטלער-„עמיגראַציע" געגעבן אויסער ביליקן שטאָף פאַרן „פאָרווערטס". און וווּ זענען עס די ווערק, וואָס זאָלן געבן אונז דאָס נייע רוסלאַנד, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלדאָס טראַגישע און קאָמישע, דערהויבענע און נישטיקע, די אַלע ליכט און שאָטן, וואָס די אומגעריכטע רעוואָלוציע האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן, אין די מוחות פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד? און וווּ איז דער גרויסער ראָמאַן פון אַמעריקאַנישן יידנטום?

עס איז אונזער יידישער טראַגעדיע, וואָס נישט מיר גופא שאַפן די איבערקערענישן, וועלכע אונז קומט אויס שפּעטער איבערצולעבן און דערנאָך מיט אונזער גאַנץ וועזן זיך צופּאַסן צו זיי. מיר זענען אַ קליינער טייל אין גרויסן, גאַנצן, און מיר קומען מיט אונזער ביסל לעבן ווי געסט אויף אַ פרעמדער שמחה, וואָס איז צוגעגרייט און ווערט אָפּגעריכט דורך אַנדערע. עס קומט דעריבער דער ווייניק-פּראָדוקטיווער פּראָצעס פון צופּאַסן-זיך, פון וועלן איינלעבן-זיך, פון אַרויסטיילן פון זיך באַרירונגס-עלעמענטן. לאָמיר נאָר פאַמעלעך און אָביעקטיוו פּאַנאַ-

דערקלייבן זיך אין פיל געשעענישן, אין וועלכע מיר זענען די לעצטע יאָרן אַריינגעצויגן געוואָרן אין פאַרשיידענע לענדער, און מיר וועלן זען, אַז מיר קאָנען נישט תיכף ומיד זיין שעפעריש. ווייל דאָרט איז געווען סטיכיע, איינעווייניקסטער דראַנג, און מיר זענען נאָר צושויער און אין בעסטן פאַל מיטהעלפער. און דעריבער אפשר קענען גלייך נישט קומען קיין קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען. ווייל עס קומט ערשט פאָר ביי אונז דער פּראָצעס פון אָנלאָדן זיך. דאָס אויסלאָדן וועט ערשט מיט דער צייט קומען. און נעמען מיר, למשל, דעם מאָסקווער יידישן קאַמער-טעאַטער, וועלכער געפינט זיך אין האַרץ פון יידישן קאָמוניזם און ווערט געפירט דורך קאָנסעקווענטע קאָמוניסטן. געפינען מיר דען אין אים די סטיכיע פון נייעם יידישן לעבן אין רטפ״ב? און וויפיל מ׳זאָל זיך נישט באַמיען אַריינצולייגן אין זיינע אויפפירונגען רעוואָלוציאָנערע כוונות, צי טראָגט עס אין זיך דעם אומקום און אויפקום פון סאָוועטישן יידישן לעבן? דער געמיש שלום-עליכם, פרץ, גאָלדפאַדן—מיט פּאָליטישער סאַטירע איז דאָך מער נישט ווי זייטיקער איינפאַל, שעטנז-מאָטיוון. און ווו איז דאָס אמתדיקע אַמעריקאַנישע אין אַמעריקאַניש-יידישן טעאַטער?

די יידישע פּראָזע, וועלכע האָט צוריק מיט אַ 15—20 יאָר פאַרנומען אַזאַ בכבודיקן אָרט אין יידישן לעבן, די יידישע פּראָזע, וועלכע האָט פריער אויסגעפילט אַ גרויסע קולטור-קינסטלערישע פונקציע, איז איצט פאַרלוירן.

איר אויפגאַבע איז—אַרויסצוברענגען פון דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבנס-כאַאָס דעם פּרצוף-פּנים פונם יידישן מענטש, פון דער יידישער נאַציע, פון דער יידישער פאָלקס-פּסיכיק. איר אויפגאַבע איז אויפכאַפּן די איינצלנע שטריכן, מאָטיוון און איבערלעבונגען און אויפפאַסן גאַנצע געשטאַלטן, פולע לעבנס, פאַרטיפן און פאַרברייטערן לעבנס-פּראָבלעמען און אידעען-געראַנגלען, פאַרגאַנצן און פאַרשטאַרקן דאָס אינדיווידועלע מיט דעם כללישן, דאָס איינצלנע מיט דעם אַלגעמיינעם,— בקצור, זיין די אָנזאָגערין, די פירערין, די באַגייסטערערין.

אָבער אָנשטאָט דעם הערשט לעצטנס אין דער ליטעראַטור אַ צעשוומענקייט, אַ צעפלאָסנקייט, אַ פאַרלוירנקייט.

1927

אַ מאָדע, וואָס ס'איז כדאי נאָכצומאַכן

אין דער אייראָפּעישער קינסטלערישער וועלט מערקט זיך לעצטנס אַ נייער ליטעראַרישער זשאַנד, אַ נייע אַרט קינסטלעריש שאַפן, — דאָס איז די קינסטלערישע ביאָגראַפיע, די מאָנאָגראַפיע פון גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע אין לעבן, אין ליטעראַטור, אין שאַפן.

צו אָט דער נייער ליטעראַרישער פאָרם נעמען זיך נישט-נאָר סתם-ביאָגראַפן, געוויינלעכע לעבנס-געשיכטע-שרייבער, נאָר בעיקר גרויסע קינסטלער, דיכטער, דענקער, וועלכע ברענגען אין זייערע ביאָגראַפיע-ווערק נישט בלויז טרוקענע פאַקטן וועגן דעם לעבן און ווירקן פון דער באַהאַנדלטער פערזענלעכקייט, נאָר זיי שאַפן כמעט זעלבסטשטענדיקע ווערק, וואָס זייער צענטער, זייער מיטלפּונקט איז די אָדער יענע פערזענלעכקייט, וועלכע פאַרקערפּערט אין זיך אַ קאָמפּלעקס אידייען, פּראָבלעמען, זוכענישן און דערגרייכונגען פון אַ געוויסער צייט און תקופה.

אָפטמאָל לייגן אַריין אָט די קינסטלער אין די ביאָגראַפישע ווערק געדאַנקען, אידייען, וועלכע זענען אָפט נישט גאָר צוגעפּאַסט צו יענער צייט און יענער געשטאַלט. דער דיכטער שאַפט דאָ אָפטמאָל מער, ווי ער דערציילט איבער, ער ווערט אַ שותּף צו די מעשה-בראשית פון יענער פערזענלעכקייט און ער דערגאַנצט, דערפילט, דערפירט ביז אַ לאָגישן סוף דאָס, וואָס יענער האָט נאָר אָנגעדייט. אָפטמאָל האָבן מיר אַ ווידערגעבורט פון אַ פערזענלעכקייט, וועלכע האָט געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק, און אין איר צייט איז זי נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, און איצט — אין דעם נייעם ליכט פון דעם דיכטער-ביאָגראַף באַקומט יענע נישט-פאַרשטאַנענע געשטאַלט אַ נייעם תּיקון... פאַראַן אויך פאַלן, ווען אַ געוויסע פערזענלעכקייט האָט בשעתו געוואָרפן ליכט, געשאָטן שטראַלן און נישט זוכה געווען,

מ׳זאָל די ליכט און שטראַלן אויפקלייבן צוזאַמען, זיי זאָלן קענען לייכטן, וואַרעמען. קומט מען איצט און מען גיט אַ נייע אָנווענדונג אַט יענער צעזייטער, צעשפּרייטער ענערגיע.

אויף פאַרשיידענע שפּראַכן זענען די לעצטע יאָרן דערשינען אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס, — ביאָגראַפיע־ווערק, געשריבן דורך אָנגעזעענע שריפטשטעלער. אָט די ווערק זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, אָט דער נייער מין שאַפן פאַרנעמט אין דער ליטעראַרישער וועלט אַן אַלץ גרעסערן און וויכטיקערן אָרט.

עס איז אַסך צו רעדן וועגן דעם, פאַרוואָס גראָד אָט דער אַרט שרייבן ציט איצט אַזוי שטאַרק צו קינסטלער. דער קינסטלער קאָן איצט נישט בלייבן אַבסטראַקט. ער קאָן איצט נישט שפּינען קיין געוועבן פון בלויז לבנה־שיין און צו וויגן יניקה פון אייגענע ענגע ד׳ אַמות. אין דער צייט, ווען וועלטן קעמפן, אין צייטן פון אומקום און אויפקום, קאָן מען דען פירן אַן ענגן, סוביעקטיוון דין־וחשבון? עס איז געראַנגל פון דורות, פון תקופות און אידייען. עס בלענדן מרחקים, האָריזאָנטן, איבערוואַנדלונגען, און דער דיכטער, — ווי זאָל ער דאָס אויפפאַסן, אויב נישט דורך די גייסטער און פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אין זייער צייט אַדורכגעמאַכט אָט דעם קאַמף, אָט דעם מהלך, אָט דעם קפיצת־הדרך אין לעבן, אין דענקען און אין די געפילן? דאָ האָט דער דיכטער פאַר זיך פיל שטאָף, פיל פאַרלעגענע שיכטן פון רוי־מאַטעריאַלן, וועלכע ער באַאַרבעט אין זיינע ווערק.

האָט טאַקע ראָמאַן ראָלאַן אויסער זיין „זשאַן קריסטאָף“, וואָס איז אַ שטיק אָפּבילד פון בעטהאָווען, — געשאַפן אַ ריי ביאָגראַפיע־ווערק וועגן טאָלסטאָי, בעטהאָווען, מיקעל אַנדזשעלאָ און מאַהאַטמאַ גאַנדי. אין די ווערק איז על־פּי־רוב גובר דער דיכטער אין ראָמען ראָלאַן דעם פאָרשער, דער קינסטלער — דעם ביאָגראַף. אַזוי איז אויך מיט מערעזשקאָווסקיס ווערק איבער די וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון דער געשיכטע בכלל און אין דער רוסישער געשיכטע בפרט. אין אָט די ווערק וואַקסט מערעזשקאָווסקי אויס צוזאַמען מיט די געשילדערטע פערזענלעכקייטן צו גרויסע הויכן, ער וואַקסט אויס מיט זייער הילף, און זיי — מיט זיין הילף. אָט האָט דער טאַלאַנטפולער רוסישער שריפטשטעלער ווערעסאַיעוו אָנגעשריבן לעצטנס אַ ווערק אין עטלעכע בענדער, וווּ ער פירט אַרויס פּושקינען אין אַ נייער אַקטיוו שאַפנ־

דיקער סביבה. עס זענען לעצטנס אַרויס ווערק וועגן געטע, וואַגנער, ביסמאַרק, וואָלטער, נאַפּאָלעאָן א. אַז. וו.

ביי אונז, אין דער יידישער ליטעראַטור, זענען פון דער אַרט ווערק נאָך כמעט ווי גאָרנישט ניטאָ. בכלל איז דאָרט, אין דער פרעמד געוועזן פיל מער אינטערעס, נייגיר צו אונזער גייסטרייכער יידישער געשיכטע און צו אירע מערקווירדיקע פערזענלעכקייטן, ווי ביי אונז. אין דער צייט, וואָס די ענגלישע, דייטשע, רוסישע און אויך פוילישע ליטעראַטורן האָבן שוין פון לאַנג-לאַנג געשאַפן קינסט-לערישע ווערק פון די יידישע העראָאישע געשיכטלעכע געשטאַלטן, ווי קין, שמשון, דוד, שלמה, יהודה איש קריות, יהודה המכבי, ר׳ יהודה הלוי, אוריאל אַקאָסטא, שפּינאָזא, דוד ראובני, מולכו, שבתי צבי, פראַנק, מהר״ל מפּראג, לאסאל און נאָך און נאָך — האָט מען ביי אונז ערשט נישט לאַנג גענומען זיך ווענדן צו יידישער געשיכטע אַלס צו קוואַל פון דיכטערישע שאַפונגען.

שלום אַש איז געווען כמעט פון די ערשטע, וועלכע זענען צו-געקומען צו דעם יידישן געשיכטע-אוצר און געשעפּט פון דאָרטן פולע הויפנס פאַר זייערע קינסטלערישע ווערק. ער האָט געשאַפן „אַמנון און תמר״, „יפתחס טאָכטער״, „שבתי צבי״, די לעצטע יאָרן — „קידוש השם״, „כישופמאַכערן פון קאַסטיליען״, „מאַראַנען״ און אויך זיין „יוסף״. י. אָפּאַטאָשו האָט זיך געווענדט צו דער נאָענטער יידי-שער פאַרגאַנגנהייט און געגעבן „די פוילישע וועלדער״, „1863״. ה. לייוויק — זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גולם״ און לעצטנס „הירש לעקערט״, א. לעיעלעס „שלמה מולכו״, א. קאַציזנע — „הורדוס״. אַ ריי געשיכטלעכע דראַמעס האָט פאַרעפנטלעכט לעצטנס דער יידי-שער דראַמאַטורג ה. סעקלער, מ. קולבאַק — „יעקב פראַנק״, אהרן צייטלין — „יעקב פראַנק״, מנחם באָריישא — „דער פאַסטוך דוד״ א. אַ. וו.

אָבער צו דעם דערמאָנטן מין קינסטלערישע ביאָגראַפיעס איז מען ביי אונז נישט געקומען, און מען דאַרף עס שטאַרק באַדויערן. עס איז אַ פאַרלאָזט פעלד און מען דאַרף עס וואָס גיכער באַאַרבעטן.

אין די לעצטע דורות זענען אַרויסגערוקט געוואָרן אין פאַר-שיידענע לענדער ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס זייער וויכטיקע, קאָמ-פּליצירטע פערזענלעכקייטן, טיף-אָריגינעלע און גייסטרייכע — און געבן זיי אין זייער אַטמאָספער, אין דער אַרומרינגלונג פון דער פּאָליטי-שער, געזעלשאַפטלעכער אומגעבונג, — הייסט אויפדעקן און אַרויס-

ברענגען גאַנצע תּקופות פון רייכן, פאַרגאַנגענעם לעבן. יעדער תּקופה, יעדער דור האָט זיך זיינע פיל ווייניקער ווי ל"ו פערזענלעכקייטן, וואָס דאָס וויכטיקסטע, אינטערעסאַנטסטע, קאָמפּליצירסטע פון דער צייט ווערט אומבאַוווסט פאַרקערפּערט אין זיי, ממש, ווי אין יעקבֿס חלום: גאַנץ ארץ־ישׂראל ווערט אויפגעוויקלט אין איין שטיקל ערד און עס ליגט אונטער זיין צוקאָפּנס. אָט די אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן אין יעדן דור זענען די מייל־צייכנס אין דעם דרך־המלך: מיט זיי קאָן מען מעסטן דעם מהלך, דעם וועג — דעם אָפּגעגאַנגענעם און דעם, וואָס עס שטייט פאָר צו גיין.

מ'קאָן אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל מערקווירדיקע פערזענלעכ־קייטן, וועלכע וואָלטן בלי־ספק געקאָנט דינען פאַר שטאָף פאַר גרויסע, אינטערעסאַנטע קינסטלערישע ביאָגראַפיעס.

אויב מיר באַמערקן אין אונזער בעלעטריסטיק אַ ווענדונג פון קורצן ליד צו דער גרויסער פּאָעמע, צו דער גרויסער דראַמע, אַן ערנסטן קער פון דער קורצער נאָוועלע צום גרויסן ראָמאַן — לאָמיר אויך פאַרלאַנגען פון אונזער דיכטער אַן אינטערעס צו אונזערע גרויסע פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען ווי פאַרגעסן געוואָרן. מיר דאַרפן פאַרלאַנגען ברייטע לייוונטן, ברייטע שטחים נישט־נאָר פאַר פאַנטאַס־טיק, פאַר אויסגעטראַכטע דערציילונגען און ראָמאַנען, נאָר אויך פאַר־שטענדניש און אינטערעס פאַר די גרויסע גייסטער אין יידישן לעבן, וואָס וואַרטן אויף זייערע דיכטער, אויף זייערע „אַנטפּלעקער".

אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור זענען איצט שטאַרק אין דער מאָדע די גרויסע ביאָגראַפיע־ווערק. לאָמיר פון דער מאָדע נישט אָפּשטיין. דאָ וועלן מיר האָבן אַ טאָפּלטן תּיקון: אין דער באַהעפ־טונג מיט די גייסטרייכע פערזענלעכקייטן, וועלן ביידע — הן דער ביאָגראַפיע־קינסטלער, הן די פאַרגעסענע פערזענלעכקייטן — געווינען. זאָלן וואָס גיכער קומען די דיכטער און זיך פאַרמעסטן אויף נייע ביאָגראַפיע־ווערק.

1927

פּרעסע און בוך

1

אונזער פּרעסע און אונזער בוך —ביידע זענען זיי אַ רעזולטאַט פון באַשטימטע קולטור־באַדערפעניש בײַ אונזערע פאָלקס־מאַסן, דירעקטע אויסדרוקן פון אונזער אַקטיוו־שעפערישער סביבה. זייער אויפקום, וווקס און אַנטוויקלונג זענען ענג פאַרבונדן מיט אונזער אַלגעמיינער קולטור־אַנטוויקלונג, און זייער שטייגן דאַרף זיין דער באַראָמעטער פון אונזער קולטורעלן ניוואָ.

אויבנאויפיק גענומען — דערגאַנצן די פּרעסע און בוך איינער דעם צווייטן: די פּרעסע באַפרידיקט און דאַרף באַפרידיקן דעם מאָמענט, די טאָג־אינטערעסן. דאָס בוך — די שטענדיקערע, די אייביקערע באַדערפעניש. די פּרעסע איז די ד י ר ת־אַ ר ע י, דאָס בוך — די ד י ר ת־ק ב ע פונם געברויכער.

ס׳איז אָבער ווייט־ווייט נישט אַזוי.

די גרענעצן צווישן איינעם און צווייטן זענען נישט אָנגעצייכנט און מען גייט אָפט אַריין — איינער דעם צווייטן „אין שאָדן".

דאָס וואַקסן און פונאַנדערוואַקסן זיך פון פּרעסע און בוך גייט נישט שטענדיק צוזאַמען, האַנט בײַ האַנט. אַדרבא, ווען מיר קוקן זיך צו נענטער צו דער לאַגע פון אונזער פּרעסע און בוך, זעען מיר, ווי גאַנץ אָפט איז דער אויפקום פון דער פּרעסע אין אַ געווויסן זין דער אומקום פון בוך. קומט ערגעץ אויף די פּרעסע, וואַקסט זי זיך שטאַרק פונאַנדער, פאַרשאָטנט זי אינגאַנצן דאָס בוך, וואָס וועלקט און ווערט צוביסלעך פאַרשוווּנדן.

אין דער קורצער געשיכטע פון אונזער פּרעסע האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ ריי אינטערעסאַנטע דערשיינונגען, וואָס באַשטעטיקן די פאַמעלעכע און כסדרדיקע אָפּגעגרענעצטקייט צווישן פּרעסע און בוך און די טרויעריקע פאַקטן פונם אינערלעכן קאַמף, וואָס איז מיט יאָרן אַנטשטאַנען צווישן זיי ביידן.

אונזער טאָג־פּרעסע איז נאָך גאָר יונג. ערשט **דעם** קומענדיקן יאָר פייערן דעם 25־יאָריקן יובל פון דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג אין געוועזענעם רוסלאַנד — פון „דעם פריינד״.

לכתחילה און אַ ריי יאָרן שפּעטער נאָך דעם דערשיינען פון דער טאָג־צייטונג, איז געווען שווער פונאַנדערצוטיילן די גרענעץ פון צייטונג און ליטעראַטור, צווישן זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. די יידישע צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג, ווייט פונם יידישן תחום, און על־פּי־רוב איז זי דערגאַנגען צום יידישן לעזער אויף דעם צווייטן און דריטן טאָג. ממילא, האָט די מינוט, דער מאָמענט נישט געשפּילט דאָ קיין ראָלע. לאָקאַלע אָנגעלעגנהייטן, אינפאָרמאַטיווע כראָניק האָט לחלוטין געפעלט. דאָס רוב מאַטעריאַל פון דער צייטונג, דאָס גאַנצע האַרץ און נשמה אירע איז געווען און געמוזט זיין — ליטעראַטור אָדער ליטעראַרישע פּובליציסטיק. כמעט דער גאַנצער צייטונגס־מאַטעריאַל (אויך פון דעם וואָכעדיקן נומער) איז געווען צוגעגרייט דורך זייטיקע ליטעראַטור־מענטשן מיט אַ שפּאָר ביסל ישוב־הדעת, הרחבה און ליטעראַרישקייט. דער אימפּעט פונם טאָג, דער קאָך פונם מאָמענט האָט לחלוטין געפעלט אין דער יידישער צייטונג, און אויך דאָס ביסל אַקטועלקייט, דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און כראָניקאַלישע האָט מען גענומען בעיקר פון דער רוסישער פּרעסע. די אַמאָליקע צייטונג איז באמת געווען אַ וואָכנשריפט פונאַנדערגעשלאָגן אויף זעקס טיילן, וואָס מען האָט פונאַנדערגעשיקט אָנשטאָט איין מאָל — זעקס מאָל אין וואָך.

אין יענע צייטן איז דער עיקר דעריבער געווען דער פעליעטאָן, דער „פאָדוואַל״, און די צווייטע זייט — דער מאמר, דער סתם־אַרטיקל. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון דער רעדאַקציע איז טאַקע געווען אויף דעם. לייענט איצט די בריוו פון אונזערע אָנגעזעעסטע שרייבער לייענט די ערינערונגען פון אַמאָל און איר וועט זען, ווי ס׳איז געגאַנגען אַמאָל דער קאַמף צווישן די צייטונגען פאַר שלום עליכם, פאַר ספּעקטאָר, פאַר די איבעריקע ראָמאַנען־און נאָוועלן־שרייבער, זיי זענען געווען דער עיקר־העיקרים פאַר דער צייטונג. האָט עמעצער פאַרטראַכט צו פאַרלייגן אַ נייע צייטונג, איז דאָס ערשטע געגאַנגען אין פאַרקאָנטראַקטירן וואָס־מער וויכטיקע שריפטשטעלער מיט נעמען.

געוויס איז דער ליטעראַרישער ניוואָ פון דער צייטונג דערפון געשטיגן, אָבער איצט זענען אַלע מודה, אַז דאָס איז נישט קיין

צייטונג, אַז אַזאַ צייטונג איז נישט אימשטאַנד געווען צו באַפרידיקן דאָס וויכטיקסטע, וואָס זי באַדאַרף באַפרידיקן — דעם אינפאָרמאַציוון טייל, די אַלגעמיינע אַקטועל־פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן.

אַמאָליקע צייטן איז בכלל דאָס לעבן געווען רויִקער, „סטאַטעטשנער“, און דער לעזער איז נישט געווען אַזוי להוט, אַזוי אַקטיוו אַריינגעצויגן אינם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. מען האָט בכלל געהאַט צייט. די רוסישע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט ביוראָקראַטיש באַדינט די נייגעריקייט פונם לעזער, — און פון ראַדיאָ, צווישן־לענדערישע טעלעפאָנען איז נאָך אַפילו קיין רמז נישט געווען. אַלץ האָט זיך אָפּגעטון אין די הויכע פענסטער פון צאַרישן פעטערבורג, און דער בירגער (און איבערהויפּט דער בירגער פון דער צווייטער־דריטער מדרגה — דער ייד) האָט שווייגנדיק און געהאָרכזאַם געטראָגן דעם עול פונם בירגערטום — און דאָס גאָר. קיין זעלבסטאַקטיווקייט איז כמעט ווי נישט געווען. וואַלן, וואַלן־קאַמף, געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט א. אַז. וו. — דאָס איז געווען פון די גאָר זעלטענע זאַכן.

אָבער אָט דער צושטאַנד ענדערט זיך, און מיט איר — דער כאַראַקטאָר פון דער יידישער צייטונג. אין 1905—1906 קומט אויף די לאָקאַלע יידישע טאָג־פּרעסע אין וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, אַדעס, קיעוו. די „אַקאַדעמישקייט“, די ליטעראַרישקייט פון דער צייטונג ווערט גלייך געמינערט. אין די מיוחסדיקע, אַריסטאָקראַטישע, איידל־אויפגעצויגענע „שפּאַלטן“ פון דער צייטונג רייסט זיך אַריין דאָס האַסטיקע לעבן, די גאַס, דער טומל, די טאָג־געשעענישן. „וואָס הערט זיך אין וואַרשע“ — שטויסט אַרויס דעם בכבודיקן רויִקן מאמר, די כראָניק פאַרפלייצט דאָס שיין־שרייבעריי.

מפונקים האָבן דערביי געקרעכצט, באַדויערט דאָס „פאַלן“ פונם יידישן צייטונגס־וועזן. זיי האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען דעם עצם־מהות פון דער צייטונג, איר כאַראַקטער און איר אָרט אינם אויפקאָכנדיקן לעבן.

און נישט קיין אַנדערער, ווי פרץ האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, ווו ער האָט אָפּגעלאַכט פון די „פּיינשמעקער“. „אַ פינסטערע שרעק — שרייבט ער אָן איראָניש — איז אָנגעפאַלן אויפן ליטעראַרישן געסל. די געלע פּרעסע גייט! דער ערשטער שריט צום שאַנטאַזש איז געמאַכט געוואָרן! מיט אַן אייזערנעם טאַראַן האָט מען אויסגעהאַקט אַ שפּאָרעוודיקע לאָך אין דער פעסטונגס־וואַנט, אונטער וועלכער מען

האָט זיך אַזוי רויק, אַזוי זיכער געפילט"... מען נעמט זיך „פּראָטעס־טירן"... און פרץ זאָגט: „סימן טוב ומזל טוב! דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר אַנטוויקלען זיך, אַז אונזער ליטעראַטור אַנט־וויקלט זיך"...

די צייטונג האָט געמוזט נעמען לעבן מיט איר אייגענעם לעבן, ס'האָט געמוזט אויסוואַקסן די מחיצה צווישן פּרעסע און ליטעראַטור, צווישן צייטונגס־מענטש און דעם ליטעראַטור־שריפטשטעלער.

געווען צייטן, ווען די יידישע צייטונג איז כמעט אינגאַנצן געמאַכט געוואָרן דורך ליטעראַטור־מענטשן, באַלעזנדיקע מענטשן, וואָס האָבן געלייענט די אַנדערע פּרעסע און זי איבערגעגאָסן אין העב־רעיִש אָדער יידיש. אַ היינטיקע צייטונג ווערט געמאַכט דאָס רוב אין דער רעדאַקציע דורך פלינקע צייטונגס־מענטשן, וואָס כאַפּן אַליין אויף דירעקט, אוממיטלבאַר אַלץ, וואָס עס אינטערעסירט. רייסן זיך דעריבער אַריין אין דער צייטונג אויך נייע מענטשן, נישט פון דער ישיבה, נישט פון אוניווערזיטעט־באַנק, נישט פון דעם טיפּ „מושך בשבט סופרים". אין דער מיוחסדיקער אַדעליקער שרייבער־משפחה זענען מיט דער צייט אַריין רעפּאָרטערן, באַריכט־אָפּגעבער, וואָס זיצן שוין נישט קיין „שבעה־נקיים" אויף זייער שרייבן און וואָס בכלל האָבן זיי אָפּט־מאָל אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור, אינם יידישן קולטור־לעבן.

פאַרפאַלן — אַזוי איז דער גורל פון דער טאָג־פּרעסע. זי רייסט זיך צום טאָג און פאַרן טאָג; און ליטעראַטור און בוך ווערן נישט געשאַפן פונם טאָג און פאַרן טאָג.

הערן מיר דעריבער זייער אָפט קלאָגענישן פונם יידישן שריי־בער, פונם יידישן דיכטער, הלמאי די טאָג־פּרעסע מיידט אים אויס, הלמאי זי לאָזט אים קינסטלעריש און דיכטעריש נישט אויסצולעבן זיך אין דער פּרעסע...

אָבער דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיקן פּרט: די פּרעסע עסט־אויף דאָס בוך, זי ציט צו זיך נישט־נאָר דעם לעזער, וואָס זוכט אין דער צייטונג אינפאָרמאַציע, טאָג־כראָניק, נאָר פאַר פיל־פיל איז די צייטונג דער איינציקער מקור פאַר לייען־שטאָף און אויך פאַר לער־נען און וויסן.

די צייטונג האָט ביי פיל לייענער אַרויסגעשטויסן דאָס ביכל, די בראָשור, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך באַנוצן. די צייטונג האָט

כמעט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן דאָס פּאַרצייטיקע יידישע מעשה־ביכל, וואָס איז אַמאָל אין די טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייט געוואָרן, און וואָס איז אין די ערבי־שבתות געגעבן געוואָרן דורך די „פּאַקן־טרעגער" צום „אויסלייענען". יענע ביכלעך זענען כמעט ווי נישט בנמצא איצט. די פּרייטיק־נומערן פון די יידישע טאָג־בלעטער פאַר־בייטן זיי, און מיט פיל מער דערפאָלג.

און איך ווייס נישט, צי האָבן מיר דערויף וואָס צו באַקלאָגן זיך. אַלע וועלן מודה זיין, אַז די פרייטיק־נומערן פון דער יידישער פּרעסע שטייען אָן אַ שיעור העכער, קולטורעלער, ווי יענע „פּאַקן־טרעגער"־ליטעראַטור.

ס'איז אַ פאַקט: דאָס קליינע ביכל, דאָס בראָשורל איז אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען אויף אונזער ביכער־מאַרק. די יידישע פּרעסע האָט זיי אינגאַנצן אומגעבראַכט.

2

די פּרעסע האָט צו דערפילן אַ ריי פונקציעס, וואָס ליגן נישט אויפן שטח פון ליטעראַטור און בוך. דערפון אָבער איז נישט געדרונגען, אַז די פּרעסע דאַרף און מוז אויסמיידן ליטעראַטור, אַז אין איר אינטערעסן ליגט צו ווייכן פון ליטעראַטור.

ליידער אָבער האָט זיך ביי אַ טייל צייטונגען און ביי זייערע אָנפירער און טאָן־געבער איינגעבילדעט די זיכערקייט, אַז ליטעראַטור איז פאַר דער צייטונג אַ באַגרעבעניש, און דעריבער מוז מען ליטע־ראַטור אויסראָטן, און ליטעראַטור און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו ליטעראַטור, איז „לא יזכר ולא יפקד" אין דער צייטונג.

עס איז אָבער אַ מיינונג פון באַגרענעצטע מענטשן, וואָס זענען קורצזיכטיק און קענען נישט דעם לייענער און דערהויפּט דעם יידישן לייענער.

ליטעראַטור פאַרנעמט אינם לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אינם לעבן פונם יידישן מענטש — דעם פּשוטן, דעם ווייניק־גע־בילדעטן און אויך דעם אינטעליגענטן, — אַ פיל גרעסערן אָרט, ווי מ'שטעלט זיך פאָר. ליטעראַטור באַגלייט דעם ייד פון זיין פריער קינדהייט ביזן טיפן עלטער אַריין. מעג ער נישט זיין קיין „קורא־ותיק", איז ער אָבער זייער אָפט איבערגעגעבן אין רשות פון ביכער,

ביכלעך און מעשה־ביכלעך. און לייענט ער נישט בכּובד־ראש, שטו־דירט ער נישט קיין ווערק, כאַפּט ער דאָך אַ בליק אין אַ ספור־המעשה, לייגט ער צו אַן אויער, ווען עמעץ לייענט, און איז יעדנפאַלס דור־שטיק און להוט נאָך אַ בוך, אַ ביכעלע, וואָס טראָגט אים אַריבער אין אַנדערע פיינערע, העכערע עולמות. פאַר יידן, וואָס פאַרמאָגן נאָך נישט קיין נאָרמאַלן שול־וועזן, וואָס באַקומען נישט קיין סיסטעמאַ־טישע אויסבילדונג, איז דאָס בוך, די ליטעראַטור פיל מער, ווי סתם־ליטעראַטור. דאָס אַלגעמיינע אַרומיקע לעבן שטעלט נישט צו דעם יידן אין זיינע ימים־טובים די פייערלעכע אויסערלעכקייטן, די פאָלקס־פאַרוויילונגען, ווו דער ייד זאָל קאָנען זיך אויסלעבן. די ליטעראַטור איז דעריבער פאַר אים אי די שולע, אי פאָלקס־אוניווערסיטעט, אי די נאַציאָנאַלע היים,—ווו וויסנשאַפט, קולטור און נשמה־יתירה־שטימונגען זענען געאייניקט. טעאַטער האָט זיינע באַשטימטע שעהן, דערצו איז עס פאַרבינדן מיט גרעסערע הוצאות. ליטעראַטור קאָן דער לעזער אויסקלויבן לויט זיין ווילן און שטימונג, ער קאָן דאָס בוך אויך פאַר־לייענען פאַרן ווייב, פאַר די קינדער, פאַר די געסט. דאָס בוך קאָן ער נאָכאַמאָל אַדורכליינען, ער זאָל עס בעסער אויפנעמען, בעסער פאַרשטיין.

אויך דער מאַסן־לעזער פאָדערט פון זיין צייטונג אַ ווינקעלע פאַר ליטעראַטור. דאָס ווינקעלע איז אים ליב און טייער. אויף די כראָניקעס, נייעסן, אויף די דעפעשן און אינפאָרמאַציעס טוט ער אַ וואָרף אַ בליק; ער שפּרינגט איבער פון איינס צום צווייטן, שלינגט זיי בינו־לבינו צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער. די ליטעראַטור פון דער צייטונג לייענט ער מיט ישוב־הדעת, מיט חשבון, ער האַלט קאָפּ, ווו ער האָט פריער איבערגעלאָזט און פירט דעם ספור־המעשה ווייטער. די ליטעראַטור אין דער צייטונג איז ביי אים אַ שטיק אָפּרו, אַ שטיק יום־טוב אין דער הו־האַ־סביבה פון די צייטונגס־ידיעות. צוליב דער ליטעראַטור, צוליב דעם ראָמאַן זאַמלט ער די נומערן, עס לייעט זיי אויך זיין שכן, ער שמועסט זיך אַדורך וועגן דעם מיט זיינע בני־בית.

ליטעראַטור אין דער צייטונג איז אַ וויכטיקע אָפּטיילונג, און ערשט די לעצטע צייט האָט מען עס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

אין אַ ריי גרויסע אייראָפּעישע צייטונגען, וואָס דרוקן זיך אין די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, געפונען מיר צוויי און אַפילו דריי גרעסערע ראָמאַנען מיט המשכים. אויך די אַמעריקאַנער יידישע

צייטונגען דרוקן גלייכצייטיק אַ צוויי־דריי גרויסע המשכים, אַ חוץ, וואָס זיי דרוקן אָפט גרעסערע ערנסטע וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען,— ליטעראַרישע און היסטאָרישע.

דער יידישער שרייבער האָט אַ גרויסן חלק אין דעם פונאַנדערוואַקסן זיך פון דער פרעסע, אין דעם אַריינציען אין דער פרעסע נייע קרייזן און נייע שיכטן לעזער. געווען דאָך צייטן, ווען צוזאַמען מיטן איבערגיין, למשל, פון שלום-עליכמען פון איין צייטונג אין דער צווייטער, זענען מיט אים מיטגעגאַנגען צו דער נייער צייטונג טויזנטער טרייע לעזער. און אויך די לעצטע יאָרן זענען געווען אַזעלכע פאַלן מיט יידישע צייטונגען, ווען זיי האָבן אַריבערבאַקומען אַ שרייבער צוזאַמען מיט „זיינע לעזער".

פאַר אַ טייל לעזער איז די יידישע צייטונג אַ צוגאָב צו אַן אָרטיקער פוילישער אָדער יידישער צייטונג, און דאַן זוכט ער אין דער צייטונג פון צענטר, פון וואַרשע — ערנסטן שטאָף, ובתוכו — אויך דעם ליטעראַרישן פעליעטאָן, דעם גוטן פובליציסטישן אַרטיקל, וואָס ס'פעלט אים אין זיין לאָקאַלער פרעסע.

און חוץ־לזה: דער צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור אויפן יידישן ביכער־מאַרק איז אַזאַ, אַז דער דערציילער, דער נאָוועליסט און ראָמאַנען־שרייבער איז נישט ביכולת אויסצוקומען פון זיין ווערק, בעת עס דערשיינט נאָר אין בוך־פאָרם. דער שרייבער, וואָס איז אָנגעוויזן בלויז אויפן בוך (אין בוך־פאָרם), איז אויף גרויסע צרות. ס'איז גענוג אָנצוווייזן, אַז פון אַ ווערק פון אַ צוואַנציק דרוק־בויגן (אַ 320 זייטן) באַקומט דער שרייבער אַזאַ סכום (ביי דער אויפלאַגע פון 1000 עקז.), וואָס קאָן אים קלעקן קוים אויף אַ חודש־צייט לעבן, בעת אויפן אָנצושרייבן אַזאַ ווערק האָט דער שרייבער פאַרבראַכט אַמאָל אַ יאָר און צוויי און מער. גליקלעך איז דעריבער דער שרייבער, וואָס האָט די מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן דעם ראָמאַן אין דער צייטונג. און ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז ווען נישט די צייטונג, וואָלטן פיל־פיל וויכטיקסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור כלל נישט אָנגעשריבן געוואָרן. לאָמיר נאָר דערמאָנען אַזעלכע ווערק, ווי שלום־עלכמס „פונם יאַריד", „מאָטל פייסי דעם חזנס", פרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", שלום־אַשס „מאָטקע גנב", „קדוש־השם", כשופּמאַכערין פון קאַסטיליען", י. אָפּאַטאָשוס „אין פוילישע וועלדער", „1863", אַ ריי ווערק פון בערגעלסאָן, ראַבאָי, נאַדיר, און נאָך און נאָך.

די פרעסע האָט אָבער אַ צווייטע אויפגאַבע לגבי ליטעראַטור און אויך זייער אַ וויכטיקע: זי דאַרף אינפאָרמירן דעם יידישן לעזער וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין דער ליטעראַטור.

געווען צייטן, ווען מיר האָבן פאַרמאָגט אַ באַגרענעצטע צאָל יידישע ביכער. איצט האַלטן מיר שוין ביי טויזנטער און טויזנטער ביכער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. יאָר־יערלעך ווערן אַרויסגעגעבן אין פאַרשיידענע לענדער הונדערטער ביכער און ביכלעך. ס'דערשיינען אויך פיל צענדליקער איבערזעצונגען פון פאַרשיידענע שפּראַכן, איבערזעצונגען פון שרייבער, וועלכע זענען דעם לעזער ווייניק אָדער אינגאַנצן אומבאַקאַנט. און נישט־נאָר דער דורכשניטלעכער לעזער, אויך דער אינטעליגענטער שטייט אומבאַהאָלפן פאַר דער גרויסע שפע ביכער און ער וואַרט אויף אָנווייזונגען, אויף אינפאָרמאַציע, אויף אַ וועג־ווייזער. אויב מיר האָבן איצט ווייניק קויפער אויף אַ יידישן בוך (פריער פון אַלץ—צוליב דער עקאָנאָמיש־געדריקטער לאַגע), האָבן מיר אָבער אין פוילן צענדליקער־טויזנטער געטרייע יידישע לעזער פונם יידישן בוך, און אָט די יידישע בוך־לעזער זענען ממילא די קולטורעלסטע צייטונגס־לייענער, און אָט דער לעזער קוקט אַרויס און נישטערט יעדעס וואָרט װ ע ג ן ליטעראַטור, װ ע ג ן בוך, װ ע ג ן שרייבער.

דער חוב פון דער צייטונג איז צו באַדינען די קולטור־באַדערפענישן פון אָט די לעזער, פאַרלייכטערן זיי דעם וועג צום גוטן בוך, האַלטן זיי אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם, וואָס ס'טוט זיך אין דער ליטעראַרישער און קודם־כל אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. פאַר דער צייטונג איז עס נישט קיין ערגערער צייטונגס־מאַטעריאַל, ווי פיל־פיל אַנדערער שטאָף, וועלכן מ'שענקט פיל אָרט ביד רחבה.

ליטעראַטור איז אַ וועלט, אַ רייכע וועלט. און דער לעזער, וואָס איז איצט נישט אימשטאַנד צו לייענען אַפילו אַ קליינעם טייל פון דעם, וואָס ס'דערשיינט, וויל דאָך וויסן, וואָס ס'טוט זיך אין אָט דער ליטעראַרישער וועלט, וועלכע אידייען, פּראָבלעמען, לעבנס־דערפאַרונגען ווערן אין די נייעסטע ביכער באַהאַנדלט, געשילדערט.

און לסוף:

די פרעסע קאָן, איז בכוח און איז מחויב מיטצוהעלפן צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך, אין וועלכן איר לעזער נויטיקט זיך און קאָן אָן דער צייטונג נישט דערגרייכן. אין דער היינטיקער האָט די

יידישע פּרעסע פיל אויפגעטון — און זאָל מען אָט די טראַדיציע פון פאַרשפּרייטן יידישע ווערק ווייטער ציען. דער „פריינד" האָט אַמאָל פונאַנדערגעגעבן אַלס פּרעמיע פּרצעס שריפטן, פרוגס יידישע ווערק, אויך אַנדערע צייטונגען האָבן שוין פיל מאָל געגעבן ביכער-פּרעמיעס, וועלכע זענען זיך צעגאַנגען אין טויזנטער עקז. צוליב דעם באַגרענעצטן טיראַזש פונם יידישן בוך, זענען דאָ אויף דעם בוך ווייניק קויפער, צוליב די ווייניק קויפער איז דער פּריז אַ הויכער און אַזוי ווייטער,— אַ פאַרכשופטער קרייז, וואָס פּענטעט דעם יידישן פאַרלאַגס-וועזן. ווען די צייטונג אָבער פאַרשפּרייט דאָס בוך צווישן אירע לעזער, דער־גרייכט עס אין די טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אַזוי אַרום איז מעגלעך צו שטעלן אויפן בוך אַ דריטל און אַ פערטל פונם נאָרמאַלן פּרייז, און דער לעזער איז ביכולת פאַר אַ נישטיקן פּרייז צו באַקומען גוטע ביכער.

דערצו קומט צו נאָך אַ מאָמענט: דער יידישער בוכהאַנדל איז צוליב פיל סבות שלעכט אַוועקגעשטעלט, אין פיל-פיל יידישע ישובים זענען גאָר קיין יידישע בוכהענדלער נישטאָ, דער צייטונגס־לעזער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, ווי אַרום באַקומט מען אַ „יידיש־וואָרט". די צייטונג פאַרגרינגערט אַזוי אַרום דעם וועג פונם פאַרלע־גער צום געברויכער.

בקצור:

די יידישע פּרעסע איז מחויב צו זאָרגן פאַרן יידישן בוך. עס ליגט אין אירע אייגענע אינטערעסן. דערמיט אַליין פאַרשטאַרקט זי אירע אייגענע פּאָזיציעס.

1927

דאָס פּראָבלעם פון איבערזעצונגען

איז די ייִדישע קריטיק אַכזריותדיק?

מען האָט איצט באַקומען די געלעגנהייט בכתב ובעל־פה (און מער, פאַרשטייט זיך, בעל־פה!) צו באַשולדיקן די ייִדישע קריטיק אין כל־ערליי פאַרברעכנס:

מען פאַרזעצט, מען פאַרשווייגט, מען נעמט נישט אויף, מען דערשאַצט נישט, מען איז נישט אויפריכטיק און אַז. וו.

עס טוען עס מיט אַ פרום־אַנגעצויגענער מינע די געטראָפענע און געשלאָגענע, די אומצופרידענע און ווייניק־דערשאַצטע דורך דער ייִדישער קריטיק.

מען רייסט צופיל אַראָפּ — טענהט איינער אַ שריפטשטעלער (און גראָד איז ער אַליין אָפּט אַן „אוחז בשבט קריטיק״ און אַ מומחה אַ „רייסער״!),—מען האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דאָס אייגנטימלעכע, אָריגינעלע, ציטערדיקע!

זענען אָט די פאָרווורפן לגבי דער ייִדישער קריטיק גערעכטע? האָט טאַקע די ייִדישע קריטיק ווייניק־אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט בנוגע די וויכטיקערע דערשיינונגען אין אונזער ליטעראַרישער וועלט?

ס'איז פאַראַן אַ ייִדישע שוואַכקייט: זיין אַ בשורה־אַנזאָגער, אַ וואַרע־מאַכער. און נישט צום פאַרזינדיקן: אָט די שוואַכקייט האָבן מיר איבערגענומען און ווענדן אָן ביי אונזערע ליטעראַרישע אָנגעלעגנהייטן...

ס'איז געווען ביי אונז אַמאָל אַ מנהג צו קלויבן אַליין הסכמות צו אַ ספר, וואָס מ'גיט אַוועק „תחת מכבש הדפוס״. אָט די הסכמות פון גאונים האָבן דערנאָך באַשיינט דעם ספר: „הנה כפי ס'איז געקומען צו מיר דער און דער און דערלאַנגט מיר די פרוכטן פון זיין געפלאַנצטן בוים, האָב איך פאַרזוכט און זיי זענען געווען זיס צו מיין גומען א. אַז. וו.״ זאָל אונז צו קיין חרפה נישט זיין, — עס דערשיינען דאָך ביי אונז אויך איצט אַזוי אָפּט ביכער מיט הסכמות (אין וואַרשע האָבן מיר אַפילו אַ ספעציעלן „פאָרוואָרט״־שרייבער —

אומנתו בכך!) און בכלל: עס איז שוין דאָך אַן אָנגענומענע זאַך ביי אַ טייל מחברים: זיי „ליגן זיך אַריין אין דעם", אַז די הסכמות־רעצענזיעס זאָלן געשריבן און געדרוקט ווערן, מען איז דאָך שוין נישט אַזוי נאַיִוו־תמימותדיק, מען איז דאָך איצט „תובע בפה"!...

און ווער איז איצט, סוף כל סוף, דער רוב מנין און בנין פון קריטיקער?

קיין קריטיקער־דינאַסטיע איז שוין איצט נישטאָ. אויך אָט־די „פריווילעגיע" האָט מען אין אונזערע צייטן אַוועקגענומען. און ס'זענען שוין, ברוך השם, נישטאָ קיין הערן און קיין קנעכט, קיין הערשער און קיין באַהערשטע.

יעדער יידישער דיכטער און בעלעטריסט (און צי דען נאָר ביי אונז?) איז שוין אַליין געפרוווט געוואָרן מיט דער מחלה־קריטיק. ער גיט זיך שוין אַן עצה. און ער קאָן די מלאכה פון אַריינזאָגן נישט ערגער ווי דער „פּראָפעסיאָנעלער" קריטיקער. און געווען דאָך שוין פאַלן, ווען די בעלעטריסטן האָבן אויך אין זייערע בעלעטריסטישע ווערק אַריינגעפירט גאַנצע שטיקער „קריטיק" קעגן קריטיקער. און ס'איז דאָך אויך אַ דבר ידוע, אַז גראָד די דיכטער, וועלכע פאַרקאַשערן די אַרבל און נעמען זיך צו דער „אומריינער" מלאכה פון קריטיקירן, פאַרלירן זיי דעם גלייכגעוויכט. און נעמען זיי אַ שרייבער אָדער אַ ווערק אויפן דיכטערישן צימבל (ביי זיי איז עס נישט ק ר י ט י ק — נאָר ד י כ ט ו נ ג), איז יענער חיות נישט זיכער.

מישט אַדורך די פאַרשיידענע צייטשריפטן און זאַמלביכער און זעט, ווען ס'האָט געהאַט פאַרשטענדניש פאַר אַ שרייבער, פאַר אַ ווערק און איז צוגעגאַנגען מיט יראת הכבוד, און ווער ס'האָט שטאַרק געטאַדלט און איז געווען אומברחמנותדיק און אכזריותדיק? צער־בעל־חיימניקעס וועט איר צווישן די דיכטער ווייניקער געפינען, ווי צווישן די „בייזע" אומברחמנותדיקע קריטיקער. דער קריטיקער איז דאָך מער אָביעקטיוו, ער געפינט נייטראַלערע ווערטער, און דער דיכטער־בעלעטריסט, ווען ער נעמט זיך צו דער מלאכה פון קריטיק, זעצט ער מיטן האַק איבערן קאָפּ. ע ר מעג דאָך, ע ר איז דאָך נישט קיין קריטיקער.

און ווען נישט־באַמערקן, נישט־פאַרזען.
עס איז לחלוטין פאַלש!

מיר זענען אַזוי אָרעם, אונזער משפחה איז אַזוי קליין, אַז

יעדער קליינער געווינס — איז אַ געשעעניש, און יעדער צוגעקומענער משפחה-מיטגליד איז אַן אָנגעלעגטער גאַסט. די שמחה און פרייד מיט יעדן נייעם, וואָס האָט עפּעס-וואָס אַריינגעבראַכט, אָט דער געהויבענער קבלת-פּנים ברענגט אַרויף אויף טרויעריקע געדאַנקען און שטרייכט אונטער אונזער דלות, אונזער באַפרידיקונג מיט קלייניקייטן, אונזער להוטקייט נאָך ניי-צוגעקומענע. דעריבער זענען אויף אונזער ליטע-ראַרישן פּראָנט דאָ פיל מינדעריקע און שוין לאַנג-אויסגעדינטע...

די יידישע קריטיק איז געווען אַ לאַנגע צייט אַפּאָלאָגעטיש, זי האָט געלויבט אין טאָג אַריין. מען האָט אין איין תקופה געוואָלט אויפגעריכט ווערן מיט אַן אייגענער ליטעראַטור, ווערן צו לייטן גלייך, האָט מען געטיילט כּיבודים, אָרדענס, מען האָט אָנגעטון קרוינען, מען האָט געשאַפן אייגענע יידישע היינעס, דאָסטאָיעווסקיס, פּושקינס, טשעכאָווס, איבסענס, מעטערלינקס. בלעטערט אַדורך די צייטונגען, צייטשריפטן און זאַמלביכער פאַר די לעצטע 10—20 יאָר, וועט איר זיך אָנטרעפן אויף פיל באַגייסטערטע לויב-געזאַנגען מצד דער „אַכזריות-דיקער" יידישער קריטיק בנוגע צו שרייבער און ווערק, וואָס זייער געדעכעניש איז שוין כּמעט נישטאָ אין אונזער ליטעראַטור, אָדער איר וועט אַרויסלייענען אַזעלכע איבערגעטריבענע אָפּשאַצונגען וועגן שרייבער, אַז דער שרייבער גופא וועט רויט ווערן פאַר בושה.

לעצטנס איז צוגעקומען דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם. יעדעס לאַנד געפינט פאַר איר חוב צו הייבן אין הימל אַריין, צו לערנען פּרדס (פּשט, רמז, דרוש, סוד) וועגן די היימישע אייגענע שאַפונגען, ווייל אַזוי אַרום פאַרשטאַרקט מען די פּאָזיציעס פון דעם לאַנד, מען דער-ווייזט דעם שאַפונגס-דראַנג ביי די געגעבענע פּאָליטישע באַדינגונגען און דעם מזל-ברכה פון דער נייער קינסטלערישער אָריענטאַציע, און קיין גוזמא, קיין איבערגעטריבענע שבחים פעלן נישט!

פאַקטן צו דעם אַלעמען? באַווייזן? עס איז גענוג באַוווסט.

אויב ס'איז פאַראַן אין וואָס צו באַשולדיקן די יידישע קריטיק, — איז גראָד אין דעם היפּוך: נישט אינם נישט-דערשאַצן, נאָר אינם אויפ-בלאָזן ווערק און שרייבער, וואָס זייער ווערט איז קליין און נישטיק.

דאָס איז איר חטא. און דערפאַר איז זי ווערט באַשטראָפט צו ווערן.

1927

דאָס קאָלעקטיווע זאַמלבוך

(צום דערשיינען פון די „וואַרשעווער שריפטן״)

ווען מען לעבט מיט מענטשן אָדער מיט דערשיינונגען כסדר, טאָג־איין טאָג־אויס, איז שווער צו דערקענען אין זיי די טיפע ענדערונגען, וואָס עס זענען פאָרגעקומען ביי זיי אין לויף פון יאָרן. דער כסדרדיקער וווקס און אָנוווקס לאָזט זיך ערשט פילן אין אַ באַשטימטער פערספעקטיוו. מיר וואַקסן אָן אויפהער צוזאַמען מיט די ניי־באַנייטע פאָרמען און באַדינגונגען, ווי דער דור־המדבר אַמאָל מיט זיינע קליידער... ווייל מען אָבער דערזען און דערפילן די דיסטאַנץ, דעם מהלך, וואָס מ׳איז אַדורכגעגאַנגען, דאַרף מען פאַרגלייכן דעם אַמאָל און דעם איצט: לייגט מען אַוועק אַ יוגנט־פאָטאָגראַפיע און דאָס בילד פונם דערוואַקסענעם, און מען זעט באַשיינפערלעך די עוואָלוציע, די ענדערונג.

ס׳איז איצט אין דעם פאַל נישט וויכטיק, צי די אָדער יענע זאַך אין פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק״ (1891) איז גוט אָדער שלעכט, צי די אָדער יענע לידער און נאָוועלן פון די „וואַרשעווער שריפטן״ זענען בעסער אָדער ערגער, דאָס איז אַן אַנדער ענין. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם אינגאַנצן — וועגן פאַרנעם, וועגן דער אַטמאָספער פון ד אַ ן און פון א י צ ט. און אָט, — ווען מען פאַרגלייכט די ע ר ש ט ע זאַמלביכער און דעם א י צ ט י ק ן, זעט מען, ווי ווייט מען איז אַוועק, ווי געוואַלטיק גרויס עס זענען די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אונזער ליטעראַטור און קולטור־לעבן פאַר די קנאַפּע פיר צענטליק יאָר.

מען האָט זיך שוין אַזוי צוזאַמענגעלעבט און צונויפגעוואַקסן ביי אונז מיט דער יידישער פּרעסע, מיט די צייטשריפטן, מיט טעאַטער, מיט פּלאַסטישער קונסט, מיטן שול־וועזן, — הכּלל מיט די אַלע קולטור־און ליטעראַטור־אינסטיטוציעס, און מען פאַרגעסט גאָר, אַז זיי ציילן ערשט אַ קנאַפּע 10, 15, 20 יאָר. אין איין פוילן (וואָס

איז עקאָנאָמיש געדריקט און פאַראָרעמט) ציילן מיר איצט אַ 15 טאָג־צייטונגען (גרעסערע, קלענערע, בעסערע, ערגערע), מיט אַ טיראַזש פון איבער 120 טויזנט עקז.; אַ 60 וואָכנבלעטער — פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, ליטעראַריש־קינסטלערישע, יוגנטלעכע, קאָאָפּעראַטיווע, היגיענישע, הומאָריסטישע, מיט אַ טיראַזש פון אַ 100 טויזנט עקז.; מיר פאַרמאָגן יידישע שולן, גימנאַזיעס, אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, אַ לערער־סעמינאַר, טעאַטער־טרופּעס, דראַמאַטישע קרייזן, ביבליאָטעקן, דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, פאַרלאַגן, כלערליי קאָמיטעטן און קרייזן, וואָס זענען פאַרבונדן אַזוי אָדער אַנדערש מיט דער יידישער קולטור. און אַפילו דער פרייער, לויזער (דערווייל ווייט נישט פולקאָמער) אינסטיטוט פון אַ קנאַפּע הונדערט רעפּעראַטן אַ וואָך מיט אַ 40—50 טויזנט צוהערער אויף ליטעראַריש־קולטורעלע טעמעס. דאָס אַלץ איז אַ פיינער קולטור־פאַרמעגן, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורכויס דורך די יידישע אָרעמע און פאַראָרמטע פאָלקס־מאַסן אין פוילן, אָן קיין שום שטיצע פון דער רעגירונג, פון די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען און פון די יידישע קהלות. מיט פיל און פיל פון די אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס קאָן מען נאָך נישט זיין צופרידן. מען קאָן קעגן זיי אויסזעצן פיל חסרונות. אָבער דאָס אַלץ איז דאָך אויפגעוואַקסן אין משך פון עטלעכע געציילטע שווערע יאָרן (און נאָך וואָס פאַר אַ שווערע יאָרן).

פרצעס „יידישע ביבליאָטעק“,— ס'איז נאָך נישטאָ קיין 40 יאָר, ווי זי איז דערשינען,— וואָס האָבן מיר דאַן, אין די יאָרן 1891—1892 אַזן פריער פאַרמאָגט אויפן יידישן קולטור־פראָנט?

געווען אין וואַרשע אַמאָל (אין 1823) אַן אָרעם „יידיש“ וואָכנבלאַט — „דער באָאָבאַכטער אַן דער ווייכסל“, וואָס אַ ייד, אַן אַסימילאַטאָר, האָט אַרויסגעגעבן. אָבער ס'איז געווען מער אַ דייטשמעריש בלעטל מיט יידישע אותיות און מיט קלאָרע כוונות קעגן יידיש (דעמאָלט — נאָך „זשאַרגאָן“).

אויסער דעם „קול־מבשר“ (אַ שטיף־קינד פון העברעישן „המליץ“), וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן אַלכסנדר צעדערבוים אין 1862—1870, האָבן מיר נאָך געהאַט אין וואַרשע אין 1867 אַ בלעטל „וואַרשויער יידישע צייטונג“ פון הלל גלאַטשטערן. און סאַראַ באַציונג צו יידיש ער האָט געהאַט און סאַראַ פאַרשטאַנד צו די אויפגאַבן פון אַ צייטשריפט ער האָט פאַרמאָגט — קענען ווייזן די פּאָר אויסצוגן.

אַ פּשוטער לעזער פון סאַכאַטשאָוו שרייבט צום רעדאַקטאָר:
„איהרע צייטונג איזט איין גאַנץ גוטע זאַך; וואָס מעהר איך לעז, דאָס מעהר פערשטייא איך, דאָס דיא צייטונג איזט איינע זעהר נוצלעכע זאַך. נור איך קען ניט פערשטיין, פאַרוואָס שרייבט איהר נישט פּראָסט יודיש כדבר איש אל רעהו? וואָס טויג מיר דאָס טיף דייטש? איך פערשטייא עס איין ביסל, דיא רעשט גיב איך מיר איין עצה, נור מיין ווייב זאָל לעבן איז אָבער אויך צעקאָווע צו וויסען, וואָס אין דער גאַזעטע געפינדעט זיך, אונד זי פרעגט מיך אַלץ אַזוינס וואָס איך פערשטייא נישט".

און אַ צווייטער לעזער, אַ וואַרשעווער, שרייבט צום רעדאַק־טאָר בזה־הלשון: „מיט דער טענדענץ דער צייטונג בין איך גאַנץ איינפערשטאַנדען, נור דאס איינע האַבע איהנען נאָך צו בעמערקען, דאָס זיא גיטיגסט דיא ריינהייט דער שפּראַכע מעהר בעריקזיכטיגען מעכטען, אונד דאָס אַרטיקלען אין איינעם לייכטען אונד שיינעם ד יי ט ש געפיהרט ווערדען מאַכטען. איינעם יודען קאָן עס דאָך ניכט זאָ שווער זיין די דייטשע שפּראַכע צו פערשטעהען!"

און די רעדאַקציע ענטפערט זיי ביידן: „וואָס די שפּראַכע אַנ־בעלאַנגט, געבען אונס אַללע מיהע יעדעם, זאָגאַר דענען, דיא אין איהרעם לעבען נאָך קיין אַנדערע צייטונג געלעזען האַבען, פערשטענד־ליך צו מאַכען. וויר שרייבען ניכט צו פיעל דייטש אונד ניכט צו זעהר יודיש".

און ס'איז אַזוי באַשערט געווען, אַז דאָס „יידישעס פאָלקס־בלאַט" (1881—1890) זאָל מגולגל ווערן צו אַ מטורף, צו ישראל לעווי, וועלכער האָט אויף דעם מיאוסטן אופן באַשמוצט יידיש אין דער יידישער וואָכנשריפט, וואָס האָט בשעתו קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע יידישע שרייבער פון יענער צייט. אָט שרייבט דער וויל־דער לעווי: „מיר האָבן שוין נישט איין מאָל אָפפען אַרויסגעזאָגט, אַז דער זשאַרגאָן — דאָס איז אַ נגע־צרעת, וואָס פאַרלויפיג מוז מען ליידען פון איהם... מיר האָבען געהערט פון גאַנץ קלוגע, אין אַפילו אמתע פּאַטריאָטען, וועלכע מיינען, אַז דער זשאַרגאָן דאַרף אונז שוין הייליג זיין, ווייל מיר נוטצען שוין איהם זעהר לאַנג, און מיר זענען מיט איהם דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע שול פון צרות; נאָר דאָס איז אָבער ניט ריכטיג: שמוטץ בלייבט שמוטץ אַפילו אַז ס'איז געבליבען אין אַ מקום־קדוש, און עס קאָן קיינמאָל נישט הייליג ווערען... מיר

קענען נאָר פונם טיפסטען הערצען אָפּפען מיט אַ ריינעם ערנסט ווינשען, אַז גאָר בקרב-הימים זאָללען מיר מעהר קיין אַבאָנענטען נישט האָבען, ווייל זיי וועלן שוין קענען לייענען עטוואָס בעסערס. נאָר די עצה, רעכענען מיר אונז מחייב אייך, ליבע לעזערס, צו געבן. היטט אייך אַלליין פון די אַללע שמוטץ, דענן שמוטץ מוז זיך אָני-קלעבן, ווי מען רייבט זיך נאָר אַרום איהם; נאָר פון אייך אַליין איז אָבהענגליך, אַז דער שמוטץ זאָל נישט אַריינקומען אין אייערע צייממערן, און אַנדערע קאָננען אייך דאָס ניט העלפן... דאַכט זיך, איך האָב ניט איינמאָל געזאָגט בפרהסיא, אַז איך האָב פיינד דעם זשאַרגאָן אַ סך ערגער אַלס אַ שפין, אַז איך וואָלט דאַנקען גאָטט, אַז מיין אָרגאַן זאָל אונטערגעהן, ווייל קיינער וועט איהם שוין נישט דאַרפען לעזען".

אָט ביי אַזאַ מין באַציונג צו יידיש האָבן אָנגעהויבן צו דער-שיינען די זאַמלביכער: שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק", מרדכי ספעקטאָרס „הויז פריינד" און פרצעס „יודישע ביבליאָטעק", וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור-געשיכטע.

איז שוין געווען אַ פּאַסיקע סביבה פאַר די זאַמלביכער? איז שוין יענער דור מוכשר געווען אויפצונעמען דאָס נייעס, וואָס די אויסגאַבעס האָבן אַריינגעבראַכט? געוויס נישט! וואָס פאַר אַ תוהו-ובוהו ס'האָט דאַן געהערשט אויף דער יידישער קולטור-גאַס, און ביי וואָס פאַר אַן אומנאַטירלעכע און ממש-לעכערלעכע באַדינגונגען די אַרויסגעבערישע אַרבעט איז דאַן געפירט געוואָרן! פרץ מוז שרייבן העברעישע דערציילונגען אין „הצפירה" פאַר די אַנאָנסן, וואָס ער וויל דאָרט אַדורכזעצן איבער זיינע אויסגאַבן (פרץ איז שוין דאַן געווען העכער פערציק יאָר אַלט און אַ שטיק מפורסם!). זיין העברעישע דערציילונג רייסט מען אינמיטן איבער, ווייל די חסידים זענען אומ-צופרידן מיט איר. פרץ בעט זיך ביי י. דינעזאָנען (אין זיינע בריוו, וואָס ער שיקט אים פון וואַרשע קיין קיעוו), ער זאָל „דאָס נעמלעכע" אויסאַרבעטן ביי צעדערבוימען — צו דרוקן זיינע זאַכן אין „המליץ" פאַר אַנאָנסן. און כדי אַרויסצוגעבן „די יודישע ביבליאָטעק", מוז פרץ איינגיין אויף גרויסע פשרות און געבן אין זיין לייט-אַרטיקל „ביל-דונג" אַזוינע שורות, וואָס זענען קעגן זיין אייגענער איבערצייגונג.

אין די דריי זאַמלביכער נעמען אָנטייל על-פי-רוב איינע און

דיזעלבע שרייבער, — אַזאַ אָרעמקייט האָט דאַן געהערשט אין דעם יידישן ליטעראַרישן וועלט. אויב אין דער אָפּטיילונג בעלעטריסטיק און פּאָעזיע אין פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק". האָבן מיר נאָך גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן—פריער פון אַלץ פון פּרצן גופא (אַ באמתער נס אין יענער צייט), איז אין די איבעריקע אָפּטיילונגען הערשט אַ געוואַלטיקער דלות און אומבאַהאָלפנקייט, וואָס אילוסטרירט די דעמאָלסדיקע יידישע וועלט מיט אירע אינטערעסן, באַגריפן און פאַרנעם. אין דער רובריק „וויסנשאַפטלעכעס" האָבן מיר דער עיקר פּאָפּולער-מעדיצינישע עצות, אין דער רובריק „מוסר" — גלייכווערטלעך פון גמרא. אין דער רובריק „קריטיק" — נאָטיצן וועגן נישטיקע ביכלעך און לוחות, און וועגן קולטור-געזעלשאַפטלעכע פראַגן — איז אָפּגערעדט.

דער איין-און-איינציקער „קולטור-צענטר" דאַן אין וואַרשע איז געווען ערגעץ ביי אַ העברעישן מוכר-ספרים, ווו די „קמח-סולת" פלעגט זיך צונויפטרעפן, וווהין אַ יונגערמאַן אַ משכיל פון פּראָווינץ פלעגט קומען געניסן פון „עץ-הדעת". ביי אָט דעם מוכר-ספרים האָט אויך דער זאַמאָשצער משכיל און „מושך בשבט סופרים" יצחק לייביש פּרץ זיך לכתחילה באַקענט מיט די באַוווסטע העברעישע שרייבער און זיך אויך דערוווסט וועגן דעם, אַז אין קיעוו גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק" דורך איינעם אַ גבירישן יונגערמאַן שלום ראַבינאָוויטש, וועלכן פּרץ (שוין דאַן אַלט 37 יאָר) האָט פאַרטוישט אויף שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און געמיינט, אַז ער, ראַבינאָוויטש, איז דער מחבר פון „פישקע דער קרומער", וואָס קלעמענס יונאָשאַ האָט איבערגעזעצט אין פּויליש. און מ'דאַרף נאָך דערצו צוגעבן, אַז רוסלאַנד איז דאַן געווען כמעט די איינציקע יידיש-טרעגערין, און אַמעריקע האָט ערשט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צייטשריפטן און בלעטער אין יידיש.

און די „וואַרשעווער שריפטן"? אָפּגעזען פון דעם ווערט פון דער אָדער יענער דערציילונג, ליד אָדער אַרטיקל, — אָבער מיר האָבן דאָך דאָ אַ רייכע פילפאַרביקייט, אַן עשירות פון טעמעס. עס זענען דאָ פאַרטראָטן פאָרשטייער פון יידישן טעאַטער, פון יידישע מאָלערײַ. מיר האָבן דאָ אַרבעטן מיט אַן ערנסטן צוגאַנג צו פאַרשיידענע ליטעראַרישע, קולטור-געשיכטלעכע פראַגן, און די „וואַרשעווער שריפטן" זענען דאָך נישט קיין אָאַזיס אין אַ מדבר. פאַראַן דאָך דאָ אַן אַרומרינגלונג פון פאַרשיידענע יידישע קולטור-אינסטיטוציעס, עס איז

דאָך נאָר איין צווייגל אויף דעם רייכן, פעסטן שטאַם. אין די „וואַר-שעווער שריפטן״ זענען דאָך פאַרטראָטן נאָר אַ טייל יידישע שריי-בער פון פוילן, אָדער וואָס שטאַמען פון פוילן. און ס׳איז דאָך דאָ אַ רייכע ליטעראַטור און קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, אין אַמעריקע, און אויך ווערט איצט געטון יידישע קולטור-אַרבעט אין ליטע, רומעניע, אַרגענטינע, קאַנאַדע, און אויך אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך...

די קנאַפע פופציק שרייבער-דיכטער, נאָוועליסטן, עסייאיסטן און ליטעראַטור-פאָרשער, וועלכע זענען פאַרטראָטן אין דעם גרויסן און וואָגיקן זאַמלבוך „וואַרשעווער שריפטן״, קומען פון פאַרשיידענע זייטן און זיי זענען עדות פון אַ פילפאַרביק יידיש לעבן און פון אַ פיל-זייטיקער קאָלעקטיווער קולטור-אַרבעט, וועלכע ווערט געטון ביי אונז. און די אָדער יענע שוואַכערע זאַך אין בוך שוואַכט לחלוטין נישט אָפּ דעם אַלגעמיינעם גרויסן באַטייט פון זאַמלבוך — אינגאַנצן גענו-מען. נישט צוריק מיט צוואָנציק און נישט צוריק מיט צען יאָר זענען מיר געווען בכוח אַרויסצוגעבן דאָ אין פוילן אַזאַ מין קאָלעק-טיוו ווערק.

פרצעס „יידישע ביבליאָטעק״ און „וואַרשעווער שריפטן״, — אינ-גאַנצן אַ צייט פון עטלעכע און דרייסיק יאָר שיידט זיי פונאַנדער,— זעלטן ווער פון די קלענערע פעלקער קאָן באַצייכענען אַזאַ אומגע-הייערע וווקס און אַנטוויקלונג אין זייערע ליטעראַטורן פאַר אָט דער צייט, — ווי מיר יידן.

1927

⁂

דאָס פּראָבלעם פון איבערזעצונגען

אײנס פון די װיכטיקסטע און אָנגעװײטיקסטע איצט פּראָבלעמען אין דער יידישער ליטעראַטור — איז דאָס פּראָבלעם פון איבער־זעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן אויף יידיש.

עס איז נישט־נאָר אַ פּראָבלעם פאַר דעם אַרויסגעבער, פאַר דעם איבערזעצער און רעצענזענט, נאָר מער פון אַלץ און דער עיקר איז עס אַ פּראָבלעם פאַר דעם ברייטן יידישן לעזער־עולם.

װען מיר נעמען אַ פולן קאַטאַלאָג פון יידישע ביכער, טרעפן מיר דאָרט יידישע איבערזעצונגען כמעט פון די װיכטיקסטע װערק פון דער װעלט־ליטעראַטור, — פון דער פריערדיקער, קלאַסישער און אויך איצטיקער, מאָדערנער. און מיר זענען שטאַרק צופרידן און מיר זאָגן זיך: מיר זענען אמתע גבירים, מיר האָבן שוין אַ שטיק װעלט־ליטעראַטור אין יידיש. נעמען מיר אָבער אין האַנט די ביכער גופא, באַקענען מיר זיך נעענטער מיט איין װערק און מיט אַ צװייטן פון די װעלט־קלאַסיקער אין יידיש, זעען מיר, אַז אונזער שמחה איז געװען אַן אומזיסטיקע, אַז מיר זענען אין דעם זין גאָרנישט אַזוי רייך, װי אונז האָט זיך נאָר־װאָס געדוכט. מיר איבערצייגן זיך, אַז פיל־פיל װערק זענען נישט איבערגעזעצט אין יידיש, נאָר ליידער, איבערגעפּירט, צעקאַלעטשעט. עס זענען נישט געלונגענע „פאַרקירצונגען”, „באַאַרבייטונגען”, שלעכטע פאַרזעעענישן, פאַרקריפּלונגען פון יענע גרויסע געניאַלע װערק. דער איבערזעצער (ריכטיקער — דער איבערפירער!) איז אפשר אַ גרויסער „בעל־לשון”, אַן אמתער „שפּראַך־קענער”, נאָר איין קלייניקייט פעלט אים: צװיי שפּראַכן קאָן ער נישט — די שפּראַך, פון װעלכער ער זעצט איבער, און די שפּראַך, אויף װעלכער ער זעצט איבער. װער רעדט שוין װעגן דעם, ער זאָל האָבן אַ באַזונדערע נאָענטקייט צו דעם שרייבער, און ער זאָל זיך קאָנען איינלעבן מיט דעם סטיל, כאַראַקטער, מאַניר און װעלט־באַנעם פונם

קינסטלער, צו וועלכן ער באַדאַרף ווערן אַ שותּף, ווען ער גייט אים איבערשאַפן אין יידיש.

און מער ווי אַלע מאָל איז דאָס פּראָבלעם **איצט** זייער וויכטיק און ערנסט.

די יידישע ליטעראַטור איז שוין זינט יאָרן אַרויסגעוואַקסן פון די אייגענע, ענגע פיר איילן. זי נעמט אַריין אין זיך און מוז אַרייננעמען ווערק און ווערטן פון אַנדערע שפּראַכן, ווייל דער יידישער לעזער, ווי יעדער אַנדערער לעזער, גאַרט צו וויסן די אידעען, פּראָבלעמען, לעבן און געראַנגל פון אַנדערע וועלטן, אויסער דער יידישער. דער שטענדיקער צופלוס פון פרעמדע ווערק אין יידישער איבערזעצונג איז אַזאַ נאַטירלעכער און באַרעכטיקטער ביי אונז, ווי ער איז נאַטירלעך און באַרעכטיקט אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן. דער היינטצייטיקער מענטש איז שוין בכלל נישט אַזוי פאַרשלאָסן אין אייגענע צעלטן, ווי דער אַמאָליקער מענטש. די פּרעסע, קינאָ, ראַדיאָ האָבן בכלל שטאַרק דערנעענטערט די מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער, שפּראַכן און געגענטן. און עס ציען זיך איצט פעדעם פון איין ליטעראַטור צו דער צווייטער, פונם שאַפן פון איין פאָלק צום אַנדערן. אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד, למשל, איז איצט זייער גרויס דער אינטערעס צו דער רוסישער ליטעראַטור, צו דער עלטערער און יינגערער. אַנאַטאָל פראַנס און ראָמען ראָלאַן זענען אין רוסלאַנד און אין פּוילן נישט ווייניקער, אויב נישט מער, באַליבט, ווי אין פראַנקרייך. דער נאָרוועגער קנוט האַמסון ווערט מער געלייענט אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד, ווי אין זיין היים; דזשעק לאָנדאָן, סינקלער לואיס זענען אין אייראָפּע מער באַוווּסט, ווי אין אמעריקע און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אויך דער יידישער לעזער לייענט מיט נייגיר און ליבע די ווערק פון מאַקסים גאָרקי, ראָמען ראָלאַן, אַנאַטאָל פראַנס, קנוט האַמסון, אַנרי באַרביס, אייפּטאָן סינקלער און אַנדערע. דער היינטצייטיקער יידישער לעזער איז אַ וועלטלעכער מענטש און עס אינטערעסירן אים אַלגעמיין־מענטשלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, און ער נעמט דעריבער אויף מיט אַ באַזונדערער פאַראינטערעסירטקייט די יידישע איבערזעצונגען פון די ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס ער קאָן נישט לייענען אין אָריגינאַל.

דאָס גייסטיקע געטאָ, דער גייסטיקער תחום איז פיל פריער אָפּגעשאַפט געוואָרן, איידער דער מאַטעריעלער, דער פיזישער. מעג דער ייד אַפילו לעבן אין זיין אָפּגעשטאַנענעם קליינשטעטל, אין זיין יידישער סביבה, ביי פאַטריאַרכאַלע עלטערן און באַדינגונגען, — דאָך קאָן ער זיך גייסטיק באַהעפטן מיט פרעמד־וועלטיקע גייסטער, און קאָנען זיי, וויסן זיי, און פאַרשטיין זיי. די אַמאָליקע צייטן פון פאַרפרעמדקייט און איזאָלירטקייט פון די יידישע מאַסן פון דער אַרומיקער קולטור־וועלט זענען שוין פון לאַנג אַוועק, און עס קומט פאָר אַ שטאַרקע און רעגעלמעסיקע בלוט־צירקולאַציע פון זיי צו אונז.

מיר געפינען איצט אין די פרעמד־שפּראַכיקע ווערק אַן אויס־דרוק, אַ פאַרקערפּערונג אויך פון אונזערע אייגענע איבערלעבענישן, פרייד און טרויער, באַגייסטערונג און פאַרצווייפלונג. און אָט די ווערק — געשריבן גאָר פון רוסן, דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער — זענען אונז, די יידישע לייענער, באַזונדערס נאָענט און אינטים, ווייל עס זענען אויך שטיקער פון אונזער אייגענעם לעבן, פון אונזער אייגענער ווירקלעכקייט.

מיר האָבן נאָך צוריק מיט אַ יאָר צוואָנציק — פינף־און־צוואָנציק געהאַט אַ גלענצענדן ביישפּיל: מיר האָבן דאַן איבערגעלעבט אין רוס־לאַנד אַ שווערע, האָפנונגסלאָזע צייט. אָט די שווערע צייט האָט אַזוי מייסטעריש פאַרקערפּערט אין זיינע טאַלענטפולע ווערק דער רוסישער שריפטשטעלער א. פּ. טשעכאָוו, און אָט די טשעכאָוו־ווערק זענען דעריבער דעם יידישן לעזער אַזוי נאָענט, אַזוי טייער און אַזוי אינטים געווען. און דאָס זעלבע איז געווען מיט גאָרקיס, אַנדרעיעווס, קופּרינס ווערק, אין וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן אויך דאָס יידישע לעבן, יידישע איבערלעבענישן, הגם קיין יידישע טיפּן, קיין יידישע געשטאַלטן זענען אין אָט די עכט־רוסישע ווערק ספּעציעל נישט אַרויסגעפירט געוואָרן. און זענען דען די פאַרשיידענע מלחמה־ און נאָך־מלחמה־ווערק, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע פון אַנרי באַרבוס, סינקלער לואיס, גאַלסוואָרטי, ראָמען ראָלאַן, טאָמאַס מאַן און אַנדערע נישט געווען אין פיל פאַלן אויך דער אויסדרוק פון אונזערע ווייען און צאַפּלענישן? דער מלחמה־שרעק, דער קריג־אומזין, די נאָך מלחמה־פאַרווילדקייט, וועלכע ווערן געשילדערט אין די ווערק

פון די בעסטע מאָדערנסטע וועלט-שרייבער, זענען אין גלייכער מאָס אינטערעסאַנט פאַר דעם יידישן מענטש, ווי פאַר דעם דייטש, פראַנצויז, איטאַליענער, ענגלענדער און פּאָליאַק.

די איבערזעצונגען פון פרעמדע ליטעראַטורן ווערן דעריבער שטאַרק געלייענט דורך דעם יידישן לייענער. די פאַרשיידענע באַריכטן פון די אַרבעטער-און פאָלקס-ביבליאָטעקן באַשטעטיקן, אַז די איבערגעזעצטע ווערק ווערן שטאַרק געפאָדערט דורך די יידישע לעזער, אָפטמאָל אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי די אָריגינעל-יידישע ווערק.

דאָס באַווייזט, אַז די פראַגע פון איבערזעצן פרעמדע פלאַנצונגען אויף אונזער אייגענעם יידישן ליטעראַרישן באָדן איז איצט אַן אויסערסט ערנסטע. שוין צייט דעריבער, מיר זאָלן אַרויסשטעלן ערנסטע פאָדערונגען און זאָלן זיך באַציען מיט מער אויפמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אָט דעם געביט.

לײדער, הערשט דאָ ביי אונז אַ פולשטענדיקע הפקרות. די איבערזעצונגס-אַרבעט ווערט ביי אונז געמאַכט אָן שום פּלאַן, אָן קיין סיסטעם, אָן קיין שום קאָנטראָל, און דאָס רוב — דורך מענטשן, וואָס זענען צו דעם כלל נישט באַרופן.

מען איז אַלץ געוווינט ביי אונז צו פרייען זיך מיט יעדער נייער איבערזעצונג און טייטלען מיט די פינגער: אָט זעט, אויך ד אָ ס ווערק האָבן מיר שוין אין יידיש! אָבער אַזאַ מין פרייד מיט יעדן ניי-צוגעקומענעם יידישן בוך און ביכל מוז שוין איצט באַקעמפט ווערן. גענוג שוין מיט אַזעלכע קבצנישע סענטימענטן! מיר זענען שוין איבערגעוואַקסן יענעם פעריאָד פון „גאָרנישט האָבן", אַז דאָס דערשיינען אַליין פון אַ יידישן בוך זאָל אָנפילן אונזער האַרץ מיט פרייד און באַפרידיקונג. מיר פאַרמאָגן שוין אַ שיינע פאַר טויזנט ביכער, און קאָנען זיך שוין פאַרגינען צו זיין מער איבערקלייבעריש, און אַרויסשטעלן גרעסערע פאָדערונגען צו דעם איבערזעצער. נישט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע אָרעמס באַדאַרפן מיר אויפנעמען יעדעס ווערק, וואָס ווערט אונז געבראַכט, נאָר מיר מוזן פאַרלאַנגען פון יעדן איבערזעצער, וואָס נעמט זיך צו דער איידעלער און שווערער מלאכה פון איבערזעצן, ער זאָל פאַרמאָגן וויסן, שפּראַך-קענטניש, וואָס פאָדערט זיך ביים אַריבערטראָגן פרעמדע ווערק אין יידיש. און

מיר מוזן טרייבן יעדן פּאַרטאַטש-איבערזעצער, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער יידישער ליטעראַטור און פאַרנעמט זיך מיט שלעכטער איבערזעצונגס-אַרבעט.

אַן איבערזעצער אַ טויגעניכטס איז פיל ערגער און שעדלעכער, ווי אַן אָריגינאַל-שרייבער אַ טויגעניכטס. מיט אַ טאַלענטלאָזן שרייבער קעמפט דער לעזער אַליין, ער איז צו אים און צו זיינע ווערק גלייכגילטיק, ער וויל אים נישט קאָנען און באַמערקט אים אַפילו נישט. די טאַלענטלאָזיקייט און די נישטיקייט פון אַזאַ מין גראַפאָמאַן לאָזט זיך גלייך פילן. אַנדערש איז מיט דעם טאַלענטלאָזן, נישטיקן איבערזעצער, — ער איז געפערלעכער און שעדלעכער, ווייל ער באַהאַלט זיך הינטער די ברייטע און פעסטע פּלייצעס פון דעם גרויסן שרייבער, מיט וועלכן ער ווערט אַ „פּאַן-בראַט". פּאַר דעם איבערזעצער גייט, נעבעך, דער שרייבער, —אָפּטמאָל גאָר פון די געניאַלסטע וועלט-קינסטלער — און מאַכט אים רעקלאַמע. דער נאָמען פון דעם באַרימטן שרייבער לאָקט צו זיך דעם לעזער, עס ווילט זיך לייענען דאָס ווערק, וואָס מ'האָט שוין וועגן דעם פיל געהערט, אָבער דאָ אינמיטן האָט זיך אַריינגעדרייט אַ פאַרמיטלער (דער שלעכטער איבערזעצער), וואָס איז נישט דערוואַקסן צום קינסטלער און צו זיין ווערק און איז גאָרנישט אימשטאַנד מיט זיין צעקאַליעטשעטער שפּראַך איבערצוגעבן די שפע, די רייכקייט, דעם סטיל, די אַלע פיינע און צאַרטע ניואַנסן, וואָס דאָס ווערק אין אָריגינאַל פאַרמאָגט.

אין די רייכע ליטעראַטורן פאַרגינט מען זיך צו האָבן פון אַ גוט קלאַסיש ווערק עטלעכע איבערזעצונגען. און דער בעסערער לעזער ווייסט שוין צו זוכן די בעסערע איבערזעצונג ביים בעסערן אַרויסגעבער. אָבער ביי אונזער אָרעמקייט און באַגרענעצטקייט פונם ביכערקויפער פאַרהאַקט אַ שלעכטע איבערזעצונג דעם וועג פאַר אַ בעסערער איבערזעצונג פון דעם זעלבן ווערק. אַזוי אַרום טוט דער שלעכטער איבערזעצער אַ „בערישע טובה" דעם פרעמדן שרייבער און דעם יידישן לייענער. ער פּטרט אָוועק אַ קלאַסיש ווערק און טויט עס אָפּ פאַר דעם יידישן לעזער אויף אַ לאַנגער צייט. ווייל וויבאַלד עס איז שוין דאָ אַן איבערזעצונג פון אַ ווערק (מעג זיין די סאַמע נישטגעראָטענע), וועט שוין אַ יידישער פאַרלעגער נישט גיין אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ווערק אַ צווייט מאָל.

מען קאָן זיך אָנדערציילן גענוג קוריאָזן פון איבערזעצער, מיט וואָס פאַר אַ „געוויסנקייט" און „פאַרשטענדניש" זיי טוען די אַרבעט. גענוג צו דערציילן, אַז ביי אונז אין וואַרשע, למשל, אין האַרץ פון פוילן, האָט מען איבערגעזעצט קלאַסישע פוילישע ווערק נישט פון פויליש, נאָר פון אַ רוסישער איבערזעצונג. פאַרשטייט זיך, אַז די איבערזעצונג פון אַן איבערזעצונג איז געווען ווייט-ווייט נישט קיין גוטע. עס איז באַקאַנט, אַז אַ ריי ווערק פון רוסאָ, וואָלטער, אַנאַטאָל פראַנס, מאָפּאַסאַן מאַכט מען דאָ נישט פון דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל, נאָר פון רוסיש אָדער פויליש אָדער דייטש. איצט זעצט מען שוין איבער רוסישע ווערק פון פויליש. און אַזוי ווייטער. איך בין בטוח, אַז אין אַמעריקע זעצט מען איבער אין יידיש ענגלישע ווערק פון רוסיש אָדער דייטש, און רוסישע ווערק זעצט מען איבער פון ענגליש.

דערצו זענען פאַראַן אין פוילן און אין אַמעריקע זייער פיל איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ספּעציעל פאַר אַ טאָג-צייטונג. אַזאַ מין אַרבעט פלעגט אַמאָל געמאַכט ווערן אויף איין פוס, זייער איילִיק. אָפטמאָל האָט מען די צו-האַרבע ערטער, די לענגערע נאַטור-באַשרייבונגען און שווערערע שמועסן שטאַרק געשטראָכן. און שפּעטער איז געקומען אַ פאַרלעגער און די געקירצטע, געמלאכהטע שטיקער-אַרבעט אַרויסגעגעבן. די צאָל פון די שלעכטע צייטונגס-פאַרקירצונגען פון באַרימטע ווערק איז ביי אונז זייער אַ רייכע.

ביי אונז איז איצט צוגעקומען נאָך אַ פּלאָג: אַזוי ווי דער איבערזעצער קאָן זיך נישט דערוואַרטן, אַז דער פאַרלעגער זאָל קומען צו אים און באַשטעלן ביי אים אַן איבערזעצונג, פאַרלויפט ער אים דעם וועג, זעצט איבער אַ בוך, ווי ער קאָן, אָן קיין שום אויג פון אַ רעדאַקטאָר און זעצט עס אַליין אויס און קומט דערנאָך מיט פאַר-טיקע מאַטריצן צום אַרויסגעבער, ער זאָל עס אַרויסגעבן. דער פאַר-לעגער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון און דרוקט אָפּ די איבערזע-צונג. הגם ער וואָלט לכתחילה בשום-אופן נישט באַשטעלט ביי אָט דעם איבערזעצער קיין בוך. אָט דער מין איבערזעצונגען איז דאָ אין פוילן שטאַרק פאַרשפּרייט.

דער כאַאָס אין די איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש איז זייער גרויס, און די מגפה האַלט ערשט אין צעוואַקסן זיך. ס'איז די העכסטע צייט, אַז דער ליטעראַטן-פאַריין אָדער דער

פען-קלוב זאָלן אָננעמען ראַדיקאַלע מיטלען אָפּצושטעלן די מגפה פון שלעכטע איבערזעצונגען.

מען דאַרף פון די אַלע פאַראַנענע איבערזעצונגען מאַכן א שטרענגען אָפּקלייב, — זען, וועלכע עס זענען גוט און וועלכע עס טויגן נישט. מען דאַרף אַרויסגעבן אַ קאַטאַלאָג פון די גוטע איבערזעצונגען, וועלכע מען מעג אַריינברענגען אין די ביבליאָטעקן. מען דאַרף פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכן „שוואַרצע רשימות" פון די שלעכטע איבערזעצונגען... עס וואָלט אויך געווען אַ פּלאַן צו באַשטימען יערלעכע קאָנקורסן מיט פּרעמיעס פאַר די בעסטע איבערזעצונגען.

אויך די צייטונגען, וואָס געבן אָפּ אָרט פאַר ליטעראַטור, דאַרפן שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און אָרט פאַר דער איבערזעצונגס-ליטעראַטור: די שלעכטע איבערזעצונגען און איבערזעצער שטעמפּלען און באַקעמפן, און די גוטע — לויבן און שטאַרקן.

וואָס-מער אויפמערקזאַמקייט די איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן אויף יידיש!

1927

די פרץ-„רעוויזיע"

I

אין זיינע אַרטיקלען „ווער איז שולדיק: די ליטעראַטור, צי די קריטיק?" — אַ מין ענטפער אויף ישראל שטערנס אַרטיקל „קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק", „ליט. בלעטער", 1927 — האָט משה גראָס בינו-לבינו געכאַפּט און אַראָפּגעריסן די קרוין פון פרצעס קאָפּ.

„אַ רעוויזיע פון פרצעס פאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור— האַלט גראָס — איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פון דער מאָדערנער קריטיק". און דערווייל, ביז יענער גרויסער „רעוויזיע", מאַכט ער צורעכט פרצן און זיין שאַפן ווי אויף אַ שטאַנדגעריכט: קורץ, גיך און שאַרף.

אייגנטלעך וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן צו גראָסן גופא זיינע אייגענע ווערטער, וואָס ער ברענגט אין אַזאַ שפּע, בנוגע צו די „אינטעליגענטישע נודניקעס און כלל-ליטעראַטוערס", וועלכע האָבן „משיג געווען די אַלע בליציקע פעליעטאָניסטישע איינפאַלן, וואָס פרץ האָט געהאַט פאַר זייערטוועגן"; אייגנטלעך וואָלט מען גראָסן געקענט שמייסן מיט די פאַמפלעט-ריטער, וואָס ער גופא האָט צוגעגרייט מיט אַזאַ פולער האַנט פאַר די „גייסטיקע צווישנהענדלער, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט פרצעס שאַפונגען נישט ווי אוממיטלבאַרע קאָנסומענטן, פאַר זייער אייגענעם געניוס וועגן, נאָר ווי ספעקולאַנטן, פאַר יענעמס וועגן", און — וועל איך צוגעבן — מיט שטאַרקע, שטאַרקע צולהכעיס געפילן!

משה גראָס אין זיינע אַרטיקלען איז אַן אמתער קונצנמאַכער (וואָס פרץ, ליבער גראָס, האָט אַזוי גלענצנד און אַזוי קינסטלעריש געשילדערט), — ער ווייזט גאָר פיינע קונצן! ער וואַרפט געשווינד מיט כלערליי סתם-געדאַנקען, ער ציט פון מויל בלישטשענדיקע אַפאָריזמען-לענטעס, רופט אַרויס ווייסע טויבן און גיפטיקע שלאַנגען, — און דאָס אַלץ איז ביי אים נישט געבונדן מיטן ממשותדיקן לעבן, מיט קאָנקרעטער ווירקלעכקייט. ער וואַרפט אַ שנעלן אויבערפלעכלעכן בליק, ער קערט אים אַהין און צוריק, און ווייכט פון קאָנקרעטע נעמען פון

דיכטער און ווערק. נעמען, זעט איר, איז שוין מחייב צו קלאָרקייט. ביי אים איז עפּעס אַ מין „האָקוס-פּאָקוס״; ער רירט אָן אַ געדאַנק און שפּרינגט פון אים תיכף אָפּ, ער זשאָנגלירט אָן אויפהער מיט זיין פלינק-פליסיקער מייסטערהאַפטער שפּראַך, מיט זיינע ווערטלדיקע ווערטער.

אין אָנהויב פונם אַרטיקל, זאָגט משה גראָס, אַגב, אַריין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. און דערביי ווייזט ער אַרויס אַ שפּאָר ביסל ביטול און אַ ספּעציעלן געפיל און ליבע צו פייניקן...

„די גייסטיקע נע-ונדיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור — זאָגט פּ. גראָס — צווישן די גרויסע אידעיִשע מיספאַרשטענדנישן פון דער לעצטער עפּאָכע, איר אינערלעכע פאַרלוירנקייט צווישן אַלערליי אָריגינעלע באַנאַליטעטן, וואָס האָבן זיך אויסגעסטראָיעט מיט נייער בייזער מרה-שחורה און איבערגעשראָקן מיט זייערע מינאָריעס דאָס ריינע דיכטערישע געפיל, נישט געלאָזט קומען די ליטעראַטור צו זיך, צו איר אייגענעם שעפערישן ווילן א. אַז. וו.״.

מ׳קאָן, פאַרשטייט זיך טאַדלען דעם אָדער יענעם דיכטער פאַר זיין פאַרלוירנקייט, פאַר זיין פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, פאַר אָנהענגען אויף זיך געבאָרגטע גלעקלעך, — אָבער סתם אַוועקמאַכן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פון דער לעצטער עפּאָכע, און אַרויפצווינגען אויף איר עפּעס אַ בייזע מרה שחורה, איז באמת נישט מער ווי דרוש לשם דרוש. דאָס יידישע לעבן איז רייך געווען די לעצטע יאָרן מיט די כלערליי שרעקלעכסטע פּלאָגן און פורעניותן, אַלגעמיינע און ספּעציעל-יידישע. דער יידישער דיכטער האָט אַדורכגעמאַכט אַ שווערן פיינפולן לעבן, וואָס האָט זייער אָפּט געהאַט און געמוזט האָבן געמיינזאַמע באַריר-פונקטן מיט דעם נישט-יידישן דיכטער. און דעריבער זענען געווען און געמוזט זיין אויך ביי אונז די פאַרשידענע, ווי גראָס רופט עס אָן, „פּאָעטישע משוגעתן, וואָס מאָדערנע ליטעראַטן האָבן אַלץ געקאָנט אויסטראַכטן״. גראָס מיינט נישט אַנדערש, אַז יעדער יידישער דיכטער, איידער ער איז צוגעטראָטן אָנצושרייבן זיין ליד, האָט אויפגענומען אין זיך אַלע די „וועלט-משוגעתן״ און דערנאָך ערשט גענומען שאַפן זיין געדיכט לויט אַלע כללים פון דער וועלט-דיכטונג און לויט זייער „צלם ודמות״.

גראָס, בעתן אויסטענהן זיך מיט י. שטערן, ווייסט צו זאָגן, אַז „דער דיכטער שאַפט נישט קיין יש מאין, בויט נישט אויף זיין ווערק פון הוריות, נאָר פון גייסטיקע איבערלעבונגען, וואָס סובסטאַנצירן זיין

פאָרם און ווילן". אַ מער, וואָלט משה גראָס זיך אָנגעטון אַ כּוח און געדולדיק אַדורכגעגאַנגען די וועגן און אומוועגן פון דער יידישער ליטעראַטור און דיכטונג פאַר די לעצטע יאָרן, און דאַן וואָלט ער אַרויסגעפינען נישט בלויז „עפּאָכאַלע פאַלשקייטן, פעלערן, פלאַכקייטן, וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין איבערפלוס אין די ריכטונגען פון דער יינגסטער עפּאָכע".

די יידישע דיכטונג האָט אדרבה ואדרבה אַרויסבאַוויזן די לעצטע יאָרן אַ שטאַרקע שעפערישע אינטענסיווקייט און אַן ענגע אַקטיווע פאַרבינדונג מיטן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, זי האָט אין פיל-פיל שאַפונגען בלי-ספק דערגרייכט גאָר-גאָר הויכע קינסטלערישע מדרגות. די יידישע דיכטונג האָט אין די לעצטע יאָרן אין הינזיכט פון פאָרם און אינהאַלט, פון פאַרנעם און בילד ווייט-ווייט אַריבערגעשטיגן די אַלע גרענעצן און מאָסן פון דער אַמאָליקער יידישער דיכטונג, און ס'איז באמת קאָמיש צו רעדן וועגן דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, ווי וועגן עפּעס אַן „אומגליק", ווי וועגן עפּעס אַ טויגעניכטס. ס'איז, דוכט מיר, גענוג אַן אויבערפלעכלעכער פאַרגלייך, ווי די יידישע דיכטונג האָט רעאַגירט און אויפגענומען אַמאָל—די רעוואָלוציע 1905—1906, און איצט—די לעצטע רעוואָלוציע, — כּדי צו זען באַשיינפערלעך דעם געוואַלדיקן מהלך צווישן דער איצטיקער יידישער דיכטונג און דער פריערדיקער. און אויך אונזער פּראָזע. זענען מיר פאַר די לעצטע יאָרן נישט באַרייכערט געוואָרן מיט אַ ריי ווערק, וואָס פאַרטונקלען און פאַרשאָטענען די פריערדיקע ווערק (אויך פון די זעלבע מחברים) מיט זייער הרחבה, מיט זייערע פּראָבלעמען, מיט דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון תּקופות און געשטאַלטן? און אויב דאָ און דאָרט האָבן זיך אַריינגעריסן צעטומלונג, כאַאָטישקייט, צעשויבערטקייט, צעכראַס-טעטקייט — איז עס אַ נאַטירלעכער פועל-יוצא פון דער צעטומלטער תּקופה מיט אירע כאַאָטישע ווילד-געשרייען. און אין דעם איז די נאַטירלעכקייט, די אָרגאַנישקייט פון דער מאָדערנער ליטעראַטור און דיכטונג. און נישט סתם טאַדלען דאַרף מען דערפאַר, נאָר מיטפילן, אַריינדרינגען אין תּוך און פאַרשטיין. —

און משה גראָס, וואָס פאַרשטייט אַזוי גוט, אַז „דורך דעם קריטיקער דאַרפן סיסטעמאַטיזירט ווערן, אַנטוויקלט ווערן אַלע יענע געזעצן פונם קונסט-ווערק, פונם אינדיווידועלן פּרט צום אַלגעמיין-גילטיקן קינסטלערישן כּלל", — וואָלט בעסער מיט זיין פלינקן קאָפּ און שאַרפן

מוח זיך גענומען צו פּאָזיטיווע קריטישע אַרבעטן און קלאָר געמאַכט „דעם גייסטיקן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים דיכטער און פאַרענדיקט אינם ווערק", — און נאָך מער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינם לעבן, אַדורך דורך דעם דיכטער און געזוכט אַנטפּלעקונג דורך דעם דיכטערס ווערק. און דאַן וועט די מאָדערנע יידישע דיכטונג זיין פאַר אים אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אידעען, עמאָציעס, קינסטלערישע בילדער, — און דאַן, גלויב איך, וואָלט ער נישט געווען פון די, וואָס האָבן זיך גענומען אַ מין „פּאָדריאַד" פון אַוועקמאַכן הכל-בכל מיט דער לייכטער האַנט פון פּאָלעמישע איינפאַלן און אָנפאַלן (אמת, גאַנץ-אָפט זייער געלונגענע און טרעפלעכע, אָבער נישט ריכטיקע!) און איבערקערן די „קערה על פיה", ווי זיין שטייגער איז ביז איצט.

II

די אויפגאַבע פונם קריטיקער איז נישט צו זאָגן מבינות, צו פאַרשאַפן בוכהאַלטערישע רשימות פון מעלות און חסרונות, פון שטריכן און שפּורן, אויסצושפּיאָנירן „השפּעות", אָדער גאָר זיך אָנטשעפּן אין דעם דיכטער, און אים מיסברויכן ווי אַן אָביעקט פאַר אייגענע חידושים און חריפות. דאָס איז אין אַלגעמיינעם אַן אַרבעט פאַר יענע אומהיימלעך-פלינקע ליטעראַטור-לומדים, וואָס דאַרפן נאָר אַ וויילע איינקנייטשן דעם טרענירטן שטערן אין זיינע אָנגעגרייטע קנייטשן, וואָס טראַכטן נאָר אַ רגע אַריין און זאָגן באַלד אַרויס, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ „מאָדנע דערשיינונג" א. א. וו.

דאָס איז אויך אַ פראַזע פון משה גראָסן גופא, וועלכע איז ספּעציעל פון אים אַליין צוגעגרייט פאַר זיין „אָנטשעפּן זיך אינם דיכטער (אין פרצן) און אים מיסברויכן ווי אַן אָביעקט פאַר אייגענע חידושים און חריפות".

זאָל מיר משה גראָס מוחל זיין, נאָר מיט זיין עקשנותדיקן מחלל זיין פרצן דערמאָנט ער אַן יענעם ישיבה-בחור, דעם אַפּיקורס, וואָס האָט געגעסן עמעצן אויף צופּיקעניש חלבנע ליכט און דערביי שטאַרק „פּאַטשמאַקעוועט". עס איז אַ באַזונדער מין דבקות, פאַרגלאָצטקייט (אויף דער לינקער זייט!) אין דעם אַראָפּרייסן פרצן און אָנהענגען אויף אים אַזוי פיל אויסטערלישע אויסטראַכטענישן, וואָס זענען אין שאַרפסטער סתירה מיט פרצן, מיט זיין גייסט, מיט זיין גאַנץ וועזן.

ווייל נאָר אויף צו־להכעיס און אויף צופּיקעניש קאָן מען אָנווענדן צו פּרצן אַזעלכע מיני ווערטער, אַז „דער גאַנצער לעבעדיקער אָרגאַניזם פון דער יידישער ליטעראַטור האָט נישט געקאָנט פאַרדייען די אינטע־ליגענטישע מוח־אויסטריקעניש פון זיינע (פּרצעס) ליטעראַרישע הלוואות, די קונציק־געמאַכטע פּאָעטישע סוראָגאַטן, מיט וועלכע ער האָט פאַר־מוטשעט איר געזונטע נאַטירלעכקייט, און אין וועלכע דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אַריינלייגן אַפילו אַ ברעקל גייסטיקע ענערגיע"... און ווייטער: „די יידישע ליטעראַטור האָט צוגלייך געמוזט דערפילן אין פּרצעס שאַפן די שפּיציקייט פון אַ בייזן תלמיד־חכם, אַ נישט־פאַרגינער, וואָס פּשטלט־אויס אַ פּסיכאָלאָגישן כּפתור ופרח א. א. וו.". איז טאַקע משה גראָס לחלוטין נישט באַקאַנט מיט פּרצן, מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין שאַפונגס־וועג, מיט דער אַטמאָספער, אין וועלכער ער האָט כּסדר אין לויף פון עטלעכע און צוואָנציק יאָר געלעבט און געשאַפן? מיט זיינע ערשטע ווערק, מיט „מאָניש", „דער כעלמער מלמד", „ווענוס און שולמית" האָט פּרץ גלייך אויפגעריכט די יידישע ליטע־ראַטור און אַרויפגעשלאָגן זי אויף אַ נייעם, ביז־אים נישט געדאַכטן שעפערישן וועג. „אין פּאָסט־וואַגאָן", „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע" און די צענדליקער רעאַלע און רעאַליסטישע בילדער, נאָוועלן, איינאַקטער — און לסוף די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", די „חסידישע מעשיות",— זיי האָבן עס „פאַרמוטשעט די געזונטע נאַטירלעכקייט פון דעם אָרגאַניזם פון דער יידישער ליטעראַטור?"

עס איז איבעריק צו קומען דאָ און אויסצורעכענען פּרצעס קינסטלערישע מעלות, אָנצוווייזן אויף די גוואַלדיק־גרויסע פאַרדינסטן, וואָס פּרץ און זיין שאַפן האָבן געהאַט און האָבן עד־היום אויף די פאַרשידנסטע געביטן פונם יידישן קולטור־שאַפן. דער חיות פון פּרצן האָט זיך נישט אָפּגעטון פון דעם יידישן שאַפנדיקן גייסט ביז איצט, און זיינע ווערק—קלענערע און גרעסערע—זענען רייכער קינסטלערישער שטאָף אויך פאַר די שאַפער פון טעאַטער, מאָלעריי און מוזיק, וועלכע שטייען אָפּטמאָל גאָר פון דער זייט, — מחוץ דער גאַנצער געפער־לעכער השפּעה פון דער אינעווייניקסטער „שלוש־סעודות ליטעראַטוירע", וואָס משה גראָס האָט זי באַשאַפן אין זיין למדניש־חריפישן מוח, כּדי אָפּצושרעקן שוואַכע געמיטער, ווי, להבדיל, אַנטיסעמיטן האָבן באַשאַפן אַן אַנאָנימע יידישע מלוכה מיט געהיימע „זקני־ציון" אָרדנס.

משה גראָס קאָן גאָרנישט איינאַהלטן די „שליוזן" פון זיין

פּאָלעמיש-פּאַמפּלעטישן שטראָם, וואָס שטראָמט און פּאַרפּלייצט אינגאַנצן דעם שכל-הישר און קלאָרע, פעסטגעשטעלטע אמתן און פּאַקטן. ער שילדערט פּרצן ווי עפּעס אַן איינזאַמען, אַ דערוויטערטן און אָפּגעזונדערטן פון לעבן, פון מאַסן.

און אפשר ווייסט טאַקע נישט משה גראָס וועגן דער גוואַלדיקער השפּעה, וואָס פּרץ האָט געהאַט אויף די פאָלקס-מאַסן און וועגן דעם ענגן קאָנטאַקט און באַזונדערער ליבע פון די יידישע אַרבעטס-מאַסן צו פּרצן אין די ניינציקער יאָרן, — ווען ער דערלויבט זיך צו זאָגן, אַז „דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אַריינלייגן אַפילו אַ ברעקל גייסטיקע „ענערגיע" אין פּרצעס שאַפונגען"? איז דען מעגלעך געווען נאָך ביי אַ קינסטלער אַזאַ גייסטיקע פאַרבינדונג, אַזאַ אומאויפהערלעך מיטשאַפן, ווי מיר האָבן געזען ביי פּרצן מיט דעם יידישן מאַסן-לעזער? און אָפּמאָל גראָד איבער די קעפּ פון אייניקע „ליטעראַטור-קלויזניקעס", וואָס האָבן אַמאָל, ווי גראָס איצט, נישט געוואָלט און נישט תופס געווען פּרצעס דיכטערישע און מייסטערישע גאונות.

און „עפּעס מער" ווי קונסט, ליבער גראָס, איז טאַקע מ ע ר פון קונסט. עס איז אַ העכערע קונסט, קונסט מיט אַן אַרויסקוק אין ווייטע ווייטקייטן און אַרויפשטייג אין הויכע היכלות אַריין. און ווער האָט עס דערגרייכט ביי אונז — אויב נישט פּרץ? און האָט ער דען נישט כל-ימיו — און אויך איצט, צוועלף אַזעלכע יאָר נאָכן טויט, — נישט געצויגן און גערופן צו אַ וועלט, וואָס איז העכער, שענער און גייסטרייכער?

איך האַלט נישט מיט ישראל שטערן, אַז די יידישע קריטיק (אין ברייטערן זין פון וואָרט, — אויך דעם לעזער און קינסטלער אַריינגענומען!) האָט נישט משיג געווען פּרצן. אדרבא: אויך אויף דעם געביט פון פאַרברייטערן די האָריזאָנטן פון דעם קריטישן געדאַנק, פון פאַרטיפן איר מהות, איז פּרצעס השפעה — דירעקטע און אומדירעקטע — זייער און זייער גרויס.

משה גראָס וויל נישט אַנדערש האָבן, אַז אַרום פּרצן האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָספער, „אין וועלכער עס האָבן זיך גענומען פלאָדזשען אַלערליי ראָמאַנטישע שלימזלען, פּאָעטישע „בטלנים" און ליטעראַרישע „קאַליקעס", ישישים און גראַפאָמאַנישע זקנים און אַזוי ווייטער", און ער ווייסט נישט, צי ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק, אַז די אינטערעסאַנטע יידישע שרייבשטעלער זענען אויפגעקומען, אויפגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אַרום פּרצן, פון אים האָבן זיי געשעפּט דערהויבנקייט,

פּאַרנעם און אויך די מייסטערשאַפט פון שאַפן, פון דענקען און שאַפן. יאָ, דענקען. דענקען איז אויך אַן ענין, אָן דענקען איז שאַפן גאָרנישט ווערט. און אַפילו שרייבן שיינע אַרטיקלען, שיין און געטאָקט שרייבן אַרטיקלען — איז עס אויך פון פּרצן. ער האָט דער ערשטער געשריבן דעם גייסטרייכן אַרטיקל אין יידיש, וואָס ביז איצט קאָן מען אים לייענען מיט אמתער הנאה.

מיין פריינדלעכע עצה, ליבער גראָס, איז:

איידער איר וועט צוטרעטן צו דער גרויסער „רעוויזיע" איבער פּרצן, זעצט זיך דערווייל רויִק אַוועק און לייענט אַדורך מיט ישוב־הדעת פּרצעס ווערק — טאַקע אַלע, פון אָנהויב ביזן סוף, און דאַן, בין איך זיכער, וועט איר זיך אָפּזאָגן פון אַלע אייערע איצטיקע זאָגעכצן, און דאָס פּנים וועט אייך דאַן פלאַמען פאַר בושה פאַר די אַלע ווערטער, וואָס איר האָט אַרויסגעבראַכט.

טוט עס וואָס גיכער, ליבער גראָס!

1927

אַ שטיקל סך־הכּל

(צען יאָר יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד)

ס'איז נישט פון די איבעריק־גרינגע זאַכן צו רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד, ובפרט נאָך — אונטערצופירן אַ סך־הכּל פון די אויפטוען און דערגרייכונגען אין דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור. ס'איז שוין איצט צען יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און ס'איז דאָך שווער אָנצורופן עטלעכע גרויסע, וויכטיקע, שטאַרקע שריפטשטעלער אָדער ווערק, וועלכע זאָלן סימבאָליזירן אָדער כאַראַקטעריזירן דאָס נייע, אייגנאַרטיקע, וואָס ס'איז געשאַפן געוואָרן אין דער סאָוועטישער יידישער סביבה.

און דאָס איז נישט־נאָר אַ מיינונג פון דער ווייט, אין דער פרעמד; אַזוי האַלטן אויך פיל לעזער און קריטיקער אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, ווען עס קומט זיי אויס נישט אויסצוטענהן זיך מיט דער אויסערער וועלט, נאָר ווען זיי שמועסן צווישן זיך, פאַר אַן אייגענעם עולם, פאַר וועמען מען שעמט זיך נישט צו שרייבן און צו זאָגן דעם גאַנצן אמת.

פאַריקן יאָר האָט געשריבן איינער פון די יונגע יידישע קריטיקער אין ראַטנפאַרבאַנד, י. באָרנשטיין, אַז „די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נאָך נישט קיין איין־איינציקן ברייטן לייוונט פון אונזער פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערער העראָיִק", אין דער צייט, וואָס די „יונגע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט פאַר די לעצטע יאָרן שוין באַוויזן צו געבן אַ ריי ברייטערע לייוונטן, וואָס ביי אַלע זייערע חסרונות פאַרקערפערן זיי קינסטלעריש פאַרשיידענע ווינקלעך פון אונזער העראָיִשן וואָר".

די ניי־סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור ציילט אַסך נעמען, זייער צאָל דערגרייכט צו עטלעכע צענדליק, אָבער דערוויילּ איז עס, ווי אַ קאָלעקטיוו שאַפן, אַ מין מאַסן־כאָר, און זעלטן־זעלטן האָבן מיר אין דער כאָר־דעקלאַמאַציע אָדער אינם כאָר־געזאַנג וויכטיקע, אינדיווידועל־

אַנטוויקלטע סאַליסטן, וואָס זאָלן זיך ספּעציעל אויסטיילן מיט זייערע פעיקייטן און אייגנשאַפטן.

אין דעם שטעקן די גרויסע מעלות און אויך די חסרונות פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

ווען אַ ריי דיכטער האָבן גלייכצייטיק אויף פאַרשיידענע אופנים, באַזינגען דעם פראָנט, ווען זיי האָבן בצבור אָפּגעזאָגט דעם דיכטעריש „אל־מלא־רחמים״ דעם שטעטל, ווען זיי האָבן אַלע אינאיינעם אויסגעבאַטלט אַלע וויסטע חלומות אויף דער ווענטס (אויסער רוסלאַנד) קאָפּ, ווען זיי האָבן דערנאָך אַלע אין איין קול זיך געכאַפּט צו דער ערד און צו דעם נייעם יידן אויף דער נייער ערד, — האָט עס גענומען, געווירקט, גערירט. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן דעם דיכטער און דער סאָוועטישער געזעלשאַפט; דער שריפטשטעלער איז אַרייַנגעוועבט געוואָרן איןווירקלעכן לעבן, ער איז געוואָרן ווי דער פּאָליטיקער, ווי דער פּובליציסט. ער איז געוואָרן אַ מענטש „מן־הישוב״, וואָס רעאַגירט, זאָגט דיכטעריש אַ דעה אין לעבן, און זיינע „אַקציעס״ האָבן זיך דעריבער שטאַרק געהויבן. ער איז געוואָרן דער נויטיקער באַגלייטער, גייער און מיטגייער אין אַלע וועגן און אומוועגן פון דעם אַקטיוון לעבן. די סאָוועטישע נצחונות און דורכפאַלן ווערן באַגלייט מיט די פייערלעכע און שילטנדיקע לידער פון די דיכטער, און מיט אָט די טאָג־און פּאַסירונגס־ריטמען האָבן כמעט אַלע יידישע דיכטער געזינדיקט, אָבער אויף אָט די זינד איז מכפר דער לעבעדיקער נערוו, די ענגע פאַרבינדונג מיט דעם לעבן, דאָס אַקטיווע מיטשאַפן מיט דעם אַרום.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז דער יידישער דיכטער צו־פיל געוועזן געטריבן פון טאָג־פּאַסירונגען, פון עפּיזאָדן, געשעענישן און זעלטן־ווען באַוויזן אויפצוהויבן זיך איבער דער טאָג־ווירקלעכקייט, אַוועקצוגיין פון לאָזונגען, „שלאָג־פראַגן״, אַקטועלע ענינים און זיך אַראָפּלאָזן אין דער טיף פון לעבן און זיך אַוועקלאָזן אין די זייטן־ווינקלען פון לעבנס־שטייגער.

מיט יידישן שריפטשטעלער פון הייַנטיקן רוסלאַנד האָט פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס עס האָט שוין אַמאָל געטראָפן מיטן יידישן שרייבער צוריק מיט יאָרן. ער האָט געהאַלטן אין איין שילדערן זיין „ווייניקייט״, נישט געזען קיין זאַך אויסער זיך און ווידער זיך און אָבער זיך. און אַזוי ווי ער איז על־פּי־רוב אַ בחור, וואָס איז געגאַנגען

אָדער געווען גרייט צו גיין אויפֿן פראָנט, דערנאָך צוריקגעקומען, זיך גענומען אינטערעסירן מיט „קאָמיוג”, רעאַגירן אויף דעפּעשן־ידיעות, האָט ער געהאַלטן אין איין זינגען און באַזינגען אָט דעם קרייז אינטערעסן און געפֿילן, און דאָס גאָר.

אין דער פּראַכטפֿולער דערציילונג פֿון דעם באַוווסטן רוסישן שריפֿטשטעלער באָריס פּילניאַק, — „די געשיכטע פֿון דער אומפֿאַרלאָשענער לבנה” — זאָגט דאָרט דער קאָמאַנדאַרם (אַ קאָמאַנדיר פֿון אַן אַרמיי) גאַוורילאָוו צו זיין חבר פּאָפּאָוו: „גיב מיר עפּעס צו לייענען, נאָר ווייסטו, וואָס איינפֿאַכערס, עפּעס וועגן גוטע מענטשן, וועגן גוטער ליבע, עפּעס אַזעלכס, ווי טאָלסטאָיס „די קינדהייט און די יוגנט”. ביי פּאָפּאָוון זענען בערגערווייז אָנגעוואָרפֿן געווען אין אַלע ווינקלען ביכער און ביכלעך פֿונם נייעם רוסלאַנד, „נאָר קיין פּשוט בוך וועגן איינפֿאַכער מענטשלעכער ליבע, וועגן איינפֿאַכע באַציונגען, וועגן אַן איינפֿאַך לעבן, וועגן זון, מענטשן, וועגן פּשוטער מענטשלעכער פֿרייד— אַזאַ מין בוך האָט זיך ביי פּאָפּאָוון נישט געפֿונען.”

און דאָס ווערט געזאָגט וועגן דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס פֿאַרמאָגט צענדליקער און צענדליקער אינטערעסאַנטע שריפֿטשטעלער, וועלכע האָבן געשאַפֿן פֿיל באַדייטנדיקע ווערק וועגן דעם לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון די פֿאַרשיידנסטע ווינקעלעך, ביי די פֿאַרשיידנסטע סיטואַציעס, און געגעבן דעם ליכט און שאָטן, דערהויבנס און קאָמישס, פֿייערלעכס און טראַגישס אין דעם נייעם לעבן. אמת, די רוסישע ליטעראַטור ליידט נאָך פֿון עפּיזאָדישקייט, אָבער עס איז דאָ דער ווילן און עס זענען שוין געשאַפֿן ווערק, וואָס גיבן דאָס לעבן נאָך דער רעוואָלוציע אין זיין גאַנצן ברייט און טיף. די אַלע קליינע, גרעסערע און גרויסע רוסישע ווערק פֿאַרמאָגן אין זיך אוצרות פֿון נייעם לעבנס־שטייגער.

די יידישע פּראָזע־ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז אָן אַן ערך (אַפֿילו ווען מיר נעמען זי אין אַ גאָר קלענערן מאַסשטאַב לגבי דער רוסישער ליטעראַטור) אָרעמער, בלאַסער, פֿלאַכער פֿון דער רוסישער; אומזיסט וועלן מיר זוכן אין איר דעם נייעם יידישן לעבנס־שטייגער, אומזיסט וועלן מיר זיך באַמיען צו באַקומען דורך איר אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דעם, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר אין טיפֿן לעבן, וועלכע שניטן די איבערקערענישן האָבן געמאַכט אין דעם לעבעדיקן מענטש, ביי די פֿאַרשיידענע טיפּן און כאַראַקטערן, פֿון די גאָוועלן און לידער

און פּאָעמעס האָבן מיר אַלץ אַ באַגריף און אַ פאָרשטעלונג וועגן דער „צעזונגענער כאַליאַסטרע", אָבער נישט פון די מאַסן־שיכטן און אינטעליגענטן־שיכטן אין יידישן נייעם רוסלענדישן לעבן.

צוריק מיט דריי יאָר האָט דער יידישער דיכטער אין אוקראַינע, איציק פעפער, אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך". אין זיין ערשטן ליד האָט ער אַזוי פשוט און אַזוי וואַגנ־דיק אָנגעהויבן:

„אומעטום
און אַלעמען!
פּאָעטן פון ניו־יאָרק, בערלין און וואַרשע,
פּאָעטן מיט פאַרטרויערטע נעמען,
מיט פאַרלאָשענע אויגן.
אונטער שוואַרצע און בלאָנדע ברעמען, —
הערט־אויף זיין פאַרחלומט,
און פאַרגעסט
הימלען און שטערן און כמאַרעס. —
— איך, איציק פעפער פון שפּאָלע,
וועל זיך ווענדן צו אייך פּראָסט און וואַרעם",

עס איז אָבער, לײַדער, געבליבן ביי דעם מאַניפעסט.

די יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָך צו פאַר־צייכענען גאַנץ באַגאַבטע און זייער עמפינדלעכע דיכטער. אויסער דעם אַמאָליקן טאַלענטפולן „חוט־המשולש", וואָס האָט דער עיקר אַ שייכות צו דער מערץ־רעוואָלוציע (פאַר דער אָקטאָבער), דוד האָפ־שטיין, לייב קוויטקאָ און פּרץ מאַרקיש, — און אויך די איבעריקע „קיעווער" דיכטער, — אָשר שוואַרצמאַן, ביניש שטיינמאַן (דער מחבר פון די דריי דראַמאַטישע פּאָעמעס) און י. דאָברושין, — זענען מיט דער צייט אויפגעקומען דיכטער און דיכטער, וועלכע זענען מיטגע־גאַנגען מיט דעם ריטם פון דער צייט און געוואָרן די „זאַפּעוואַילעס" (די סאָלאָ־זינגער ביי מאַסן כאָר־געזאַנג) ביי די פאַרשיידנסטע סיטואַ־ציעס: א. קושניראָוו („וועגט"), ע. פינינבערג („אָטעם", „לידער"), א. פעפער, („שפּענער" „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך", „פּראָסטע טריט", „אַ שטיין צו אַ שטיין") ל. רעזניק („סאָמעט", „אין קליינע אויפגאַנגען") און אַ ריי יינגערע: מ. כאַשטשעוואַצקי („דאָרשט"), אַקסעלראָד

(„צאַפּל״), ש. האַלקין (לידער) אַ. וועלעדניצקי, („לייטערניש״) אַ. קאַהאַן („קרבן״), א. ראַדין („הערְאָאיקי״, „פון צוויי קוואַלן״) ש. ראַסין („שיין״) מ. שאַפּירא („פּאַרטאָג״) א. שויכעט („אָנגריף״), און דאָס „מוזיניקל״. דער באַליבטער יידישער דיכטער פון די „מינסקער בלאָטעס״ איזי כאַריק, („ציטער״ און „אויף דער ערד״).

צו אָט דער רשימה — ווייט-ווייט נישט קיין פולע — דאַרף מען צוגעבן די פּאָר עלטערע דיכטער, וואָס באַמיען זיך צוצופּאַסן זיך צו דעם כאַראַקטער און סטיל פון ראַטנפאַרבאַנד — א. וועוויאָרקע, משה טייטש און דער דיכטער-פּויקער חיים גילדין. אויב ביי די יונגע און יינגערע געפינען מיר אָן אַ שיעור ערלעכע אוממיטלבאַרקייט, באַגייסטערטע אויפריכטיקייט, יוגנטלעכן ברען, זענען אָט די עלטערע סתּם פּראַזן-דרעשער, לינק שבלינק, און מיט זייער „רעוואָלוציאָנערישקייט״ ווילן זיי יאָגן און אַריבעריאָגן אַלץ און אַלעמען.

די יידישע דיכטונג אין ראַטן-רוסלאַנד האָט בלי-ספק צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע פאַרדינסטן און אויפטוען. גאַנץ אַנדערש איז מיט דער יידישער פּראָזע. מיט דער יידישער פּראָזע אין ראַטן-רוסלאַנד האַלט עס גאָר שלעכט. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט מען געקענט זיי פאַרענטפערן, אַז ווען דאָס לעבן האָט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, ווען עס הילכן און ברויזן די לעבנס-געשעענישן, מוז האָבן דאָס וואָרט דער דיכטער, דער זינגער. איצט האָט זיך שוין דאָס לעבן מער-ווייניקער איינגעשטעלט, און דער אמתער פּראָזאַאיקער איז נאָך אַלץ נישטאָ. מען האָט געוואָלט לייגן האָפענונגען אויף ש. גאָדינער (אַרויסגעגעבן אַ באַנד שוואַכע נאָוועלן אין 1924 „טאָג אַנטקעגן״״), אויף ד. מייעראָוויטש („רחמיאל דער נאַכט-שומר״, „אין אַ צייט אַזאַ״), אָבער מען האָט זיך גלייך אַליין אַרומגעקוקט, אַז מען האָט געגרייזט און איבערגעטריבן. עס דרייען זיך אַרום אויך עלטערע פּראָזאַיִקער—ידידיה מרגליות, משה טייטש, יודל יאפע, ב. אָרשאַנסקי, ד. וואָלקנשטיין, נח לוריע, בער סלוצקי, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט באַוויזן אָנצושרייבן עפּעס רעכטס. עס איז אַלץ ערב-ליטעראַטור, כמו-ליטעראַטור, איבער-ליטעראַטור, אָבער נישט קיין אמתע ליטעראַטור. אַן אויסנאַם איז דער יונגער קיעווער איציק קיפּניס, וואָס האָט זיך זיין סטיל, זיין כאַראַקטער (נישט ווייניק ציט ער יניקה פון מענדעלע, שלום-עליכם און פון בערגעלסאָנען; לעצטנס איז דערשינען זיין פיין און האַרציק בוך „חדשים און טעג״). בלית-ברירה נעמען זיך די דיכטער

צו פראָזע: ע. פינינבערג האָט אָנגעשריבן „גאַלאָפּ", עס שרייבן פּראָזע אויך ל. קוויטקאָ, אַ. קושנעראָוו און אַנדערע.

האָט זיך טאַקע געקלאָגט אַ פּאַרוואַלטער פון קולטור-אָפּטיילונג פון מינסקער עטלעכע קלובן, אַז „ביי אונזער סאָוועטישערווירקלעכקייט, באַדאַרף די ליטעראַטור האַרמאָנירן מיט דעם לעבן, זי זאָל נישט זיין קיין היימלאָזע. ביי אונז פילט זיך אַ געוואַלדיקע דחקות אין פּאָפּולערע ווערק, וואָס זאָלן קענען געלייענט און פאַרשטאַנען ווערן פון מאַסן-מענטש".

ב. אָרשאַנסקי, דער רעדאַקטאָר פון „מינסקער אָקטאָבער", פאַרענטפערט עס דערמיט, וואָס „צום גרויסן באַדויערן, זענען אונזערע בעסטע פּאָעטן און ליטעראַטן נישט אין דער פּראָווינץ. זיי זיצן אין מאָסקווע. זיי ווערן דאָרט פאַרדאַרט און אויסגעטריקנט. זיי האָבן נישט אָט די שטענדיקע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן, אָן וועלכער עס איז ביי היינטיקע צייטן אוממעגלעך אַפילו פאַר דעם גרעסטן פּאָעט צו בלייבן גאַנץ, אָן אַ וועלכן עס איז פּגם אויף דער נשמה".

דער שאַרפער, שניידיקער מ. ליטוואַקאָוו האָט צוריק מיט אַ צוויי יאָר געמאַכט עס אָפענער: „עס זענען אַוועק זיבן יאָר פון גאָר נייעם לעבן מיט אייגענע גרויסע ליידן און אומגעהייערע פריידן, און די ליטעראַטור האָט גערעדט אויף שטים-לשון, מיט נודנע רמזים און אַלט-בחורשע קוועטשעניש"...

זייער און זייער פיל איז אויפגעטון געוואָרן אויף אַנדערע געביטן פון יידישער ליטעראַטור. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רייכע לערן-ליטעראַטור אין יידיש. עס זענען דערשינען פיל יוגנט-ביכער און קינדער-ביכלעך, עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע רייכע ביבליאָטעק אויף די געביטן פון שפּראַך-וויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, נאַטור-וויסנשאַפט, געשיכטע און קולטור-געשיכטע, און איבערהויפּט זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאָלאָגישע ווערק, און מ'דאַרף געדענקען, אַז אָט די ביכער ווערן געדרוקט און פאַרשפּרייט אין דריי, פינף און צען טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אויפן געביט פון קריטיק זענען דערשינען: מ. ליטוואַקאָוו „אין אומרו" (צוויי ביכער), י. דאָברושין „געדאַנקען-גאַנג", נ. אויסלענדער — „וועג-איין וועג-אויס", מ. ליטוואַקאָוו — „פינף יאָר יידישער מלוכה-טעאַטער אין מאָסקווע", דער מינסקער אינטערעסאַנטער זאַמלבוך „צייטשריפט", נ. אויסלענדערס און א. פינקעלס „אברהם גאָלדפאַדן".

צווישן די יונגע ליטעראַטור-פאָרשער רוקט זיך אַרויס דער יונגער א. גורשטיין, וואָס ווייזט אַרויס אין זיינע אַרבעטן פיל באַהאַוונט-קייט און פאַרשטאַנד פאַר ליטעראַטור און ליטעראַטור-געשיכטע.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן אַ רייכע ליטעראַטור אין יידיש וועגן ערד-אַרבעט און לאַנדווירטשאַפט-לעכע פראַגן.

דער פועל-יוצא איז:

די יידישע בעלעטריסטיק אין ראַטנפאַרבאַנד איז נאָך דערווייל קיין יידישע ליטעראַטור נישט. די באַהעפּטונג, די פאַרברידערונג אירע מיט דער יידישער ליטעראַטור פון אַנדערע לענדער, מוז און דאַרף קומען וואָס גיכער.

וויפיל די יידישע קולטור-טוער און שריפטשטעלער אין ראַטנ-פאַרבאַנד וועלן זיך נישט באַמיען אָפּצוגרעצן זיך פון דעם יידישן שאַפן פון פאַרשיידענע צייטן און פון פאַרשיידענע לענדער, וועלן זיי דערמיט פריער פון אַלץ ברענגען שאָדן זיך אַליין און אויך זייערע מאַסן.

1927

ווער זענען מיר?

לעבט זיך אַ קיבוץ פון אַ, קיין עין-הרע, דריי הונדערט טויזנט יידן אין דער שטאָט וואַרשע, וואָס איז איצט גלייכצייטיק די מעטראָפּאָליע פון די דריי מיליאָן פּוילישע יידן, — און גאָרנישט: עס זאָל פילן אויף זיך די אחריות, וואָס עס טראָגט אַלס די רעפּרעזענטאַנץ פון די דריי מיליאָן יידן!

מיר זענען דאָך נישט קיין ציגיינער-פאָלק. מיר האָבן צו פאַרצייכענען גרויסע אויפטוען און פאַרדינסטן אויף אַלע געביטן פון לעבן און פון קולטור. אָבער ווו זעען מיר עס בחוש? ווו האָבן מיר אָט די אַלע אויפטוען און פאַרדינסטן צונויפגעקליבן, כדי צו איבערצייגן יענעם און זיך?

אונזער לעבנס-געשיכטע אין פּוילן דויערט שוין איבער טויזנט יאָר, מיר האָבן שוין דאָ אַ לאַנגן יחוס-בריוו מיט פיינע יחוס-אָבות אויך אין דער געשיכטע פון פּוילנס באַפרייונג. ווו זענען די פאַקטישע באַווייזן און דער זכר פון דעם אַלעמען אין אַ מוזיי?

מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג אין אונזער אייגענעם קולטור-לעבן, מיר האָבן דאָ געשאַפן אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער קולטור. מיר האָבן אַן אייגענע פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער, מאָלעריי, שול-וועזן, וואָס האָט זיך געביטן און זיך אַנטוויקלט און אויפגעוואַקסן צו אַ הויכער מדרגה. פאַרוואָס באַהאַלטן מיר זיך מיט די מוסטערן, ציפערן, סך-הכלען פון אָט די דערגרייכונגען?

בקיצור, — ווו זענען דאָ אונזערע צענטראַלע ביבליאָטעקן, אַרכיוון, מוזייען, קונסט-אויסשטעלונגען, וואָס זאָלן ווייזן דעם אייגענעם און דעם פרעמדן, וואָס אַ פאָלק האָט געשאַפן און שאַפט אין משך פון דורות?

וואַרשע איז איצט די גרעסטע יידישע קהלה אין אייראָפּע. דאָס לייגט אַרויף אויף איר גרויסע התחייבותן, וועלכע קיינער פון די היגע אינסטיטוציעס וויל נישט און פרוווט נישט אַרויפנעמען אויף זיך.

געווען דאָ נישט לאַנג דער באַוווסטער דייטשער שריפטשטעלער טאָמאַס מאַן. צום „גליק״ האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער האָט זיך מיט אונז נישט געטראָפן און נישט געהאַט די געלעגנהייט און מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אונז. וואָס וואָלט אָבער געווען, ווען ער וואָלט י אָ גרייט געווען זיך צו דערנעענטערן צו אונז? וואָס וואָלטן מיר אים באַוויזן? אין וועלכע אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס וואָלטן מיר אים געבראַכט, כּדי צו ווייזן אים אונזער לעבן און שאַפן?

פאַראַיאָרן, למשל, ווי נאָר די „הבימה״-לייט זענען געקומען פון דער „גוישער״ מאָסקווע און „על רגל אחת״ געוואָלט אויפנעמען די „תורה כולה״ פון היגן יידישן לעבן, זענען זיי די ערשטע טעג פון גרויס דורשט צו הערן און זען היגע יידישקייט „אַריינגעפאַלן״ אין קאַמינסקי-טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג. זענען זיי געזעסן דאַן אין טעאַטער, און זיי האָבן געשטוינט. און פראַגן זענען געפאַלן פון זיי ווי באַשולדיקונגען: „איז עס אַ טעאַטער, מיט וועלכן עמעץ רעכנט זיך, קומט אַהער אריין אַ פרעסע-מענטש און בכלל אַ יידישער אינטע-ליגענט? זענען עס אַקטיאָרן פון אַ פאַריין?״ איז מען ביי זיך שטאַרק געפאַלן געוואָרן און באין-ברירה איז אויסגעקומען צו לייקענען שטיין אוןביין: „יידיש טעאַטער?... מ—מ, דאָס אמתע יידישע טעאַטער איז אָפּגעפאָרן! אַקטיאָרן?... נ—יין! עס זענען סתם-ליבהאָבער, וואָס קיינער נעמט זיי ערנסט נישט אָן. די אמתע אַקטיאָרן? זיי זענען אויף גאַסטראָלן דאָ, דאָרטן. די אינטעליגענץ? מע—מע!...״

געווען דאָ נישט לאַנג, דורכפאָרנדיק דורך וואַרשע, דער אָנפירער פונם יידישן ווייסרוסלענדישן טעאַטער, ער האָט דערציילט וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פון דאָרט. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט אים עפּעס צו באַווייזן. אָבער וווהין פירט מען? איז מען געגאַנגען מיט אים אין... „סקאַלאַ״-טעאַטער... וכדי בזיון וקצף!

און אויף אַזעלכע מיני אומאַנגענעמלעכקייטן קומט אויס צו טרעפן זיך יעדן איינעם פון אונז זייער אָפט.

עס קומען דאָך אין וואַרשע טאָג-טעגלעך יידישע קאָלעקטיווע עקסקורסיעס און סתם אויסלענדער אָדער פראָווינץ-באַזוכער און בעטן זיך, מ׳זאָל זיי געבן אַ „וועגווייזער״ איבער די זעלטנקייטן און אַנטיקן, וואָס די יידישע וואַרשע פאַרמאָגט.

פאַראַן אין וואַרשע (דאָס איז אַ גרויס געהיימניש!) אין גמינע-הויף אַ יידישער מוזיי אויפן נאָמען פון מ. בערנסאָן. ער פאָרנעמט

צוויי קליינע צימערלעך, וואָס זענען, ליתר-בטחון, שטענדיק פאַרהאַקט, און כדי אַריינצוקריגן זיך אַהין, באַדאַרף מען האָבן אַ באַזונדער זכות-אבות און אויך די שליסלען, וואָס ס׳איז נישט אַזוי גרינג צו באַקומען (זיי געפינען זיך ביי דער וועכטערין — בדידי הוה עובדא). אָט דער מוזיי ווערט נישט אָפּגעפרישט מיט קיין נייע זאַכן, ער געפינט זיך אין דעם צושטאַנד, ווי ער איז אַמאָל „אונטערגעוואָרפן" געוואָרן דער וואַרשעווער גמינע און מען באַהאַנדלט עס טאַקע, ווי אַן אומגעזעצלעך קינד.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר נאָכן טויט פון וול. מעדעם האָט מען פיל גערעדט און געשריבן מכוח אַ מעדעם-הויז מיט אַ צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק אין גרויס-וואַרשע. מ׳האָט אַפילו צונויפגעקליבן אין אַמעריקע עטלעכע טויזנט דאָלאַר און עטלעכע הונדערט גילדן — דאָ אין פוילן, און... גאָרנישט. דער ענין איז פאַרשלאָפן, פאַרגעסן.

פאַראַן דאָ אַ גרויסער יידישער ביכער-אוצר ביי דער סינאַגאָגע. ס׳איז געווען — צוריק מיט אַ צוויי-דריי יאָר — אַ פּרווו צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די ביבליאָטעק, באַרייכערן זי, פאַרפולקומען מיט נייע און אַלטע אויסגאַבן, און ס׳איז דערפון גאָרנישט געוואָרן. צווישן די פיל און פיל גרויסע-גרוימע דירות אין סינאַגאָגע-הויף, שטיקט זיך די ביבליאָטעק מיטן לייען-זאַל אין אַן ענגער דירה. זי איז דעריבער אָפן קוים 3 שעה אַ טאָג, ס׳פעלט דאָס נויטיקע אָרט און באַקוועמלעכקייטן צו אַרבעטן, די פאַראַנענע אַנטיקן זענען נישט אָנגעזען און פאַרלירן זיך אין דער אַלגעמיינער ענגשאַפט. איצט איז מען צוגעטראָטן (דאָס-מאָל אפשר ערנסט) צו ריידן מכח אַ נייעם בנין פאַר דער ביבליאָטעק. וועט עס אָבער נישט זיין קיין צווייטע אויפלאַגע פון דעם „יידיש", אַקאַדעמישן הויז, ווו יידיש איז „לא יזכר ולא יפקד"? ווו מען האָט אַפילו קיין יידישן אויפשריפט נישט דערלויבט אויפצושרייבן!

די קליינע, אָרעמע און פאַראָרעמטע, יידישע ווילנע פאַרמאָגט אַ ריי יידישע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, — אַן אויסדרוק און פועל-יוצא פונם מאָדערנעם יידישן קולטור-לעבן: יידישע גימנאַזיעס, די סטראַשון-ביבליאָטעק, דעם יידישן לערער-סעמינאַר, דעם מוזיי און אַרכיוו פון דער היסטאָרישער יידישער געזעלשאַפט, דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט א. א. וו.

פאַרוואָס-זשע ליגט דאָ, אין וואַרשע, קיינעם אין קאָפּ נישט אויפצושטעלן אַזאַ מין מוזיי-אַרכיוו? פאַרוואָס טרעט נישט צו די יידישע קונסט-געזעלשאַפט צו שאַפן אַ שטענדיקן יידישן מוזיי? פאַרוואָס

גיבן מיר זיך קיין מי נישט צו עפענען דאָ אַ צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק? און פּאַרוואָס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט די אַרבעט צו שטיצן אַ יידישן טעאַטער אין וואַרשע? אין נאָך און נאָך.

מיר האָבן אין וואַרשע אַ יידישע קהלה מיט כּלערליי פּראַק־ציעס, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך סוף כּל סוף די אָנגעזעענסטע פירער פון די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילן (פון לינקס ביז רעכטס). די קהלה פאַרמאָגט פיל אייגענע בנינים, זי האָט צו טון מיט אַ קאָלאָסאַלן מיליאָנען־ביודזשעט. וואָלט אפשר די קהלה אַ טראַכט געטון מכח אַ בנין־לדורות? וואָלט אפשר געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג לכל הפחות אויף אָט דעם באָדן צווישן די פּאַרטייען, מען זאָל זיך נעמען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפצושטעלן אין וואַרשע אַ גרויס קולטור־הויז, מיט אָפּטיילונגען פאַר אַלע געביטן פון יידישער קולטור און קונסט.

מען רעדט אָן אויפהער, אַז פיל וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן גייען לאיבוד, אַז פיל יידישע קונסט־דענקמעלער ווערן פאַרפאַלן. אָפילו די היגע יידישע פּרעסע ווערט דאָך דורך קיינעם נישט געזאַמלט.

צוריק מיט דריי יאָר האָבן מיר געפייערט דעם 100־סטן יאָר־טאָג, זינט ס'איז דערשינען אין וואַרשע די ערשטע יידישע וואָכנשריפט. וואָלט דאָך געווען פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן אויפצוקלייבן אין אַ מין ביבליאָגראַפישן אינסטיטוט די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן פאַר די הונדערט יאָר. אויף היינט צו טאָג איז דאָך לחלוטין אומעגלעך צו באַקומען אַ יאָרגאַנג פונם טאָגבלאַט „פריינד", וואָס איז דערשינען מיט אַ 17—18 יאָר צוריק אין וואַרשע גופא.

און ס'איז אויך פון די וויכטיקסטע זאַכן, מיר זאָלן אויפשטעלן דורך מאַטעריאַלן, דאָקומענטן, אַפּישן אַ בילד פון אַ 45 יאָר יידיש טעאַטער אין וואַרשע. דאַן וואָלטן מיר זיך דערוווסט, אַז יידיש טעאַטער האָט אַ היסטאָרישע חזקה אויף כמעלנא 9, אויף באָגוסלאַווסקיס טעאַטער, אויף ביעלאַנסקא 5 „נאָוואָשצי", מאָקאָטאָווסקא 73 און נאָך.

און ס'איז שוין אויך לאַנג צייט צו שאַפן אַ שטיקל קיבוץ־גליות פאַר די שאַפונגען פון די פּויליש־יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט.

און מכח יידישע ביכער און בוך־דרוקערייען אין פּוילן. איז נישט די העכסטע צייט צו האָבן פאַר אונז אַ פיל אויסשעפּנדיק בילד פון דעם אַלעם, וואָס איז אויף דעם געביט אויפגעטון געוואָרן?

און ווער רעדט וועגן געשיכטס-מאַטעריאַלן, וועלכע מוזן ענדלעך געפינען אַ גואל אין אַ יידישן אַרכיוו.

אָבער שוין אַזאַ מזל האָבן מיר, אַז זאַכן קלאָרע, זעלבסטפאַר-שטענדלעכע ווערן ביי אונז פאַרלאָזט, און מיר האַלטן זיך אין איין רייסן אין די ווייטע רוימען.

אין וואַרשע, למשל, האָט געלעבט, געשאַפן און געשטאָרבן איינער פון די גייסטרייכסטע און אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן פון דער מאָדערנער צייט — י. ל. פרץ. וואָלט עס דאָך געווען אַזוי פשוט און פּראָסט, אַז עס זאָל דאָ געשאַפן ווערן אַ פרץ-מוזיי, ווו מ'וואָלט באַדאַרפט צונויפקלייבן אַלץ, וואָס ס'האָט אַ שייכות צום לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן דיכטער און דענקער. און אָט — ס'זענען שוין אַריבער צוועלף יאָר נאָך זיין טויט און עס רירט זיך פון אָרט נישט.— ערגעץ וואַלגערן זיך פּרצעס בריוו, ערגעץ ליגן זיינע כתב-ידן, חפצים, וואָס וואָלטן געקענט באַשיינען אַ פרץ-מוזיי און וואָלטן געווען אַ וויכטיקער מקור פאַר דער פרץ-פאָרשונג. אָבער זענען מיר דען מסוגל אויף אַזאַ זאַך, וואָס אַלע אַנדערע פעלקער האַלטן עס פאַר זייער נאַ-ציאָנאַלן חוב לגבי זייער ליטעראַטור ?

דאָ נישט לאַנג האָט שאול גינזבורג אַריבערגעשיקט פון ראַטנ-פאַרבאַנד מענדעלע מוכר-ספרימס אַ מאַנוסקריפּט קיין ווילנע צום ייד. וויסנש. אינסטיטוט. און סאַראַ געוואַלט עס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער יידישער פרעסע פון ראַטנפאַרבאַנד, פאַרוואָס מען פירט אַרויס אוצרות פון לאַנד. עס איז אַ באַווייז, אַז מען ווייסט, ווי צו שאַצן אַזעלכע „קלייניקייטן", ווי מאַנוסקריפּן פון גרויסע יידישע שרייבער.

עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל נעמען אַ סוף צו אַזאַ מין לאַגע, ווען דאָס יידיש פאָלק אין פוילן זאָל נישט האָבן אין דער מע-טראָפּאָליע קיין צענטראַל קולטור-הויז, ווו ס'זאָל אויפגעזאַמלט און אויפ-געהיט ווערן אַלדאָס וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטע פון דעם יידישן לעבן און שאַפן פון אַמאָל און איצט.

לאָמיר אויפהערן צו זיין ציגיינער, און לאָמיר קאָנען פאַר זיך און פאַר יענעם ווייזן ווער מיר זענען.

1927

בענקשאַפט נאָך קלאַסיקער

ווער קאָן וויסן און ווער קאָן איצט דערגיין די וועגן, ווונטשן און באַגערן פון דעם היינטצייטיקן לעזער? ער איז איצט אַזוי קאַפּריז, ווי גאָר די צייט אונזערע, ער איז איצט אַזוי פול מיט סתירות, ווי גאָר די תקופה אונזערע.

עס איז אַ גענוג־באַקאַנטע זאַך, אַז דער געשמאַק פונם איצטיקן לעזער איז שטאַרק צערייצט. דער לעזער מוז האָבן גאָר פּיקאַנטע מטעמים צו זיין ליטעראַרישן טיש. נאָר שטאַרק־צוגעזאַלצענע, שטאַרק־צוגעפעפערטע שפּייזן זענען איצט פאַרן גומען פונם געבּרויכער. אין דער גאַנצער קונסט־וועלט איז אַריין אין דער מאָדע דאָס עקזאָטישע, דאָס מזרחישע, דאָס דזשאַז־באַנדישע. עס נעמט איצט אַלעמען דאָס שרייענדיקע, ראַשיקע, בונטע. אינם היינטצייטיקן אָרקעסטער שפּילט די ערשטע פידל — דער פויקער און פייקלער, מיט די כלעזמער־ציטערלעך צימבלען און טאַצן. אָנשטאָט דער עפּישער, פאַרגאַנצטער, באַרויִקנדיקער קלאַסישער קונסט מיטן פאַמעלעכן און שטייגנדיקן דראַנג און ווילן, איז געקומען דאָס עקספּאַנסיווע, דאָס אויפרייצנדיקע, דאָס אויפרייסנ־דיקע. דעם לעזערס האַרץ, אויג און אויער האָבן זיך שוין צוגעוווינט אויפצונעמען נאָר דאָס אויסטערלישע, קורץ־אָטעמדיקע, דיסהאַרמאָנישע, די קרומע ליניע ווי אין ליטעראַטור, אַזוי אויך אין טעאַטער, מוזיק און מאָלעריי.

אין ראַטנפאַרבאַנד, למשל, האָט דער זייער טאַלענטפולער דיכטער וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר געריפן אַראָפּ־צושליידערן דעם פּושקין־דענקמאָל און דערמיט איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער פּיעטעט פונם רוסישן מענטש צום רוסישן קלאַסישן דיכטער. און טאַקע אין דער אמתן: וואָס פאַר אַ זינען און ווערט האָט די גאַנצע פריערדיקע דיכטונג מיט אירע „אָפּגעשטאַנענע" טעמעס, מיט איר „אַלטמאָדישן" אינהאַלט פון ליבע און לעבן, פון

נאַטור און געוויסן, ווען דאָס וואָרט געהערט איצט דעם ברוויניג, דעם „חבר מאַאוזער". און אויב מען האָט געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיין פּיעדעסטאַל פּושקינען, האָט מען שוין גלייך גענומען אומברענגען גאַנץ איירָאָפּע מיט איר „צעפּוילטער" קולטור. און ווער פון די יונגעטשקע רוסלענדישע דיכטער האָט נאָך נישט געזאָגט „דאָס לעצטע וואָרט" נאָך דער אומגעקומענער איירָאָפּע מיט איר גאַנץ ביסל צעפּוילטקייט?

און נישט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, אויך אין מערב-איירָאָפּע איז געוואָרן אַ שטאַרקער קורס אויף מזרח. אַ באַזונדערן אינטערעס און נייגיר האָט זיך דערוועקט צו מזרח און מזרחדיקס. די שאַפונגען פון כינע און יאַפּאַן האָבן זיך זייער הויך קאָטירט אויף דער קונסט-בערזע. און גלייך זענען געקומען שאַרפע קעפּ און שוין געשאַפן אַ טעאָריע און פילאָזאָפיע וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער מערב-איירָאָפּעישער קולטור, און מיט דער גאַנצער זיכערקייט פאָרויסגעזאָגט דעם אויפשיין און אויפגאַנג פון אַ נייער מזרחישער קולטור מיט אַ נייעם אינהאַלט און נייע פאָרמען.

מען האָט אָנגעהויבן זיך באַזונדערס אינטערעסירן מיט די שאַפונגען פון די „אויפגייענדיקע" און „צוקונפטיקע" פעלקער און גענומען אַריינלייגן אין זייערע גאַנץ-מיטלמעסיקע ווערק סתרי-תורה לויטן אַלטן שטייגער פון „פרדס". איז עס נאָך געווען ווייניק, האָבן זיך איירָאָפּעישע קינסטלער געלאָזט אַהין, אין פאַנטאַסטישע מרחקים, און זיך געטובלט אין יענע עקזאָטישע וואַסערן, און געבראַכט פון דאָרט אויסטערלישן, נישט-געדאַכטן פאַר אונז שטאָף. פּיער בענואַס,—דעם פראַנצויזישן דיכטער, — ראָמאַנען זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געשמאַק פונם איירָאָפּעישן לייענער אין די לעצטע יאָרן. די היגע אַרומיקעווירקלעכקייט איז געוואָרן קליין און נישטיק אין די אייגענע אויגן, זי האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן, האָט מען די זעלבע מענטשן פאַרוואָרפן ערגעץ אין כף-הקלע, אין עק-וועלט, און גענומען צו שילדערן זיי דאָרט אין נייער, אַנדערשדיקער אַרומרינגלונג פון נאַטור-כוחות און מענטשן-זיטן. גרויס איז אויך געווען אומעטום די מאָדע אויף די עקזאָטישע ווערק פון אַ פּיער לאָטי, ברידער טאַראָ, און אַנדערע פעיִקע-פּיפּיקע קינסטלער, וועלכע האָבן געוווסט דעם אויפגערייצטן געשמאַק פונם מאָדערנעם גרויסשטעטישן לייענער און בעלאָזט זיך ערגעץ-ווייט אין געציעג נאָך קינסטלערישן עקזאָטישן רויב...

דערמיט איז אָן ספק אויך צו דערקלערן דעם גרויסן דערפאָלג,

וואָס עס האָבן געהאַט אין אײראָפּע די ווערק פון אינדישן ראַבינ־דראַנאַט טאַגאָר, און לעצטנס דער אינטערעס פונם לײענער צו די מעשיות פונם רומענער פּאַנאַאיט איסטראַטי וועגן זײַנע אַרומוואַנדלונגען איבערן מזרח. ווײַל עס זענען אַלץ שילדערונגען פון װײַטע לענדער, מעשיות פון אַ נישט־געדאַכטער װירקלעכקײט.

און דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע און טײלווײַז אויך אין פראַנקרײַך מיט די ווערק פון נעגער און פון נעגער־לעבן. אַ רײ שאַפונגען פון דער שוואַרצער ראַסע האָבן די לעצטע יאָרן אויפגערו־דערט די געמיטער פון די לעזער. אַנשטאָט דער גוט־באַקאַנטער און שטאַרק־צוגעגעסענער אַלטער וועלט, האָבן די נעגער־ווערק אַרײַנגע־בראַכט אַ נײַעם הילכיקן טאָן, נײַע בונטע, שרײַענדיקע בילדער און איבערלעבענישן.

און מען האָט געקאָנט מײנען, אַז אַזוי וועט עס אַלץ ווײַטער גײן אין דער ריכטונג פון אָפּלײקענען אַלדאָס געזעצטע, קלאַסישע. האָט מען דאָך אויפן סמך פון דעם לעזערס גוסט און ווילן געבויט אין גאָר דער וועלט טעאָריעס אויף טעאָריעס, באַגראָבן נײַן אײלן אין דער ערד די קלאַסיקער און די קלאַסישע פאָרמען, און אויף זײערע קברים גענומען אויפשטעלן כּלערלײ נײַע אַנדערע, מאָדערנע, טשע־קאַווע, אויסטערלישע בנינים, און געווען זיכער, אַז עס איז אויף לאַנגע־לאַנגע צײַטן...

אָבער... אָבער ווער קאָן איצט וויסן די וועגן, ווונטשן און באַ־גערן פונם הײַנטצײַטיקן לעזער!

פון פאַרשידענע זײַטן הערן מיר איצט גאָר נײַע גרוסן. אויף די פאַרשידנסטע געביטן פון קונסט לעבט איצט ווידער אויף די קלאַסישע פאָרם, די קלאַסישע ליניע. הכּלל, עס איז איצט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך קלאַסיקער, הן בײַ קינסטלער און הן בײַם לעזער און געניסער.

אַזעלכע מינים גרוסן הערן מיר פון פּאַריז, פון דער וועלט־שטאָט, וועלכע איז אין קונסט־זאַכן אָפטמאָל דער ריכטיקסטער באַראָ־מעטער. מען קערט זיך ווידער אום צו די אַמאָליקע קלאַסיקער־מאָלער און מען לערנט זיך בײַ זײ. און אַזוי אויך אין ליטעראַטור. עס האָט זיך פונדאַסנײ דערוועקט דער אינטערעס צו די גרויסע קלאַסישע שרײַ־בער. מיטאַמאָל איז אַראָפּגעווישט געוואָרן דער שטויב, וואָס איז די

לעצטע יאָרן אויף זיי אויפגעוואַקסן, זיי זענען ווידער געוואָרן פריש, אינטערעסאַנט און באַלערנד.

און אויך דער לעזער. פון אַלע אַרבעטן האָט דער לעזער זיך גאָר גענומען צו די אַמאָליקע ווערק און מיט אַ נייעם חשק זיך געוואָרפן אויף זיי.

און וואָס ס'איז באַזונדערס טשעקאַווע,—אויך אין ראַטנפאַרבאַנד איז איצט פאָרגעקומען אַ שטאַרקער קער צו קלאַסיקער. דער דאָרטיקער לעזער האָט זיך ווי איבערגעגעסן מיט דער נייער דאָרטיקער ליטעראַטור און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ בלעטל פושקין, אַ קאַפיטל טאָלסטאָי. עס איז שוין דאָרט וועגן דעם פיל געשריבן געוואָרן. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן וועגן דעם אַנקעטעס, און די ענטפערן זענען זייער אינטערעסאַנט.

איינער אַ רוסישער אַרבייטער פון קאַזאַן אַלעקסאַנדראָוו שרייבט: „נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז מיר, לעזער, וועלן אונטערפאַלן אונטער דער ווירקונג פון גאָנטשאַראָוו, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי א.א. און וועלן ווערן קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. מיר וועלן קיין קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן נישט ווערן דערפון, וואָס מיר וועלן לייענען די קלאַסיקער,—נאָר אדרבא, מיר וועלן קלוגער ווערן, אָנגעלייענטער". אַ צווייטער אַרבייטער שרייבט אַזוי: „די קלאַסישע שרייבער מעגן געהערן צו די קלאַסן, וואָס זענען אַראָפּ פון דער סצענע פונם רוסישן לעבן, די קלאַסיקער האָבן געמעגט זיין די אידעאָלאָגן פון אָט די קלאַסן, אָבער אויסער דעם, איז דאָ אין זיי אָט דאָס גרויסע, אַלמענטשלעכע, וואָס איז פּאַסיק פאַר אונזער צייט, וואָס אין נאָמען פון דעם, גיבן טויזנטער יונגע לעבנס אַוועק דאָס סאַמע טייערסטע וואָס זיי פאַרמאָגן, — זייער לעבן". רעדנדיק וועגן אייניקע הייגטצייטיקע רוסישע שרייבער זאָגן די אומיטלבאַרע רוסישע לעזער: „עס איז אינגאַנצן שווער און לאַנגווייליק צו לייענען. שוין צו בייז און גאַליק איז ל. סייפולינאַ. זי רעדט אַלץ פון בייזקייט, פון שנאה. אָט-אָט, און פון כעס וועט זי מאַכן אין דער מאַמען אַריין!" און וועגן אַ צווייטן שרייבער: „ס'איז אינגאַנצן אוממעגלעך אים צו לייענען. לאַנגווייליק. אומפאַרשטענדלעך. קיין זאַך זאָגט ער ביזן סוף נישט אַרויס. נאָר מיט רמזים שרייבט ער. און מיר באַדאַרפן אַזוי — עס זאָל זיין קלאָר, פאַרשטענדלעך און לעבעדיק".

און גאָר באַזונדערס לאָזן זיך הערן אין דער יידישער סאָוועטישער פרעסע קלאָגענישן אויף דער נייער יידישער סאָוועטישער

ליטעראַטור. איינער אַ לעזער האָט זיך דאָ נישט לאַנג געקלאָגט אין מינסקער „אָקטאָבער״: „איצט וואָלטן מיר שוין באַדאַרפט האָבן און אומגעהויער-גרויסן קאָנטינגענט לעזער פון נייעם בוך. און ווי איז אין דער אמתן? צי האָבן מיר היינט אַזאַ בוך, וואָס זאָל זיין אַזוי פּאָפּולער, וואָס זאָל ווערן אַזוי פאַרשפּרייט, און זאָל אַזוי באַווירקן די מאַסן, ווי, צום ביישפּיל, שלום-עליכמס אַ בוך אין זיין צייט? און ווי ווערן איצט געלייענט די נייע שרייבער? עס לייענען זיי יחידים. דער מאַסן-מענטש קאָן זיי נישט און פאַרשטייט זיי נישט, און אין די מאַסן האָבן זיי נאָך נישט אָנגעהויבן אַריינדרינגען. די סיבה איז, וואָס אונזערע שרייבער באַגנוגענען זיך נישט מיט קונסט און זיי ווילן שאַפן „הויכע קונסט״. מען „צאַצקעט״ זיך מיטן וואָרט... אין רעזולטאַט באַקומט זיך, אַז עטלעכע פיינשמעקער לעקן טאַקע די פינגער פון דעם, נאָר פאַרן מאַסן-מענטש, פאַרן אַרבייטער, פּויער, קוסטאַר, איז זי נישט צוטרעטלעך״.

דאָ, ביי אונז אין פּוילן, האָבן מיר קיין אַנקעטעס נישט גע-מאַכט וועגן דעם, ווי דער לעזער נעמט איצט אויף די ווערק פון יידישע קלאַסיקער און פון די ייִנגערע און יונגע שרייבער. אָבער די באַריכטן פון די ביבליאָטעקן און דער פאַרקויף פון די ביכער אין די פאַרלאַגן זאָגט עדות, אַז אויך ביי אונז האָט זיך לעצטנס געשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך די קלאַסיקער.

1928

ליטעראַטור אויף דער עלטער

די וואַרשעווער און לאָדזער יידישע קהלות האָבן דורך זייערע פאַרוואַלטונגען באַשלאָסן צו באַשטימען פּרעמיעס פאַר די בעסטע יידישע ליטעראַרישע ווערק. אַט די באַשטימונגען וועלן נאָך דאַרפן אַדורכגיין פאַרשידענע גלגולים, און ווער ווייסט, צי זיי וועלן אָנגענומען ווערן אין די ווייטערדיקע אינסטאַנצן פון אונזער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

גיכער פון אַלץ, וועט אויך אַט דער באַשלוס פאַרבלייבן אַ פּונקט אין דעם ביודזשעט, ווי אַלע אַנדערע אַסיגנירונגען לטובת די יידיש-וועלטלעכע קולטור-אינסטיטוציעס — און מער גאָרנישט.

אָבער דער פאַקט גופא פון באַשטימען פּרעמיעס פאַר אַ יידיש-ליטעראַריש ווערק — איז אַ וויכטיקער און ערנסטער.

הייסט עס, אַז אונזערע „שליחי-ציבור" הויבן שוין אָן צו פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג פון אונזער ליטעראַטור פאַר דעם יידישן לעבן און זיי גייען לסוף צולייגן אַ האַנט און מיטהעלפן איר וווקס און אַנטוויקלונג.

אוודאי איז שוין לאַנג צייט, אַז די יידישע געזעלשאַפט זאָל ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם יידישן שאַפן און זיך פאַראינטערעסירן מיט זיין לעבן און אויסקומעניש.

ווייל, נישט געקוקט אויף די אַלע נצחונות, וואָס די יידישע ליטעראַטור מאַכט די לעצטע יאָרן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע ליטעראַרישע משפחה איז לעצטנס אַריין ווי אַ מיטגליד אין דער אַלגעמיינער משפחה פון דער וועלט-ליטעראַטור, זעען מיר נאָך אויס ביי זיך אין דערהיים גאַנץ נישטיק און נעבעכדיק. די יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעוווירן דעם פּרעסטיזש און אָנזען אין דער יידישער געזעלשאַפט.

איז אין דעם שולדיק די צייט, דער נייער טעמפּאָ פון לעבן, די נייע כּוחות-פאַרהעלטענישן אויף דער יידישער גאַס?

אָדער אפשר שולדיק איז די יידישע ליטעראַטור, די יידישע שריפטשטעלער גופא, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו פאַרנעמען דעם אָנגעזעענעם אָרט אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און אַזוי אַרום דעגראַדירט די חשיבות פון דער יידישער ליטעראַטור ביז צו דער שטופע, אין וועלכער זי געפינט זיך איצט?

עס זענען דאָך געווען צייטן, ווען דער יידישער שריפטשטעלער איז געווען דאָס שיינדל פון דער יידישער געזעלשאַפט, ער איז געווען פון די דעה-זאָגער, עצות-געבער און הויפט-מחותנים אין די פּאָליטישע פּאַרטייען, פון רעכטס און פון לינקס. אויף די אַמאָליקע ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין די אַמאָליקע יידישע צייטונגען, אין די פריערדיקע יידישע זשורנאַלן האָט דער יידישער שריפטשטעלער און בעלעטריסט פאַרנומען דעם בכבודיקסטן אָרט, צו זיינס אַ וואָרט און ברכה האָט מען זיך צוגעהערט און אַרויסגעקוקט. פון די צוויי פאַרשיידנאַרטיקע כּוחות „סיפא וספרא" (שווערדטרעגער און שרייבער), האָט ביי אונז דער שרייבער געהאַט די אויבערהאַנט. אחד-העמס אַן אַרטיקל, מ. י. בערדיטשעווסקיס אַן אויפבליק, ח. נ. ביאַליקס אַ ליד, פּרצעס אַ מעשה איז געווען אַמאָל אַ זאַך אויך פון גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַטייט. מיר האָבן אַמאָל דאָך געציילט חדשים און יאָרן, צייטן און תקופות לויט דעם דערשיינען פון „על פרשת דרכים", פון „המתמיד", פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", פון „מחנים" און „עורבא פרח". און ווען עמעץ האָט געטראַכט אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט, אַ טאָג-צייטונג, האָט ער קודם-כל זיך באַוואָרנט מיט אַן אָפּמאַך פון אַ יידישן שרייבער — מענדעלע, שלום-עליכם, פּרץ, ספּעקטאָר, פרוג און אַנדערע, — און ערשט דאַן געקאַנט טראַכטן וועגן אַנדערע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

אָבער יענע אַלטע גוטע צייטן זענען אַוועק. מען קאָן שוין איצט ביי דעם איצטיקן לעבנס-טעמפּאָ נישט גיין מיט אַמאָליקע, פאַרצייטיקע דרכים, און ווען מיר טראַכטן זיך איצט אַריין אין דעם ענין ליטעראַטור אין דעם היינטצייטיקן לעבן און פאַרגלייכן עס מיט די אַנדערע, איבעריקע אַקטיווע שעפערישע כּוחות אין לעבן, קומט טאַקע אויס ליטעראַטור ווי עפּעס אַן אָפּגעקומענער גביר, אַ יורד, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס קאָן זיך שוין נישט פאַרגלייכן מיט די יינגערע, רייכערע אויפ-

געקומענע, וועלכע פאַרנעמען איצט דאָס אָרט פון דעם אַמאָליקן מיוחס, פון דער ליטעראַטור.

האָט זיך אייך געמאַכט אַמאָל צו טרעפן אויף די שיינע בכבודיקע, רוישיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, ווי עס עפנט זיך פּאַמעלעך אַ טויער פון עפּעס אַ פאַרוואָקסענעם, פאַרצייטיקן הויף, און פון דאָרט פאָרט אַרויס אַן אַמאָליקע פאַרצייטיקע קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי גרויסע שווערע בכבודיקע פאַרצייטיקע פערד. זיי זענען געשפּאַנט דורך עפּעס אַ צו־להכעיסניק אַ פריץ, וואָס וויל אין סאַמע מיטן פון גרויסשטעטישן גערויש איינהאַלטן און פאַרהיטן אַן אַמאָליקן, אָפּשטאַרבנדיקן אַלטן קאַרעטע־און פערד־נוסח. איבער די היציקע געפּלאַסטערטע גאַסן פליען געשווינד הין און צוריק מיט אַן אימפּעט און מיט גערויש איילנדיקע, סאַפּנדיקע אויטאָס און אין מיטן דערינען פּויזעט דאָ אָט די פאַרצייטיקע קאַרעטע, געשפּאַנט אין פערד. האָבן מיר נישט דערביי דעם איינדרוק, ווי מיר געפינען זיך ערגעץ אין אַ טעאַטער, גוו עס ווערט אויסגעפירט אַן אַלטמאָדיש פאַרצייטיק בילד פון פאָריקן יאָרהונדערט?

דאָס זעלבע געפיל האָבן מיר אָפּטמאָל, ווען מיר פאַרגלייכן די שטילע ליטעראַטור מיט דעם אַרומיקן אימפּעט און אַרומיקן געטומל פון דער ענערגישער, איילנדיקער און קוועקזילבערדיקער טאָג־פּרעסע.

די ליטעראַטור שלעפּט זיך פּאַמעלעך, זי ווערט געשריבן דורך איין מענטש חדשים און יאָרן, זי ווערט געזעצט און געדרוקט חדשים־לאַנג, און ווען מען דערלעבט שוין דאָס דערשיינען פון דעם ווערק פונם דרוק, קאָן דאָס בוך פאַרשפּרייט ווערן נאָר אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן. און זעלטן, זעלטן, ווען עס דערגרייכט דעם טיראַזש פון טויזנט, צוויי טויזנט (ביי אונז יידן) און פון עטלעכע טויזנט (ביי נישט יידן). און וואָס פאַר אַן אויסזען און פּנים האָט עס אין פאַר־גלייך מיט דער היינטיקער פּרעסע? צו דער דינסט פון דער פּרעסע שטייען טעלעפאָן, טעלעגראַף, ראַדיאָ, כּלערליי זאַץ־פּאָטאָ־און ראָטאַ־ציאָ־מאַשינען. די אַרבעט גייט איילִיק, לעבעדיק, שנעל, מיט אימפּעט. אין לויף פון אַ פּאָר שעה ווערן פאַרטיק צענדליקער זייטן פון אַ גרויסער טאָג־צייטונג, וואָס פאַרמאָגט אותיות, שורות, מאַטעריאַל מער ווי אַ דיק בוך. און איינס און צוויי, און הונדערטער־טויזנטער עק־זעמפּליאַרן ווערן געשווינד אַרויסגעוואָרפן אויף דער ליכטיקער שיין, און שנעל־צוגן און עראָפּלאַנען טראָגן גלייך פאַנאַנדער די פרישע

צייטונגען איבער שטעט און שטעטלעך, איבער די פארשידנסטע ווינקלען און סטאנציעס. און נאך פרישערהייט, מיט דעם געריך פון דער פארב, ווערט די צייטונג דורשטיק איינגעשלונגען דורך די הונדערטער-טויזנטער און מיליאנען לייענער.

וואס פאר אן אפגעשטאנענע אינסטיטוציע איז באמת די ליטעראטור, דאס ליטעראַרישע בוך, דער שרייבער אין פארגלייך מיט דער פרעסע, צייטונג און זשורנאליסט?

און פארפאלן! דער שרייבער, וואס וויל נישט שלעפן זיך אין דער פאמעלעך-פוינדיקער קארעטע, מוז זיך צופאסן צו דעם געיעג צו דער איילעניש פון דער צייטונג, זעלטן ווער פון די איצטיקע שרייבער איז נישט קיין צייטונגס-מאן, קיין זשורנאליסט.

און אט דעם טיפן אונטערשיד צווישן דעם שרייבער און זשורנאליסט האבן איצט באוויזן די קעלנער פרעסע-אויסשטעלונג און דער „פען"-קאנגרעס אין אסלא. די קעלנער פרעסע-אויסשטעלונג איז ווי דער אויפגעקומענער ברייט-פאנאנדערגעוואקסענער און רייכער „בחור", און דער אסלא-קאנגרעס מאכט דעם איינדרוק פון א צונויפפאר פון אפגעקומענע זקנים נעבעך, פון דערשלאגענע, פון יורדים.

פרעסע און ליטעראטור. אין קעלן איז פאנאנדערגעווארפן דער ריז, מיט אלע זיינע יוצר-משרתים, מיט אלע זיינע לויפער און נאכלויפער, מיט די אלע מאשינען, דערפינדונגען, אויפטוען און טעכנישע קונצן, וואס פארשנעלערן דעם טעמפא, פארגרעסערן די צירקולאציע און טרייבן טויזנטער, צענער-טויזנטער ווערטער, עקזעמפליארן אין מינוטן. און אין אסלא זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע צענדליק מאן, בכבודיקע, סענטימענטאלע, ראמאנטישע פערזענלעכקייטן, זיך הארציק אדורכגעשמועסט, גערעדט וועגן ברודערלעכקייט און אויפן אלטיטשקן שטייגער זיך אפגעגעבן כבוד. אלע זענען דערנאך אוועקגעפארן גערירט, און מיטגענומען מיט זיך שטימונגען און איינדרוקן פון פיינע נאטור-בילדער, פון ווייסע נעכט אין נארוועגיען און פון אלטע פארקן און פלעצער.

פרעסע און ליטעראטור! קעלן און אסלא!

די נחמה איז, וואס אונזערע פרעסע און אונזער ליטעראטור, אונזער זשורנאליסט און אונזער שרייבער, זענען שוין מער קיין אויסנאם נישט. מיר זענען געווען גלייך-בארעכטיקטע אין דעם אויפגעקומענעם קעלן און אין דעם אפגעקומענעם אסלא.

און די פרעמיע פאַר דעם בעסטן יידישן ליטעראַרישן ווערק, וואָס די וואַרשעווער און לאָדזשער יידישער קהלות ווילן און וועלן אפשר באַשטימען, זענען אפשר נאָך אַ באַווייז, אַז די ליטעראַטור איז שוין אויף דער עלטער, און עס שמעקט שוין דאָ מיט צדקה, מיט מושב-זקנים, ווייל אַנדערש, רעכן איך, וואָלט די יידישע קהלה נישט געפּועלט ביי זיך צו טאָן עס, צו געבן געלט און שטיצע.

ליטעראַטור איז אויף דער עלטער אין אונזער טומלדיקער און אימפּעטפולער צייט.

1928

יוביליייען

עס גייט איצט אַ סדרה יובילייען.

עס האָבן געפּייערט זייער יובילייַ פּאַרטייען (ציוניזם, בונד, פּועלי־ציון), עס פּייערן זייער יובילייַ דיכטער און זשורנאַליסטן און מען פּייערט איצט דעם יובל פון צייטונגען. אויסער די יובילייען — האָבן מיר געבוירנטעג און—להבדיל בין החיים והמות— יאָרצייטן. עס ווערט שוין ביי אונז אין לעבן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, אַז די יובילייַ־און יאָרצייט־פּייערונגען, און אויך אַ שטענדיקע רובריק אין אונזערע צייטונגען. און וויבאַלד עס איז אַ דערשיינונג — זענען שוין פאַראַן חסידים, אָנהענגער פון יובילייען, און — אויך קעגנער און מתנגדים.

אַט האָט די טעג איינער אויסגעשאָסן:

— יובילייען „ניע זשעלאַיעם!״ מיר וועלן באַקעמפן די פּאַר־שיידענע פּרוּוון צו פּראַווען אַ יובילייַ! מיר וועלן עס אויסראָטן מיטן וואָרצל!

בקצור, עס איז דאָ סכנה, אַז מיר וועלן גאָר אינגיכן האָבן ביי אונז צוויי קעמפנדיקע פּאַרטייען: יובליסטן און אַנטי־יובליסטן, און ס׳וועלן שוין קומען טעאָרעטיקער, וואָס וועלן באַגרינדן די נויט־ווענדיקייט פון יובילייען און מ׳וועט שאַפן פּלאַטפאָרמעס און מען וועט אַרויסגעבן אָרגאַנען און אַזוי ווייטער און ווייטער.

עס לוינט זיך דעריבער אויף אַ ווײַלע אָוועקגיין אָן אַ זייט פון די יובילייַ־פּייערונגען און זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון: איז טאַקע מעשה־יובל אַ געפערלעכער ענין? ברענגען טאַקע די יובילייען בלויז שאָדן אונזער געזעלשאַפטלעכקייט, קולטור און ליטעראַטור? איז עס טאַקע נאָר אַ דעמאָראַליזאַציע און נישט מער?

אַ יובל איז, להבדיל, ווי אַ לויה. מען טוט אַלץ נישט־נאָר צוליבן „כבוד־המת״, נאָר צוליב די לעבעדיקע. ווי אין פּסוק שטייט:

„והחי יתן אל לבו", — דער לעבעדיקער דארף זיך עס גוט אריינגעמען אין זינען, און מאכן פאר זיך א חשבון-הנפש. א יובילייווערט געפייערט נישט-נאר צוליבן בעל-היובל, נאר פאר די ארומיקע, פאר די, וואס קומען צו דער פייערונג. מען קוקט זיך צו צו די כבודים, וואס מען טיילט-צו גערעכט און אומגערעכט, פארדינט צי נישט פארדינט דעם יובילאר, מען הערט זיך צו צו די שבחים, איבערגעטריבענע אדער נישט-איבערגעטריבענע, און מען מאכט דערביי אן אייגענעם חשבון-הנפש און מען לייגט דערביי אויף א וואגשאל אייגענע מעלות און חסרונות, און מען האט דערביי שברת-הלב, וואס איז אזוי וויכטיק פאר דעם דיכטער און שריפטשטעלער, וועלכע זענען אלץ געווינט צו לערנען יענעם, צו זיין א מורה-דרך פאר אנדערע און נישט פאר זיך.

און וואס נאך? מען קאן אפט מיט יובילאיי-פייערונגען היילן די יובילייי-קראנקהייטן. מען היילט דאך אפט קראנקהייטן מיט איינשפריצן באצילן טאקע פון דער זעלבער קרענק. אפטמאל איז טאקע א יובילייי-פייערונג א גלענצנדע מיטל אויף אפצוווענדן די סכנה פון פארשלאפט צו ווערן אויף א יובילייי פון פיל-פיל ערב-יובילארן. מען קומט אויף א יובל-שמחה, מען טראכט זיך אריין, מען קוקט זיך גוט צו און... מען פארלירט דעם חשק, די תאווה צו לאזן זיך איינרעדן פונם יצר-הרע צו ווערן א בעל-יובל.

און איך ווייס עס פון דער פראקטיק. א פאר נאענטע באקאנטע האבן געהאט, ווייס איך, א מחשבה-זרה, זיי זענען גרייט געווען זיך לאזן אריינציען אין א יובילייי-פייערונג, אבער נאך איין יובילייי-שמחה און א צווייטער, איז שוין יענער גרייז געווען דורס צו זיין באמת דעם, וואס וועט וואגן אפצושפילן מיט אים א יובילייי-קאמעדיע, א יובל-טראגעדיע, אדער גאר א יובל-טראגיקאמעדיע. איך גלויב, אז דער ווידערווילן וועט אנהאלטן ביי אט די קאלעגן א לענגערע צייט, ביז זיי וועלן סוף-כל-סוף נישט אריינפאלן אין דער יובל-נעץ: מען איז דאך נישט מער, ווי א מענטש!... און „פאדאוואי" כבוד און שבחים און וואס מער! — — —

אין אמתן אבער און ערנסט גענומען — דארף מען נישט אהעקמאכן די יובילייי-פייערונגען,—ווען זיי זענען פארדינטע, און זיי ווערן ארויסגערופן פון אמתע אויפריכטיקע געפילן און אמתער באגייסטערונג,

עס זענען געווען ביי אונז יובילייען, וועלכע זענען געוואָרן אַ וויכטיקע דאַטע אין אונזער קולטור-לעבן און אין אונזער ליטעראַ-טור-געשיכטע.

מיר ווייסן אַלע, וואָס פאַר אַ באַדייטונג פאַר דעם יידישן שאַפן אין דער יידישער ליטעראַטור האָט געהאַט דער יובל פון פרצן אין 1901. עס איז געווען נישט-נאָר דער יום-טוב פון פרצן, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אויף דער העכסטער מדרגה פון זיין שאַפן, נאָר בכלל אַ געוואַלדיקע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דאַן ערשט גענומען צו דערהאָבערן זיך אַן אָרט אין יידישן לעבן. דער פרץ-יובל איז געווען אַ וויכטיקער ווענד-פונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. און די יוביליי-אויסגאַבע פון פרצעס שריפטן, וואָס דער יוביליי-קאָמיטעט האָט צוגעטראָגן פרצן, איז געווען אַ גרויסע אַ מתנה נישט-נאָר פרצן, נאָר די יידישע מאַסן.

גאָר פייערלעך איז געווען מענדעלע מוכר-ספרימס 75-יעריקער געבוירנטאָג, געפראַוועט אין 1919, אין הונדערטער ערטער, דורך די פאַרשיידנסטע קרייזן, אין פאַרשיידענע לענדער. אַדאַנק דער אַלגע-מיינער באַגייסטערונג האָט געלונגען צו קריגן פאַרלעגער אויף מענ-דעלעס ווערק, וועלכע האָבן דאַן אָפגעצאָלט מענדעלען אַ לעגענדאַרע, פאַר אונז, סומע פון צען טויזנט רובל. די זיבצן מענדעלע-ביכער זענען דאַן פאַרשפּרייט געוואָרן אין פיל טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

גאָר אַ גרויסאַרטיקן יוביליי האָט מען געפייערט לכבוד דוד פרישמאַנס פופציקסטן געבוירנטאָג אין 1914. אויף דער יוביליי-פייערונג אין וואַרשעווער „הזמיר“, האָט צווישן אַנדערע פרץ, פריש-מאַנס לאַנגיעריקער קעגנער (אָדער ריכטיקער, פרץ, וואָס פרישמאַן איז געווען זיין לאַנגיעריקער קעגנער), געהאַלטן אַ רעדע און אָט-וואָס געזאָגט: „איך פריי זי מיט פרישמאַנס יוביליי. איך פריי זיך דערי-בער, ווייל איך האָב אין אים, אין מיין ליטעראַרישן קעגנער, אַ נקמה! פרישמאַן האָט שטענדיק געקוקט אויף יידן, יידישקייט און יידישע ליטעראַטור, ווי דורך אַ געדיכטן שוואַרצן פאָרהאַנג, און האָט זיי דערביי נישט געזען... נישטאָ קיין פאָלק, נישטאָ קיין ליטע-ראַטור... האָט פרישמאַן אַ יוביליי, און ער האָט געמוזט אַלץ דערזען... אַ יוביליי — פעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, בערלין, כל-תפוצות-ישראל... ווער מאַכט דעם יוביליי? דאָס יידישע פאָלק. וועמען? אַ יידישן

שריפטשטעלער. פאַרוואָס? פאַר זיינע 17 בענדער... אַלזאָ — פאַראַן! פאַראַן אַ פאָלק! פאַראַן אַ ליטעראַטור!"

אַ יובילײ איז אַן אָנזאַמלונג פון סימפּאַטיעס, געפילן, פּיעטעט, פאַרערונג, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן דעם עולם. די יובילײ-פייערונג זאַמלט עס צונויף און טראָגט צו דעם בעל-היובל און דער ליטעראַטור און קולטור, וועלכע ער דינט. מיר ווייסן גאָר אַליין נישט, וויפיל קראַפט עס פאַרמאָגן אָט די איינצלנע סימפּאַטיעס, באַגייסטערונגען, פאַרערונגען. קומט דער יובל-יום-טוב און באַווייזט עס באַשיינפערלעך און איבערצייגנדיק. עס איז אַ גלעצנדיקע מאָס און וואָג, וואָס מעסט און וועגט אָפּ די פאַרדינסטן פון יובילייאַר און גיט איס אַרויס די אמתע באַצייכנונג. „ונתנה תוקף קדושת היום", — עס ווערט פּינקטלעך איבערגעגעבן די קראַפט פונם בעל-היובל און זיין גראַד פון הייליקייט. דאָס איז די אמתע באַלוינונג, וואָס דער אמתער קינסטלער האָט. מען זעט זי נישט אין די געוויינלעכע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, זי באַווייזט זיך פּלוצים אין אַ יומא-דפגרא.

און באַדאַרף מען נאָך דערווייזן, וויפיל מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די יאָרצייט פייערונגען פון אונזערע בעסטע שריפטשטעלער?

לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען די גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור און יידישן וואָרט, אין וועלכער עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן צוריק מיט צוויי יאָר דער 10-טער יאָרצייט פון פּרצן. עס זענען געווען אויפריכטיקע דאַנקבאַר-אויסדרוקן פון די יידישע מאַסן צו זייער דיכטער. און, צווישן אונז גערעדט, ווער ווייסט, ווען נישט אָט דער צענטער יאָרצייט-פייערונג,—צי וואָלט שוין פּרצעס קבר געהאַט די מצבה? און דער צענטער יאָרצייט פון שלום-עליכם און זיין פּרעכטיקער דענקמאָל „דאָס שלום-עליכם-בוך", וואָס איז דערשינען אין ניו-יאָרק? און די מענדעלע-פייערונגען, וואָס זענען געפייערט געוואָרן איצט בכל תפוצות ישראל, — אין ניו-יאָרק און אין גריצע, אין מאָסקווע און אין סווענציאַן, אין בוענאָס-איירעס און אין וואָסילקאָוו. איז עס נישט אַן אמתער פאָלקס יום-טוב, וואָס אינמיטן דרינען קען מען אים נישט איינאָרדענען? די יאָרצייט-פייערונגען באַלעבן די אַוועקגעגאַנגענע קינסטלער, די דיכטער באַקומען אַ נייעם תיקון אין לעבעדיקן לעבן, עס קניפּן זיך אָן מיט זיי נייע ענגע באַציִונגען, וואָס זענען אין משך פון יאָרן אָפּגעקילט געוואָרן. און אָט האָט דער איצט 50-יעריקער יובל פון דער גרינדונג פון יידישן

טעאַטער דערנענטערט צו אונז זיין שעפער, אַ. גאָלדפאַדן. און עס זענען אויפגעדעקט געוואָרן נייע אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן פון זיין לעבן און שאַפן, וועלכע וואָלטן געוויס פאַרלוירן געגאַנגען.

בקצור, זאָל לעבן אמתע יובילייען! די אמתע יובילייען און פאַרדינטע יאָרצייטן זענען וויכטיקע דערשיינונגען אין אונזער קולטור־לעבן.

און געבענשט זאָלן זיין די הענט, וואָס אָרדענען זיי איין!

1927

שרייבער-צוזאַמענפאָר

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די יידישע פען-קלוב-מיטגלידער אין וואַרשע, פאָרגעקומען 14-טן פעברואַר 1928, איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן חול-המועד פסח אַ צוזאַמענפאָר פון יידישע שרייבער אין פוילן, — פון די מיטגלידער פון וואַרשעווער און ווילנער יידישע פען-קלובן. אָט דער באַשלוס איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך דורכן ווילנער יידישן פען-קלוב אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון זיינע מיטגלידער.

ביזן צוזאַמענפאָר זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע וואָכן, און ס'איז שוין איצט די העכסטע צייט צו באַהאַנדלען די פראַגן, וואָס שטייען און דאַרפן שטיין אויפן סדר-היום פונם יידישן שרייבער-צוזאַמענפאָר.

אַ שרייבער-צוזאַמענפאָר איז בכלל (נישט נאָר ביי אונז!) אַ זעלטענע זאַך, און ס'פעלן פאַר אים די פאַרטיקע נוסחאות און טראַדיציעס. דעריבער מוז מען זיך באַזונדערס אונטערגאַרטלען ביים צוגרייטן און אַדורכפירן אַזאַ מין צוזאַמענפאָר.

וועלכע זענען די צילן און אויפגאַבן פון דעם שרייבער-צוזאַמענקום?

קודם-כל — אַלגעמיינע סך-הכלען, — פאַר זיך און פאַר דער עפנטלעכקייט. עס האַנדלט זיך נישט וועגן געניויע באַריכטן מיט ציפערן. ס'איז זייער וויכטיק אונטערצופירן אַן אַלגעמיינעם סך-הכל פון די אויפטוען, דערגרייכונגען, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געמאַכט פאַר די לעצטע יאָרן. נישט געקוקט אויף דער שטענדיקער קלאָגעניש, זענען פאַר די לעצטע יאָרן (צען, צוואַנציק יאָר) אין דער יידישער ליטעראַטור דערגרייכט געוואָרן קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן, און אָט די רעזולטאַטן דאַרפן כלפי-פנים און כלפי-חוץ אַרויסגעבראַכט ווערן. די יידישע ליטעראַטור וועט אַזוי אַרום באַקומען מער אָנזען ביי פרעמדע

און מער אָפשיי ביי אייגענע. אין פאַרלויף פון אַ צוויי צענדליק יאָר האָט אונזער טרוקענער ליטעראַטור-שטאַם זיך שטאַרק צעוואַקסן און פאַרצווייגט, — פון איינצעלנע מעשה-ביכלעך איז אויסגעוואַקסן אַ רייכע, באַדייטנדיקע, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ליטעראַטור, — באַדאַרף מען אָט די ענדערונג און אַנטוויקלונג מאַניפעסטירן. צוזאַמען מיט דעם וווקס פון דער ליטעראַטור, איז אויך שטאַרק געוואַקסן דער יידישער לייענער-עולם, געוואַקסן אין כמות און אין איכות, — באַדאַרף מען דעם וווקס באַווייזן און אונטערשטרייכן. און דערצו: פריער האָבן מיר געהאַט אין יידיש נאָר אַ ספור-המעשה-ליטעראַטור, אין לויף פון יאָרן האָבן מיר באַקומען פיל נייע אָפצווייגונגען, די יידישע ליטעראַטור וואַקסט אויף פאַרשידענע געביטן פון מענטשלעכן שאַפן, פון מענטשלעכער קולטור. מיר פאַרמאָגן שוין איצט שיינע עטלעכע טויזנט ביכער אין יידיש: ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמען און לידער, און אויך וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ווערק, קריטיק, היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע ווערק, ווערטער-ביכער, לערנביכער, אַ רייכע קינדער-און יוגנט-ליטעראַטור, פאַרשיידענע פאַך-ביכער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די סך-הכלען פון די ליטעראַטור-דערגרייכונגען וועלן איבער-ראַשן נישט נאָר פרעמדע, זייטיקע, וואָס האָבן קיין שום פאָרשטעלונג נישט וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אין דער יידישער שאַפונגס-וועלט, נאָר אויך די אייגענע און נאָענטע. עס וועלן זיך אַנטפּלעקן אויפטוען, אוצרות, וועגן וועלכע אַפילו נאָענטע האָבן גאָרנישט געאַנט און געחלומט.

אָבער וויכטיקער איז, — און איבערהויפּט פאַר אונז גופא — דער אַנדערער טייל — דער חשבון-הנפש פונם שרייבער. און דאָ איז פאַראַן פיל, פיל וואָס צו רעדן און צו שמועסן. עס הערשט אַ שטאַרקע צעפלאָסנקייט, צעפּאָרנקייט און פאַרלוירנקייט ביי אַ גרויסן טייל היגע יידישע שרייבער. מען האָט אָנגעוווירן דעם חוט-השדרה און דעם פעסטן באָדן אונטער די פיס. דער שרייבער איז פיל הינטער-שטעליקער פון דער ליטעראַטור. געווען ביי אונז צייטן, ווען דער שרייבער איז געווען פיל-מער פון ליטעראַטור, דאַן האָט ער די לי-טעראַטור געהויבן צו זיך, און די ליטעראַטור איז ממילא געוואַקסן און געשטיגן. איצט איז דער שרייבער פיל-ווייניקער פון ליטעראַטור און אַפילו פון ז י י ן ליטעראַטור. דעריבער פילט זיך אַן אָפּהענטיקייט. אַן אָפּגעלאָזנקייט, אַ דעגראַדאַציע אין אונזער היגן שאַפן. נישטאָ דער גרויסער ווילן און ציל. שרייבט מען ווי עס שרייבט זיך און ו ו י פ ל

מען שרייבט, — און דאָס גאָר. גייט מען על פּי רוב פון ערגעץ נישט אָפּ און צו ערגעץ קומט מען נישט. פילט עס דער לעזער, נעמט ער דעריבער אַזוי־קאַלט אויף דאָס רוב ווערק, שפּירט דערנאָך דער קינסטלער אָט דעם גלייכגילט און ער פאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיטן לעבעדיקן לעזער־עולם. שאַפן זיך אַזוי־אַרום די צווייפל־שטימונגען ביים שרייבער און מ׳פרעגט די אַלטע פראַגע: „למי אני עמל?״ און דאָס קומט פאָר אין דער צייט, ווען צענער און הונדערטער טויזנטער יידישע לעזער קוקן דאָ אַרויס אויף יעדן נייעם יידישן ווערק מיט ציטער און האַרצקלאַפּעניש.

דער יידישער שרייבער און זיינע לייענער — דאָס איז אַ צווייטע וויכטיקע פראַגע — און אין אָט דער פראַגע זענען פאַרוועבט פיל ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס דער שרייבער־צוזאַמענפאָר דאַרף זיי אויפדעקן און אַנטפּלעקן.

דערנאָך קומט נאָך אַן ערנסטע פראַגע — דער שרייבער און די פּרעסע. אויף היינט צו טאָג האָט די יידישע פּרעסע אין אַ געוויסן זין אויפגעגעסן די ליטעראַטור. די פּרעסע האָט לכתּחילה אַרויסגעשטויסן דאָס יידישע מעשה־ביכל, די פּרעסע האָט גענומען פאַרטרעטן ביי פיל לעזער דאָס בוך, די ליטעראַטור, און גלייכצייטיק האָט די יידישע פּרעסע אין פּוילן גענומען אויסמיידן דעם שרייבער, וועלכער האָט בעיקר די פּרעסע געשאַפן. די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע און אַרגענטינע שענקט מער אָרט און אויפמערקזאַמקייט דער ליטעראַטור גופא און אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור ווי די יידישע פּרעסע אין פּוילן, וווּ דער אינטערעס צו ליטעראַטור איז ביים עולם בלי־ספק אַ גרעסערער, ווי דאָרט. אַלץ איז בילכער אין דער היגער טאָג־פּרעסע. ליטעראַטור איז געוואָרן אַן אמת שטיף־קינד, עפּעס אַ נחית־דרגא, וואָס נאָר בשעת־הדחק און אויף יוצא־זיין גיט מען פאַר דעם ערגעץ אַ ווינקל ביים עק צייטונגס־טיש.

מאָנען ביי דער טאָג־פּרעסע די באַרויבטע רעכט פון דעם יידישן שרייבער, — דאָס איז דער חוב פונם שרייבער־צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר האָט פאַר זיך נאָך אַן אויפגאַבע: צו שאַפן אַ יידישן ליטעראַטור־פאָנד. אומעטום עקזיסטירן פאָנדן לטובת דער ליטעראַטור, אַפילו דאָרט, ווו ליטעראַטור ווערט ברייט געשטיצט דורך די מלוכה־אָרגאַנען. נאָך מער וויכטיקער איז דעריבער צו שאַפן

אַ ליטעראַטור־פאָנד פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף אייגענע כּוחות. דער ליטעראַטור־פאָנד דאַרף באַשטימען פּרעמיעס פאַר די בעסטע ווערק און אויך סטיפּענדיעס פאַר באַגאַבטע יונגע שרייבער. די לעצטע צייט ווערן ביי אומות־העולם באַשטימט פּרעמיעס נישט נור דורך אַלגעמיינע מלוכה־אָרגאַנען, נאָר אויך דורך שטאָט־פּאַרוואַלטונגען און איינצלנע געזעלשאַפטן. אָט די פּרעמיעס פּראָפּאַגאַנדירן שטאַרק די ליטעראַטור. זיי רופן אַרויס „קנאת סופרים" און אויך אַ געזונטן קאָנקורענץ־קאַמף ביי די פאַרלאַגן, וועלכע שטרעבן אַרויסצוגעבן דאָס ווערק, וואָס וועט ראוי זיין צו דער פּרעמיע. חוץ דעם איז די פּרעמיע אַ וויכטיקער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל ביי די לעזער. דאָס ווערק, וואָס באַקומט די פּרעמיע, ציט־צו די אויפמערקזאַמקייט פון ברייטערע קרייזן לעזער, עס וועקט דעם אינטערעס און נייגיר צום בוך און צום שרייבער. דער פּרעמירטער קינסטלער ווערט געשטאַרקט, געמונטערט און באַקומט אויך מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צום ווייטער־דיקן שאַפן. דער צוזאַמענפאָר וועט זיך דאַרפן באַשעפטיקן מיט דעם אופן, ווי צו באַשטימען די פּרעמיעס, און אויך צו זוכן די מיטלען, ווי צו באַקומען דאָס געלט פאַר די פאָנדן. צו דעם ליטעראַטן־פאָנד דאַרפן צוגעצויגן ווערן די קהלות, קולטור־געזעלשאַפטן, די פּרעסע, די פאַר־לאַגן, — און דאָס אַליין איז אויך אַ וויכטיקער אויפטו און אַגיטאַציע פאַר דעם יידישן וואָרט. די פּרעמיעס און סטיפּענדיעס פאַר שרייבער זענען אַ געבאָט פון דער צייט, און אויב דער צוזאַמענפאָר וועט דאָס אַליין אַדורכפירן און רעאַליזירן, וועט עס אויך זיין אַ גרויסע זאַך.

פאַראַן נאָך און נאָך פראַגן, וועגן וועלכע דער צוזאַמענפאָר וועט מוזן זאָגן זיין אויטאָריטעטיש וואָרט.

וועגן איבערזעצונגען *אויף* יידיש און *פון* יידיש. אויף דעם געביט הערשט ביי אונז אַ שרעקלעכע הפקרות. מען זעצט איבער וואָס ס'קומט אונטער דער האַנט, אָן קיין שום פּלאַן. די איבערזעצונגען ווערן געמאַכט על־פּי־רוב דורך מענטשן, וואָס קאָנען נישט די שפּראַך *פון* וואַנעט זיי זעצן־איבער און די שפּראַך, *אויף וועלכער* זיי זעצן־איבער. אַריינברענגען אַן אָרדענונג אין דעם איבערזעצונגס־כאַאָס איז שוין לאַנג צייט. מיר זעען, ווי ווערק, וואָס מ'האָט שוין לאַנג באַ־דאַרפט אַריינברענגען אין יידיש, ווערן אַלץ נישט איבערגעזעצט, און, פאַרקערט, פאַרליי נישטיקייטן, מאָדע־ביכלעך ווערן גלייך אויפגעכאַפּט און געבראַכט אין יידיש. קאָאָרדינירן די איבערזעצונגס־אַרבעט, פאַר־

היטן זי פון די אומגעבעטענע „איבערפירער“, — דאָס איז זייער אַן ערנסטע אַרבעט.

מען דאַרף אויך באַרירן די באַציִונג פונם יידישן שריפטשטעלער צום יידישן טעאַטער. ס׳זענען געווען צייטן, ווען דאָס יידישע טעאַטער איז געבויט געווען אין ענגער צוזאַמענאַרבעט פונם אַרטיסט מיטן יידישן שרייבער. לעצטנס האָט זיך געשאַפן אַ תהום צום שאָדן פונם טעאַטער. דער יידישער אַרטיסט גייט זיך אַליין זיין וועג, און דער שרייבער איז כמעט ווי באַזייטיקט פון טעאַטער. צוריק פאַרבינדן זיך פעסטער מיטן טעאַטער, העלפן בויען, אַרויסהעלפן אים מיטן רעפּערטואַר, אָריגינעלן און איבערגעזעצטן, — דאָס דאַרף דער יידישער שרייבער באַשליסן אויפן צוזאַמענפאָר.

און דאַן קומט די אָנגעווייטיקטע אָרטאָגראַפיע-פראַגע, וואָס דאָ קאָן דער שרייבער-צוזאַמענפאָר, אמת, נישט אָננעמען קיין ענדגילטיקן באַשלוס, אָבער דאַרף רעאַגירן אויף דעם הפקרות פון די צענדליקער אָרטאָגראַפיעס. — —

דער שרייבער-צוזאַמענפאָר אין פוילן ווערט צונויפגערופן פונקט צוואָנציק יאָר נאָך דעם, ווי ס׳איז פאָרגעקומען די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ. יענע קאָנפערענץ איז געווען אַ וויכטיקע דאַטע אין אונזער יידישן קולטור-לעבן. עס איז דאַן צוערשט פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט דער באַטייט און דער כאַראַקטער פון יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך. פון דאַן האָט שוין יידיש געהאַט פיל נצחונות, יידיש איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר רעכט, פאַר נייער קולטור, פאַר וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן. דער איצטיקער שרייבער-צוזאַמענפאָר אין פוילן דאַרף זיין די גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר דעם יידישן שאַפן.

און אויב דער שרייבער-צוזאַמענפאָר וועט שטיין אויף דער געהעריקער קולטור-הויך און ס׳וועט אים געלונגען דאָס אַלץ אויפצוטון, וועט עס אָנרעגן די אַנדערע גרעסערע שרייבער-קיבוצים צונויפצורופן אַזעלכע מיני לאַנד-צוזאַמענפאָרן, — און דערנאָך וועט מען קאָנען קומען צו דעם אַלוועלטלעכן קאָנגרעס פון יידישע שרייבער.

1928

איז טאַקע די לאַגע אַזוי טרויעריק?

אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“ האָט לעאָ קעניג געמאַכט אַ קורצן אַלגעמיינעם סך־הכּל וועגן די אויפטועז און דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צוואַנציק־דרייסיק יאָר, ער האָט באַוויזן די גרויסע דערפאָלגן און זיגן, וואָס זי האָט צו פאַרצייכענען, — און אָנגעהויבן פריילעך, פריידיק — האָט ער געענדיקט מיט אַן „איכה־ניגון“, „אַז די יידישע ליטעראַטור שטייט איצט פאַר דער טראַגישער פראַגע: וווהין?“ „די הויפּט־אורזאַכע פון דעם איצטיקן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור“ זעט ער, ערשטנס, אין דעם, „וואָס די נאַציאָנאַלע אידעע איז איצט אויף דער גאַנצער וועלט באַנקראָטירט“. ער שטעלט זיך אָפּ „אויף דער מער־דירעקטער אורזאַכע פון דעם איצטיקן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור“. דאָס איז, לויט זיין מיינונג, וואָס דער יידישער שרייבער האָט נישט פאַר וועמען צו שרייבן. „דער יידישער שרייבער געפינט זיך איצט אין דער ווירקלעך־שרעקלעכער לאַגע: די אַלטע ברייטע מאַסן־לעזער קענען אים און זיינע מאָדערנע פּראָבלעמען נישט פאַרשטיין, און קיין נייע לעזער, צו וועלכע צו רעדן, פאַר וועלכע צו שרייבן האָט ער נישט. סיידן פאַר קאָלעגן שרייבער, וועלכע זענען פונקט אַזוי אומגליקלעך, ווי ער“. און מאַכנדיק אַזאַ מין ביטערן סך־הכּל, קומט ער שוין צום זייער טרויעריקן אויספיר, אַז „זייער נישט קיין פריילעך ליכט וואַרפט אָט דער אַנאַליז אויף דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור“... און ער ענדיקט אַ רבנן־קדיש: „דער היינטיקער יידישער שרייבער זעט פאַר זיך בלויז אַ ל ט ע ל ע ז ע ר, וועלכע ווילן אים און זיינע נייע פּראָבלעמען און זוכונגען נישט פאַרשטיין“.

ריכטיק זענען לעאָ קעניגס ווערטער אין דער ערשטער העלפט פונם אַרטיקל, דאָרט ווו ער רעדט וועגן „דעם געוואַלדיקן פאָרשריט,

וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געמאַכט". צו זיינע עטלעכע פאַקטן, וואָס ער ברענגט, קאָן מען צוגעבן נאָך און נאָך.

פאַר די לעצטע צוויי-דריי צענדליקער יאָר זענען ביי אונז אויפן געביט פון ליטעראַטור און קולטור פאָרגעקומען קאָלאָסאַלע ענדערונגען צום גוטן, צום בעסערן. און ריכטיקער געזאָגט: ערשט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר איז ביי אונז אויפגעקומען און געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע, באַדייטנדיקע, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע יידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך כלל נישט צו שעמען, ווען מ'פאַרגלייכט זי מיט די ליטעראַטורן פון אַנדערע קלענערע און גרעסערע פעלקער. דאָס ווייסט לעאָ קעניג, אָבער עס שטערט אים דאָך נישט צו זיין אַ שוואַרזעער און אַריינצופאַלן אין אַזאַ שווערן פעסימיזם.

פאַרוואָס איז עס? ווייל לעאָ קעניג לעבט שוין אַ צוואַנציק יאָר אין „גלות", אין דער ווייט פונם יידישן רוישנדיקן לעבן און דאָס, וואָס ער זעט אַרום זיך אין זיין לאָנדאָן, וויל ער אָנבינדן דער גאַנצער יידישער וועלט. מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט די „טיפע אומרו, וואָס עגבערט און מוטשעט" אים אין דער גרויסער שטאָט לאָנדאָן, וווּ ס'איז כמעט נישטאָ קיין יידיש קולטור-לעבן. אָבער לאָנדאָן און נאָך אַ ריי שטעט און קבוצים פון פאַרפרעמדטע און דער-ווייטערטע יידן איז נאָך נישט דאָס גאַנצע יידישע לעבן.

לעאָ קעניג מיינט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט שוין דער-פילט איר מיסיע און „ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַר אונז דער גרויסער באַרג-אַראָפּ". מיר ווייסן נישט, פון וואַנען נעמט עס ל. קעניג, אויף וועלכן יסוד בויט ער אָט די פאַלשע הנחה. גראָד אין פוילן, ראַטנפאַרבאַנד און אויך אין אַמעריקע, און אין די קלענערע יידישע ישובים, ווי אַרגענטינע, לעטלאַנד, ליטע א.אַז.וו. מערקן מיר אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג און פאַרבינדונג מיט דער יידישער ליטעראַטור (און פרעסע, טעאַטער, מאָלעריי, מוזיק אַהער אַריינגערעכנט) ביי די פאָלקס-מאַסן, אַרבעטס-מאַסן און אינטעליגענץ. דער קרייז פון די יידישע לייענער און פריינט פון יידישן וואָרט און יידישער קולטור האַלט אין וואַקסן. ס'קומען צו לייענער פון אַזעלכע קרייזן, וואָס זענען פריער געשטאַנען ווייט פון יידיש און יידישן לעבן. אויך שריפטשטעלער, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, אַרטיסטן און קולטור-טוער קומען צו פון אָט יענע קרייזן. צווישן די טויזנטער און טויזנטער

טרייע קולטור-טוער און שפּעטער האָבן מיר אויך פּיל מיט העכערער בילדונג, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין האַלב-אַסימילירטער און אינ־גאַנצן-אַסימילירטער אַטמאָספער, און צו דעם יידישן קולטור-לעבן זענען זיי אַריינגעצויגן געוואָרן ערשט אין די עלטערע, רייפערע יאָרן. אַדאַנק דעם איז בכלל די יידישע קולטור, קונסט און סביבה געוואָרן פיל רייכער, קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער.

און וואָס ס'איז דאָס וויכטיקסטע: די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קולטור איז שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דעם באָדן, ווו זי וואַקסט איצט, און די ליטעראַטור אין פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד לעבט אין קאָנ־טאַקט, אין פאַרבינדונג מיטן אַרומיקן לעבן, ענדערט איר אויסזען און כאַראַקטער אַדאַנק די אָרטיקע באַדינגונגען און פאָדערונגען.

לעאָ קעניג פּסקנט, אַז „די נאַציאָנאַלע אידעע אויף דער גאַנ־צער וועלט האָט איצט באַנקראָטירט", אין דער צייט, וואָס אומעטום זעען מיר פּונקט דעם היפּוך. קלענערע פעלקער וואַקסן זיך איצט ערשט פונאַנדער. זיי שאַפן ערשט איצט זייערע ליטעראַטורן און קולטורן. און צווישן אָט די ניי-אויפגעקומענע פעלקער-קולטורן לעבן איצט גרויסע טיילן פונם יידישן פאָלק. און גראָד דער נאַציאָנאַליזם, וואָס בליט און אַנטוויקלט זיך איצט, טרייבט און שטויסט די יידישע באַפעל־קערונג צו דער יידישער שפּראַך, יידישער שול, יידישער ליטעראַטור, יידישן טעאַטער. אַזוי איז אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, און אין אַ געוויסן זין אויך אין פּוילן און אין רומעניע. אין אַ טייל לענדער ווערן די יידישע קולטור-אינסטיטוציעס געשיצט און געשטיצט דורך די מלוכות אין דער פּראָפּאָרץ, וואָס די יידישע באַפעלקערונג פאַרנעמט דאָרט צווישן די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

„ראַדיאָ, קינאָ האָבן געמאַכט די וועלט קלענער", זאָגט לעאָ קעניג, אָבער ראַדיאָ און קינאָ פאַרבייטן נאָכנישט קיין שטוב, קיין שול, קיין ליטעראַטור, קיין פּרעסע, קיין טעאַטער, קיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, קיין ביבליאָטעקן, ווו יידיש פאַרנעמט אַזאַ אָנזעעוודיקן אָרט און שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע. אויב אַמאָל אין דעם איינעם, איינהייט־לעכן רוסלאַנד, האָט מען געהאַט פאַר זיך די איינע, גרויסע, מעכטיקע רוסישע שפּראַך, פאַר וועלכע אַלע אַנדערע שפּראַכן האָבן געמוזט קאַפּיטולירן, איז איצט גרינגער צו אַנטוויקלען אַ יידישע ליטעראַטור און קולטור, ווען מען האָט פאַר אַ שכן די שטאַרק-שוואַכערע אוקרי־גישע, ליטווישע, ווייסרוסישע, רומענישע און אַנדערע ליטעראַטורן

און קולטורן. און דעריבער זענען די לעצטע יאָרן פון נאָך דער מלחמה צוגעקומען צו דער יידישער שפּראַך, —פּרעסע און ליטעראַטור— פיל נייע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן זיך פריער געשפּייזט בלויז מיט דער רוסישער שפּראַך, און איצט ביי אַ פראַגע, צי ווייסרוסיש אָדער יידיש, אוקראַיִניש אָדער יידיש, ליטוויש אָדער יידיש, לעטיש אָדער יידיש — האָט יידיש די בכורה, און טאַקע דערפאַר זענען אין אוקראַיִנע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און אויך אין פּוילן און רומעניע אויסגעוואַקסן הונדערטער יידישע אָנ־פאַנג־שולן, מיטל־שולן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן, אַ רייכע יידישע פּרעסע און אַ נעץ ביבליאָטעקן מיט הונדערטער טויזנטער לעזער.

און דאָ קומען מיר צום צווייטן פעלער, וואָס לעאָ קעניג מאַכט. ער באַהויפּטעט, אַז קיין „נייע לעזער" זענען ביי אונז נישטאָ, אַז דער יידישער שרייבער האָט פאַר זיך „בלויז אַלטע לעזער". לעאָ קעניג אַליין ווייסט צו דערציילן, אַז „די צאָל יידישע צייטונגען אויף דער גאַנצער וועלט שטייגט איבער די צייטונגען, וואָס אַ בעלגיע, טשעכאָסלאָוואַקיי און פּוילן האָבן צוזאַמען". ער דערמאָנט „די יידישע פאָלקס־שולן אין אַמעריקע, פּוילן און רוסלאַנד", (אין וועלכע עס באַקו־מען אַ גוטע, עכט־יידישע דערציונג הונדערטער טויזנטער קינדער. אין די שולן, ווי מיר ווייסן, ווערט דער יונגער דור שטאַרק צו־געבונדן צו די אַלע יידישע קולטור־אַנטפּלעקונגען, און מער פון אַלץ—צו דער יידישער, עלטערער און יינגערער, ליטעראַטור. פאַרוואָס־זשע פאַרפירט לעאָ קעניגן אַזוי שטאַרק זיין פּעסימיזם, וואָס ער ברענגט אום פּלוצים אין זיין פאַנטאַזיע דעם גאַנצן יונגן, אויפוואַקסנדיקן דור, וועלכע איז אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיטן יידישן שאַפן און מיטן יידישן שרייבער און וואָס געניסט און וויל געניסן מיטן פולן מויל און אָפענעם האַרצן פון דעם שיינעם, אינטערעסאַנטן, וואָס דער שרייבער שאַפט?

אַדרבא, אין די אַלע לענדער, ווו ס'קומט פאָר אַן אַקטיוו קולטור־שאַפן, באַמערקן מיר אַן אַנדער דערשיינונג. די מאַסן יונגע יידישע לעזער קומען מיט טענות און תביעות צו די יידישע שרייבער, צו דער יידישער ליטעראַטור, און די אידעען, פּראָבלעמען, קאַמפן און איבערלעבונגען, וואָס זענען דאָ אין לעבן, זוכן זיי אין דער ליטעראַטור און מאָנען זיי ביי די שרייבער. עס זענען אינגאַנצן

נישט ריכטיק לעאָ קעניגס ווערטער, אַז דער יידישער שרייבער האָט נישט קיין נייע לעזער, פאַר וועמען צו רעדן און צו שרייבן. די גוטע און אינטערעסאַנטע ווערק אין יידיש ווערן אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג און פאַרשטאַנד, זיי האָבן אויפמערקזאַמע, טרייע און עמפּינדלעכע לעזער.

הלוואי וואָס מער גוטע און אינטערעסאַנטע ווערק אין יידיש, — גוטע יידישע לעזער זענען דאָ, דאָ איבערגענוג!

1928

מיר און די וועלט

דער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוט פאַר אינטעלעקטועלער צוזאַמענאַרבעט האָט זיך געווענדט צו דעם יידישן פען־קלוב מיט דעם פאָרשלאָג, צוצושטעלן אים אַ רשימה פון צוואָנציק ווערק, וועלכע זענען ווערט רעקאָמענדירט צו ווערן אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביכער־מאַרק ווי די בעסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָס זענען ראוי איבערגעזעצט צו ווערן אויף אַנדערע שפּראַכן.

צוליב דעם ציל זענען דורך דעם וואַרשעווער, ווילנער און ניו־יאָרקער יידישע פען־קלובן באַשטימט געוואָרן קאָמיסיעס, וואָס באַדאַרפן אויסאַרבעטן די רשימה פון אָט די צוואָנציק בעסטע יידישע ווערק.

אָבער נאָך איידער דער אינסטיטוט פאַר אינטעלעקטועלער צוזאַמענאַרבעט איז צוגעטראָטן צו רעאַליזירן די ווונטשן פון דעם אָסלאָ־קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון די פען־קלובן, איז אָט די פראַגע — „מיט וועלכע ווערק באַדאַרפן מיר קומען צו דער וועלט־ליטעראַטור?“ — זייער אַן אַקטועלע, און ס׳איז געווונטשן, מ׳זאָל זי וואָס־ברייטער באַהאַנדלען אין אונזערע ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן און אין דער יידישער פּרעסע.

אין אַ ריי לענדער האָט זיך די לעצטע יאָרן דערוועקט אַ באַזונדערער אינטערעס צום יידישן שאַפן, צו דער יידישער ליטעראַטור. אין פאַרשיידענע שטעט פון אַמעריקע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פוילן, אונגאַרן, רומעניע, שוועדן, נאָרוועגיע זענען לעצטנס גערן אויפגעפירט געוואָרן פּיעסעס, איבערגעזעצט פון יידיש. אויסער אַנסקיס „דער דיבוק“, וואָס איז שוין אַדורך די גרעסטע בינעס פון דער וועלט, זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף פאַרשידענע שפּראַכן די פּיעסעס פון שלום אַש, י. ל. פּרץ, ה. לייוויק א. אַ. עס דערשיינען לעצטנס אין גאַנץ־אָנגעזעענע פאַרלאַגן די ווערק פון אונזערע יידישע שרייבער אין רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש א. אַז. וו. הכלל, יידיש און יידישע

ליטעראַטור איז איצט אַ פּאָפּולערער אַרטיקל. אויך אין די אָנגעזעענע ליטעראַרישע צייטשריפטן באַגעגענען מיר זייער אָפט אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

ווי לאַנג איז עס געווען, ווי דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון מיר און וועלט איז געווען אַ ווייטער, בלויז־טעאָרעטישער ענין, וואָס נאָר פאַנטאַסטן האָבן זיך דערמיט פאַרנומען. איצט אָבער איז עס שוין אַ קאָנקרעטע פראַגע.

מיר ווערן איצט גלייכבאַרעכטיקטע בירגער אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער וועלט פון ליטעראַטור. און לאָמיר וויסן ווי אָפּצושאַצן אָט די נייע ווענדונג אין דער וועלט־ליטעראַטור־סביבה.

כּדי ווי געהעריק צו באַגרייפן די באַדייטונג פון אָט דער דערשיינונג פאַר אונז גופא, איז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן די אַרטיקלען פון דעם אַמאָליקן טרוימער וועגן דער דערנענטערונג מיט דער וועלט, אָן די אַרטיקלען פונם יידיש־העברעישן שריפטשטעלער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. ס'איז געווען מיט אַ פינפאונצוואַנציק יאָר צוריק. ער האָט גערופן די יידן אין דער וועלט, ער האָט געמאָנט ביי יידן דאָס וועלטלעכע. אָבער דאַן זענען יידישס און וועלטלעכס געווען צוויי באַזונדערע און פיינטלעכע וועלטן. די וועלטלעכקייט האָט מען באַדאַרפט בויען נאָר אויף די חורבות פון יידישקייט. און דעריבער האָבן זיך דאַן געשאַפן אין דער ליטעראַטור די צוויי שאַרפע ריכטונגען: אָנהענגער פון וועלטלעכקייט (אנושיות) און די אָנהענגער פון יידישקייט (יהדות). די יידישע וועלט איז געווען אַ רעאַלע, אַ ממשותדיקע, מיט אַ פעסטן יסוד און לעבנס־שטייגער, און די צווייטע, די געטרוימטע פרעמדע וועלט — אַן אבסטראַקטע, אַ געגאַרטע, מיט נישט קיין קלאָרע לעבנס־פאָרמען. די פרעדיקער פון וועלטלעכקייט האָבן טאַקע געהייסן צינדן די בריקן, וואָס פאַרבינדן מיט היים, מיט סביבה, מיט עלטערן, מיט ירושה פון עלטערן.

דער דעמאָלסדיקער דור אָבער, יענע צייט איז נאָך נישט געווען גרייט אַלץ מיט אַן אַנדערן איבערצומאַכן, און דעריבער זענען פיל פון יענע רופן און מאָנונגען געווען, ווי אַ ייד זאָגט: „סתם אין דער וועלט אַריין". יחידישע טרוימען, איינצלנע אויפבליצן, וואָס קומען מער פון דרויסן, פון דער זייט. קיין שטאַרק־קאָנקרעטן אינהאַלט און אָנהאַלט אין יידישן מאַסן־לעבן האָבן נאָך דאַן די טרוימען צו גיין אַהין, אין דער ברייטער וועלט אַריין, נישט געהאַט. כּל־זמן מען איז

געווען מיט הענט און פיס געפּענטעט מיט דעם אַלטן יידישלעכן לעבן אין דעם פּאַטריאַרכאַלן יידישן שטעטל, איז געווען שווער צו פאַרוועלט־לעכן דאָס יידישע לעבן. אויב אייניקע, גאַנץ דינגע שיכטן פון פאָלק האָבן פאַר יעדן פּרייז געוואָלט גלייך אַוועק אַהין, האָבן זיי טאַקע געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע לאַסטן פון דער יידישער נאַציע, און אָפּטמאָל אויך די אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק.

אָבער זינט דאַן האָט זיך אין דער הינזיכט פיל־פיל געענדערט.

דער פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען איז אַוועק אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ. די אַלטע יידישע לעבנס־יסודות זענען שטאַרק צערודערט געוואָרן, די וואַנדערונג אין די לענדער גופא און קיין אויסלאַנד האָט שנעל אויפגעשטעלט נייע יידישע שטעט און קיבוצים, — דאָס אַלץ האָט פאַרגיכערט דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן.

און אָט דער נאַטירלעכער פּראָצעס האָט אויך אַרויסגערופן אינם יידישן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם אַ וווּנדערלעכע ענערגיע און שאַפונגס־קראַפט. עס זענען געפאַלן דורות־לאַנגע פעסטונגען, און עס זענען גלייך אויפגעשטעלט געוואָרן נייע וועלטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן צו פאַרהיטן דאָס אייגנאַרטיקע יידישע לעבן. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע, פּראָפעסיאָנעלע, פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, עס איז געשאַפן געוואָרן די יידישע ליטעראַטור, יידישע פּרעסע, יידיש טעאַטער, יידישע שולן, — און דאָס אַלץ צוזאַמען אַרבעט־אויס נייע, יידיש־וועלטלעכע לעבנס־פאָרמען.

מיר באַמערקן נאָך פיל חבלי־לידה אין דעם נייעם וועלטלעכן לעבן. עס דאַרפן זיך נאָך אויסבילדן די כאַראַקטער־שטריכן פון דעם ניי־געשאַפענעם. גרויס איז נאָך די סכנה פון אַסימילאַציע, פון נאָכמאַכונג. אָבער זייער פיל איז שוין דאָ געטון געוואָרן, און עס האַלט זיך נאָך אין טון דאָ און דאָרט, אין די פאַרשידענע לענדער.

און וואָס עס לאָזט זיך שוין זאָגן אויף זיכער:

גראָד די קינסטלער, וואָס האָבן זיך געוואָרצלט אין דעם עכט־יידישן באָדן, געצויגן יניקה פון עכט־יידישע קוואַלן, זענען גרויס — און זיי האָבן אַריינגעבראַכט גרויסע ווערטן אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָס דער אינהאַלט איז געווען אייגנאַרטיק־יידישער, אַלץ קינסטלערישער איז דאָס ווערק, אַלץ מער שאַנסן האָט עס פאַר אריכת־ימים, און אַלץ מער האָט עס אַ ווערט אויך פאַר דער וועלט. און אַ ראיה:

מענדעלע, פרץ, שלום-עליכם, ביאַליק, אַש, בערגעלסאָן, לייוויק, אָפּאַ-טאָשו. און אַפילו ביי אַט די שרייבער זענען גראָד די יידישלע-כערע ווערק מער געפעלן. די שרייבער אָבער, וואָס זענען געשוווּמען אויפן אויבערפלאַך פון די וועלט-וואַסערן, די זענען גיך פאַרשוווּנדן אי פאַר אונז, אי פאַר פרעמדע.

די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן איז פאַרגעקומען ביי אונז אַ אינטערעסאַנטער פּראָצעס פון אַנזאַמלען וועלטלעכע אימפּולסן און אַרויסברענגען זיי אין יידיש-וועלטלעכע אויסדרוקן. דאָס זעען מיר אין אַלע געביטן פון אונזער שאַפן, אין אונזער ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי.

עס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ מין סינטעז פון מיר און די וועלט, וואָס איז פריער, אַמאָל געווען נאָך אינגאַנצן נישט באַקאַנט דעם קינסטלער, ווען עס איז ענג געווען אין די יידישע געצעלטן. נישט אַרויסבאַפרייען זיך פון דעם יידישן אייגנאַרט, נישט אויפכאַפּן אַלגעמיין-מענטשלעכע פאָרמען, נאָר אדרבא—וואָס מער אַרויסאַנטפּלעקן יידישן סטיל און כאַראַקטער און מיט אַט די אייגנאַרטיקייטן קומען צו דער וועלט.

איצט איז עס שוין אַ געוויס: גראָד די עכט-יידישע ווערק, וואָס פאַרמאָגן ספּעציפיש-יידישע פאָרמען, האָבן אויך אין דער ברייטער וועלט דערפאָלג און רופן דאָרט אַרויס פאַראינטערעסירונג. האָט דאָך דער מיסטעריעזער און דורך-און-דורך יידישלעכער „דיבוק" געהאַט די לעצטע יאָרן אַזאַ דערפאָלג אין דער גרויסער וועלט. און האָט נישט מאַרק שאַגאַל צו פאַרדאַנקען זיין דערפאָלג זיינע עכט-יידישע געשטאַלטן און קנייטשן? די העברעישע „הבימה" האָט אויסגענומען נישט מיט אירע וועלטלעכע פּיעסעס, נאָר גראָד מיטן יידישלעכן „דיבוק" און „גולם". און אזוי אויך איז געווען מיטן מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, בעת זיינע גאַסטראָלן איבער מערב-איראָפּע. אין זיין רע-פּערטואַר זענען געווען וועלטלעכע, נייע פּיעסעס, ווי זשול ראָמענס „טרואַדעק", רעזניקס „אויפשטאַנד", ווערוואָרקעס „137 קינדערהיימען". אָבער פאַר דעם בערלינער און פּאַריזער עולם האָט מען באַוויזן די אַלט-קלאַסישע זאַכן, די פאַרצייטישע: מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי", שלום-עליכמס „200.000", גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין", פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". און וואָס עס איז נאָך מער טשעקאַווע: די ספּעציפיש-יידישלעכע פּיעסעס מיטן אמתן „פּינטעלע ייד", מיטן

אמתן יידישן קנייטש און ברען האָט מען געבראַכט פון סאַמע מאָסקווע און דורך דעם טעאַטער, וואָס שטייט אונטער דער דירעקטער השפעה פון דער „יעווסעקציע", וואָס אין דער טעאָריע ווילן זיי גאָר אויס־ראָטן אַלדאָס יידישלעכע. און טאַקע געגוג פאָרוורפן איז אויסגעקומען דעם טעאַטער אויסצוהערן, הלמאַי ער טרעט אַרויס מיט אַט דעם „אַלטוואַרג", וואָס ס'איז גאָרניש אָנגעמאָסטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן טעאַטער. די אָנפירער אָבער פונם טעאַטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָט די „אַלטע" זאַכן האָבן אין זיך פיל אייגנס, אייגנאַרטיקס, וואָס קאָנען די וועלט פאַראינטערעסירן.

און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: די גרויסע וועלט זוכט איצט דאָס אייגנאַרטיקסטע ביי יעדן פאָלק. די גרויסע, רייכע וועלט איז איבערגעזעטיקט מיט אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַלע פאָרמען, פראַגן, פראָבלעמען, סטיל און כאַראַקטער, און זי זוכט דאָס אויסטער־לישע, דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, דאָס פינטעלע פון יעדן פאָלק.

מען כאַפּט איצט אויף מיט אַ באַזונדערן נייגיר דאָס מזרחישע, דאָס פּיקאַנטע, דאָס עקזאָטישע. עס איז איצט בכלל גרויס דער אינ־טערעס צום שאַפן פון די קלענערע פעלקער, וועלכע קומען מיט זייערע אייגענע טענער און מאָטיוון. זיי רייצן איצט די געמיטער, זיי רעגן איצט אָן, און נישט ווייניקער ווי די מעכטיקע, גרויסע ראַסן און פעלקער.

דאָס זעלבע זעען מיר איצט אויך אין דער ניי־רוסישער ליטע־ראַטור. אויך דאָרט פאַרנעמען איצט דעם אויבנאָן שריפטשטעלער, וועלכע קומען נישט ווי אַמאָל פון די גרויסע, צענטראַלע שטעט מאָסקווע, פּעטערבורג. די נייע שריפטשטעלער, וואָס אינטערעסירן איצט די לעזער פון ראַטנפאַרבאַנד, שטאַמען פון די פאַרוואָרפנסטע ווינ־קעלעך, פון ווילדע העקן אינם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד. זיי, מיט זייערע אָריגינעלע, אייגנאַרטיקע, טיף־פּראָווינציעלע מאָטיוון פאַרפלייצן איצט די רוסישע ליטעראַטור. די האַלב־טאַטאַרין לידיאַ סייפולינאַ, וואָס איז געבוירן און אויפגעוואַקסן אין די ווייטע אָרענבורגער און אָמסקער געגנטן; וסעוואָלאָד איוואַנאָוו, וואָס קומט פון סיבירער סעמיפּאַלאַ־טינסקער געגנט, וועלכער האָט אין זיך פיל מאָנגאָלישעס; באָריס פּילניאַק מיט זיין דייטש־יידישן און סלאַוויש־טאָטערישן בלוט; דער יידישלעכער, אָדעסער־מאָלדאַוואַנקישער איסאַק באַבעל א. א. וו. א. וו.

דערמיט אפשר קאָן מען פאַרענטפערן דעם פאַקט, וואָס די ניי־יידישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד איז ווייניקער אינטערעסאַנט סיי

פאַרן דאָרטיקן יידישן לעזער און אויך פאַר דעם יידישן לעזער אויסער ראַטנפאַרבאַנד. ווייל זי גייט צו אויבנאויף, זי איז צו-אויסערלעך און כראָניקאַליש, זי גראָבט נישט אין די יידישע ערדן, וואָס זענען אינם איצטיקן רוסלאַנד אַזוי שטאַרק צעאַקערט און צעגראָבן. עס איז אויך קיין צופאַל נישט, וואָס קיין איין יידיש סאָוועטיש ווערק האָט נישט פאַראינטערעסירט די דאָרטיקע נישט-יידישע לעזער, וועלכע וואָלטן געוויס גערן געוועז אויפצונעמען עס.

ווען עס שטייט איצט פאַר אונז די פראַגע, מיט וועלכע ווערק, מיט וועלכע קינסטלער קאָנען מיר און דאַרפן מיר קומען צו דער וועלט, לאָמיר זיך נישט יאָגן מיט גלאַטע, פשוטע, „אוניווערסאַלע" שאַפונגען. נישט די איינפאַכע, גלאטיקע, ליטעראריש-אָפגעטאָקטע ווערק אונזערע, אָן אַן אייגענעם פּרצוף-פּנים, וועלן אינטערעסירן דאָרט.

ס'איז שוין ביי אונז, צוריק מיט אַ צוואָנציק-דרייסיק יאָר, געווען אַ צייט, ווען אונזערע קינסטלער האָבן זיך געריסן אַהין, צו זיי, און גענומען שאַפן ווערק מיט דער לכתחילהדיקער כוונה צו זיין פאַרשטענדלעך דאָרט, ביי די אומות-העולם. פון אַזעלכע מיני ווערק, וועלכע זענען פון אָנהויב אָן געשאַפן געוואָרן פאַרן אויסרן מאַרק, האָבן נישט מיר, נישט זיי גאָרנישט ניט געהאַט. לאָמיר איצט נישט איבערחזרן יענעם טעות.

צו דער וועלט דאַרפן מיר קומען נאָר מיט אַזעלכע יידישע ווערק, וועלכע האָבן אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, סטיל, פאָרם און אינהאַלט.

1929

עטלעכע אָדער איין יידישע ליטעראַטור

1

צוריק מיט אַ צען-צוועלף יאָר וואָלט גאָר אוממעגלעך געווען צו שטעלן אַזאַ מין פראַגע: צי האָבן מיר עטלעכע יידישע ליטעראַטורן אָדער איין יידישע ליטעראַטור?

די יידישע ליטעראַטור איז געווען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן. זי האָט געלעבט איין פּאַטריאַרכאַלן לעבן און געהאַט איין אויסזען. ס'איז געווען ווי איין גרויסע יידישע ליטעראַרישע משפּחה. אויבנאָן — דער זיידע (מענדעלע מוכר-ספרים), די טאַטעס (שלום-עליכם און י. ל. פּרץ), די עלטער-פעטער און פעטער (יצחק לינעצקי, יעקב דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, ש. פרוג, מאָריס ראָזנפעלד, ש. אַנסקי, דוד פרישמאַן), די זין און איידעמס (אברהם רייזען, שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג) און די אייניקלעך (ח. נ. ביאַליק. דוד אייגהאָרן, א. ווייטער, פּרץ הירשביין, דוד בערגעלסאָן, י. אָפּאַטאָשו, אַ. ראַבאָי, י. ד. בערקאָוויטש א. א.) ס'איז געווען איין לעבן, איין סביבה, מיט כמעט איינע און די זעלבע אינטערעסן און איבערלעבענישן, מיט כמעט איינע און די זעלבע ליידן און פריידן.

דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור ביז די מלחמה-יאָרן? מען האָט זיך געריסן פונם יידישן שטעטל און מ'איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן יידישן לעבן אין דער שטאָט. מען האָט צוזאַמען מיט די יידישע פאָלקס-מאַסן איבערגעוואַנדערט אין נייע לענדער, און פּאַמעלעך, בהדרגה געענדערט דעם כאַראַקטער און אויסזען פונם יידישן לעבן אין די נייע לענדער.

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע ענדערונגען, וואָס דאָס לעבן און די ליטעראַטור האָבן געמאַכט, איז פריער קיינמאָל קיינעם נישט איינגעפאַלן צו צינדן בריקן, וואָס פאַרייניקן איין יידישן קבוץ מיטן צווייטן, צו לייקענען און אָפּלייקענען ווערק און שרייבער נאָר דערפאַר, וואָס זיי קומען-אויף אין איין לאַנד און נישט אין צווייטן.

ס׳איז נישט געווען קיין לאָקאַלער, היימישער פּאַטריאָטיזם — צו לויבן אין טאָג אַריין אייגענע שרייבער און ווערק און צו דערנידעריקן אַנדערע, „פרעמדע״. ס׳איז נישט געווען קיין צעטיילונג פון רוסלענדישע, פּוילישע, אַמעריקאַנישע, אַרגענטינישע שרייבער. און ס׳איז נישט געווען קיין צעטיילונג אויף מ י ר און ז י י, אויף א י י ג ע נ ע און פ ר ע מ ד ע, אויף א ו נ ז ע ר ע און א י י ע ר ע, ווי מיר באַמערקן עס בנוגע צו דער יידישער ליטעראַטור די לעצטע עטלעכע יאָר.

מענדעלע דער ליטוואַק, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געוווינט אין וואָלין, — אין בערדיטשעוו, זשיטאָמיר און אין אָדעס, — איז געווען אַ שרייבער אויך פאַר פּוילן און פאַר אַמעריקע. זיינע ווערק האָבן זיך געדרוקט און זענען אויפגענומען געוואָרן גלייכמאָסיק אין זשיטאָמיר און אין פּעטערבורג, אין וואַרשע און אין ניו-יאָרק. און אַזוי אויך שלום עליכם, — דורך און דורך אַ וואָלינער, אַ קיעווער — איז זיין פאַנאַנדערוואַקסן זיך פאָרגעקומען דווקא אין די יידישע אויסגאַבן פון וואַרשע און לסוף פון זיינע יאָרן — אין ניו-יאָרק, ווו ער האָט אויך געשריבן זיין פראַכטפול ווערק, זיין שוואַנען-ליד „פונם יאַריד״, אין וועלכן ער האָט אויפגעבראַכט אַ שטיק יידיש לעבן פון אַמאָליקער אוקראַינע. זיין „מאָטל פייסי דעם חזנס״ האָט ער מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע, ווי אויך א ריי אַנדערע פון זיינע טיפּן. דאָרט האָבן זיי פאָרגעזעצט זייער לעבן, און שלום עליכם האָט זיי געשילדערט אין דער נייער אַמעריקאַנער, יידישער סביבה. פּרץ האָט זיין „גלגול פון אַ ניגון״ געצויגן פון טאַלנע און אים געפירט איבער בערדיטשעוו קיין פּוילן. רבי נחמן בראַסלאַווער, דעם אַפּטער רב האָט ער גענומען פאַר זיינע ווערק פון אוקראַינע, הגם ער איז דאָרט כמעט נישט געווען. אין זיינע חסידישע מעשיות און אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן גיט פּרץ דאָס וואָלינער און דאָס פּוילישע יידיש-חסידישע און פאָלקסטימלעכע לעבן, פאַרבינדט זיי צוזאַמען, פאַרייניקט זיי אין זיין שאַפן. נאָך מער לעבן פאַרשיידענע געגנטן און לענדער ביי שלום אַש: זיין „שטעטל״ איז אַ פּוילישעס, זיין שלמה נגיד איז אַ ריין-פּוילישער ייד, אָבער אין „מערי״, „דער וועג צו זיך״, און אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק „אַמעריקע״, „אָנקעל מאָזעס״, „די מוטער״, „טויט-אורטייל״, „חיים לעדערערס צוריקקומען״ מישן זיך שטעט (וואַרשע, פּעטערבורג, קראָקע, פּאַריזש, ניו-יאָרק) און לענדער (רוסלאַנד, פראַנקרייך, עסטרייך, אַמעריקע).

אויך די פאַרשיידענע יינגערע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע קאַריערע אין אַמעריקע, האָבן דאָס רוב געלעבט אין אַמעריקע מיט די שטימונגען, מאָטיוון און בילדער פון דער אַלטער היים און געשאַפן ווערק פונם לעבנס-שטייגער פון דער אַלטער היים, און ווען זיי האָבן געשילדערט דעם יידישן פאָלקס-מענטש און אינטעליגענט אין דער נייער אַמעריקאַנער סביבה, האָבן יענע אַלץ געטראָגן אין זיך די אַלטע וועלט, די געוווינהייטן פון דאָרט, פונם יידישן שטאָט און שטעטל, פון וואַנען דער שרייבער און דער טיפּ שטאַמט. דער אַמעריקאַנער צוווּקס און אָנוווּקס איז געווען מער אַן אויסערלעכער, אַן אויבנאויפיקער, און גאַנצע שיכטן זענען נאָך פאַרבליבן ביים שרייבער און טיפּ פון דעם אַמאָל, פון דער אַלט-היימישער סביבה.

דאָס אַלץ איז געווען פריער, ביז די מלחמה-יאָרן. אין אונזער ליטעראַטור-גאָרטן, — וואָס האָט זיך געפונען פון וואַרשע ביז קיעוו, פעטערבורג, ניו-יאָרק און צוריק קיין ווילנע, וואַרשע, קראָקע, בערדיטשעוו, מינסק, — זענען געשטאַנען הונדערט-יאָריקע און צענדליגיאָריקעביימער, טיף פאַרוואָרצלט אין דעם יידישן אייגן-אייגענעם באָדן, מיט ברייט-פאַנאַנדערגעוואַקסענע צווייגן, וואָס האָבן מיט זייערע בלעטער, בליטן און פרוכטן געשאָטנט און געשפּייזט די יידישע מאַסן פון גאָר דער וועלט, אָן אונטערשייד פון אָרט, געגנט און לאַנד.

און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו מינערן דעם ווערט און גרייס פון מענדעלע נאָר דערפאַר, וואָס ער וווינט אין רוסלאַנד, אָדער פון מאָריס ראָזענפעלד דערפאַר, וואָס ער לעבט אין ניו-יאָרק, אָדער פון פרצן, ווייל ער געפינט זיך אין הארץ פון פוילן. איז אויפגעקומען אַ קרעפטיקער טאַלענט אין קוטנע (שלום אַש), אין אָכרימאָווע (דוד בערגעלסאָן), אין שקלאָוו (ז. שניאור), האָט מען אים אויפגענומען אין דער גאַנצער יידישער וועלט מיט אָפענע אָרעמס און נישט געבראָכט דערביי די געאָגראַפישע מאַפּע, צי איז ער אַן „אונזעריקער", געפינט ער זיך אונטער אונזערע רוסלענדישע הימלען, אָדער ער איז גאָר אין ליטע (קאָוונע) אָדער אין פוילן (וואַרשע).

2

אַזוי איז געווען ביז דעם וועלט-קריג.

די וועלט-מלחמה, די רעוואָלוציע, בירגער-קריג און ווידעראַמאָל רעוואָלוציע—האָבן זיך אַריינגעשניטן אינם יידישן אָרגאַניזם, צעשניטן און צעטיילט אים אויף לענדער און מלוכות, און אויך צעבראָקלט און צעשפּליטערט די איינהייטלעכע יידישע ליטעראַטור.

עס איז געווען עפּעס ווי סימבאָליש אין דעם, וואָס דער גאַנ-צער עלטערער דור יידישע שרייבער איז אין משך פון די עטלעכע מלחמה-יאָרן אַוועק פון דער וועלט. לינעצקי, פּרץ, שלום עליכם, מענ-דעלע, פרוג, דינעזאָן, אַנסקי, דערנאָך ראָזענפעלד, ספּעקטאָר, פרישמאַן זענען איינער נאָך דעם אַנדערן אַוועק. מיט זייער אַוועקגיין איז אויך ווי צעשטערט געוואָרן די איינהייטלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור, איר אומצעטיילבאַרקייט. פריער זענען די עלטערע שרייבער געווען דער מיטלפּונקט, פון וואַנעט די יידישע ליטעראַטור איז אָפּגע-גאַנגען און צוריקגעקומען, די שרייבער האָבן געוועלטיקט איבער געגנטן און לענדער און איבער תּקופות. שפּעטער האָט די יידישע ליטעראַטור, ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן, זיך גענומען צעגלידערן. פריער האָבן אַלע געלעבט ווי איין כּלל-ישראל לעבן מיט איינע און די זעלבע כּלל-יידישע אינטערעסן, כּמעט אין א י י ן יידישער סביבה און מיט א י י ן יידישן לעבנס-שטייגער. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די פונאַנדערטיילונג פון דער ליטעראַטור אויף די פאַרשיידענע לענ-דער און אויף פאַרשיידענע באָדנס: פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד, אוקראַינע, אַמעריקע, ליטע, אַרגענטינע. פאַרשיידענע באָדנס, פאַרשיידענע לעבנס-סביבות, מיט פאַרשיידענע אינטערעסן, מיט אַ פאַרשיידענעם וועלט-פּאַרנעם. און יעדעס לאַנד מיט אירע זינגער, יעדע געגנט מיט אירע שילדערער.

אין די יאָרן פון דער מלחמה און פון בירגער-קריג און אויך די פּאָר יאָר נאָכן בירגער-קריג איז געווען זייער פאַרשטענדלעך די צעריסנקייט פון די פאַרשיידענע יידישע לאַנד-ליטעראַטורן. אין משך פון עטלעכע יאָר זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרענעצן צווישן איין לאַנד און צווייטן (אַזעלכע גרענעצן צווישן ראַטנפאַרבאַנד מיט די אַנדערע יידישע קבוצים זענען פאַרבליבן ביז איצט!). יעדעס לאַנד האָט געלעבט אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן, אָפּגעשלאָסענעם לעבן מיט

אייגענע לעבנס-געשעענישן און אייגענע לעבנס-אינטערעסן. דאָס לעבן האָט אָן אויפהער געשטורעמט, די גאַס—אויפגעברויזט. די מאַסן זענען געווען אַרײַנגעצויגן אין דעם קאָך און אימפּעט פון די געשעענישן. אין אַזאַ צייט האָט די באַפעלקערונג און מיט איר אויך די יידישע דיכטער געלעבט מיטן טאָג, מיטן אַרום. אין אַזאַ צייט האָט דאָס וואָרט באַלאַנגט דעם דיכטער, וואָס האָט אויפגעכאַפּט דאָס מאָמענטאַלע, דאָס אויסגעוויי׳ניקסטע, דעם אויפברויז און אויסגעשריי פונם אַרומיקן לעבן און געגעבן עס אין אויפברויזנדיקע, צאַפּלדיקע, אויפגעריצטע לידער. אָט די צייט-דיכטונג האָט געמוזט טראָגן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. זי איז אויפגעקומען אויף איר באָדן און אָפטמאָל אומגעקומען אין איר סביבה. זי האָט געמוזט האָבן די טענער און קאָלירן פון דער צייט און פון דעם אָרט, ווו זי איז געבוירן. דער יונגער יידישער דיכטער פון ראַטנפאַרבאַנד איז נישט ענלעך געווען אויף דעם וואַרשעווער, ווילנער, ניו-יאָרקער. דער אינהאַלט, דער פאַרנעם, דער כאַראַקטער, דער טעמפּעראַמענט, די פאָרם זענען געווען אַנדערע, אַנדערשדיקע. עס איז געווען דאָן אַ געזונטע, נאָרמאַלע דערשיינונג, וואָס יעדעס לאַנד האָט אַרויסגערוקט אירע אייגענע, אייגנאַרטיקע דיכטער, וועלכע האָבן אין זייער שאַפן געגעבן דאָס נייע אויסטערלישע, ערשט-געקומענע, ערשט-געשעענע.

אָבער אויך אין דער שטורם-צייט זעען מיר צוזאַמענגעהאַנגען, ווירקונגען פון איין לאַנד אויף דעם צווייטן, פון איין יידישן קבוץ אויף דעם אַנדערן. די צעטיילונג, די אָפּגעגרענעצטקייט פון איין לאַנד מיטן אַנדערן איז דאָך מער אַן אויסערלעכע. אין דער טיף אָבער, אונטער די בערג אָנגעשאָטענע און אויפגעשטעלטע פאַרצוימונגען און מחיצות, ריזלען הין-און צוריק-שטראָמען פון איין יידישן ישוב צו דעם צווייטן. וואָס אַזוינס זענען שלום אַשס „קדוש-השם” „מאַראַנען”, „שניר[ל] פערל”, י. אָפּאַטאָשוס „אין פוילישע וועלדער”, ה. לייוויקס „דער גולם”, „די שטאָל”, „דער וואָלף” (וואָס זענען געשאַפן אין אַמעריקע), אויב נישט דירעקטע השפּעה פון דעם יידישן לעבן אין אוקראַינע און אין פוילן פאַר די לעצטע צען יאָר?

דער געזונטער חוש פון דעם יידישן ליטעראַטור-אָרגאַניזם האָט גערופן אויך אין די צייטן פונם אָפּגעזונדערטן און צעריסענעם בירגער-קריג-לעבן, אַז די ליטעראַטור פון איין לאַנד זאָל זוכן פאַרבינדונגען, נאָענטקייט מיט דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן

אין אַנדערע לענדער און אַזויאַרום, מיט דער הילף פון די יידישע ליטעראַטורן פון אַנדערע לענדער, ווערן שטאַרקער, פעסטער, רייכער. אַזאַ מין ברידערלעכע נאָענטשאַפט, אַזאַ מין נאַטירלעכע און אויפריכטיקער ווילן וואָס-ענגער זיך באַהעפטן און קעגנזייטיק צו ווירקן און באַווירקט צו ווערן, איז געווען איין צייט אויך ביי דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד בנוגע די אַנדערע לענדער. עס האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט פּאָליטיקער אינמיטן און גענומען אַרויסרופן אַן אַנטאַגאָניזם צווישן איין טייל יידישע ליטעראַטור און דער צווייטער, וואָס ווערט געשאַפן אין אַן אַנדער לאַנד.

די לעצטע עטלעכע יאָר הערשט צווישן דער יידישער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע לענדער אַ ברידער-קריג. מען האָט די יידישע ליטעראַטור צעריסן, צעברעקלט אויף טיילן. און די הויפּט־אָנפירער אין אָט דעם ברידער-קריג איז דאָס יידישע ראַטנפאַרבאַנד — מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו, — וואָס לייקנט און פאַרלייקנט כמעט אַלץ, וואָס ווערט איצט געשאַפן אויסער זייערע גרענעצן.

דער קאַמף פון די אָפיציעלע אָנפירער פון דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד קעגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אויסער זייערע מחיצות, ווערט געפירט די לעצטע יאָרן זייער העפטיק. דער קאַמף ווערט געפירט אין צוויי ריכטונגען: 1) אין מבטל מאַכן די אנדערע שרייבער און זייערע ווערק, און 2) אין דעם פאַרבאָט פאַר די אייגענע שרייבער צו האָבן וועלכע ס׳איז מגע-ומשא מיט די ליטעראַרישע אָרגאַנען, וואָס דערשיינען אויסער די סאָוועטן (מיטן אויסנאַם פון אייגענע, פּאַרטייִשע!).

און ניִשט-נאָר ראַטנפאַרבאַנד, אויך די אַנדערע יידישע ליטעראַרישע צענטרען זענען איצט אָנגעשטעקט מיט אָט דער פּאַטריאָטישער קרענק, וואָס שטאַרקער צו לויבן אייגענע ווערק, אייגענע שרייבער, און וואָס-מער צונישט צו מאַכן, פאַרלייקענען, דערנידעריקן דאָס, וואָס ווערט געשאַפן אין אַנדערע לענדער.

איז אַזאַ מין ענגהאַרציקער קאַמף באַרעכטיקט? זענען דען דאָ און צי ס׳דאַרפן זיין עטלעכע יידישע פיינטלעכע ליטעראַטורן?

3

עס איז מער ווי זיכער, אַז אָט די ענגהאַרציקייט פון איין יידישן ליטעראַרישן צענטר בנוגע צום צווייטן, אָט דער לאָקאַלער פאַטריאָטיזם וועפּט זיך אויס און וועט סוף-כל-סוף מוזן פאַרשווינדן. איבער די קעפּ פון די פּאָליטיקער וועלן די שרייבער פון פאַרשיידענע לענדער זיך נעמען ברידערן און אייניקן. ווייל די יידישע ליטעראַטור איז איינע, אַן איינהייטלעכע. און נישט אויף די חורבונות פון די יידישע ליטעראַטורן אין די אַנדערע לענדער וועט די ליטעראַטור אין איין לאַנד געבויט ווערן, נאָר פאַרקערט, מיטן וווקס און מיט דער פאַנאַנדערבליונג פון די ליטעראַטורן אין אַנדערע ערטער, וועט די יידישע ליטעראַטור אויך אין דעם געגעבענעם לאַנד פאַנאַנדערוואַקסן און פאַנאַדערבליען.

איצט גייט אומעטום דער פּראָצעס פון איינפונדעווען זיך, פון באַפעסטיקן זיך אויף דעם באָדן. עס שאַפט זיך אומעטום אַ נאָרמאַלערער לעבנס-שטייגער. און ממילא קומט די נאָרמאַלע און נאַטירלעכע בלוט-צירקולאַציע אין די באַזונדערע טיילן פונם יידישן פאָלק, וועלכע וווינען אין פאַרשיידענע לענדער. דער יידישער שרייבער פאַרמעסט זיך איצט אויף ווערק פון אַ ברייטערן פאַרנעם. עס איז אַוועק די צייט פון שפּיגלען זיך דורכויס אין אייגענע שפּיגלען און פון וואָגלענישן און וואַקלענישן נאָר „אין זיך“ און „אַרום זיך“. עס גייט אין דער ליטעראַטור דער צוריקקער צום ברייטן לעבן, צו ברייטער אַקטיווער געזעלשאַפטלעכקייט. און ביי אַזאַ מין צוגיין צו ליטעראַטור וועלן מוזן פאַנאַנדערפאַלן די גרענעצן און מחיצות, וואָס מ'האָט פאַנאַנדערגעשטעלט אין דער יידישער ליטעראַטור צווישן איין לאַנד און דעם צווייטן.

וויפיל מ'זאָל נישט וועלן פאַנאַנדערטיילן דאָס יידישע לעבן אויף גרענעצן, זענען דאָך פאַראַן גאַנץ פעסטע פאַרבינדונגען און באַציונגען צווישן דעם יידישן אייראָפּעישן לעבן מיט דעם לעבן פון יידן אין אַמעריקע, צווישן דעם יידישן פּוילן און יידישן ראַטנפאַרבאַנד. פיל קולטור-ווערטן און קינסטלערישע ווערק, וואָס ווערן געשאַפן אין אַמעריקע, זענען אויך ווערטן און ווערק פאַר דער יידישער אייראָפּע און אַזוי אויך — פאַרקערט. מיר ווייסן נאָך אַליין נישט ווי גרויס עס זענען די איינפלוסן און ווירקונגען פון איין יידיש

קבוץ אויף דעם צווייטן. נעמט די גרעסערע ווערק פון אַש, אָפּאַטאָשו, דוד פינסקי, ראַבאָי, לייוויק, בערגעלסאָן, י. י. שוואַרץ, זינגער, פוקס, מ. באָריישאַ, סעגאַלאָוויטש, גלאַזמאַן, וואַרשאַווסקי, קאַציזנע, קולבאַק, א. לע-יעלעס, פּרץ מאַרקיש, און, אַדרבא, זאָגט, ווו ענדיקט זיך אין זיי איין לאַנד און ווו הויבט זיך אָן דאָס צווייטע, דאָס דריטע. ווו ענדיקט זיך אַמעריקע, אָדער פּוילן און ווו הויבט זיך אָן ליטע, אָדער ראַטנפאַרבאַנד. עס פלעכטן זיך און מישן זיך זוכענישן, שטרעבענישן, ראַנגלענישן, ליידן און פריידן פון דעם גאַנצן יידישן לעבן, וואָס שאַפט זיך אומעטום, אין די פאַרשיידענע יידישע קבוצים פון גאָר דער וועלט. און עס איז זייער פאַרשטענדלעך דער דראַנג און די שטרעבונג פון די יידישע שרייבער פון איין לאַנד צו באַזוכן אַלע אַנדערע לענדער, ווו יידן לעבן אַ באַזונדער, אייגנאַרטיקן לעבן, און אַרויסגעפונען דאָרט נייע מאָטיוון, נייע טענער, נייע קראַפט, וואָס קאָנען באַרייכערן, פאַרשטאַרקן דעם לעבנס-אינ-האַלט, דעם לעבנס-פאַרנעם פונם שרייבער. — — —

נישט קיין עטלעכע, באַזונדערע, צעטיילטע, אָפּגעגרענעצטע יידישע ליטעראַטורן, נאָר איין גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס שאַפט זיך אין פאַרשיידענע לענדער, ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען, וואָס ווערט געפורעמט, געשמידט דורך דעם אַלוועלטלעכן יידישן שאַפנדיקן גייסט, וועלכער איז איבער לאַנד-מחיצות.

נישט אויפן וועג פון צעברעקלונג און פאַרלייקענונג מוזן מיר גיין, נאָר אויפן וועג פון באַהעפטן די פאַרשיידענע שטראָמען אין איין מעכטיקן שטראָם פון איין גרויסער שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור.

1929

דער אויפשטאַנד פונם קינסטלער

ווי אַלע נישט-אָרגאַניזירטע, סטיכישע אויפשטאַנדן, טראָגט אויך דער אויפשטאַנד פון דעם קינסטלער אין זיין ערשטער פאַזע אַ נישט-אָרגאַניזירטן סטיכישן כאַראַקטער. מיטאַמאָל, נישט-צונויפגערעדטערהייט, ברעכט דער אויפשטאַנד אויס גאָר אומגעריכטערהייט דאָ און דאָרטן. ער שטעלט נאָך נישט אַרויס, דער קינסטלער, קיין קלאָרע פאָדערונגען, ער האָט נאָך נישט קיין פאַרטיקן פראָגראַם. אין דער ערשטער מינוט איז דאָ דראַנג אַראָפצושליידערן די יאָך, וועלכע איז געלעגן אַ לענגערע צייט און געדריקט און געפרעסט. צופיל פאַסיוו איז געווען דער קינסטלער, צופיל פאַרטאָן איז ער געווען מיטן אַקערן און בויען און פאַרזייען די שוואַרצערד פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט. און דערווייל האָט מען זיין פאַסיווקייט און פאַרגלויבטקייט אויסגענוצט און אים געפּענטעט מיט פעסטע פראָגראַמען און דאָגמעס. אָבער ווייטער אַזוי לעבן האָט ער שוין מער נישט געקאָנט. און ווען די הערשער האָבן ביי אַ ברידער-קאַמף און בירגער-קריג געוואָלט דעם קינסטלער מאָביליזירן, ער זאָל בלינדערהייט זיך שטעלן אין זייער פראָנט, דאַן איז פול געוואָרן די מאָס, און דער קינסטלער-אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן... ער איז אויסגעבראָכן אין ניו-יאָרק, אין פאַריזש, אין מאָסקווע און אין כאַרקאָוו. אויף יעדן אָרט אויף אַן אייגענעם שטייגער און כאַראַקטער, צוגעפּאַסט צו די אָרטיקע באַדינגונגען און לויט דעם כאַראַקטער פון די אויפשטייענדיקע...

עס שרייבט דער אויפשטייענדיקער שלום אַש: „...און אַפילו די, וואָס איר האָט געמיינט, אַז איר האַלט זיי שוין אָנגעשמידט צו דער „אויסגעהאַלטענער ליניע" — זעט, ווי זיי האָבן זיך צעבריקעוועט ביים ערשטן אויפברויז און צעפירט אייערע רייען". און אַש גיט צו: „יאָ, — זעט זיך אויס, אַז מיר, יידישע שרייבער און קינסטלער, זענען נישט קיין דיסציפּלינירטער עלעמענט. און די בעסטע זאַך וואָלט

געוועז, איר זאָלט אונז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסלאָזן פון די „רייען"... איר זעט דאָך, אַז קיין גוטס קומט נישט אַרויס פון אַזאַ ווילד פאָלק. איר צעקאַליעטשעט נאָר אונזערע נשמות, און סוף-כּל-סוף צעפירן מיר די גראָדליניקייט פון אייערע „רייען"..." און אַז עס קומט צו אַן אויפשטאַנד, פליסן שוין אַרויס פון אויבן גאָר די פארביטערט-קייט און עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען זיך מיט דעם, וואָס מען האָט אים געהאַלטן געפּענטעט און פאַרשקלאַפט. און עס זענען אַזוי טשעקאַווע שלום אַשס פאָרוורפן: „מיט וואָס האָט עס מיך די מאַסע גרויס געמאַכט? מיר דאַכט זיך גאָר, אַז נישט די מאַסע מיך, נאָר איך האָב די „מאַסע" גרויס געמאַכט..." און ער רעכנט אויס, וואָס ער האָט געטאָן פאַר די יידישע שולן, פאַר די יידישע קאָאָפּע-ראַטיוון פון די, וואָס האָבן אים איצט געשטעלט אויסער דער מחנה, און ער פרעגט: „האָט איר צומאָל מיט אַן ערנאַמט באַלוינט? — ניין, די ערן-אַמטן האָט איר באַהאַלטן פאַר זיך. קיין שולע האָט איר נישט אַ נאָמען געגעבן אויף קיין יידישן שרייבער, אויף די, וואָס האָבן געגרינדעט די שולן. פאַלך האָט איר צוגענומען פאַר אייערע איי-גענע מענטשן..."

אין דער זעלבער צייט איז אויך אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין ניו-יאָרק פון די שרייבער לייוויק, מנחם, רייזען און ראַבאָי. און אָט וואָס לייוויק און מנחם שרייבן אין זייער ערשטן אויפשטאַנד-מאַניפעסט: „...האָבן מיר ביז איצט געלאָזט דערשטיקן אין זיך אונזער ווייטיק איבער דער „פרייהייט"-באַציונג צו דער יידישער שפּראַך, יידישער קולטור, יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. מיר האָבן געדולדיק איבער-געטראָגן אומנויטיקע טאַדלונגען אין דער צייטונג, וועלכער מיר זענען געווען איבערגעגעבן... אָבער איצט איז די מאָס פאַרפולט, ווייטער שווייגן איז אוממעגלעך... און עס בלייבט אונז נישט קיין אַנדער אויסוועג, ווי זיך צוריקצוציען פון דער צייטונג..."

און שוין עטלעכע וואָכן נאָך דעם אויפשטאַנד פון די „פריי-הייט"-קינסטלער, שרייבט ה. לייוויק אין דער אייגענער, אויפגיך אָרגאַ-ניזירטער טריבונע פון די אויפשטייענדיקע: „...פונדעסטוועגן, בין איך זיך מודה, האָב איך שטילערהייט געהאָפט, אַז אַ געשריי פון פּראָטעסט וועט פאָרט אַ רודער טון דאָס פאַרפאַנצערטע פאַרטיי-פּאַר-שנירעוועטע האַרץ, און אַ האַנט, וואָס וועט נאָכאַמאָל וואַגן צו שרייבן אויסגעטראַכטע העצע-קעפּלעך, און צעדרייען באַריכטן און פאַקטן —

אַז אַזאַ האַנט וועט אַוועקגעשליידערט ווערן. — ניין, דאָס האָט נישט פּאַסירט. און ווייזט אויס, אַז איך בין געווען זייער נאַיִוו, אויב איך האָב אַזוינס געקענט פֿאָרשטעלן זיך. וויפֿיל איך קאָן נישט דעם פּאַרטיי־מענטשן — קען איך אים נאָך אַלץ נישט. ער הערט זיך נישט צו צום קול פֿון זיין געוויסן. ער איז גראַדליניק, האַרט, מיט בלייכע פֿאַרפֿרוירענע ליפּן גיט ער אַ זאָג: היינט דאַרפֿן מיר כּשרן רציחה, — און ער כּשרט. היינט פּאַסט צו זאָגן פּאָגראָם, — זאָגן מיר „פּאָגראָם“. מאָרגן וועלן מיר דאַרפֿן זאָגן: אויפשטאַנד — וועלן מיר זאָגן „אויפשטאַנד“...

אָט די אַלע קינסטלער, וועלכע האָבן עטלעכע יאָר „געלאָזט אין זיך שטיקן דעם ווייטיק“, געבן איצט אַרויס זייער „וואָך“, און אין זייער פּראָגראַם־אַרטיקל שרייבן זיי אַזעלכע ווערטער: „מיר זענען נישט פֿאַרבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי, און זענען צו קיינעם מיט קיין זאַך נישט פֿאַרפֿליכטעט. מיר ווילן שאַפֿן אַ פֿרייע טריבונע פֿאַר די, וואָס קומען מיט אַ לעבעדיק וואָרט“. און רעדנדיק וועגן די יידישע קאָלעגן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָס איילן גלייך מיט זייערע חרמס קעגן די אויפשטייענדיקע קינסטלער, זאָגן זיי: „אַ גרופּע יידישע שרייבער פֿון כאַרקאָוו האָבן שוין געמוזט אונטעראײלן זיך און געבן זייערע נעמען אויפֿן חרם. געמוזט? נו, אַוודאי געמוזט, געמוזט, געמוזט...“

און אָט נאָך אַן אויפשטייענדיקער קינסטלער: די מלוכה־פֿאַרלאַגן אין כאַרקאָוו און אין קיעוו געבן אַרויס די ווערק פֿון י. אָפּאַטאָשו פֿאַר דעם יידישן לייענער אין ראַטנפֿאַרבאַנד. און אָט, כּדי אָפּצוטרייבן די „רוחות־רעות“, וועלכע זענען מכּלומרשט דאָ אין די ווערק פֿון אָפּאַטאָשו, איז ביים אַריינגאַנג פֿון יעדן ווערק צוגעקלעפּט אַ מין „שמירה־קמיע“ פֿון שכנא עפּשטיין. י. אָפּאַטאָשו טרעט איצט אַרויס מיט אַ שאַרפֿן אַרטיקל קעגן דעם הכשר־שרייבער און פֿרעגט, אויב זיינע ווערק זענען פֿרעמד דער אידעאָלאָגיע, „טאָ פֿרעגט זיך, ווער האָט אייך געשטופּט עס אונטערצוטראָגן דעם סאָוועטישן עולם? צו וואָס האָט איר געפּטרט סאָוועטישע געלט אַרויסצוגעבן דאָס בוך?“. און אָפּאַטאָשו נעמט רעדן „נאַקעטע דיבורים“, און אָט שרייבט ער: „דאָס וואָרט קלאַסן איז ביי אייך אַ שם־המפורש, אַ פֿאָרמולע, וואָס פֿאַרוואַנדלט אָן מי, אָן אַרבעט און אָן אַחריות, ווי דער פֿילאָזאָפֿיע־שטיין ביי די אַלכעמיקער, יעדע שמאַכטע איז גאָלד... דער טעות ליגט אין די עפּשטיינס, וואָס ווילן דווקא אַריינשפּאַרן דאָס מענטש־

לעבע לעבן, זיין גאנצן אינהאלט אין דעם קלאסן-שם-המפורש. ווען ס'לעבן וואָלט זיך טאקע געלאָזט אַריינשפּאַרן, אַריינקוועטשן אין אַ פאָרמולע, וואָלטן קינסטלער נישט געקענט שאַפן דיווירקלעכקייט, זיי וואָלטן זי בלויז קאָפּירט". און אָפּאטאָשו רופט אויס אין דעם דאָזיקן אַרטיקל: „כ'בין זיך מודה, צייט דאָס „פינטעלע ייד" איז געוואָרן אַ זידל-וואָרט, הויב איך זיך אָן איבערצונעמען דערמיט".

אויב אין ניו-יאָרק, אין פּאַריז, אין וואַרשע רעדן שרייבער אָפענע ווערטער, גרייפן אָן גלייך, אָן מורא, און באַנוצן דערביי קלאָרע דיבורים, איז דאָרט אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, נעמט אָן דער קינסטלער אויפשטאַנד אַן אַנדער פאָרם און כאַראַקטער. דאָרט באַנוצט זיך דער שרייבער מיט דער פאַרשטעלטער פאָרם פון שאַרזשען, און ער קומט צו צו דער פאָרם פון פאַרמאַכטע צירקולירן.

לעצטנס איז די גאַנצע שרייבערישע יידישע וועלט אין ראַטנ-פאַרבאַנד אויפגערודערט צוליב די שאַרזשן פון דעם דיכטער ל. קוויטקאָ. משמעות, עס האָט שוין געמוזט דערלאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, אַז אַ שרייבער זאָל וואַגן צו פאַרעפנטלעכן אַזעלכע מיני שאַרזשן, וואָס זענען פוגע בכבוד אַ פירנדיקע פּערזאָן. דער דיכטער קוויטקאָ האָט געוואַגט און אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פירער פון דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור (מ. ליטוואַקאָוו). ער האָט אָפּגעדרוקט אין זיין בוך „געראַנגל" אַ ריי שאַרזשן, און צווישן אַנדערע אויך אַ שאַרזש, „שטינק-פויגל", ווו ער שרייבט:

„גרויס איז דער פּאַרדראָס,
דער ווייטיק גרויס,
מיר קאָנען... נישט דערלאַנגען
צום דאַך פון הויז,
צו פּאַקן דעם שטינק-פויגל דאָרט,
אויפן דאַך, אויף זיין הויכן אָרט".

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקער טומל אַרום אָט די קוויטקאָ-שאַרזשן. כמעט אַלע דאָרטיקע שרייבער האָבן שאַרף רעאַגירט קעגן קוויטקאָן, אָוועקגעשטעלט אים מחוץ-למחנה און געשטעמפּלט אים מיט די האַרבסטע ווערטער. און ער, קוויטקאָ, פרעגט אין דער „רויטער וועלט" זייער נאַיִוו: „געשיקט זיך עס, אַז דער אָנגערירטער כבוד פון ווּעמען ס'נישט איז, איז וויכטיקער, ווי די צען-יאָריקע אָנ-געשטרענגטע דיכטערישע ענערגיע, וואָס דינט איבערגעגעבן דער

אַרבעטער-רעוואָלוציע״? „ס׳איז דאָך נישט קיין קאָמעדיע״, טענהט ער, „איך האָב געדינט און וועל דינען מיט אַלע מיינע כּוחות דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און קולטור״...

און מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערשטיקן דעם „אויפשטאַנד״ פון קוויטקאָ, און אָט אַ נייער „אויפשטאַנד״: דער פּיל-געפּרווּוּטער און באַגנעדיקטער דוד האָפשטיין האָט פּאַנאַנדערגעשיקט אויף אַ „ציקוליאַר-אופן״ צו אַ ריי פּאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין ראַטנפאַרבאַנד אַ מין אַרטיקל, ווו ער טרעט אַרויס קעגן די זעלבסטהערשערישע נטיות פון משה ליטוואַקאָוו, און אָט וואָס ער שרייבט צווישן אַנדערן: „איך האַלט, אַז מיר זענען צו ווייט פאַרגאַנגען אין אָפּשאַפן דעם אָפּשיי פאַר ליטעראַטור, פאַר דעם שרייבער, אַלס טרעגער פון קולטור״. און ער שרייבט ווייטער מיט פאַרביטערונג: „וויבאַלד אַזוי דאַרפן מיר זאָגן קלאָר: מיר האָבן שוין גענוג און איבערגענוג פאַקטן, וואָס באַווייזן, אַז איינער פון די אָנגעזעענסטע חברים, וואָס מישט זיך אָפּט אין אונזערע ליטעראַרישע ענינים, האָט זעלבסטהערשערישע נטיות און פירט צו איבעריקער פאַרביטערונג און צו דערנידעריקונג. איך רעד וועגן משה ליטוואַקאָוו״. ער רעכנט אויס אַ ריי פאַקטן, ווי מען דערנידעריקט דעם יידישן שרייבער, ווי מען דערדריקט אים, און ער פרעגט אין זיין פאַרמאַכטן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט בלויז צו געציילטע טוער: „וואָס איז דאָס? אַזוי קעמפט מען מיט ווירקונג? אַזוי שאַפט מען אָפּשיי פאַר ליטעראַרישע אַרבעט, אַזוי לערנט מען די יוגנט זיך ערנסט צו באַציען צו איר אַרבעט, זיך פאַרפולקאָמען, נישט צו זיין קיין כאַלטורשטשיקעס, קיין שמירערס, קיין גראַפאָמאַנען? אַזוי טון הייסט דערציען קנעכט... אין רעזולטאַט האָבן מיר דערנידערונג און דערנידערונג״.

אָבער פּונקט ווי קוויטקאָן, האָט מען אויך האָפשטיינען גלייך מקיים-פּסק געווען. אין אַן ענטפער אויף האָפשטיינס פאַרביטערונג, זאָגט מ. אַלטשילער האַרבע, וואָרנדיקע ווערטער: „מיר מוזן אָבער מתרה זיין די האָפשטיינס: לייגט זיך נישט קיין פויגעלעך אין בוזעם. נישט אַזאַ איז אונזער קאָמוניסטישע אָנפירונג, ווי איר וואָלט זי וועלן זען, און אַזוי ווייטער און ווייטער״...

אויף פאַרשיידענע קולטור-פראָנטן ברעכן איצט אויס אויפשטאַנדן פון דעם קינסטלער קעגן די פאַרטיי״לייט, קעגן דער פאַרטיי-העגעמאָניע, קעגן דער פאַרטיי-דעמאַגאָגיע.

1929

רוח־הקודש

אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען אַרויסגעגעבן אַ ביכל, וואָס אַנטהאַלט ענטפערן אויף אַן אַנקעטע, וועלכע איז אַדורכגעפירט געוואָרן צווישן רוסישע סאָוועטישע שרייבער. מען האָט די שרייבער אָנגעפרעגט, ווי אַזוי זיי שאַפן. האָבן אייניקע פון זיי געענטפערט, אַז די הויפט־בילדער ווייזן זיך זיי אין שלאָף, אין טרוים, אַז זייער שאַפן קומט פאָר דאָס רוב אין אונטערבאַוווסטזיין, אַז זיי קאָנען זיך נישט דערקלערן, ווי־אַזוי „דאָס איז ביי זיי פאָרגעקומען״, אַז זיי האָבן עס צו פאַרדאַנקען עפּעס אַן אינעווייניקסטער באַגייסטערונג און אַזוי ווייטער.

אָט די ענטפערן פון די שרייבער האָט ביי דער אָפיציעלער סאָוועטישער קריטיק אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט: סטייטש, וואָס הייסט שאַפן אָן דעם קלאָרן באַוווסטזיין און זיין אונטערגעוואָרפן עפּעס זייטיקע „מיסטישע״ כּוחות?

דער באַוווסטער סאָוועטישער קריטיקער וויאַטשעסלאַוו פּאָלאָנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערן אַרטיקל אין „נאָווי מיר״ מיטן נאָמען „אַרבעט, קונסט, באַגייסטערונג״, אין וועלכן ער גרייפט שטאַרק אָן די שרייבער, וואָס לאָזן זיך פירן און פאַרפירן פון אַזעלכע מיני נאַרישקייטן ווי אונטערבאַוווסטזיין, וואָס „באַהעלט״ זיי, „אַנטפּלעקט״ זיך פאַר זיי. לויט זיין מיינונג, איז די שרייבערישע אַרבעט אייגנטלעך אַזאַ מין מלאכה ווי סטאָלעריי: עס פאָדערט זיך פשוט אויסצולערנען זיך אָט די מלאכה, מען באַדאַרף עקשנותדיק האָרעווען, עס פאַרלאַנגט זיך טעכניק, און וועגן די אַלע אַנדערע זיבן זאַכן קאָן מען נאָר רעדן מיט אַ שמייכל, איראָניש...

אויך אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט אַ שטאַרקן אָנגריף אויף דער אינטויִציע, אָדער ווי משה ליטוואַקאָוו

באצייכנט עס מיטן נאָמען „רוח-הקודש״. אין זיין לאַנגן אַרטיקל „באַגאַנגענע פעלערן״ איז ער זיך מודה און מתוודה פאַר זיינע שווערע זינד און צווישן אַנדערן אויך דערפאַר, וואָס רעדנדיק וועגן דעם שעפערישן פּראָצעס ביי יידישע קלאַסיקער, האָט ער געגעבן אַן אָרט צו צווייפלען וועגן דער ראָלע פון „רוח-הקודש״ אינם שאַפן. ער איז נישט געגאַנגען שאַרף אַרויסגעטראָטן „קעגן דער הערשאַפט פונם דיכטערישן רוח-הקודש״ א. א. וו.

די פראַגע וועגן קינסטלערישן רוח-הקודש (אָדער באַגייסטערונג, אַנטציקונג, אינספּיראַציע) איז שוין זייער און זייער אַן אַלטע, מסתמא אַזוי אַלט, ווי עס איז בכלל אַלט דאָס מענטשלעכע שאַפן. ווי נאָר דער מענטש האָט אָנגעהויבן צו געבוירן געדאַנקען, בילדער, שילדערונגען, האָט אים גלייך גענומען צו אינטערעסירן דער פּראָצעס פון דעם שאַפן, דער פּראָצעס פון אָט דעם געדאַנקען און בילדער-געבורט. מיט דעם וווקס פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, איז אויך געוואַקסן דער נייגיר פאַר דעם קינסטלערישן שאַפן.

עס איז זייער אַ וויכטיקע און דאַנקבאַרע פאָרשונגס-אַרבעט — נאָכצופאָלגן און צו דערגיין ווי די מענטשהייט האָט דורך אירע דיכטער-קינסטלער אין פאַרשידענע צייטן און דורות געזען און אויפגענומען אָט דעם גרויסן סוד פון אינספּיראַציע, רוח-הקודש ביי קינסטלער.

אָט ווי עס ווערט דערציילט אין חומש די אַנטפּלעקונג פון גאָטס וואָרט פאַר אַברהמען: „און ווי די זון איז געווען ביים אונטערגיין, אַזוי איז אַ טיפער שלאָף געפאַלן אויף אברהמען; ערשט אַן אימה, אַ גרויס פינסטערניש, פאַלט אָן אויף אים. און ער האָט געזאָגט צו אַברהמען״ (בראשית ט״ו 12 — דאָ און ווייטער—לויט יהואשעס תנ״ך-איבערזעצונג). אויך צו יעקבן האָט זיך גאָטס וואָרט געוויזן אין חלום: „און ער האָט געטראָפן אַן אָרט, און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס, און האָט זיך געלעגט אין יענעם אָרט. האָט זיך אים געחלומט״ (בראשית כ״ח 11, 12). אַזוי אויך אין חלום איז געווען גאָטס וואָרט צו יוספן, ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער זון ביי יעקבן. פאַר משהן באַווייזט זיך שוין גאָטס וואָרט אויף אַן אַנדער אופן. משה האָט געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער יתרו, ער איז געקומען צום באַרג פון גאָט, צו חורב. „האָט זיך געוויזן צו אים אַ מלאך פון גאָט אין אַ פלאַמפייער פון מיטן פון

אַ דאָרן, און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער און דער דאָרן ווערט נישט פאַרצערט. האָט משה געזאָגט: לאָמיך אָקאָרשט אָפּקערן און זען די דאָזיקע גרויסע זעונג, פאַרוואָס דער דאָרן ווערט נישט פאַרברענט...״ (שמות ג׳ 2, 3).

גאָר אַנדערש, קאָנקרעט און ממשותדיק, ווי זיין שטייגער איז, מאָלט פאַר אונז דער נביא יחזקאל דעם אופן פון זיין „אינספּיראַציע״, פון זיין רוח־הקודש: „און דו, בן־אדם, הער וואָס איך רעד צו דיר — — — מאַך אויף דיין מויל און עס וואָס איך גיב דיר! און איך האָב אַ קוק געטון — ערשט אַ האַנט איז אויסגעשטרעקט צו מיר, און זע, אין איר איז געווען אַ מגלה פון אַ בוך. און ער האָט זי אויסגעשפּרייט פאַר מיר, און זי איז געווען באַשריבן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן קלאָגן און וויסטעניש און ווי. און ע ר (גאָט) האָט צו מיר געזאָגט: בן־אדם, וואָס דו געפינסט — עס. עס די דאָזיקע מגילה און גיי רייד צו דעם הויז פון ישראל. האָב איך אויפגעעפנט מיין מויל, און ע ר האָט מיר געגעבן עסן די דאָזיקע מגילה. און ער האָט צו מיר געזאָגט: בן־אָדם, דיין בויך זאָלסטו אָנשפּייזן און דיין אינגעווייד זאָלסטו אָנפילן מיט דער דאָזיקער מגילה, וואָס איך גיב דיר, און איך האָב געגעסן, און זי איז געווען אין מיין מויל אַזוי ווי האָניק אין זיסקייט״ (יחזקאל ב׳, ג׳).

מען וואָלט געקאָנט ברענגען ווייטער און ווייטער מוסטערן פון דעם שפּעטערדיקן מענטשלעכן שאַפן און ווייזן, ווי מען האָט בילדלעך געשילדערט די באַגייסטערונג, די אַנטציקונג, דעם רוח־הקודש, וואָס פאַרכאַפּט דעם נביא, דעם דיכטער, דעם קינסטלער. — די ליטעראַטור וועגן אָט דעם פּראָבלעם איז גוואַלדיק רייך און ממש נישט אויסצושעפּן.

צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט דער תמיד־שווייגנדיקער און שטענדיק פאַרשלאָסענער אין זיך נאָרוועגישער דיכטער־נזיר קנוט האַמסון געשריבן אַ בריוו צו זיינעם אַן איבערזעצער, אין וועלכן ער האָט מיט אַ פּאָר ווערטער דרך־אַגב גערעדט וועגן דעם פּראָצעס פון זיין שאַפן, און בעיקר וועגן פּראָצעס פון שאַפן לידער. „יעדער דיכטער — האָט ער צווישן אַנדערן געשריבן — ווייסט, אַז לידער ווערן געבוירן אונטער אַ שטאַרקערן אָדער שוואַכערן דרוק פון שטימונג. עס צעברומט אַ טאָן אין אונז, פאַרבן לייכטן־אויף, מען פילט, אַז עפּעס הויבט אָן צו פליסן אינעווייניק אין אונז. דער עיקר איז, ווי

לאַנג דער דאָזיקער געמיט־צושטאַנד דויערט... איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס אַרבעטן די גרויסע ליריקער, ביי וועלכע דאָס ליד אַנטשטייט אפשר אין דעם אויגנבליק פון שטימונג פולשטענדיק פאַרטיק און אָן פעלערן... אַ גאַנצער טייל דערפון, וואָס איך האָב געשריבן, איז אויפגעקומען ביינאַכט, ווען איך פלעג אַ פּאָר שעה שלאָפן און דערנאָך אויפכאַפּן זיך. דאַן בין איך ביים קלאָרסטן שכל און בין אויך אויסערגעוויינלעך עמפינדלעך. איך האָב שטענדיק ליגן נעבן מיין בעט פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. איך צינד נישט אָן קיין ליכט, אָבער איך הויב אָן צו שרייבן אין דער פינסטערניש תיכּף, ווי איך דערפיל, אַז עפּעס שטראָמט אין מיר אַריין..."

אין אַן אַרטיקל פון ש. ניגער א. נ. „שאַפן און אַרבעטן" („לעזער, דיכטער, קריטיקער", ניו־יאָרק, 1928, ז"ז 327 און ווייטער) ווערן געבראַכט, גאָר ביי אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג, אייניקע שטעלן וועגן דעם פּראָצעס פון שאַפן ביי פאַרשידענע קינסטלער.

די ברידער גאָנקור האָבן געשריבן: „דאָס איז עפּעס אַ פאַטום, וועלכער ברענגט אייך די אורשפּרינגלעכע אידעע. דאַן קומט עפּעס אַן אומבאַוווסטע קראַפט, עפּעס אַ העכערער ווילן, עפּעס אַ מוז באַצווינגט אייך און פירט מיט אייער פען. אַזוי אַז אַן אַנדערש מאָל דוכט זיך אייך, אַז דאָס בוך, וואָס איר האָט געשריבן, איז נישט אייער אייגן בוך".

דער מיסטיקער וויליאַם בלעיק האָט דערציילט אַמאָל אין אַ בריוו: „איך האָב געשריבן די פּאָעמע פון דירעקטער דיקטאַציע צוועלף און אַמאָל צוואָנציק און דרייסיק שורות מיטאַמאָל, אָן קיין נאָכטראַכטונגען און אַפילו קעגן מיין ווילן".

געטע האָט געזאָגט: „יעדע פּראָדוקטיוויטעט פון העכסטן סאָרט, יעדע וויכטיקע קאָנצעפּציע, יעדע אַנטדעקונג, יעדער גרויסער און פרוכטבאַרער געדאַנק איז נישט אין אונזער רשות און איז העכער פון יעדער ערדישער קראַפט. דאָס אַלץ מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן אומגעריכטער געשאַנק פון אויבן, ווי אַ ריין געטלעכער פּראָדוקט."

אין אַ בריוו צו געאָרג בראַנדעס שרייבט פרידריך ניטשע וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט געשריבן זיין ווערק „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ": „יעדער טייל איז כּמעט אין צען טעג געשריבן געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון אינספּיראַציע. אַלץ קאָנצעפּטירט אין דער צייט פון שפּאַצירן, אַן אַבסאָלוטע זיכערקייט! אַזוי ווי יעדן זאַץ וואָלט עמעצער מיר אַריינגעשריגן אין אויער אַריין".

דער ראַפּירנירטער, קלוגער און ניכטערער אַנאַטאָל פראַנס האָט אין די אויגן פון זיין פריינט אויסגעבעסערט אַ קאָרעקטור פון זיינס אַ ווערק. „איר ווונדערט זיך, מיין טייערער פריינט, — האָט ער געזאָגט צו זשאַן ברוסאָ, — איר האָט אודאי גערעכנט, אַז אַ מלאך האָט מיר אין איין אָטעם איינגערוימט מיינע בלעטער און מיינע קאַפּיטלען. מיך האָט זעלטן-ווען אָנגערירט דער ווינט פון רוח-הקודש. מיין פּען-האַלטער איז קיינמאָל נישט לייריש. איך בין קיינמאָל נישט שיכּור געווען פון מיין אַרבעט. איך אַרבעט מיט מי און מאַטערניש”.

די לעצטע יאָרן איז דער שאַפונגס-פּראָצעס געוואָרן אַן עניין פאַר פּסיכאָלאָגן און אַפילו פאַר פּסיכיאַטרן. רוח-הקודש זאָל גאָר גרע-נעצן מיט משוגעת, מיט שגעון. דער מענטש דערגייט דערצו אין אַ ספּעציעלן אַפעקט-צושטאַנד, וואָס גאָר נאָרמאַלע, געזונטע מענטשן זענען פון דעם „געוואָרנט”. באַגייסטערונג, אַנטציקונג, אינספּיראַציע, רוח-הקודש איז גאָר אַ חולאת, אַ קרענק, וואָס לאָזט זיך מעסטן און דעפינירן, ווי עס מעסט זיך און עס ווערט דעפינירט יעדער אַנדערער פּסיכישער אויסברוך.

יעדער קינסטלער נעמט אויף אויף אַן אַנדער אופן איינדרוקן, זאַפּט פאַרשיידן איין אין זיך אינספּיראַציעס, פאַרדייעט זיי אין אַ ספּעציפישער מאַניר און לאָדט זיי גאַנץ אייגנאַרטיק אויס. נישטאָ קיין איין שאַפונגס-מעטאָד פאַר אַלעמען. אינספּיראַציע, אינטואיציע, רוח-הקודש נויטיקן זיך אָן קיין ספק אויך אין אַ קלאָרן באַוווסטזיין, אין אַ פאַרנונפטיקן ווילן. דער קינסטלער קען נישט און טאָר נישט זיין קיין בלינד געוועער ביי דער אינטואיציע, ביים רוח-הקודש...

1930

פאַרוואָס אַזויפיל מלחמה־ווערק?

אַן ענגלישער שריפטשטעלער איז געווען אַ בעלן און האָט דאָ נישט לאַנג אויסגערעכנט, וויפיל עס זענען דערשינען זינט דער וועלט־מלחמה ווערק, וואָס שילדערן דעם וועלט־קריג. לויט זיין רעכענונג, זענען דאָ אַרום 800 ווערק, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער וועלט־מלחמה. עס איז אַ שאָד, וואָס די רעכענונג איז נישט צעגלידערט געוואָרן, און עס איז נישט אָנגעוויזן, וויפיל ווערק עס זענען דערשינען אין דער צייט פון וועלט־קריג, און וויפיל ווערק עס זענען דערשינען די לעצטע פּאָר יאָר. מען וואָלט אויך געדאַרפט פאַנאַנדערטיילן און אויסגעפונען דעם כאַראַקטער פון די ווערק, וואָס זענען דערשינען דאַן, ווען דער קריג האָט אָנגעהאַלטן, און דעם כאַראַקטער פון די ווערק, וואָס זענען לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן.

עס איז זיכער, אַז די ווערק, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די לעצטע פּאָר יאָר, האָבן גאָר אַן אַנדער אויסזען. די מענטשהייט, און צוזאַמען מיט איר די קינסטלער, ווערן די לעצטע יאָרן אַלץ מער אויסגעניכטערט, און ווי נאָך אַ שווערער שיכּרות פילט מען אַ באַזונדערן עקל און ווידערגעפיל צו אַלץ, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן אין יענע עטלעכע שיכּרות־יאָרן, און דעריבער האָט מען איצט דעם מוט און די געוואַגטקייט צו פילן, טראַכטן און רעדן וועגן יענע אומגעלומפּערטע מלחמה־יאָרן מיט „נאַקעטע", נישט־פאַרשלייערטע ווערטער און באַגריפן, בילדער און שילדערונגען.

די מלחמה־ווערק האָבן איצט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג בײַ די צייטונג־און בוך־לייענער, און אויך בײַ די טעאַטער־צושויער. עס זענען גוט באַקאַנט די צאָלן, אין וועלכע די מלחמה־ווערק זענען די לעצטע צוויי יאָר פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע שפּראַכן. רעמאַרקס בוך „אויפן מערב־פראָנט איז נישטאָ קיין נייעס" איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אָריגינאַל, אין דייטש, אין איבער אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן,

פונקט אַזוי גרויס איז אויך געווען דער דערפאָלג פון דעם בוך אין די פיל אַנדערע שפּראַכן, אין וועלכע מען האָט עס איבערגעזעצט. וואָס דאַרפן מיר מער? אַפילו אין יידיש, האָט דאָס בוך זוכה געווען צו פינף פאַרשיידענע איבערזעצונגען, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס ביז אַ דרייסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אַן אומגעהייערן דערפאָלג האָט אויך געהאַט די מלחמה-פּיעסע פון ר. ק. שעריף „דער סוף פון וואַנדערונג״, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין לאָנדאָן איבער 500 מאָל, און גלייכצייטיק איז די פּיעסע געגאַנגען אין עטלעכע טעאַטערס. אויך אין וואַרשע איז די פּיעסע נישט אַראָפּ פון דער בינע עטלעכע חדשים.

און נישט-נאָר נייע ווערק וועגן דער וועלט-מלחמה האָבן אַ גרויסן דערפאָלג, אויך די פריערדיקע ווערק, וואָס זענען דערשינען צוריק מיט עטלעכע יאָר, האָט מען די לעצטע יאָרן גענומען פונ-דאַסניי צו לייענען. סיי דער בוכהענדלער און סיי דער ביבליאָטע-קאר האָט אַראָפּגעווישט פון די פריערדיקע מלחמה-ווערק דעם שטויב און געלאָזט זיי אין גאַנג. מיט וואָס דערקלערט זיך דער שטאַרקער אינטערעס פון דעם קינסטלער און עולם צו די מלחמה-סוזשעטן?

עס איז זייער אַ וויכטיקע פראַגע, וואָס פאָדערט אַן ענטפער.

מען האָט פיל גערעדט וועגן דעם אומדערוואַרטעטן דערפאָלג פון אַזעלכע ווערק, ווי רעמאַרקס בוך, און מען האָט זיך אַליין גע-פרעגט: האָט דאָס ווערק געהאַט אַזאַ אומגעהייערן דערפאָלג, ווייל דאָס בוך שטייגט איבער מיט זיינע קינסטלערישע מעלות אַלץ, וואָס מען האָט ביז איצט געשריבן וועגן דעם וועלט-קריג, אָדער גאָר דער-פאַר, ווייל דאָס בוך איז דערשינען צו דער ריכטיקער צייט, ווען עס איז אויפגעוועקט געוואָרן פונדאָסניי אַ באַזונדערער אינטערעס און נייגיר צו דער וועלט-מלחמה און צו אירע גרוילן.

מען קען עס דערקלערן אָט מיט וואָס:

עס זענען אַוועק יאָרן און יאָרן נאָכן וועלט-קריג. עס ווערט שוין איצט זעכצן יאָר, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער מלחמה-גרויל, די וועלט-משוגעת, אין וועלכן עס איז אַריינגעצויגן גע-וואָרן אַ גרויסער טייל פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. דער פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער קולטור-וועלט האָט אַזוי אָדער אַנדערש אָנגענומען דעם וועלט-קריג, וועט בלייבן אַן אייביקער פלעק, און קיין שום פאַרענטפערונגען וועלן אים נישט אָפּרייניקן.

דאָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער און קלאָרער. זייער ווייניק מענטשן, פון געלערנטע, קינסטלער, פּאָליטיקער, טוער זענען געווען אינגאַנצן מיט לייב-און-לעבן קעגן דעם קריג. און די געציילטע, וואָס זענען יאָ אַרויסגעטראָטן אָפן און אַנטשיידן קעגן דעם קריג, זענען אין יענער צייט נישט געווען פּאָפּולער און האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ שיעור רכילות, אָנפאַלן און באַשולדיקונגען. דער הוראַ-פּאַטריאָטיזם האָט צום באַדויערן און צו אונזער אַלעמענס שאַנד, פאַרכאַפּט אויך פיל פון די בעסטע קינסטלער און וויסנשאַפטלער, פון וועלכע מען האָט געקאָנט און געדאַרפט דערוואַרטן ערלעכערע און אויפריכטיקערע באַציונג צו די אוממענטשלעכע ליידן און פּיין און צו די מיליאָנען לעבנס פון די אומשולדיקע זעלנער, וואָס זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אומזיניקן בלוטיקן שפּיל.

די לעצטע יאָרן האָבן אָבער אויסגעניכטערט אַלעמען, אַפילו די אַלע בלומרשטע „זיגער" אין דעם וועלט-קריג, וועלכע זייערע רעגירונגען האָבן נאָך די ערשטע פּאָר יאָר נאָך דער וועלט-מלחמה פאַרוויגט אין רום פון העלדישקייט. מען האָט זיך ערשט אַרומגעזען, וואָס דער „זיג" זייערער האָט זיי אָפּגעקאָסט, און וואָס זיי האָבן איצט, אינדערהיים, אין לאַנד, אין הויז פון דעם „זיג". ווער רעדט שוין וועגן די פעלקער, וואָס זענען אַליין אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און האָבן אָפּגעצאָלט מיט זייערע בעסטע זין און מיט שטיקער לאַנד פאַר דעם געפערלעכן מלחמה-שפּיל. גראָד אין די „רויִקע" נאָך-מלחמה-יאָרן איז געוואָרן קלאָר דער אומזין און דער מיאוסער פּרצוף-פּנים פון דער „הייליקער" מלחמה. אַלץ גרויזאַמער ווייזן זיך איצט אַרויס די שרעקלעכע פאָלגן פון אַלץ, וואָס מען האָט דאַן אַזוי עפנטלעך-געזעצלעך אָפּגעטאָן אין נאָמען פון אויסגעטראַכטע אידעאַלן.

דעריבער איז די מענטשהייט איצט ווי צופרידן, ווען מען קראַצט די ווונדן, וועלכע זענען שוין ווי פאַרהיילט געוואָרן די לעצטע יאָרן. פריער, צוריק מיט עטלעכע יאָר, האָט מען געוואָלט פאַרגעסן דעם קריג. איצט, פאַרקערט, וויל מען אים ווידעראַמאָל איבערלעבן, אפשר כדי אים אָפּצוטרייסלען פון זיך, און צו באַזייטיקן אים מיט עקל, מיט האַס, מיט ווידערגעפיל.

אָט-וואָס רעמאַרק אַליין האָט איבערגעגעבן, פאַרוואָס ער האָט אָנגעשריבן זיין בוך גראָד איצט, איבער צען יאָר נאָך דעם, די מלחמה האָט זיך געענדיקט. „דער בעסטער באַווייז, — שרייבט ער —

אַז דער יחיד, דער איינצעלנער מענטש, האָט נאָך ביז איצט נישט בייגע־קומען די איבערלעבונגען פונם קריג, איז דאָס, וואָס אין פאַרלויף פון כמעט צען יאָר האָט קיינער אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. מען האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שרייבן וועגן דער מלחמה. מען האָט דעם קריג באַהאַנדלט אין פּאָליטישע דיסקוסיעס, און מען האָט אים פאַראורטיילט אָדער פאַרהייליקט. אָבער די פערזענלעכע איבערלעבונג פון דעם קריג האָט דער יונגער מענטש פון אונזער דור ווייט נישט בייגעקומען, נישט באַזיגט. די פערזענלעכע איבערלעבונג האָט אין אים ווייטער געווירקט, געדריקט אים, ווי אַ בייזער חלום, אַרויסגע־רופן אַ צושטאַנד פון אומרו, צווייפל, האַרטקייט און וואַקלדיקע באַ־ציִונג... דער שאָטן פון קריג איז געהאָנגען איבער אונז, און דווקא דאַן, ווען מיר האָבן וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט. דער בעסטער מיטל צו באַפרייען זיך פון אַזאַ מין צושטאַנד איז — באַשרייבן עס, איבערלעבן עס פונדאָסניי. דאָס האָבן באַשטעטיקט אין זייערע בריוו צו מיר אַסך מענטשן פון מיין עלטער. זיי אַלע האָבן אַרויסגעפילט פון דעם בוך נישט קיין פעסימיזם, דערשלאָגנקייט, נאָר באַפרייונג".

דאָס זעלבע פילן און מוזן פילן די מיליאָנען, וואָס זענען מיט זייער ווילן און קעגן זייער ווילן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער בלוּ־טיקער וועלט־מלחמה, — די אַלע מיליאָנען מענטשן, וואָס גייען אַרום, ווי רעמאַרק, מיט אַ מלחמה־לאַסט, וועלכע דריקט זיי און פרעסט זיי. דורך די ליידן, יסורים, וואָס מען לעבט איבער פונדאָסניי, ווערט מען אַליין ווי ווידערגעבוירן, געלייטערט, מען קויפט אויס די אייגענע זינד. אַזוי־אַרום שטויסט מען אָפּ פון זיך דעם קריג, מען דערווייטערט אים פון זיך, מען גראָבט אויס אַן אָפּגרונט צווישן זיך און אים.

עס איז דעריבער געוויס פאַראַן געזונטעס, פּאָזיטיוועס אין דעם אויפגעוועקטן אינטערעס צו די מלחמה־שאַפונגען.

און דער שרייבער, דער קינסטלער, וואָס באַשעפטיקט זיך איצט מיט מלחמה־שטאָף?

מיר האָבן דאָס געפיל, ווי ער וואָלט איצט אויפגעוואַכט און דערפילט די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אים.

צוריק מיט אַ פופצן יאָר, ביים אויסברוך פון וועלט־קריג, איז דער קינסטלער, אינאיינעם מיט כמעט אַלע בירגער, געווען פאַרכאַפּט מיטן מלחמה־שטראָם. יעדעס לאַנד האָט זיך געהאַט אירע אַרמייען, אירע גענעראַל־שטאַבן, אירע דיפּלאָמאַטישע העצער, און אויך אירע

שרייבער, וואָס האָבן טריי געדינט דער מלחמה. אַלע האָבן מיטמאַר-שירט אין דעם פּאַטריאָטישן מאַרש. דער קינסטלער האָט געגאָסן אייל אויף דעם קריגס-פייער, וואָס האָט געהאַלטן אין פלאַקערן. די צאָל פון די מלחמה-מיטלויפער צווישן די שרייבער איז געווען זייער גרויס. זייער ווייניק מלחמה-קעגנער זענען געווען צווישן די דיכטער. דער גאַנצער אויטאָריטעט פון דער שרייבערישער וועלט איז געווען אומעטום געווענדט קעגן דעם פּלוצימדיקן „פיינט", וואָס איז צווישן טאָג און נאַכט געשאַפן געוואָרן אין די דיפּלאָמאַטישע קאַבי-נעטן. אַזוי-אַרום איז דער שרייבער נישט ווייניקער שולדיק אין דעם וועלט-קריג, ווי די פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטן, מלוכה-מענער, מיליטער-לייט.

ווען מען וועט שרייבן די פולשטענדיקע געשיכטע פון וועלט-קריג, וועט מען נאָך אויפדעקן באַזונדערס און אויספירלעך די טרויע-ריקע ראָלע פון דעם שרייבער אין דער וועלט-מלחמה.

אָבער איצט, די לעצטע עטלעכע יאָר, איז ווי אַ יום-הדין ביי דעם שרייבער: ער וויל אויסקויפן זיינע זינד ביי דער ליידנדיקער מענטשהייט. דאָס, וואָס פיל שרייבער נעמען זיך די לעצטע יאָרן צו שילדערן די מלחמה מיט אמתדיקע פאַרבן, און זיי באַמיען זיך צו געבן זי אין איר אמתן אויסזען, איז אַ באַוויז, אַז דער שרייבער האָט אָנערקענט זיין פעלער, זיין זינד, און ער צאָלט זיין חוב, זיין גרויסן חוב דער מענטשהייט.

ווייל, וואָס זענען סוף-כל-סוף די אַלע ווערק פון אנרי באַרביס, ערנסט טאָלער, יאַראָסלאַוו האשעק, שעריף, אַנדרעאַס לאַצקאָ, ערנסט גלעזער, עמיל לודוויג, און די פיל, פיל אַנדערע, — וואָס זענען די אַלע ביכער, אויב נישט ווערק פון גרויסער אויסניכטערונג? פריער, אַמאָל, האָט די מלחמה אַלעמען ווי פאַרטשאַדעט, און מענטשן זענען מיטגעצויגן געוואָרן, ווי אָן זייער וויסן. די לעצטע פּאָר יאָר הויבן זיך אָן פון דעם אַלגעמיינעם נעפּל אויסצושיילן און אויסצוטיילן די מענטשלעכע געשטאַלטן, די מענטשלעכע לעבנס, די אַלע קרעכצן, ווייטיקן, ליידן, געיאָמער פון די פאַרוואונדעטע און פאַרמשפּטע צום טויט.

די מלחמה-ווערק, וואָס זענען איצט אַזאַ גאַנגבאַרער און פּאָפּו-לערער אַרטיקל אויפן ביכער-מאַרק און אויך אויף דער בינע, זענען אַ נייער און פאַרשטאַרקטער פּראָטעסט פון דעם אויפגעוואַכטן קינסט-לער קעגן דעם קריג.

1930

וועגן אונזער טעאַטער

די טעאַטער־פּראַקטיק מאַכט זייער אָפט צונישט די אַלע טעאַטער־טעאָריעס. מיר האָבן אָפטמאָל דאָס געפיל, אַז די *רייד וועגן* טעאַטער זענען איינס, און *טעאַטער גופא* איז עפּעס אַנדערש.

לאָמיר זיך נאָך דערמאָנען, ווי ווייט עס זענען אַוועק פיל טעאַטער־טעאָרעטיקער אין זייערע פּילפּולים און אויסדרינגעענישן וועגן דעם אמתן פּרצוף פון טעאַטער, און ווי דער טעאַטער אַליין זעט סוף־כּל־סוף אויס. מען דרייט זיך רונד־אַרום, און מ׳קומט צום אויספיר: עס העלפן נישט קיין צוטראַכטענישן און אויסטראַכטענישן, טעאַטער גייט זיך זיין שווערן, אָבער נאַטירלעכן, געזעצמעסיקן וועג, אויף וועלכן עס צווינגט אים און טרייבט אים טעאַטער גופא.

וויפל מאָל האָט מען שוין פאַרמשפּט צום טויט דעם *רעאַליסטישן* טעאַטער, אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל, און שוין געמיינט אַ סוף, אַן עק. און דאָך לעבט ער ווידער אויף אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן אין אַזאַ מין גלגול און אין אַזאַ מין פאַרוואַנדלונג. מען האָט שוין געפּסקנט: טעאַטער פון יחידישע ד׳ אמות איז אַ זאַך פון פאַרגאַנגענהייט. מאַסע, קאָלעקטיוו, פאָלק באַדאַרף די הייגטצייטיקע בינע. און אָט קומען ווידער יחידישע, שטיל־מענטשלעכע דראַמעס און באַהערשן די ראַמפּע. עס איז געווען דער לאָזונג: נאָר העראָישע ווערק, נאָר ברייטע זשעסטן, נאָר בונטע איבערלעבענישן קאָנען פאַרכאַפּן דעם צושויער. זענען מיר לעצטנס אָבער עדות, ווי גראָד שטייגער־פּיעסעס פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט ציגדן אָן דעם טעאַטער־עולם. מען האָט שוין געהאַט אָפּגערוקט אינגאַנצן אָן אַ זייט דעם מחבר־דראַמאַטורג, דעם אַקטיאָר. זיי ביידע זענען געוואָרן בלויז שטאָף, מאַטעריאַל פאַר דעם רעזשיסער, וועלכער איז געוואָרן דער אַליינהערשער אויף דער בינע. זענען מיר לעצטנס עדות וועגן דער ווידעראויפלעבונג פונם דראַמאַטורג און אַרטיסט, און זיי ביידע זענען פונסניי

גערופן אַרויסצוראַטעווען דעם טעאַטער. מען האָט דערוויטערט איינ-גאַנצן די ליטעראַטור פון דער אַרענע. אַן איבעריקע, אַ נודניצע איז זי געוואָרן, וואָס פאַרנודיעט און פאַרשלעפּערט די לוסטיקע, צאַפּלדיקע בינע. און נאָך מער איז מען געווען קעגן די ריין-ליטעראַרישע, דער-ציילערישע דראַמעס, וועלכע מען פלעגט איבערניצעווען פון ראָמאַנען. פּסיכאָלאָגיע, שטייגער, אינעווייניקסטע איבערלעבענישן, — לאָזט צו-רו מיט אָט די אָפּגעלעבטע מעשיות אינם היינטצייטיקן טעאַטער. איז אָבער לעצטנס אָנגעקומען אין טעאַטער אַ נייער שטראָם פון אינסצע-ניזירטע ראָמאַנען, סיי ביי זיי און סיי ביי אונז.

ווי אַ צולהכעיס-שפּיל קומט פאַר די גאַנצע צייט צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן טרוים און ווירקלעכקייט אין דער טעאַטער-וועלט. אָט שאַפט מען פלענער און מען גייט אַ צייט לויט די אָנגעצייכנטע סכעמעס, מען איז געהאָרכזאַם, וואָס קלוגע טעאַטער-מענטשן זאָגן, מען וואַרפט זיך אונטער די גוטע-קלוגע עצות. אָבער אינמיטן דרינען קומט דער בעל-דבר אַליין, דער טעאַטער, און וואַרפט אַרויס אַ שפּיצל, וואָס קערט איבער די אַלע אָנגענומענע און אָנגעבונדענע אמתן און טעאָריעס.

איינס אָבער איז קלאָר און זיכער: ווי דער טעאַטער זאָל נישט זיין, וועלכע פאָרמען ער זאָל נישט אָננעמען, — וואָס פאַר אַ ריכטונג עס זאָל נישט זיין ביי אים די הערשערין, — איז שטענדיק און אַלע מאָל וויכטיק און נויטיק, אַז עס זאָל זיין **ט ע אַ ט ע ר**. פירט מען אויף אַ מיסטעריע, אָדער אַ רעאַליסטיש שטיק, אַ טראַגעדיע צי אַ קאָ-מעדיע, לעבן זיך אויס אויף דער בינע יחידישע טרוימען און איבער-לעבונגען, אָדער די מאַסע קומט גאָר צום אויסדרוק מיט **א י ר** אימפּעט און אויפבראויז, — אַלצאיינס, דער ערשטער תּנאַי ביים טעאַטער איז, אַז עס זאָל זיין טעאַטער אין פולער מאָס, אַז די אַלע באַשטאַנדטיילן פון טעאַטער זאָלן זיין פולקום, נישט געמינערט און נישט געפעלשט. טעאַטער-געביידע, סצענע, דיכטער, רעזשיסער, אַרטיסטן, אויסשטאַ-טונג, — דאָס אַלץ מוז שטיין אויף דער העכסטער מדרגה פון שלימות, כדי מען זאָל קאָנען פון די אַלע שטאָפן אויפשטעלן און אויפבויען אַ גאַנצע פאָרשטעלונג. די פאַרשיידענע באַמיונגען פונם דראַמאַטורג, רעזשיסער, אַרטיסט וועלן צו גאָרנישט ניט ברענגען, אויב למשל, די טעאַטער-געביידע איז אַ שלעכטע, אויב די סצענע איז נישט קיין פּאַסיקע, און אויב מ'קאָן נישט ווי ס'דאַרף צו זיין אויסשטאַטן די פּיעסע.

איינע פון די גרעסטע צרות פון אונזער יידישן טעאַטער אין פּוילן (דאָס זעלבע אין רומעניע, אין פראַנקרייך, בעלגיע, ליטע, אַרגענ־טינע, לעטלאַנד א. א. וו.), וואָס די טעאַטער-טרופּעס לעבן אָן און אויסער אַן אייגענער, שטענדיקער טעאַטער-געביידע. זיי זענען אָן אַ באָדן, אָן אַ היים, מען איז צייטווייליקע „סוב-לאָקאַטאָרן", וועלכע מען קאָן יעדן טאָג אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס. און דערצו אַרבעטן די אַלע טעאַטער-טרופּעס אָן פאָרויסגעזעענע און פאָרויסבאַשטימטע בודזשעטן, לעבט מען פון טאָג אויף טאָג, אָן אַ צוגעגרייטן ברייטן אַרבעטס-פּלאַן. מען איז נישט בכוח זיך צו לאָזן קאָסטן אַ לייטישע פאָר־שטעלונג, און ווער רעדט שוין וועגן אַרבעטן עטלעכע וואָכן נאָרמאַל מיט הרחבת-הדעת.

עס וואָלט געווען זייער באַלערנדיק, ווען די טעאַטער-אונטער־נעמער וואָלטן גענומען דערציילן די געשיכטע פון יעדער נייער פאָר־שטעלונג אין דעם יידישן טעאַטער: וויפיל מי, מאַטערניש, וויפיל איבערמענטשלעכע כוחות אויף קליינינקייטן און וויפיל כלערליי שטע־רונגען און שפיכת-דמים איבער פּרוטות! די אַרטיסטן, רעזשיסערן, די בינע-אַרבעטער דערעסן נישט וואָכנוויז, כדי צו דערשלעפּן צו אַ נייער פּרעמיערע. און פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מין אַרבעט ליידט געוואַלטיק די פאָרשטעלונג, קוקט אַרויס דער דלות פון אַלע ווינקעלעך. דער יידישער טעאַטער איז הינטערשטעליק לגבי די אָרטיקע נישט־יידישע מלוכהשע אָדער שטאָטישע טעאַטערן, וועלכע לעבן אין עושר און אין כבוד און אויף אַלדאָס גרייטן. שאַפט די כסדרדיקע אָרעמקייט אין יידישן טעאַטער פאַרביטערונג, חילוקי-דעות, שפּאַלטונגען. הכלל— פאַרצווייפלונג, ירידה, צעפאַלונג, אומקום.

עס איז צו-באַקאַנט דאָס אַלץ, מ'זאָל דאַרפן וועגן דעם מאַריך זיין. דער יידישער טעאַטער לעבט שלעכט, פיל-פיל ערגער, ווי מען שטעלט זיך גאָר פאָר. עס איז גאָר אַ בזיון און אַ ווייטיק אויסצודערציילן דאָס אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין און אַרום דעם יידישן טעאַטער. און די לאַגע ווערט אַלץ-ערגער, און זי וועט ווערן אַלץ-ערגער, אויב די יידישע געזעלשאַפט וועט סוף-כל-סוף נישט קומען צום טעאַטער און וועט זיך נישט פאַראינטערעסירן מיט זיין גורל.

אָבער איצט איז שוין די לאַגע אַזאַ אינם יידישן טעאַטער, אַז עס וועלן נישט העלפן קיין צוגעוואָרפענע שטיצעס. דער יידישער

טעאַטער-אָרגאַניזם איז מסוכן אָפּגעשוואַכט, אָפּגעצערט. קיין באַבסקע רפואות וועלן נישט ראַטעווען.

דער יידישער אַרטיסט גופא קאָן נישט און דאַרף נישט טראָגן אַליין, אויף אייגענע אויסגעמאַטערטע פּלייצעס, די גאַנצע לאַסט פונם יידישן טעאַטער. און דאָרט, ווו ער טוט עס, איז עס צו זיין שאָדן און צום שאָדן פונם טעאַטער. קיין קאַפּיטאַליסטן-אונטערנעמער זענען ביים יידישן טעאַטער נישטאָ און וועלן אַזוי-גיך נישט קומען (אויסער אין אַמעריקע). מיר זעען אויך נישט די איינצעלנע גרויסע מעצענאַטן, וואָס זאָלן נעמען בויען און אויסהאַלטן דעם יידישן טעאַטער.

איז איצט קיין אַנדער אויסוועג און ברירה נישטאָ:

די יידישע געזעלשאַפט מוז נעמען אויף זיך די פליכטן און זאָרגן פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער.

איינצלנע פּרוון, אָנהויבן זענען שוין לעצטנס געמאַכט. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע טעאַטער-געזעלשאַפטן אין קראָקע, ווילנע, לאָדז, סטאַניסלאַוו, וואַרשע. איניקע פון זיי האָבן שוין צו פאַרצייכענען ערנסטע אויפטוען לטובת דעם יידישן טעאַטער. אין איניקע ערטער ווערן אַרויסבאַוויזן בלויז גוטע כוונות פון די געזעלשאַפטן, אָבער דערווייל נאָך גאָר שוואַכע מעשים. עס זענען נאָך נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן קיין גענויע מעטאָדן פון אַרבעט, נישט אויסגערעכנט די מעגלעכקייטן און ס'זענען נאָך נישט געפונען געוואָרן די מיטלען פאַר די אָנגעצייכנטע פּלענער.

און וואָס נאָך: די עטלעכע געזעלשאַפטן, וועלכע עקזיסטירן דאָ און דאָרטן, זענען צעטיילט, אָפּגעריסן איינע פון דער צווייטער. מען לערנט נישט פון די שוין געמאַכטע שלעכטע פּרוון און מען ווייסט נישט פון איינגעגעבענע אויפטוען. מ'אַרבעט אָן קיין קאָנטאַקט און אָן קיין פאַרשטענדעניש צווישן זיך, אין דער צייט, ווען איין טעאַטער-געזעלשאַפט וואָלט געקאָנט פיל בייהילפיק זיין דער צווייטער אין אירע אַרבעטן. ווען, לאָמיר זאָגן, וואַרשע טרעט-צו צו אַ נייער גרויסער טעאַטער-אויפפירונג, וואָס ביי די איצטיקע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן איז זי דערווייל אַליין נישט בכח צו רעאַליזירן, וואָלט געקאָנט קומען ווילנע, קראָקע, לאָדז, סטאַניסלאַוו מיט באַשטימטע אַוואַנסן-באַשטייערונגען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אויסגעצאָלט ווערן מיט פאָרשטעלונגען פון אָט דער אויפפירונג, צו וועלכער זיי ווערן שותפים.— ס'וואָלט אויך געווען מעגלעך צו שאַפן אַ געמיינזאַמע טעאַטער-סטודיע,

אַרויסגעבן אַן אייגענע טעאַטער־צייטשריפט, פאָרצונעמען געמיינזאַמע אַקציעס ביים אויסקעמפן סובסידיעס פון די קהלות און שטאָטראַטן, אָננעמען אַן אַקציע צו באַפרייען דעם בעסערן יידישן טעאַטער פון די שטאָט־און אומזאַץ־שטייערן, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער יידישער טעאַטער פאָדערט איצט מער ווי ווען עס איז אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט פון די טעאַטער־פריינט. אַזוי־פיל באַקעמפנדיקע כוחות פון אַלע זייטן, וועלכע דראָען זיין קיום. און ווען מען איצט נישט קומען גוט אָרגאַניזירט, מיט אַ פעסטן פראָנט, וועלן מיר נישט קענען בייקומען דעם אָנגריף.

און אויף דעם אָרט מוז מען דערמאָנען די באַציונג פון אונזער יידישער פרעסע צום יידישן טעאַטער. על־פי־רוב אַ שטיפמוטערישע. עס קומט אויס אויסבעטן און אויסבעטלען אַ נאָטיץ פאַר דעם טעאַטער. די היגע יידישע פרעסע וואָלט באַדאַרפט נעמען פאַר אַ ביישפּיל די יידישע פרעסע אין ניו־יאָרק: וויפיל אָרט, אַרטיקלען, נאָטיצן, בילדער זי גיט פאַר און וועגן דעם יידישן טעאַטער. אין וואַרשע, למשל, באַזוכן דעם יידישן טעאַטער אין לויף פון איין וואָך אַ 15 טויזנט פערזאָן, און איין פיעסע ציט אַמאָל צו אַן עולם פון אַ 60 טויז. באַזוכער. איז עס נישט קיין גענוגנדיקע צאָל, וואָס קאָן פאַרלאַנגען פון דער אָרטיקער יידישער פרעסע, זי זאָל שענקען כסדר אָרט פאַר דעם, וואָס אים איז ליב און אינטערעסאַנט?

אויפן סדר־היום פונם יידישן טעאַטער־לעבן אין פוילן דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן די פראַגע וועגן אַ באַלדיקן צוזאַמענקום פון די עקזיסטירנדיקע טעאַטער־געזעלשאַפטן. מ׳דאַרף אָבער קומען מיט צו־געגרייטע פּלענער און קאָנקרעטע פראָעקטן.

אָט די באַראַטונג פון די טעאַטער־געזעלשאַפטן האָט פאַר זיך אַ קלאָרע אויפגאַבע:

פאַרגעזעלשאַפטלעכן דעם יידישן טעאַטער, און געפינען מיטלען און מעגלעכקייטן פאַר אָט דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג.

ווען די יידישע געזעלשאַפט דינען דעם יידישן טעאַטער, וועט דער יידישער טעאַטער בכח זיין צו דינען דער געזעלשאַפט.

דער יידישער טעאַטער פאַרלאַנגט פון דער יידישער גע־זעלשאַפט מעשים.

1930

דער ווידישער פּען־קלוב

די פּען־באַוועגונג איז נאָך גאָר יונג,—קוים אַכט יאָר אַלט. און דערצו זענען די אייגנטלעכע צילן און אויפגאַבן פון דער באַוועגונג נאָך נישט קלאָר און אויפגעקלערט. נאָך אַלץ מער סענטימענטן, ווי טאַטן, מער כוונות, ווי מעשים. דאָס איינציקע ממשותדיקע אין דער פּען־באַוועגונג זענען דערווייל — די יערלעכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון די פּען־קלובן, וואָס קומען פאָר יעדעס יאָר אין אַן אַנדער לאַנד. די קאָנגרעסן, ווי די פּען־באַוועגונג אינגאַנצן, טראָגן אויך אַ כאַראַקטער מער פון פייערלעכע ימים־טובים, פון מאַניפעסטאַציעס, ווי פון אַרבעטס־קאָנגרעסן. דער עיקר־באַטייט ליגט נאָך אַלץ מער אינם פאַקט גופא פון דעם צונויפקומעניש פון די פאַרשיידענע אַנדערש־שפּראַכיקע און אַנדערש פעלקערישע גייסטער און דיכטער, ווי אין די פראַגן, וואָס ווערן אויף די קאָנגרעסן באַהאַנדלט, און אין די אויפטועו פון דער פּען־באַוועגונג.

באַזונדערס וויכטיק איז געווען די באַדייטונג פון דער פּען־באַוועגונג, ווייל זי איז געשאַפן געוואָרן אין די פאָר יאָר נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען פעלק מיט פעלק זענען געווען צעריסן, שפּראַך מיט שפּראַך — אין ווילדן געראַנגל. האָבן די פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן (ראשי־תיבות פּען) באַוויזן, אַז איבער די קעפּ פון פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטן, מיליטער־פירער קאָנען זיך צונויפקומען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע לענדער, שפּראַכן און קולטורן, זיין אַדורכגעדרינגען און באַגייסטערט פון איינע אידעאַלן און רופן צו אינטעלעקטועלער דערנעענטערונג צווישן די שריפטשטעלער פון דער גאַנצער וועלט פאַר געמיינזאַמע אינטערעסן און פאַר צוזאַמענאַרבעט לטובת די פעלקער.

אָט די דערנעענטערונג איבער די גרענעצן און מחיצות פון לענדער און מדינות ווערט אונטערגעשטראָכן קודם־כל מיט דעם,

וואָס די קאָנגרעסן ווערן יאָר־יערלעך צונויפגערופן אין פאַרשיידענע לענדער. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער פּען־קאָנגרעס איז צונויפגערופן געוואָרן אין לאָנדאָן אין 1923, דער צווייטער — אין ניו־יאָרק אין 1924, דער דריטער — אין פּאַריז 1925, דער פערטער — אין בערלין 1926, דער פינפטער — אין בריסעל 1927, דער זעקסטער — אין אָסלאָ 1928, דער זיבעטער אין ווין 1929, דער היי־יאָריקער אַכטער פּען־קאָנגרעס ווערט צונויפגערופן אין וואַרשע.

אין דער פּען־באַוועגונג נעמען איצט אָנטייל די פּען־פאָרשטייער פון אַ דרייסיק לענדער, ווו עס עקזיסטירן איצט פּען־קלובן. אויף דעם זיבעטן ווינער פּען־קאָנגרעס זענען געווען דעלעגאַטן, אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע, איבער הונדערט שריפטשטעלער פון די לענדער: אויסטראַליע, אונגאַרן, איטאַליע, אַמעריקע, בולגאַריע, בעלגיע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקאַי, יוגאָסלאַוויע, יידישע סעקציע, ליטע, לעטלאַנד, נאָרוועגיע, עסטרייך, ענגלאַנד, עסטלאַנד, פּאָרטוגאַל, פּוילן, פינלאַנד, פראַנקרייך, קאַנאַדע, רומעניע, שאָטלאַנד, שוועדן, שפּאַניע. אַזאַ מין צונויפטרעפעניש פון דיכטער, שריפטשטעלער לטובת דער התקרבות פון דער גאָר מענטשהייט איז אַ זאַך פון גרויס באַדייטונג. זענען נאָך נישט אויסגעאַרבעט קיין קלאָרע פאָרמען פון דער טעטיקייט, זענען נאָך נישטאָ קיין פעסטע ריכט־ליניעס, וועלן זיי מיט דער צייט האָפנטלעך געשאַפן ווערן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז פאַר די גרויסע פעלקער, פאַר די גרויסע ליטעראַטורן, וועלכע זענען סיי־ווי באַוואָרנט מיט חיי־שעה און חיי־עולם, מיט דער וועלט און מיט יענער וועלט, איז די פּען־באַוועגונג מער אַ לוקסוס־זאַך, מער אַ פיינע פאַרווײַלונג, ווי אַ בלויטיקע נויטווענדיקייט. די קלענערע פעלקער אָבער, איבערהויפּט די, וואָס קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַר גלייכבאַרעכטיקונג און אָנערקענונג פון זייער שפּראַך און קולטור, די פעלקער קאָנען געפונען אין דער פּען־באַוועגונג אַ שטיצפּונקט אין זייער שווערן קאַמף מיט די שטאַרקערע פעלקער און שכנים פאַר זעלבסטבאַשטימונג. און דעריבער איז אויף די לעצטע פּען־קאָנגרעסן געווען צו באַמערקן, אַז די שוואַכערע פעלקער שענקען פיל פאַראינטערעסירונג און אויפמערקזאַמקייט דער פּען־באַוועגונג, און זיי שטרעבן דורך דער פּען־באַוועגונג צו פאַרשטאַרקן זייערע שוואַכערע פּאָזיציעס אויף דער וועלט.

באַזונדערס איז פאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג און אין

דער פאַרשטאַרקונג פון דער פען-באַוועגונג די יידישע נאַציע, די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור, — די יידישע נאַציע, וואָס איז די קלאַסישע מינדערהייט צווישן אַלע מינדערהייטן, וואָס פילט אויף זיך אומעטום — אויך אין די פרייע לענדער, די לאַסט פון דער מערהייט, און וואָס ווערט אין פיל לענדער באַוועלהט און באַרויבט אין אירע קולטור-רעכט אויפן ערגסטן אופן.

אויב די פען-באַוועגונג בכלל איז יונג, איז די יידישע פען-באַוועגונג נאָך גאָר יונג. די פען-באַוועגונג איז אַלט אַכט יאָר, די יידישע פען-באַוועגונג איז קוים דריי יאָר אַלט. די פראַגע וועגן דעם יידישן פען-קלוב האָט לכתחילה אָנגעטראָפן אויף פאַרשיידענע שוועריקייטן. מען האָט נישט געוואָלט און נישט געלאָזט אָנערקענען פאַר דער עקסטעריטאָריאַלער יידישער נאַציע מיט איר עקסטעריטאָריאַלער יידישער שפּראַך דאָס רעכט פאַר אַ יידישער סעקציע. אָבער אויף דעם פינפטן פען-קאָנגרעס אין בריסעל, 1927, (אויף וועלכן ס'איז געווען דעלעגירט ספּעציעל דורך דעם וואַרשעווער ליטעראַטן-פאַריין — לעאָ קעניג), איז באַטראַכט געוואָרן דער מעמאָריאַל וועגן אַרייננעמען די יידישע שריפטשטעלער אין דעם אַלוועלטלעכן פ. ע. נ.-פאַרבאַנד", און די פראַגע איז אויף אַ גינסטיקן אופן דערליידיקט געוואָרן.

אין דעם מעמאָריאַל איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער באַזונדערער לאַגע, וואָס עס פאַרנעמען די יידישע שרייבער, וועלכע לעבן און שאַפן אין פאַרשיידענע לענדער, ווו עס זענען דאָ גרעסערע יידישע קיבוצים. „די יידישע שרייבער — ווערט געזאָגט אין דעם מעמאָריאַל — שטייען אויפן שטאַנדפונקט, אַז דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ קען נישט אָנגעווענדט ווערן לגבי דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער פּרינציפּ וואָלט געמוזט קאָנסעקווענט ברענגען צו דער צעשפּליטערונג פון דעם פאַקטיש עקזיסטירנדיקן צוזאַמענהאַנג צווישן די יידישע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער, צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס וואָלטן געמוזט אויפגענומען ווערן אין דעם אַלגעמיינעם פען-פאַרבאַנד נישט דירעקט, נאָר אומדירעקט, אין דער פאָרם פון יידישע סעקציעס ביי די באַזונדערע לאַנד-אָרגאַניזאַציעס. אַזאַ צושטאַנד וואָלט אָבער נישט באַפרידיקט דאָס פאַקטישע און באַרעכטיקטע באַדערפעניש פון די יידישע שרייבער אַרויסצוטרעטן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, ווי אַן איינהייטלעכע קערפּערשאַפט, און ער וואָלט נישט געווען

אין הסכם מיט דעם איינהייטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור״!

דאָס עז שטע מאָל איז אַ פאָרשטייער פון דעם יידישן פען־קלוב (י. אָפּאַטאָשו) געווען פאַרטראָטן אויף דעם זעקסטן אינטערנאַציאָנאַלן פען־קאָנגרעס אין אָסלאָ, 1928. אויף דער זיבעטן פען־קאָנגרעס אין ווין, 1929, איז שוין געווען אַ גרעסערע יידישע דעלעגאַציע, — דער ערן־פאָרזיצער שלום אַש און אַ גרופּע אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע דעלעגאַטן אין צאָל פון צוועלף יידישע שריפטשטעלער. אויף דעם ווינער קאָנגרעס איז אין נאָמען פון יידישן פען־קלוב אַרויסגעטראָטן שלום אַש מיט אַ דעקלאַראַציע ־פּראָקלאַמירונג וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן און ליטעראַטורן. דורך אָט דער יידישער דעקלאַראַציע איז געקומען צום אויסדרוק דער ווילן און דאָס שטרעבן פון די קלענערע פעלקער אויסצולעבן זיך אין זייער אייגענער שפּראַך. דורך אָט דער יידישער פעסטשטעלונג־דערקלערונג איז ווי אָנגעצייכנט געוואָרן דער ווייטערדיקער וועג, אויף וועלכן די פען־באַוועגונג דאַרף גיין. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אויף דעם פאַרגאַנגענעם קאָנגרעס אין ווין. די אַלע דעלעגאַטן פון די שוואַכערע ליטעראַטורן האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די נייע פּראָקלאַמירונג פון אָט די פען־באַוועגונג־אויפגאַבן. דער שרייבער, וואָס איז פאַרטראָטן אין דעם פאַרבאַנד דורך זיין פען־קלוב, וועט נישט קאָנען האַלטן אין איין האַנט דאָס ווערק און אין דער צווייטער האַנט — די שווערד. דאָס איז אַן אויספיר, וואָס דער פען־פאַרבאַנד וועט סוף־כל־סוף מוזן מאַכן. און אַ שווערד נישט־נאָר קעגן מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך קעגן מענטשלעכע נשמות, זייער שפּראַך און קולטור. — און וויפיל מען וועט נישט זיך באַמיען אָפּצווענדן די פען־באַוועגונג פון אָט דעם אָפענעם וועג, וועט די פען־באַוועגונג מוזן אויף דעם וועג גיין. און דער יידישער פען־קלוב, — מיר די סאַמע אויסגעפּרוּווטע און סאַמע געפּלאָגטע, וועלן מוזן זיין דער אַוואַנגאַרד. דאָס איז אונזער מיסיע אין דער פען־באַוועגונג. דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אויף דעם זיבעטן קאָנגרעס, וועלן מיר מוזן באַפעסטיקן און פאַרשטאַרקן מיט דער הילף פון די, וואָס האָבן פאַרשטענדעניש דערפאַר און פון די אַלע, וואָס זענען, ווי מיר, בלוטיק פאַרינטערעסירט אין דעם.

דורך די פען־קאָנגרעסן באַקומען די קלענערע פעלקער־ליטעראַ־

ליטעראטורן אַן אויסגאַנג אין דער ברייטער וועלט-ליטעראַטור. אויף דעם וועלט-מאַרק פון ליטעראַטור הערשן ביז איצט עטלעכע גרויסמאַכטישע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן, די איבעריקע קלענערע ליטעראַטורן זענען זייער ווייניק אָדער כמעט גאָרנישט פאַרטראָטן אויף דער וועלט-אַרענע. עס וועט זיין נישט ריכטיק, אויב מ'וועט פאָרויס באַשליסן, אַז ווייבאַלד עס זענען נישטאָ קיין איבערזעצונגען פון פיל קלענערע ליטעראַטורן, זענען אָט די ליטעראַטורן געוויס מינדערווערטיק און זענען נישט ראוי צו פאַרנעמען וואָסער-ס'איז אָרט אין דער רייכער גרויסער וועלט. האָבן מיר דאָך געזען, ווי די קליינע נאָרוועגישע, דענישע ליטעראַטורן, למשל, האָבן געקענט באַגייסטערן אַ שטיק וועלט און אויך געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף די פיל-שטאַרקערע ליטעראַטורן. זענען דען צווישן די קלענערע ליטעראַטורן נישטאָ קיין שרייבער און ווערק, וואָס קאָנען און דאַרפן זיין פאַרטראָטן מיט זייערע אייגנאַרטיקע מאָטיוון, פּראָבלעמען און פאָרמען אין דער וועלט-ליטעראַטור? אַן אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון פּאָעטן, עסייאיסטן, נאָוועליסטן קאָן אין דער הינזיכט זייער פיל אויפטון. אויפן קאָנגרעס ווערן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט צווישן דיכטער און דיכטער, עס ווערן פאַרקניפּט פאַרבינדונגען, און עס ווערן געמאַכט פּלענער, ווי אַרום איבערצווואַרפן בריקן צווישן שפּראַך און שפּראַך, ליטעראַטור און ליטעראַטור. געוויס האָבן שוין די פאַרגאַנגענע עטלעכע קאָנגרעסן אין דעם זינען שוין עפּעס-וואָס אויפגעטון. דער צענטער אין לאָנדאָן האָט עס באַדאַרפט פאַרצייכענען, און פון צייט-צו-צייט פּובליקירן באַריכטן וועגן דעם.

גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט פאַר אונז דער היי-יאָריקער פען-קאָנגרעס אין וואַרשע. פּוילן, איבערהויפּט וואַרשע, איז איינער פון די גרעסטע צענטערן פון אונזערע קולטור-פאַרמעסטונגען און קולטור-דערגרייכונגען. אין וואַרשע עקזיסטירט אַ קאָלאָסאַלע יידישע פּרעסע, — טאָג-צייטונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, — דאָ איז דער צענטער פונם יידישן שול-וועזן, פון דעם טעאַטער אין פּוילן, אין וואַרשע אַרבעטן פאַרלאַגן, אַרום וועלכע עס קאָנצענטרירן זיך די בעסטע יידישע שרייבער פון גאָר דער וועלט, און וועלכע פּראָדוצירן ביכער פאַר כמעט אַלע יידישע קיבוצים. און דערביי באַגעגענען אַלע אונזערע קולטור-באַמיִונגען די גרעסטע שוועריקייטן און שטערונגען מצד דער רעגירונג, שטאָט-פאַרוואַלטונגען, קולטורעל-געזעשאַפטלעכע

אינסטיטוציעס, ווי אויך מצד דער פוילישער פרעסע, אויך פראָגרעסי־ווער און אַפילו סאָציאַליסטישער. מיר, מיט אַלע אונזערע קולטור־ראַנגלעניש, ווערן כסדר און באַוווּסטזיניק באַקעמפט, און אין בעסטן פאַל — פאַרשוויגן. קענען מיר דאָך עד־היום נישט אויספּועלן, למשל, ביי דעם סאָציאַליסטישן פּ. פּ. ס.ישן „ראָבאָטניק" אַ טרוקן שורהלע (נאָר איין פּעטיט־שורהלע) צווישן דעם אַלגעמיינעם רעפּערטואַר פון די טעאַטערן און קינאָס. דער טעאַטער־לאָקאַל, ווו עס שפּילט אַ דריט־ראַנגיקער פוילישער טעאַטער, ווערט פּינקטלעך פאַרנאָטירט, און אויב אין דעם זעלבן טעאַטער־לאָקאַל שפּילט אויף מאָרגן אַ גוט־קינסטלע־רישער יידישער טעאַטער, ווערט ער דאָרט גלייך עקשנותדיק אויס־געשטראָכן. אונזער גאַנץ יידיש לעבן און שאַפן ווערט ממש באָיקאָ־טירט אַפילו דורך די בעסטע פוילישע, כלומרשט־ראַדיקאַלע שרייבער, אויך דורך מיטגלידער פון דער איין שוועסטער־אָרגאַניזאַציע—פּען־קלוב.

מוז דעריבער אונזער אָנטייל אין דעם הײַ־יאָריקן אינטערנאַ־ציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס אין וואַרשע זיין וואָס־מער אַקטיווער, אָרגאַני־זירטער, אָנזעעוודיקער, אַז אַפילו די, וואָס ווילן אונז נישט באַמערקן און ווילן אונז פאַרשטעלן פאַרן פרעמדן אויג און אויער, זאָלן אונז זען און הערן און נישט קענען פאַרהוילן און איגנאָרירן.

די אויפגאַבן פון דעם יידישן פּען־קלוב זענען איצט, מער ווי ווען־עס־איז, זייער גרויס, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די יידישע דעלעגאַטן אויפן פּען־קאָנגרעס איז גאָרנישט אָפּצושאַצן.

מיר דאַרפן אָפן און ווירדיק פירן די פּאָליטיק פון דעם יידישן פּען־קלוב אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין וואַרשע.

1930

אָריענטאַציע

אָריענטאַציע, — דאָס איז דאָס נייע וואָרט, וואָס מען הערט איצט אָפט אין די ליטעראַרישע קרייזן. אויף וועמען דאַרף זיך אָריענטירן דער שרייבער ביים שאַפן זיינע ווערק? וואָס איז די אָריענטאַציע פאַר דעם קינסטלער ביים אויסקלייבן טעמעס, ביי זיין צוגאַנג צו דעם קינסטלערישן שאַפן?

זאָגן אייניקע, אַז אָריענטאַציע פאַר אַ קינסטלער הייסט פאַרשקלאַפונג, הייסט זיין משועבד צו זייטיקע, פרעמדע כּוחות, וועלכע ליגן נישט אינם שרייבער גופא, הייסט שרייבן לויט פרעמדע אָנווייזונגען, לויט זייטיקע באַשטעלונגען, — וואָס עס איז פאַר אַ קינסטלער אַ טויט-קלאַפּ, דערנידעריקט אינגאַנצן זיין מהות און אייגנאַרטיקייט און דערפירט אים בלויז צו אַן אויספירער פון פרעמדע פאַרלאַנגען און באַגערן.

זאָגן אַנדערע, אַז אָריענטאַציע פאַר אַ קינסטלער מיינט דער קאָנטאַקט מיט דעם לעבעדיקן לעבן, מיט די אויפגאַבן און פליכטן, וואָס דאָס לעבן שטעלט דעם קינסטלער. אָריענטאַציע אויף די גערעכטע סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע כּוחות און גראַנגלעניש, וועלכע קומען פאָר אַרום, איז אַ נויטווענדיקע זאַך, און נאָר דער קינסטלער, וואָס ווערט געטריבן פון די אַרומיקע שאַפנדיקע כּוחות און ווערט דורך זיי סטימולירט צום שרייבן, — נאָר אָט דער קינסטלער איז גרויס און האָט אַ באַדייטונג פאַר דער צייט און פאַר דער ליטעראַטור.

די פראַגע וועגן אָריענטאַציע איז די טעג געווען אַ טעמע פאַר אַ ברייטערן שמועס אין וואַרשעווער יידישן פען-קלוב. די הויפּטרעדנער אויף דעם וויכּוח זענען געווען ש. ניגער און י. אָפּאַטאָשו, און אַז די טעמע איז נישט בלויז אַ טעאָרעטישע, — האָט באַוויזן די הייסע דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום אָט דער פראַגע.

עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות אין דער אָריענטאַציע

פונם קינסטלער אויף דעם לעזער. פאַראַן קינסטלער, וועלכע זענען אין זייער מהות געקניפּט און געבונדן מיט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלע־מען, זיי ווערן געשטויסן פון געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, און עס איז אין זייער נאַטור צו באַרירן די לעבעדיקע אינטערעסן פון דער צייט. פאַר אָט דעם שרייבער מיט געזעלשאַפטלעכע אימפּולסן איז די אָריענטאַציע אויף דעם לעזער נישט קיין קרבן, נישט קיין פאַרמי־נערונג פון זיין טאַלענט, נאָר דאָס נאַטירלעכע אויסלעבן זיך אין דער סביבה און אין דעם אינטערעסן־קרייז, וואָס איז אים נאָענט און אייגן.

שלעכט איז אָבער מיט יענעם שרייבער, וואָס פירט זיך אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן זיין אייגענעם חשבון, זעט וועלטן און נעמט זיי אויף פון זיין אייגענעם קוק־ווינקל, — פאַר אָט דעם קינסט־לער איז די אָריענטאַציע אויף דעם לעזער באמת אַ סדום־בעטל, אין וועלכן ער דאַרף זיין טאַלענט קירצן, קאַליעטשען. פאַרלאַנגען פון אָט דעם סוביעקטיוון קינסטלער, ער זאָל כסדר און אָן אויפהער גיין אין אַלגעמיינעם שפּאַן, הייסט מאַכן אַן אַטענטאַט אויף זיין לעבן, הייסט באַרויבן ביי אים דאָס טייערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, הייסט פאַר־קריפּלען אים.

צווישן אָבער אָט די צוויי עקסטרעמען זענען דאָ קינסטלער, וועלכע זענען נישט דורכויס באַשאָנקען מיט געזעלשאַפטלעכע אימ־פּולסן און טענדענצן, אָבער זיי זענען אויך נישט אינגאַנצן און דורכויס פאַרטיפט און פאַרטראָגן אין זיך, מיט אייגענע וועלטן און אייגענע לעבנס. פאַראַן קינסטלער, וועלכע זענען עלול און מסוגל זיך צו באַהעפטן מיט דעם אַלעמען, וואָס אַרום, צו ווערן אַדורכגע־דרינגען מיט לעבנס־אינטערעסן און צו ווערן געטריבן דורך סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן.

איז ווי מיט אָט די שרייבער? קאָנען מיר פאַרלאַנגען פון זיי אינטערעס, אויג און אויער, האַרץ און געפיל פאַר דעם לעבעדיקן, צאַפּלדיקן לעבן?

געוויס יאָ!

און באַזונדערס דאַרפן מיר עס פאַרלאַנגען פון דעם יידישן שרייבער, וועלכער מוז און דאַרף זיין אויסגעבונדן מיט דעם אַרומיקן לעבן, דאַרף אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון דעם יידישן טראַ־גישן לעבן, אין אַלע זיינע פריידן און ליידן, אין זיין חורבן און

אויפבוי, — אַנדערש האָט זיין שרייבן קיין זין און קיין ווערט נישט, אַנדערש שאַפט ער ערגעץ אויף דער לבנה. יעדער דענקענדיקער ייד, יעדער יחיד פון דער יידישער מאַסע טראָגט און מוז טראָגן דעם עול פון צו זיין אַ ייד, פון אויסקעמפן אַן אָרט פאַר דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויסלעבן זיך אַלס ייד אין דער אַרומיקער פיינטלעכער, נישט־גינסטיקער סביבה, וועלכע פאַרמאָגט שטערונגען, וועלכע טוט אַלץ, ווי אויף צו להכעיס, אים צו אַסימילירן, צערייבן צווישן די שווערע מיל־שטיינער, וואָס דאָס לעבן שטעלט צו אומעטום און אין יעדער צייט.

יעדער ייד, — דער קליינבירגער, צי דער אַרבעטער, דער האָרעפּאַשניק, צי דער אינטעליגענט — מוז זיין אַקטיוו, מוז האָבן פאַר זיך קלאָרע אויפגאַבן אין זיין לעבן, מוז זיין באַוווסטזיניק און קלאָרזעעוודיק, אַנדערש איז ער נישט בכוח זיך צו האַלטן קעגן די אַלגעמיינע שטראָמען, וועלכע פליסן פון אַלע זייטן אים איינצושלינגען. און אויב ער איז שוין פאַרטיק מיט זיך, אויב ער אַליין איז שוין גענוג „געקאָוועט״ און באַוואָרנט פון די אַלע אויסערלעכע כּוחות, וועלכע לאָקערן אויף אים — איז ער נישט פאַרטיק מיט זיין קינד, מיט זיין שטוב, מיט זיינע אַרומיקע, וועלכע ער קאָן יעדע ווילע פאַרלירן און אויף אייביק.

דער גורל פון דעם הייַנטצייטיקן ייד, הן פון דעם יחיד און הן פון דעם קיבוץ,—אַלצייַנס אין פּוילן, צי אין לעטלאַנד, אין מעקסיקע, צי אין קובע, אין וואַרשע, צי אין סקערניעוויץ, אין יאָהאַניסבורג צי אין פּינסק—דער גורל פון דעם ייד איז צו שטיין אויף דער וואַך און אין פולן באַוואָפנטן צושטאַנד און צו זיין שטענדיק גרייט צו שיצן און צו באַשירמען די אייגענע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס— אויב נישט, ווערן זיי אַרויסגעריסן פון אונזערע הענט, אויב נישט, גייען זיי איבער צום שונא.

און אויב אַזוי איז דער גורל פון יעדן איינעם, זייטיקן און שטילן מענטש, פון דעם „אומבאַקאַנטן זעלנער״, איז ווי באַדאַרף שוין זיין די פליכט און די ראָלע פון דעם שריפטשטעלער, וועלכער איז באַרופן צו רעדן צום פאָלק, צו זען זיין לעבן און נויט, אויפצודעקן זיין נעכטן, זיין הייַנט און מאָרגן? קאָן דען און מעג דען אַ יידישער שרייבער (מער ווי וואָסער ס׳איז אַנדערער שרייבער) הענגען ערגעץ אין דער לופטן, זיין נישט־פליישיק נישט־מילכיק און קיין שייכות

ניט צו האָבן צו די אַלע זאָרגן, פּלאָגן, צו די ראַנגלעניש, מאַטעריעלע און גײַסטיקע, װעלכע עס מאַכן־דורך און עס מוזן דורכמאַכן די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן אומעטום, װוּ דער שװערער אָדער גרינגער גורל האָט זײ נאָר פֿאַרװאָרפֿן? אויב דער ייִדישער קינסטלער זעט ניט און שפּירט ניט דאָס אַלץ, װאָס עס טוט זיך אַרום אים, אויב עס אַרט אים ניט, אויב עס װערט ניט קײן שטאָף פֿאַר זײַן שאַפֿן און עס רעגט אים ניט אָן. אים און זײַן װערק (אַלצײנס, צי דאָס װערק איז פֿון דעם הײַנטיקן לעבן אָדער פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם), — איז מיט אָט דעם שרײַבער שלעכט, האָט ער ניט קײן זכות־הקיום.

דאָס מײנט ניט, אַז דער קינסטלער דאַרף װערן פּובליציסט, דאַרף גלײַך דאָס געשעענע פֿאַרפֿיקסירן אין זײַנע װערק. מיר מײנען אויך ניט, אַז מען דאַרף שרײַבן װערק אויף באַשטעלונג, אויף אָנגעגעבענע טעמעס. דורכױס־טענדענציעזע װערק האָבן קײן װערט און האַפֿט ניט. אַזעלכע װערק לעבן זעלטן איבער דעם מאָמענט, דעם טאָג. אָבער װערק מיט טענדענצן זענען װיכטיק. יעדעס גרױס װערק האָט און דאַרף האָבן טענדענץ. די טענדענץ דאַרף אָבער זײַן פֿון דעם כאַראַקטער און װערט, אַז עס זאָל קאָנען בלײַבן לעבן און זאָל ניט װעלקן און אָפּװעלקן מיט דעם מאָמענט, מיט דעם סעזאָן.

אָריענטאַציע אויף דעם לעזער — אויב עס שטאַמט ניט אַרױס פֿון די אײגענע טיפֿעניש פֿון דעם קינסטלער און פֿון די װיכטיקע באַדאַרפֿעניש און געראַנגלעניש פֿון דער צײַט און פֿון דער תּקופֿה, — אויב עס איז בלױז קאַפּריז און באַפֿעל פֿון אויבן, פֿון דער פּאַרטײ, פֿון דער רעװאָלוציע, דאַן איז עס געװיס שלעכט. אָבער אָריענטאַציע אויף דעם לעבעדיקן געראַנגל פֿון די פֿאָלקס־מאַסן, אָריענטאַציע אויף די ליכט און שאָטן, לײַדן און פֿרײדן פֿון דעם לעבן, איז אַ געזונטע און נאַטירלעכע זאַך, און װײַל איז צום קינסטלער, װאָס זעט און הערט װאָס עס טוט זיך אַרום און װאָס קאָן פֿאַרקערפּערן דאָס אַלץ אין זײַנע װערק, — מעגן אַפֿילו די װערק ניט זײַן געבונדן גראָד מיט די אַרומיקע געשעענישן פֿון דעם הײַנטיקן טאָג.

דער קינסטלער דאַרף זײַן געבונדן מיט דער ערד. זײַן אָריענטאַציע דאַרף זײַן אויף דעם לעבעדיקן לעבן, אויף די פּראָגרעסיװע, הומאַניטאַרע כּוחות פֿון גאָר דער מענטשהײַט.

1931

יידישע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע

מיר דאַרפֿן זיין דאַנקבאַר י. אָפּאַטאָשון, איינעם פֿון די באַדייטנדיקסטע שאַפֿער פֿון אונזער היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס ער האָט אויפגעהויבן די וויכטיקע פֿראַגע וועגן דעם היסטאָרישן ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז אינגאַנצן ריכטיק, אַז אונזער געשיכטע פֿאַרמאָגט קאָלאָסאַלע אוצרות, וווּנדערבאַרע קוואַלן פֿאַר דעם קינסטלער. „ווי אַ טראָט — יידישע טראַדיציע, ווי אַ בליק — יידישע קולטור". אָבער דאָך האָט דער פֿריערדיקער יידישער קינסטלער ווייניק זיך באַהאָפטן מיט דעם רייכן געשיכטלעכן לעבן.

מיט וואָס קאָנען מיר עס דערקלערן, וואָס דער אומגעהייער-רייכער געשיכטלעכער שטאָף איז ביז דאָ נישט לאַנג אָדער גאָר ווייניק אָדער אינגאַנצן נישט אויסגענוצט געוואָרן דורך דעם יידישן קינסטלער? האָט דער יידישער קינסטלער נישט געהאַט קיין אינטערעס פֿאַר דער יידישער געשיכטע? האָבן צו זיין האַרץ נישט גערעדט די גרויסע יידישע היסטאָרישע געשטאַלטן?

די תשובה איז: דער פֿריערדיקער יידישער קינסטלער איז גע-קומען צו דער יידישער שפּראַך מיט דעם ווילן בלויז אָפּצושפּיגלען טריי דאָס אַרומיקע לעבן, אויפדעקן די טונקעלע זייטן זיינע, אויפ-ווייזן פֿאַר אַלעמען זיינע חסרונות און דערביי אונטערשטרייכן, אַז אַזוי דאַרף נישט זיין. די ליטעראַטור האָט באַדאַרפֿט נאָר אויפקלערן דעם פּשוטן יידישן המון, אַז זיין לעבן איז נישטיק און פֿאַרוואָרלאָזט, און אַז ער דאַרף עס ענדערן צום בעסערן, צום גוטן. דערצו האָט דער יידישער קינסטלער געזוכט פֿאַר זיך זיין „זשאַרגאָנישן" לעזער, וואָס איז געווען אין זיינע אויגן זייער אַ באַגרענעצט באַשעפֿעניש, צו וועמענס גוסט און גייסט מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן און אַראָפּנידערן פֿון די אייגענע הויכן.

זייער כאַראַקטעריסטיש זענען די ווידוי-ווערטער פֿון אַברהם

גאָלדפאַדן אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע”, ווי ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם נידעריקן ניוואָ פון זיינע ערשטע „שמענדריק”־פּיעסעס, — ווי ער אַליין דריקט זיך אויס מיט ביטול וועגן דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין דראַמאַטורגישן שאַפן: „...סטייטש, איך, וואָס ביי מיין עלפטן יאָר האָב איך אָנגעשריבן אַ העברעיִשן שיר און האָב געקענט תנ״ך כמעט אויסווייניק, האָב דען נישט געקענט נעמען אַ ביבלישן סיוזשעט, ווי צום ביישפּיל: „יוסף מיט זיינע ברידער”, „שמשון הגבור”, „שאול און דוד” און דאָס גלייכן, — פּאַרטיקע ביבלישע טעמעס פאַר מיין יידישער בינע? וואָס־זשע איז גאָר „שמענדריק”? — די שפּעטערע דורות, וועלכע קענען נישט מיין ביאָגראַפיע, וואָלטן דאָך אין אמתן געקענט מיינען, אַז „שמענדריק” האָט געוויס געמוזט אָנשרייבן אויך אַזאַ גראָבער נאַרישער יונג ווי שמענדריק... איך, וואָס האָב שוין דעמאָלט דורכגעלערנט די גאַנצע יידישע געשיכטע פון ד״ר יאָסט, און דורכגעלעזן פיל פּראַכטפולע נאָוועלן פון „פיליפּזאָנס צייטונג דעם יידענטום” און פיל אַנדערע, האָב איך דען נישט געקענט באַאַרבעטן אינטערעסאַנטע סיוזשעטן פון דער יידישער געשיכטע? — איך האָב דעמאָלט שוין לאַנג געוווּסט פון „הריסות ביתר” און אויך די תלמודישע לעגענדע פון „חולדה ובור”, פון וועלכער איך האָב שפּעטער באַאַרבעט מיין „שולמית”, — זאָל גאָר פּלוצים אַרויס גאָר מיט „שמענדריק”?... וואָס־זשע איז מיר עפּעס גאָר איינגעפאַלן אַ מין „שמענדריק”... דער תירוץ איז: „עבדים היינו!”, איך בין געווען אַ שקלאַפע פון די אומשטענדן פון דער צייט, פון די דעמאָלדיקע טעאַטער־באַזוכער און די רויע קרעפטע... פאַר אַן עולם, וואָס שמענדריק איז נאָך געווען צו הויך פאַר זיין אַנטוויקלונג... האָב איך דעמאָלט געזאָלט פאַרפאַסן היסטאָרישע קאָסטיומירטע אָפּערן? —...” אין אַ צווייטער „אויטאָביגראַפיע” שרייבט גאָלדפאַדן ווידער וועגן דעם, אַז „ער איז געצוווּנגען געווען קעגן זיין ווילן און טראָץ זיינע קענטעניש זיך אָפּצוגעבן און זיך בלאַמירן מיט אַזעלכע קינדערישע שפּילן (ווי „שמענדריק” אָדער „ני בע, ני מע”)”, אין דער צייט, וואָס פאַר אים איז „געשטאַנען אָפן די ביבל און די יידישע געשיכטע מיט פּאַרטיקע סיוזשעטן, ווי „יוסף מיט די ברידער”, „שלמה המלך”, „חשמונאים”, „ר׳ יהודה הלוי”, „דוד אל־רואי”, „ר׳ עקיבא”, „בר־כוכבא” און אַנדערע.

אָט די ווערטער פון א. גאָלדפאַדן זענען כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר אים, נאָר אויך פאַר גאַנצע דורות יידישע שרייבער, וועלכע

האָבן געשריבן יידיש אויך געשאַפן ליטעראַטור נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַ לעזער פון אַ נידעריקערער מדרגה. האָט דאָך י. ל. גאָרדאָן, דער שאַפער פון דער היסטאָרישער פּאָעמע אין העברעיִש („בין שני אריות", „צדקיהו בבית הפקודות", „אהבת דוד ומיכל" א. אַ.), אויך יידיש געשריבן בלויז אַ „שיחת חולין", — „אַ ביכל לידער צום צייט־פאַרטרייב", ווי ער אַליין אַטעסטירט זיינע יידישע לידער.

די באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און די פאָרשטעלונג וועגן דעם יידישן לייענער און זיין געשמאַק — האָבן קלאָר באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור, וואָס דאַרף דורך דעם שרייבער געשאַפן ווערן: נישט גיין אין הויכע היכלות אַריין, נישט לאָזן זיך אין ווייטע ווייטקייטן, נאָר דערלאַנגען פּשוטע שפּייז פאַר זיין פּראָסטן גומען. היסטאָרישע טעמעס, געשיכטלעכער שטאָף — דאָס איז נישט קיין ענין פאַר דעם עם־הארץ, ער וועט עס נישט קאָנען פאַרדייען...

ערשט מיט דער נייער באַציונג צו יידיש און מיטן אָנקום פון נייע שיכטן יידישע לייענער האָט זיך געענדערט דער צוגאַנג פונעם יידישן שרייבער צו דער יידישער ליטעראַטור און צו דעם שטאָף, וואָס ער דאַרף באַהאַנדלען. אָט דער נייער צוגאַנג האָט זיך געלאָזט פילן ביי פּרצן, נאָך איידער ער איז אויפגעטראָטן פאַר דעם יידישן לעזער מיט זיין ערשטער געדרוקטער זאַך אין יידיש („מאָניש"), ער איז אויסגעדריקט אין די בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן אין 1888 צו שלום־עליכמען („אייער ווילן און שטרעבן איז צו שרייבן צוליבן עולם... און איך שרייב צוליב זיך... און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה" א. אַז. וו.)...

מיר קאָנען שוין אויסרעכענען אַ סך יידישע ווערק אויף געשיכטלעכע טעמעס, וועלכע זענען די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאָרן געשאַפן געוואָרן ביי אונז. דאָס איז אַ טעמע פאַר אַן אַרבעט, וואָס דאַרף געמאַכט ווערן. דורך די פאַרשיידענע געשיכטלעכע ווערק וועט זיך לאָזן אָנווייזן אויפן וווקס פון דעם יידישן שאַפן, הן אין דער טעמאַטיק, הן אין איכות פון די ווערק, און בעיקר וועגן דער לחלוטין־נייער אויפפאַסונג פון אונזער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט, — ווייל דורך דעם אויפשטייג פון דער געגנוואַרט וואַקסט אויס אויך פאַר אונז די פאַרגאַנגענהייט.

מיר האָבן געשיכטלעכע ווערק — פּאָעמעס, דראַמעס און ראָמאַנען, — אין וועלכע דער שרייבער איז געווען בלויז זאַמלער. מער

זאַמלער ווי קינסטלער, מער סטענאָגראַף ווי דיכטער. דער שרייבער איז געקומען צום געשיכטלעכן שטאָף און האָט אים נישט געקאָנט באַהערשן, נישט געקאָנט אים פונסנייַ באַלעבן, נישט בכּוח געווען צו שאַפן אים לויט זיין, קינסטלערס, פאָרם און געשטאַלט. אָט די ווערק זענען בעיקר סטענאָגראַפישע זאַמלונגען, אָפט ווי אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, וועלכע זענען דערלאַנגט אין אַ פאַרקילטן, פאַרשטיינערטן און אָפט-מאָל—וואָס עס איז נאָך ערגער—אין אַ בוטאַפאָרישן, ביליק-רעקוויזיטישן כאַראַקטער און אויסזען. די געשיכטע ווערט ביי זיי אַ פּאַפּירענע, אַ פאַרפלאַכטע, אַ קינסטלעכע.

פאַראַן אויך געשיכטלעכע ווערק, צו וועלכע דער מחבר טרעט צו מיט באַשטימטע כוונות, מיט פּאַרטיקע פּראָבלעמען, וועלכע ער פּרוּווט סתּם אָנקליידן אויף היסטאָרישע פיגורן, און ער קימערט זיך ווייניק, צי אָט די פּראָבלעמען-לבושים זענען אָנגעמאָסטן אויף יענע העלדן. אים גייט דער עיקר אין זיינע אידעען, וועלכע ער וויל אַדורכ-פירן דורך די געשיכטלעכע געשטאַלטן. און אָפטמאָל ריידן אַרויס די היסטאָרישע געשטאַלטן היינטצייטיקע ווערטער, זיי ראַנגלען זיך פאַר מאָדערנע פּראָבלעמען. אין אָט די ווערק קומט נישט-אויף די געשיכטע אין אַ נייער ליכט, נאָר מען וואַרפט אונטער די געשיכטע אונמער היינטיקע אומשטענדן, מען רייסט אַרויס געשיכטלעכע פּערזענלעכקייטן פון זייער אייגנטלעכע סביבה און לעבן. און אָנשטאָט אויפלעבן פאַר-גאַנגענע תּקופות, טויט מען זיי אָפּ, פאַרליטעראַרישט מען זיי.

י. אָפּאַטאָשו האָט זייער ריכטיק און טרעפלעך באַצייכנט דעם כאַ-ראַקטער פון דעם נייעם געשיכטלעכן ראָמאַן, וועלכער דאַרף זיך אינגאַנצן אָפּשיידן פון די פריער-אויסגערעכנטע מינים היסטאָרישע ראָמאַנען: „מיר לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, שעפּן דאָרט כּוחות, געפינען יעדעס מאָל נייע לוחות, וואָס וואַרפן ליכט אויף אונזער צו-קונפט”. און „אויב מיר האָבן ליב אונזער פאַרגאַנגענהייט, איז עס שטענדיק פאַר איר אינערלעכער העראָישקייט, פאַר די אידעאַלן, וואָס מיר געפינען דאָרט, זעלטן פאַר די אויסערלעכע בילדער — דאָס שוואַכסטע אין יעדער היסטאָרישער דערציילונג”. מיט די ווערטער האָט י. אָפּאַטאָשו געגעבן אויך די באַצייכענונג פון זיינע אייגענע וויכטיקע היסטאָרישע ראָמאַנען.

נישט טרוקענע, כראָניקאַלישע באַשרייבונגען פון דער געשיכטע, און נישט פאַלש-אָנגעקליידטע היינטצייטיקע פּראָבלעמען אויף פאַר-

צייטיקע גופים און גרעאַנגלעניש, — דאָס איז דאָס נייע, וואָס מיר באַמערקן איצט אין די מאָדערנע געשיכטלעכע ווערק, וועלכע זענען ביי אונז געשאַפן געוואָרן. די געשיכטע, די באַשטימטע תקופות אין דער געשיכטע, די דערהויבענע מאָמענטן, אין וועלכע עס האָבן זיך אויפגעקליבן ליכט און שאָטן, ליידן און פריידן, אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען און וועלכע האָבן געבראַכט צו וויכטיקע אויפטרייסלונגען, די גרויסע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אין אָט דעם געוואַלדיקן גרעאַנגל אַרויסבאַוויזן, די געשטאַלטן, וואָס האָבן אין זיך און אויף זיך קאָנצענטרירט די אַלע קלעפּ, די אַלע מעלות און חסרונות, דאָס פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פון זייער צייט, — דאָס אַלץ דאַרף דער קינסטלער אויפנעמען אין דער גאַנצער ברייט און טיף, און דערביי נישט זיין קיין קנעכט צו דעם שטאָף, נישט זיין אונטערגעוואָרפן אים, נאָר אדרבא, באַהערשן אים און דערהויבן צו אַ העכער דיכטערישער מדרגה.

פרץ האָט אַמאָל געשריבן: „די געשיכטע דאַרף קיין ליגן נישט זאָגן, אָבער נישט אַלץ פאַרציילן. ווייל אַלץ איז דער גרעסטער ליגן, ווייל נישט אַלץ איז דער מענטש. פאָרטרעטירט דאַרף ווערן נאָר דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס עכטע, נישט דאָס צופעליקע, וואָס געהער גאָר נישט צום מענטש". דאָס האָט פרץ געשריבן וועגן די זכרונות פון זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דאָס לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט בכלל. דער קינסטלער דאַרף קיין ליגן נישט זאָגן וועגן אַ באַשטימטער געשיכטלעכער עפּאָכע, אָבער ער דאַרף און ער איז נישט מחויב אַלץ און פּינקטלעך צו דערציילן. דאָס עכטע, דאָס כאַראַקטעריסטישע דאַרף אויפגעפּאַסט ווערן. דאָס העראָישע, דער כוחות־גרעאַנגל, דאָס טראַגישפולע און אויסטערלישע פון יעדער תקופה דאַרף דורך דעם קינסטלער באַלויכטן ווערן אין העלער שיין פון זיין דיכטערישן באַוווסטזיין און קינסטלעריש באַאַרבעט ווערן אין נייער פאָרם און געשטאַלט. די געשיכטלעכע תקופה דאַרף ביי דעם קינסטלער נישט אָרעמער ווערן, נאָר אדרבא — רייכער און דערהויבענער ווערן. די געשיכטע דאַרף צוגעטראָגן ווערן נישט ווי אַ פרעמדע, לאַנג־פאַרשטאָרבענע, אַוועקגעגאַנגענע זאַך. דורך דעם קינסטלער דאַרף די פאַרגאַנגענהייט ווערן פונסניי געגנוואַרט. די פאַרגאַנגענהייט דערהויבט די געגנוואַרט, מאַכט זי אינטערעסאַנטער, רייכער, גייסטרייכער.

„אַ היסטאָרישער ראָמאַן — זאָגט אָפּאַטאָשו -- וויקלט פאַר אונז פונאַנדער אַ תקופה, ווייזט אָן וואָס פאַר אַ כוחות פון דער פאַר-

גאַנגענהייט עס אינטערעסירן אונז און ממילא לעבן אין אונז". אָט דאָס איז געווען דער נייער צוגאַנג פון די הייִנטצייטיקע יידישע וויכטיקע קינסטלער צו זייערע געשיכטלעכע ווערק, און דאָס איז געווען אייגנטלעך דער סטימול פאַר די היסטאָרישע ראָמאַנען, מיט וועלכע י. אָפּאַטאָשו האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור.

די געשיכטלעכע ווערק פון שלום אַש („קידוש השם", „כּישוף-מאַכערין פון קאַסטיליען", „מאַראַנען"), פון ה. לייוויק („דער גולם"), פון דוד פּינסקי („אַלעקסאַנדער און דיאָגענעס" א. א.), פון י. אָפּאַטאָשו („אין פּוילישע וועלדער", „1863"), פון פּרץ הירשביין, א. לעיעלעס, אהרן צייטלין, א. קאַציזנע, פּ. היילפּערין א. א. — אָפּגעזען פון אַ ריי חסרונות, וואָס מ'קאָן אויסזעצן וועגן דעם אָדער יענעם ווערק — זענען גאָר אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. נישט נאָר וואָס די יידישע געשיכטע איז אויפגעקומען פאַר אונז אין אַ נייעם, דער-הויבענעם אויסזען, נישט נאָר וואָס געשיכטלעכע געשטאַלטן זענען אויפגעוואָקסן פאַר אונז אין אַ נייער גרייס, אויך אונזער געגנוואַרט איז דערהויבן געוואָרן דורך דער ניי-אויפגעפּאַסטער פאַרגאַנגענהייט. מיט אונזער פאַרגאַנגענהייט איז אויך נתעלה געוואָרן אונזער יידישע ליטעראַטור און דער יידישער קינסטלער. יעדער איינער פון די קינ-סטלער-דיכטער האָט געשטריטן מיט דעם געשיכטלעכן שטאָף, מיט נייע מאַטעריאַלן, מיט נייע סיטואַציעס און — זיי בייגעקומען.

די יידישע געשיכטע, וואָס איז פרעמד געווען דעם יידישן קינ-סטלער, האָט באַקומען אַ תיקון דורך דער באַהעפטונג פון דער געגנוואַרט מיט דער פאַרגאַנגענהייט. —

דער שידוך פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דער יידישער געשיכטע האָט עולה-יפה געווען.

1931

נייע צעשפליטערונג פון אונזערע שאַפנדיקע כוחות

קיין שום אַנדער פאָלק שטעלט נישט צו די פאַרשיידענע ליטע־ראַטורן און פרעסע אַזוי פיל שרייבער און זשורנאַליסטן, ווי דאָס יידישע פאָלק. די צאָל יידן, וואָס אַרבעטן איצט אין פרעמדע ליטעראַטורן און אין דער פרעמדער פרעסע, איז פיל מער פון דער צאָל יידן, וואָס אַרבעטן אין דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור. אונזער עקספּאָרט שטייגט פיל מאָל אַריבער דעם אייגענעם, אינעווייניקסטן געברויך. פאַר אַ מלוכהשן האַנדלס־באַלאַנס איז עס געוויס אַ ברכה, וואָס נישט איין לאַנד וואָלט זיך עס געווונטשן. אָבער אין דער גייסטיקער וועלט פון אַ פאָלק איז עס אַ גרויסער אומגליק, וואָס דראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע די אייגענע פאָלקס־אוצרות.

מען וואָלט באַדאַרפט אַוועקזעצן ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַ קאָלעגיע פון „בוכהאַלטערן", וועלכע זאָלן אויסרעכענען די קאָלאָסאַלע „גאָלד־אוצרות", וואָס ווערן אַריבערגעפעקלט פון אונזערע אוצרות אין דער וועלט אַריין. אָנשטאָט די אַלע „גאָלד־אוצרות" פאַר־בלייבן אָפטמאָל ביי אונז ווערטלאָזע פאַפּירלעך, און אונזער גייסטיקער באַלאַנס שטימט דערנאָך נישט. וואָלט מען אפשר געזוכט שטרענגערע מיטלען ווי צו פאַרהיטן אָט דעם שטענדיקן „גאָלד־אָפפלוס"...

צוריק מיט אַ דרייסיק יאָר האָט אַ דייטש־יידישער שריפטשטעלער אַדאָלף קאָהוט אַרויסגעגעבן אַ גרויס בוך „באַרימטע איזראַעליטישע מענער און פרויען" (דערשינען אין דייטש 1900 און איבערגעזעצט דערנאָך אין פאַרשיידענע שפּראַכן), ווו ער האָט צונויפגעזאַמלט די לעבנס־באַשרייבונגען און געגעבן כאַראַקטעריסטיקעס פון די באַרימטע יידישע מענער אין דער קולטורעלער וועלט אויף פאַרשיידענע געביטן. א. קאָהוט איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם פאַקט, וואָס מיר, יידן, האָבן אַרויסגערוקט אַזוי פיל גרויסע מענער. אָפטמאָל האָט ער אָפילו אייניקע קריסטן „מגייר געווען", געוואָלט דערמיט שטאַרקן

אונזער אָנזען אין דער וועלט און אַזוי־אַרום צו באַקעמפן דעם אַנטי־סעמיטיזם. יידן, הייסט עס, זענען גאָרנישט אַזוי שלעכט, אדרבא, נאָט זעט: דער איז אַ ייד, יענער איז אַ ייד!

איצט האָט זיך די לאַגע שטאַרק געענדערט. די וועלט איז שוין נישט אַזוי אומוויסנד בנוגע צו יידן, און אויב עמעץ איז דאָך אַן אַנטיסעמיט, וועלן אים נישט העלפן קיין באַווייזן, אַז מיר זענען גוט און פיין און קולטורעל. אדרבא, דער יידן־פיינט וואָלט זייער גערן געוועזן, אַז יידן זאָלן זיין פאַרטראָטן אין די פאַרשיידענע ווי־סנשאַפט־ און קונסט־צווייגן וואָס־ווייניקער.

אויף היינט צו טאָג איז עס פאַר אונז מער אַן אינערלעכע פראַגע. עס איז אַ וויכטיק פראָבלעם, וואָס איז נוגע אונזער אייגן יידיש לעבן אין דער געגנוואַרט און אונזער וויטערדיק לעבן אין דעם און אין יענעם לאַנד אין דער צוקונפט.

ביז גאָר נישט לאַנג האָבן מיר געצאָלט גאַנץ־באַדייטנדיקע „צינזן" די גרויסע ליטעראַטורן—דער דייטשער, פראַנצויזישער, ענגלישער, רוסי־שער, וועלכע זענען די גרויסע, מעכטיקע הערשער אין דער קולטור־וועלט. עס איז אָפטמאָל געווען פאַרשטענדלעך דאָס רייסן זיך פון די ענגע אייגענע יידישע ד' אמות אין דער גרויסער, ברייטער וועלט. מיר זענען געווען קליין און נישטיק מיט אונזער אייגענער אָרעמקייט לגבי די קאָלאָסאַלע רייכטימער פון די וועלט־ליטעראַטורן. מיר קאָנען אָנציילן פיל באַגאַבטע פערזענלעכקייטן, וואָס זענען געבוירן, אויפ־געצויגן געוואָרן ביי אונז אינעווייניק, און דערנאָך האָבן זיי זיך אָפגעזעגנט מיט דער היים און זיך געלאָזט פירן דורך די לאָקענ־דיקע פייערן פון די גרויסע, מעכטיקע ליטעראַטורן. ברייטע מעגלעכקייטן, אוניווערסאַלע האָריזאָנטן. קומענדיק אַהין, האָבן זיי געפונען פאַר זיך אַ גרויסן פלאַץ פאַר וווקס און אַנטוויקלונג. פיל זענען געוואָרן וועלט־נעמען. פון יענע גרויסע ליטעראַטורן האָבן זיי גענומען ווירקן אויף דער גאַנצער קולטור־וועלט און אויך אויף אונזער יידישער וועלט. ווייל די דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע אָדער רוסישע ליטעראַטורן זענען ווייט אַריבערגעטראָטן די אייגענע גרענעצן און זענען געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער וועלט. די יידן, וואָס האָבן געשאַפן פאַר דער דייטשער ליטעראַטור, האָבן אינאייינוועגס אויך געשאַפן פאַר דער גאָרער וועלט. די יידיש־דייטשע שריפטשטעלער, למשל, אַרטור שניצלער, יעקב וואַסערמאַן, סטעפאַן צווייג, פראַנץ ווערפעל, ליאָן

פויכטוואַנגער, עמיל לודוויג, מאַקס בראָד, ערנסט טאָלער געהערן נישט בלויז דער דייטשער ליטעראַטור, נאָר דער גאָרער קולטורעלער וועלט. זייערע ווערק ווערן גלייך איבערגעזעצט אויף פיל שפּראַכן און ווערן געלייענט אויסער דייטשלאַנד נישט ווייניקער ווי אין דייטשלאַנד גופא.

איצט שטייען מיר פאַר אַ נייער דערשיינונג: יידן דרינגען אַריין אויך אין די קלענערע ליטעראַטורן פון די קלענערע, קליינע פעלקער. באַזונדערס איז עס צו באַמערקן די לעצטע עטלעכע יאָר נאָך דער וועלט-מלחמה, ווען עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען די ליטעראַטורן פון די קלענערע פעלקער, וועלכע זענען ביז דעם וועלט-קריג געווען אונטער דער הערשאַפט פון די גרויסע מלוכות. ס'הויבן זיך אָן צו באַווייזן יידן-שריפטשטעלער אויף דער פּוילישער, רומענישער, אוקראַיִנישער, אונגאַרישער, ווייסרוסישער, טשעכישער, ליטווישער, לעטישער, עסטאָנישער און אַנדערע שפּראַכן.

מיר זענען געווען ביזאַהער זיכער, אַז מיר, יידן, מיט אונזער שפּראַך, ליטעראַטור, וויסנשאַפט, טעאַטער זענען גענוג שטאַרק קעגן די אַלע קליינע ליטעראַטורן פון די קלענערע פעלקער. מיר זענען געווען זיכער, אַז אין אָט די אַלע קליינע מלוכות וועלן יידן קאָנען לעבן און אויסלעבן זיך מיט דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, פּרעסע, וויסנשאַפט. ווייל די קאָנקורענץ איז דאָרט אַ שוואַכערע, די אויס-זיכטן קלענערע. אין דעם געראַנגל, למשל, צווישן דער יידישער מיט דער לעטישער אָדער ליטווישע ליטעראַטורן, האָבן מיר געמיינט, וועט אונזער יידישע ליטעראַטור זיגן, ווייל די יידישע ליטעראַטור איז רייכער, פילפאַרביקער, זי האָט אַ ברייטערן קרייז לייענער, האָט גרעסערע האָריזאָנטן, שטאַרקערע מעגלעכקייטן. וועלן מיר דעריבער קאָנען אומ-געשטערט בויען אונזערע יידישע שולן, גימנאַזיעס, פּרעסע, טעאַטער, וועלכע וועלן זיך נישט שרעקן פאַר דער קאָנקורענץ פון דער שוואַ-כערער. אָרעמער שפּראַך, קולטור פון דער מערהייטס-באַפעלקערונג. דער יונגער דור, וואָס וועט אויסוואַקסן אין די קליינע מדינות, וועט זיך גערנער באַהעפטן מיט דעם יידישן שאַפן און זיין ענג און פעסט פאַרבונדן מיט דער קולטור, לעבן, שאַפן, ליטעראַטור פון די יידישע פאָלקס-מאַסן.

אין דעם קליינעם לאַנד פאַלט דאָך אָפּ דער מאָמענט פון די „צוויי וועלטן", — די פרעמדע — אַ רייכע, מעכטיקע, דערהויבענע, און די אייגענע, יידישע — אַן אָרעמע, קליינע, באַשרענקטע. אַדרבא, האָבן

מיר ווייטער געטראַכט, ד אָ זענען מ יר די שטאַרקע, רייכע, מעכטיקע, און די פרעמדע, אָרטיקע שפּראַך מיט איר ליטעראַטור זענען די שוואַכערע, אָרעמערע, באַשרענקטערע. ווייל וואָס פאַר אַ ווייטע אויסזיכטן האָט אַ יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַר זיך סיי פוילן, אַמעריקע, אַרגענטינע, ליטע, לעטלאַנד, דרום־אַפריקע, און וואָס פאַר אַן אויסזיכט האָט, למשל, אַ ייד, וואָס שרייבט לעטיש, ליטוויש, ווייסרוסיש, אונגאַריש און אין אַנדערע קליינע שפּראַכן?

אויף די יערלעכע אינטערנאַציאָנאַלע פּען - קאָנגרעסן איז מיר אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף אַ ריי שרייבער פון קליינע, קליינטשיקע פעלקער און פעלקערלעך. קעגן זיי זענען מיר, יידן, מיט אונזער ליטעראַטור, די גרויסע, רייכע און שטאָלצע. מען האָט זיך מיט דער יידישער פּען־דעלעגאַציע שטאַרק גערעכנט אין ווין, נאָך מער — אין וואַרשע. און אויך אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד). עפּעס אַ קלייניקייט! אַ ליטעראַטור, וואָס איז אומעטום אין דער גאַנצער וועלט, האָט דריי פּען־קלובן, פאַרמאָגט אַ מעכטיקע יידישע פּרעסע אין 27 לענדער, אַ רייכע ליטעראַטור, וואָס איז איבערגעזעצט אין פיל שפּראַכן. וואָס פאַר אַ פּנים האָט געהאַט אין פאַרגלייך מיט אונז עפּעס אַ ליטעראַטור פון סערבן, מ׳שטיינס געזאָגט, אָדער פון עסטאָנער, ליטווינער און אַנדערע?

אָבער איצט זעען מיר, אַז אויך די קלענערע ליטעראַטורן ציען אָפּ פון אונז יונגע שאַפנדיקע כוחות. אויב אין אַלגעמיין זענען מיר שטאַרקער, פולער, רייכער, איז אָבער אין יעדן לאַנד באַזונדער זענען מיר שוואַך, אָרעם, און מיר זענען נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטן די יונגע כוחות, וואָס לויפן פון א ו נ ז צ ו ז י י. און נישט נאָר, וואָס זיי לויפן פון אונז, נאָר זיי ווערן פאַמעלעך, נאָך גאָר אין דער יוגנט געפאַנגען דורך די אָרטיקע שולן און גימנאַזיעס, וועלכע עקזיסטירן אין די אַלע קליינע לענדער. עס איז געוויס שווער צו קעמפן מיט דערוואַקסענע, מיט מענטשן, וואָס זענען פעסט איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן און זענען פאַרבונדן מיט דער יידישער קולטור. אָבער עס איז לייכטער צוגעווינען אַ יונג קינד צו דער אָרטיקער שפּראַך, צו איר קולטור, צו איר ליטעראַטור. און אַזוי צוביסלעך רייסט מען אַרויס די יוגנט פון אונז, פון אונזער שפּראַך און ליטעראַטור.

לעצטנס איז דערשינען אַ ראָמאַן אין דער לעטישער שפּראַך, געשריבן פון אַ יידישן יונגערמאַן אַבאַ אַלבער מיטן נאָמען „דער אויס-

פאַרקויף פון טויט". עס איז דער ערשטער ייד, וואָס קומט אַריין אין דער לעטישער ליטעראַטור מיט אַן אָריגינעל בוך אין דער לעטישער שפּראַך.

איך ווייס נישט, אויף וויפיל דאָס ווערק איז אינטערעסאַנט, אויף וויפיל דער יונגער שריפטשטעלער אַבאָ אַלבער איז פעיק און טאַלענטפול. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס מיר הויבן אָן צו שאַפן נאָך אין אַ שפּראַך, איז זייער סימפּטאָמאַטיש און ברענגט אַרויף אויף טרויעריקע געדאַנקען.

מיר ווערן נאָכמער צעריסן און צעשפּליטערט. דער בבל פון פאַרשיידענע שפּראַכן ביי אונז וואַקסט אַלץ-מער. דאָס רופט זיך גע-ווים אָפּ אויף אונזער אייגענעם יידישן שאַפן, ווייל סוף כל סוף איז די שאַפונגס-ענערגיע פון אַ פאָלק דאָך באַגרענעצט, און אויב זי ווערט אָנגעווענדט אויף פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן, ווירקט עס געוויס אויף אונז. מיר ווערן בלוט-אָרעמער, אָפּגעשוואַכטער.

אויב צוריק מיט דרייסיק יאָר איז געווען די נויטיקייט אַרויסצוגעבן אַ בוך „באַרימטע איזראַעליטישע מענער און פרויען", כדי צו ווייזן, אַז מיר זענען פיינע לייט, און אַז מיר רוקן אַרויס דאָ און דאָרטן טאַלענטפולע, גרויסע פּערזענלעכקייטן, — וואָלט מען איצט באַדאַרפט אַרויסגעבן אַזאַ ווערק, אָבער מיט גאָר אַן אַנדערער אויפגאַבע. נעמלעך, מיר וואָלטן באַדאַרפט אויפזאַמלען מאַטעריאַל וועגן די אַלע יידן, וואָס שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן און אויפווייזן, אויף וויפיל זיי פילן זיך אָפּטמאָל פרעמד אין יענע ליטעראַטורן. איבערהויפּט וואָלט מען באַדאַרפט שענקען אויפמערקזאַמקייט יענע יידן, וואָס שרייבן אין קליינע ליטעראַטורן פאַר אַ באַגרענעצטן קרייז לייענער.

עס איז גוט באַקאַנט, ווי געאָרג בראַנדעס, וואָס האָט געשריבן און פאַרעפנטלעכט ווערק אין דער דענישער שפּראַך, האָט זיך געפילט ענג און איינזאַם אין זיין קליינעם לאַנד. זיינע ווערק זענען געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע הונדערט עקז., נישט בעסער, נישט ערגער, ווי ביי אונז יידן. ער האָט זיך דעריבער געריסן צו דער פראַנצויזישער און דייטשער ליטעראַטורן. עס איז באַקאַנט, ווי איינזאַם עס פילן זיך די יידן, וואָס שרייבן און דרוקן אין רומעניש פאַר רומענער, אין אונגאַריש פאַר אונגאַרן, אין האָלענדיש פאַר האָלענדער.

אויף דעם ווינער אינטערנאַציאָנאַלן פען-קאָנגרעס האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ יונגן ייד, אַן אָנגעזעענעם קריטיקער-עסייאיסט אין

אונגאַריש. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר אויף זיין גורל. „אייך איז גוט, — האָט ער צו מיר געטענהט — איר האָט אַ פאָלק, איר האָט אַן אייגענע סביבה, איר האָט יידן דאָ און דאָרטן. און מיר וואָס? פאַרשלאָסן אין אַן ענגן קרייז, צווישן לעזער, וואָס זענען אונז אליין פרעמד!" דאָס זעלבע האָט מען לעצטנס געהערט אין האָלאַנד. די דאָרטיקע יידיש־האָלענדישע שריפטשטעלער האָבן זיך געקלאָגט, אַז זיי שאַפן פאַר פרעמדע עלעמענטן, עס איז נישטאָ צווישן זיי מיט זייערע האָלענדישע לעזער קיין פאַרבינדונג. און ווי איז עס איצט אין דעם גרויסן קולטורעלן דייטשלאַנד? פילן זיך דען נישט איצט די יידן, וואָס שרייבן דייטש, אָפטמאָל פרעמד און פארביטערט אין דער אלגעמיינער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאפט דאָס רוב פון דער דייטשער יוגנט?

אין ראַטנפאַרבאַנד נעמט אַרום דער גרויסער צענטראַלער פעלקער פאַרלאַג זיבן און פיפציק שפּראַכן, צווישן זיי—פיל שפראכן פון גאָר קליינע פעלקערלעך. איך האָב מורא, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר, יידן, זיין פאַרטראָטן מיט שרייבער אין די אַלע דאָרטיקע צענדליקער נייע, נייענקע ליטעראַטורעלעך און שפראכעלעך.

דער אָנטייל פון יידן אין די ניי־אויפגעקומענע קליינע ליטעראַטורן איז אַ נייע גרויסע געפאר פאר אונזער קולטור, שפּראַך און ליטעראטור.

אַ נייע צעשפליטערונג. וואָס וועט נאָך מער צעברעקלען אונזערע שאַפנדיקע כוחות.

1931

אָן דער זייט און אין דער שטיל

אַ ריזיקער, רוישיקער לונאַ-פּאַרק, און אַ זייטיק, שטיל גערטנדל.

אין לונאַ-פּאַרק איז לעבעדיק, פריילעך, עס דרייען זיך לוסטיק די קאַרוזעלן, עס שווימען אין דער לופט די הוידעלקעס-שיפלעך, עס דרייט זיך און עס פינקלט מיט פאַרשיידענע בונטע פייערן די גרויסע קאָלאָסאַלע ראָד מיט די הענגנדיקע וואַגאָנעטקעס. אַ גרויסער טומלדיקער עולם פילט אָן די ברייטע שטחים פון דעם לוסטיקן, גערוישיקן לונאַ-פּאַרק. מיט פאַרגאַפטע, נייגעריקע בליקן קוקט מען אויף די אַלע חידושים, וואָס ווערן דאָ באַוויזן, און מען קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן. מען הערט זיך צו צו די אַלע רופנדיקע שטימען פון די הייזעריקע אויסרופער און מען איז זייער להוט, ממש ווי קליינע קינדער, זיך לאָזן אויף דער לופט-באַן אָדער אין די „אונטערערדישע אָפּגרונטן", אין די „ווייטע" מדבריות, אָדער אין די ביידלעך, ווו אַ לעבעדיקער מענטש ווערט פאַר אַלעמען אין די אויגן צעשניטן אויף צווייען, און ער ווערט ווידער לעבעדיק...

און אין דערבייאיקן גערטנדל איז — שטיל, רויִק, מען הערט קיין פּיפּס נישט. נאָר ערגעץ אויף אַ ביימל היפּט אַ פייגעלע און גיט אַמאָל אַ פרומען, ציטערדיקן פּישטש און ווערט ווידער אַנטשוויגן.

לונאַ-פּאַרק און גערטנדל—עפּעס אַזוי זעט אויס איצט פון איין זייט די ראַשיקע פּרעסע, טעאַטער, קונסט מיט איר קינאָ, שטומען און רעדעוודיקן, מיט אירע רעווי-טעאַטערן, פאַרוויילונגען, ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, און פון דער אַנדערער זייט — די דיכטונג! די שטילע אָפּשטאַרבנדיקע, איינזאַמע און פאַראייניזאַמטע דיכטונג.

אין דער היינטיקער טומלדיקער, רוישנדיקער, אימפּעטפולער, האַסטיקער וועלט איז די דיכטונג עפּעס אַן אַנאַכראָניזם, אַן איבערבלייבעניש פון אַמאָליקע אַלטע, גוטע צייטן, ווען עס האָבן נאָך געהערשט גאָר אַנדערע געוווינהייטן, באַציִונגען צווישן מענטש און

מענטש, מענטש און וועלט, מענש און גאָט. תּפלה־זכּאי, דאָס שעפּטשען אין דער שטיל האָט געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט, דעם דזשאַז־באַנד, דער פּויק.

אין בערלין האָט מען פאַראַיאָרן באַוויזן אין אַ רעווי־טעאַטער דעם לעצטן פערד מיט זיין פּורמאַן. מען האָט אים אויף אַן אָריגי־נעלן אופן באַגלייט אויפן „עולם־האמת״. איך האָב מורא, אַז מען וועט גאָר אינגיכן דאַרפן באַוויזן פאַרן עולם דעם לעצטן דיכטער אין דער היינטצייטיקער ליטעראַטור. דער ראָמאַן, די טאָג־ביכער, די מעמואַרן קאָנען נאָך ווי עס איז קאָנקורירן מיט די אַלע „ליטעראַטור־מחבלים״. נישט געקוקט אויף דעם אָפּשטאַרבנדיקן אינטערעס צו דער ליטעראַ־טור אין די גרויסע שטעט, קאָן נאָך אָפּטמאָל אַ ראָמאַן דערשלאָגן זיך רום, פּאָפּולאַריטעט. אָבער ווו איז דער דיכטער, וואָס זאָל איצט ציען צו זיך אויפמערקזאַמקייט אין דער ברייטער וועלט?

פאַר די לעצטע צען־צוועלף נאָך־מלחמה יאָרן זענען אויפגעשווומען צענדליקער נעמען פון ראָמאַניסטן, דערציילער, מאָנאָגראַפיע־שרייבער, וועלכע האָבן באַוויזן צו פאַראינטערעסירן פיל הונדערטער טויזנטער לעזער, און גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע שפּראַכן. קאָנען מיר אָנרופן כאָטש איין נייעם דיכטער מיט אַ וועלט־נאָמען?

איז עס בלויז אַ צופאַל, וואָס אַפילו ראַטנפאַרבאַנד, ווו דער שרייבער און דיכטער זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אַקטיוון, בויענדיקן, שאַפערישן לעבן, אַז גראַד דאָרטן האָבן אַזעלכע גרויסע וווּנדערבאַרע דיכטער, ווי יעסענין און דערנאָך מאַיאַקאָווסקי זיך גענו־מען דאָס לעבן. משמעות, אַפילו דאָרט איז דער דיכטער מיט זיין גאַנצן אופן פון לעבן, אויפנעמען, רעאַגירן געוואָרן איבעריק, און די סאַמע שטאָלצע פון זיי זענען געצוווּנגען געווען צו באַגיין זעלבסט־מאָרד, און אַזוי אַרום נאָך שטאַרקער אונטערשטרייכן, אַז זיי האָבן שוין קיין תּיקון און תּקומה נישט אין דער איצטיקער צייט.

אויף היינט־צו־טאָג איז, דוכט זיך, נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור קיין איין באַוווּסטער דיכטער, וועלכער זאָל פאַר־זעצן אין פולן גאַנג זיין דיכטער־שאַפונג. און אויב ער טוט עס ערגעץ־ווו יאָ, טוט ער עס, ווי אויף צו להכעיס, איז ער אינגאַנצן אָפּגע־רוקט פון דער רעאַלער, אַרומיקער וועלט, און אויך די וועלט האָט צו אים קיין שייכות און באַציונג נישט.

און ווי זעט עס אויס ביי אונז, אין אונזער יידישער וועלט?

הגם אונזער לעבן בכלל איז פיל אָפּגעשטאַנען, אָבער אין דעם אָרט, וואָס די דיכטונג פאַרנעמט אין לעבן באַמערקן מיר כמעט די זעלבע דערשיינונג. אויך ביי אונז איז די ראָלע פונם דיכטער דערפירט געוואָרן צו אַן עפּיזאָדן-ראָלע, אין וועלכע עס טרעטן אַרויס אָדער ווייניק באַקאַנטע אָדער גאָר יונגע דיכטער. קיין דיכטער-„סטאַר" האָבן מיר שוין נישט. אויך די גרויסע העבּרעאישע דיכטער, וועלכע האָבן צוריק מיט צוואַנציק—דרייסיק יאָר פאַרנומען אין יידישן לעבן אַ בכבודיקן אָרט מיט זייערע לידער, און האָבן מיט יעדעס ליד אויסגעדריקט די שטימונגען פון דער תּקופה, באַזונגען דעם געזאַנג פון דער צייט, אויפגעכאַפּט ליידן און פריידן פון אַ דור, — זיי אַלע האָבן זיך אַוועקגערוקט פון דער דיכטונג און פאַרביטן דאָס שירה-זאָגן אויף אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן. שרייבט איינער דערציילונגען, אַ צווייטער — עסייען, אַ דריטער — פאַרפאַסט לערנביכער, באַאַרבעט די משנה פאַר תּלמידים און אַזוי ווייטער. אויך אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך „פּראָפעסיאָנעלע" דיכטער גענומען שרייבן דראַמען, פאַרעפנטלעכן ראָמאַנען, שרייבן אַרטיקלען וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער דיכטונג, גיבן אַרויס זשורנאַלן, וועלכע זאָלן אָנצייכנען ריכט-ליניעס ביי פּאָליטישע פּאַרטייען.

אויך אין ראַטנפאַרבאַנד, אין דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור זענען פיל יידישע דיכטער געוואָרן דראַמע-שרייבער, ראָמאַנען-פאַרפאַסער, און נאָר אַ טייל — די ערגערע, שוואַכערע, שרייבן אָפט פּראָקלאַמאַציעס אין פערזען, אויפרופן [אין קורצע געגראַמטע לידער. קיין אַנדערע פונקציעס האָבן זיי נישט, און דאָס רוב פון זייערע לידער וועלן ווייטער פון טאָג נישט איבערלעבן.

מען וועט מיר גלייך אָנרופן אַ ריי יונגע דיכטער ביי אונז אין פּוילן, אין אַמעריקע, אין ליטע, אין אַרגענטינע. איך ווייס זייערע נעמען, איך האָב געלייענט זייערע לידער ביכלעך. עס זענען גלויב איך, נאָכוווקסן, נישט מער ווי נאָכוווקסן.

קיין גרויסן שניט וועלן מיר פון זיי נישט מאַכן, און קיין שייערן פאַר זייער דיכטונג וועלן מיר נישט דאַרפן בויען. זיי זענען די ל ע צ ט ע, — זיי פילן עס אַליין גאַנץ גוט, זיי פעלט אָטעם, זיי פעלט סביבה, זיי פעלט לעבעדיקער אָנהאַלט, לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט אַ ברייטן לייענער עולם, וואָס ווייכט פון זיי, אַנט-

לויפט פון זיי. „לידער ניע זשעלאַיעם!" — עס איז שוין לאַנג געוואָרן אַ לאַזונג ביי אונזערע לעזער.

„צי האָט מען זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט דער דיכטונג?"— אַזאַ מין קעפל האָט דאָ נישט לאַנג געגעבן די לאָנדאָנער „מאָרנינג פּאָסט" אין צוזאַמענהאַנג מיטן יערלעכן באַנקעט, וואָס דער „דיכטער־פאַרבאַנד" אָרדנט איין יאָר־יערלעך אין ענגלאַנד. עס איז דאָ אַן אַלטער מנהג אין לאָנדאָן איינצוּאָרדנען יעדעס יאָר אַ באַנקעט, צו וועלכן עס פלעגן קומען די קינדער־אייניקלעך פון די פאַרשטאָרבענע דיכטער אין ענגלאַנד. דער „דיכטער־פאַרבאַנד" פלעגט אָט די יערלעכע צוזאַמענקומענישן איינאָרדנען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. „צוריק מיט אַ צוואַנציק יאָר — דערציילט די „מאָרנינג פּאָסט" — פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אויף דעם באַנקעט אַ צווי—דריי הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן מיט שטאָלץ פאַרלאַנגט אַן אָרט אויפן באַנקעט. אָבער היי־יאָר איז געקומען גאָר אַ קליינער עולם. פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ קלענער די צאָל פון די, וואָס קומען צום באַנקעט. און עס איז אינטערעסאַנט, אַז הייַנטיקס יאָר איז אַפילו נישט געקומען קיין איין אור־אייניקל פון שעקספּירן..." משמעות, דער אינטערעס צו דיכטונג איז איינגאַנצן געפאַלן, עס ווערט אויס יחוס.

איצט ווערט, למשל, פינף און צוואַנציק יאָר זינט דער ווונ־דערבאַרער דיכטער מאַני לייב האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. דער ניו־יאָרקער שרייבער־זשורנאַל „אויפקום" האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן נומר לכבוד דעם דיכטער, און אַלע אַרטיקלען און נאָטיצן זעען אויס ממש ווי הספּדים אויף אַ לוויה פון אַ פאַרשטאָרבענעם — עפּעס אַזאַ שטימונג, אַזאַ דערשלאָגנקייט פילט זיך, ווען מען רעדט וועגן דיכ־טער און דיכטונג.

ביי לייטן און ביי אונז שטייט איצט די דיכטונג אינגאַנצן אָן אַ זייט און אין דער שטיל.

איז דאָס איר ביטערער גורל אין אונזער טומלדיקער, רווישנ־דיקער צייט!

1931

רעאַלע און פאַנטאַסטישע וועלט

א

די אמות און ווערטשאַל

די מענטשלעכע פאַנטאַזיע רייסט זיך איצט פון די ענגע גרענעצן, וואָס זענען אַרומגעשטעלט אַרום איר. הן די וויסנשאַפט און הן די קונסט באַמיען זיך פונאַנדערצוּוואַרפן די מחיצות, וואָס שטערן דעם מענטש אין זיין דראַנג און שטרעבן צו הויכע הויכקייטן און צו ווייטע ווייטקייטן. רייסט זיך דעריבער דער מענטש מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט צו באַהערשן די לופט, נידערט ער אין די טיפקייטן פון ימען און אָקעאַנען, לאָזט ער זיך אין די סאַמע ווייטסטע מרחקים, ווו אַ מענטשנס פוס האָט נאָך נישט באַטראָטן, פליט ער ערגעץ אין אומבאַגרייפלעכע הויכן, אַזש אין דער סטראַטאָספערע.

ערשט דעם לעצטן יאָר זענען מיר געווען עדות פון די סאַמע פאַנטאַסטישסטע, אומגלויבלעכע און קאָפּ־שווינדלערישע נסיעות, וואָס דער מענטש האָט געמאַכט אין דער הויך, אין דער ווייט און אין דער טיף. יעדער פון אָט די פּרווון האָט אַרויסגערופן געוואַלדיקע פאַראינטערעסירונג אין גאַר דער וועלט. מיליאָנען הערצער האָבן נאָכגעפאָלגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָך אָט די דרייסטע פּיאָנערן אין זייערע ווייטע און הויכע זועגן, — גלייך ווי די גאַנצע מענטשהייט האָט דערמיט אַרויסבאַוויזן איר דראַנג און ווילן אַוועקצולאָזן זיך אין פאַנטאַסטישע עולמות, וואָס ווייטער פון אייגענער, רעאַלער וועלט.

און ווי די וויסנשאַפט, אַזוי אויך די קונסט. אויך די מענטשלעכע קינסטלערישע פאַנטאַזיע האַלט אין איין שוועבן אין אויסגעטרוימטע ווייטע וועלטן, אויך די קונסט רייסט זיך אַוועק פון דערווירקלעכקייט און לאָזט זיך אין עקזאָטישע לענדער, אין נישטגעדאַכטע עולמות, פון וואַנעט זי ברענגט נייעם שטאָף און רייצנדיקן אינהאַלט.

אין דער וועלט־ליטעראַטור דערשיינען לעצטנס פיל ווערק, וואָס שילדערן נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע וועלטן און לענדער.

עס איז גמאס געװאָרן דעם קינסטלער צו גײן פּיס־טריט נאָך דעם װירקלעכן לעבן, נאָך דער גרויער װירקלעכקייט, און כּסדר מאָלן און אָפּמאָלן דעם אַרומיקן לעבנס־שטײגער, די טועכצן און געװױנהײטן פון די פּשוטע בשר ודמס.

נאָך דער תקופה פון ראָמאַנטיזם מיט אַלע זײנע שאַטירונגען, װען מען האָט גערעדט מיט הויכע פראַזן, מען איז געשטאַנען שטענדיק אין דער אומנאַטירלעכער פּאָזע פון גרויסהאַלטער און געזוכט נאָר דאָס ריטערלעכע, העלדישע און דאָס אָנגעצויגענע, פייערלעכע, — איז פאַר־שטענדלעך געװען דער דראַנג צו פּשטות, צו נאַטירלעכקייט, צו רעאַ־ליטעטן. מען האָט דאַן פרײ אָפּגעאָטעמט אין דער שויס פון דער ממשותדיקער װעלט. מען האָט באַװיזן אויסצוגלייכן זיך די ביינער נאָך דעם סדום־בעטל פון קינסטלעך־אויסגעפּוצטע, שטאַרק אָנגעצויגענע פּסיידאָ־קלאַסישע װערק. דער שרייבער, דער רעאַליסט האָט מיטאַמאָל דאַן דערשפּירט דאָס אמתדיקע לעבן, װאָס שטראָמט אין זײנע נאַטיר־לעכע בּרעגן און שלעפּט־מיט אין דעם שטראָם מענטשן, פּאַסירונגען, צוזאַמענשטויסן, דורכויס רעאַלע, נאַטירלעכע, האַרט־ביי־דער־ערדיקע.

אָבער דער האַרבער־האַרטער נאַטוראַליזם האָט צוגעגעסן דער מענטשהייט און אויך דעם קינסטלער. דער שטרענגער נאַטוראַליזם האָט זיך אויסגעשעפּט, ער איז געװאָרן אָפּגעטראָגן. דער מענטשלעכער גייסט האָט מיט אַ נייעם אימפּעט זיך גענומען רייסן אין אַנדערע עולמות. נישט נאָר זאָרגלאָזע, „נאַרישע“ קינדער גיבן זיך איבער מיט לייב און לעבן דער פאַנטאַזיע און די פאַנטאַסטישע װעלטן, אין װעלכע עס פירן זיי אַריבער די שפּאַנענדע ראָמאַנען און סיפּורי־מעשיות. אויך דערװאַקסענע ניכטערע מענטשן זענען געװאָרן פלייסיקע לייענער פון דער פאַנטאַסטישער ליטעראַטור. דאָס גאַנץ־מיטלמעסיקע װערק פון דעם פראַנצויזישן ראָמאַניסט פּיער בענוא „אַטלאַנטידאַ“ האָט מען איבערגעזעצט אין פיל שפּראַכן, און עס איז שטאַרק גע־לייענט געװאָרן. מען האָט עס געלייענט אין בוך־פאָרם, און שפּעטער געלאָפן עס זען, װען דער צויבערער, דער קינאָ, האָט עס „פאַרקער־פּערט“ אויף די טונקל־בלויע כּישוף־לייװנטן. הערבערט װעלס, דער זון פון ניכטערן, טרוקענעם ענגלישן פאָלק, לאָזט זיך שװעבן אין אויסטערלישע װעלטן, דערציילט בבאָ־מעשיות װעגן פּלאַנעטן און אוי־סטערלישע באַשעפעניש. און עס פאַרװיגן זיך מיט זײנע װערק גרויסע דערװאַקסענע לעזער. מיט פאַרכאַפּטן אָטעם לייענט מען איצט

ווידער דעם אַלטן זשול ווערן, וואָס פירט אונז מיט אין זיינע ווייטע וועלט-רייזעס. דזשעק לאָנדאָן דער אַמעריקאַנער, וועלכער האָט אַליין אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע אַוואַנטוריסטישע גלגולים, איז נעענטער געוואָרן דער מענטשהייט, ווי דער האַרבער, טיפער, ווייטיקדיקער אַמעריקאַנער עדגאַר פּאָ, וואָס האָט צו טון בלויז מיט דעם מענטש און זיינע אינעווייניקסטע ליידן.

דערמיט מסתמא דערקלערט זיך אויך, וואָס דער אייראָפּעיִשער לייענער האָט אַזוי גערן אויפגענומען די צפונדיקע סקאַנדינאַווישע שרייבער, וועלכע האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט נייע וועלטן, נייע לעבנס, נייע סביבות. און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס עס האָט זיך דערוועקט אַזאַ קאָלאָסאַלער אינטערעס און נייגיר צו די מזרח-פעלקער, צו אַזיע. די אויסטערלישקייט, עקזאָטישקייט, די אייגנאַרטיקייט פון די אַלע אָפּטמאָל-אָפּגעשטאַנענע מזרח-ווערק האָבן מער מיטגעריסן ווי די רייפע, צייטיקע, גאָרנישט אין פאַרגלייך טיפערע ווערק פון מערב - אייראָפּע. און עס האָט שוין געהאַלטן אַזוי-ווייט מיט אָט דער באַגייסטערונג און התפעלות פאַר אָט די מזרחדיקע ווערק און ווערטן, אַז מען האָט שוין גענומען אָפּזאָגן אַ רבנן-קדיש נאָך דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, קונסט און קולטור, און געקרוינט דאָס מזרח-שאַפן אַלס דעם אמתן געזעצלעכן יורש פון דער גאַנצער קולטור.

דערפון נעמט זיך אויך די שטאַרקע פאַראינטערעסירונג מיט די איצטיקע קינסטלער פון ראַטנפאַרבאַנד. און אינטערעסירן אינטערעסירט אין זיי אָפּטמאָל נישט אַזוי דאָס האַרב-ווירקלעכע, נישט דאָס שטרענג-רעאַלע, ווי גראָד דאָס אויסטערלישע, עקזאָטישע, אירעאַלע, וואָס ווערט אין זיי געשילדערט. די ראַטנפאַרבאַנדישע ליטעראַטור, וואָס ווערט אַזוי שטרענג קאָנטראָלירט און גייט אויף פעסט-אָנגעצייכנטע וועגן, האָט גראָד אָן אַ שיער אויסערגעוויינלעכן אויסטערלישן שטאָף, פאַרשאַרפטע פאַנטאַזיע און ראָמאַנטישע איבערגעטריבנקייט. קומט מ. שאָלאָכאָוו און אַנטפּלעקט פאַר אונז אין זיין „טיכי דאָן" אַ מערק-ווירדיקע האַלב-פאַנטאַסטישע וועלט פון די קאָזאַקן; קומט באָריס פּילניאַק און וואַרפט כסדר ליכטוואַרפערס אויף טונקעלע, פאַרהוילענע ווינקלען פון אַמאָליקן און ווייטן לעבן; קומט לעאָניד לעאָנאָוו און גראָבט אויס אַ מאָדנע סביבה פון ערגעץ אַרום דעם ווייטן טייך סאָט (אין זיין נייעם ראָמאַן „סאָט"), און אַזוי אויך פיל אַנדערע היינט-צייטיקע סאָוועטישע שרייבער, וועלכע שילדערן לעבנס און וועלטן

פון די ווייטסטע ראַטנפאַרבאַנדישע ישובים און קיבוצים, וואָס פאַר־אינטערעסירן מיט זייער אויסטערלישקייט און ספּעציפישקייט.

און דאָס איז אפשר אויך דער טעם, וואָס די הײַנטצײַטיקע קינסטלער האָבן זיך גענומען צו שרייבן ווערק אויף היסטאָרישע טעמעס. דיווירקלעכקייט איז געבונדן מיט מאָס און וואָג, דער הײַנטצײַטיקער לעבנס־שטייגער האָט צוימען און גרענעצן. אָבער אין די רוימען פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָן מען זיך פראַנק און פריי לאָזן שוועבן. דאָרט איז דאָ הרחבה, ברייטע האָריזאָנטן, גרויסע טאַטן.

אויך דער פילם האָט דערפאַר אַזאַ גרויסן דערפאָלג, ווייל ער טראָגט אַוועק דעם מענטש פון זיין ענג וועלטל ערגעץ אין וויסטע מדבריות, אויף יענער זייט הרי־חושך, צווישן וועלטן און לעבנס, וואָס זענען דעם מענטשן נישט באַקאַנט. דעריבער האָט דער רעאַלער, דראַמאַטישער פילם ווייניקער צוציִונגס־קראַפט און ער קאָן נישט קאָנקורירן מיט די עקזאָטישע, אויסטערלישע בילדער.

ערשט די לעצטע צייט האָט דערוואָרבן זיך אַ גרויסן נאָמען אין אייראָפּע אַ דייטשער שרייבער, וואָס באַהאַלט זיך אונטער דעם נאָמען ב. טראַווען. ער שרייבט וועגן מעקסיקע, וועגן מרחקים, און זיינע ביכער ווערן איצט שטאַרק געלייענט אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

הקיצור, דער מענטש מיט זיין גאַנצער צוגעבונדנקייט צו אָרט, באָדן, היים, סביבה לאָזט זיך גערן מיטרייסן אין פאַנטאַסטישע וועלטן. שווער איז דעם הײַנטצײַטיקן מענטש אין זיין רעאַלער וועלט מיט די אַלע פּאָליטישע, מאַטעריעלע און פאַמיליען־זאָרגן. איז ער דעריבער אַזוי להוט אויף אויסטערלישע נסיעות, צי מיט דער הילף פון דער „טרוקענער" וויסנשאַפט, צי מיט דער הילף פון דער „זאָרגלאָזער" קונסט. אַלץ אין דער פאַמיליע, אין דערווירטשאַפט, אין דער מלוכה איז אויסגערעכנט, אומעטום—באַשרענקטע ביודזשעטן, פעסטע שאָסייען, אייזערנע רעלסן־שנורן, וועלכע ציען זיך אין דער לענג און דער ברייט פון דער וועלט. און ס'איז מערקווירדיק: גראָד אין דער מאַטעריעלער, מאַטעריאַליסטישער וועלט, גראָד אין דער צייט, ווען מ'האָט זיך אויסגעלערנט דורכן מיקראָסקאָפּ צו דערזען די סאַמע קלענסטע, דינסטע זאַכן, גראָד אין דער צייט, ווען מען דערגייט די סאַמע ראַפינירטסטע, סובטעלסטע ניואַנסן פון מענטשן און געגנשטאַנדן, — גראָד איצט רייסט מען זיך פון די ד' אמות אין דעם ווייטן וועלטאַל, גראָד איצט איז ווידער געקומען דער טעלעסקאָפּ, וועלכער דערנעענטערט

וויטקייטן, און דער מענטש איז גרייט צו פאַרלאָזן היים, שטוב, פּאָ-מיליע און צו שוועבן אין אָדלער-הויכן און אין וויטסטע עקן-וועלט, ווו דעם מענטשנס פיס האָט נאָך נישט באַטראָטן.

דאָס מענטשלעכע שאַפן—ליטעראַטור, טעאַטער, מאָלעריי, פילם — העלפן-מיט דעם מענטשן אין זיין דראַנג אַרויסצוגרייסן זיך פון די ד׳ אמות און צו לאָזן זיך אין פאַנטאַסטישע וועלטן.

גראָד אין דער ניכטערער מאַטעריעלע צייט איז דער מענטש אין זיין שאַפן שיכור, פאַרשיכורט. און גראָד איצט, אין דער ניכטערער צייט, האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג פאַרשיכורנדיקע ווערק.

עס זענען ווידערשפּרוכן, ווידעראַנאַנדן פון דער היינטיקער מערקווירדיקער תקופה.

דער פאַרהאָרצוועטער, פאַרמאַטעריאַליזירטער מענטש זוכט אויס-טערלישקייט, עקזאָטיק, הימלען, טרוים, וועלטאַל.

ב

וועלט און וועלטעלעך

די קינסטלערישע פאַנטאַזיע רייסט זיך אין מרחקים, הויבט זיך אין העכערע וועלטן, — ווייל ענג איז דעם מענטש אין דער רעאַלער וועלט, וואָס איז געצוימט און גרענעצט מיט געוווינהייטן, געזעצן און דאָגמעס. די קינסטלערישע פאַנטאַזיע שאַפט נישט-געדאַכטע וועלטן און מאַכט פון לעגענדעווירקלעכקייט, כּדי די ווירקלעכקייט צו פאַר-וואַנדלען אין לעגענדע.

גלייכצייטיק אָבער מיטן אָפּרייסן זיך פון דער רעאַלער וועלט אין פאַנטאַסטישע וועלטן באַמערקן מיר אין דער ליטעראַטור אַן אַנ-דער קער — פון דער גרויסער וועלט אין קליינע, אָפּגעגרענעצטע וועלטעלעך. די וועלט ווי זי „שטייט און גייט“ איז נמאס, שווער און איבערדריסיק, ווילט זיך פון איר אַוועק, ווילט זיך אָן איר פאַרגעסן; שאַפן אייניקע קינסטלער נישט-געשטויגענע, נישט געפלויגענע וועלטן און פירן אַהין אַריבער מענטשן, געשטאַלטן, פּראָבלעמען און פּאַסי-רונגען, — און אַנדערע קינסטלער פאַרלאָזן די וועלט און פאַרקלייבן זיך אין אַ ווינקעלע און נעמען-מיט מיט זיך אַ גרופּע מענטשן מיט זייערע איבערלעבענישן און פאַרלאַנגען און זעצן פאָר אַן אייגן-אייגנאַרטיק לעבן. פון די ד׳ אמות ערגעץ אין וועלטאַלישע רוימען —

דאָס איז איין אויסוועג, און אַן אַנדער וועג — פון דער גרויסער וועלט צו מיר איילן.

ווען די וועלט איז געוואָרן זייער פאַרדאָרבן און אַנדרולמוסיאַ, מישמאַש און הפקרות איז אָנגעשטאַנען אַרום, האָט זיך נח געבויט אַ תבה און גענומען אַהין צו צוויי-צוויי אָדער צו זיבן-זיבן פון איטלעכן מין, כּדי „צו דערהאַלטן זאָמען אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד". אויף אַזאַ אופן טיילן אָפטמאָל קינסטלער אָפּ אַ ריי מענטשן פון גאָר דער וועלט, ברענגען זיי ערגעץ אין אַ ווינקל, אין אַ מין נחס תבה, און שאַפן דאָרט אַ וועלטעלע, אָן דער זייט פון דער גרויסער וועלט.

אין דער וועלט-ליטעראַטור האָבן מיר אַ ריי אינטערעסאַנטע, מערקווירדיקע ווערק, וועלכע שילדערן דאָס באַזונדערע, אויסטערלישע לעבן אין אַ סאַנאַטאָריע, האָטעל אָדער שיף. און די סאַנאַטאָריע, האָטעל, שיף איז גענומען דורך די קינסטלער ווי עפּעס אַ מין סימבאָל, אַ מין משל פאַר דער גאַנצער גרויסער, ברייטער וועלט, — די גרויסע וועלט אין אַ מיניאַטור, עס איז עפּעס אַ מין קעגנזאַץ, סתירה צו דער גרויסער וועלט...

אָט זענען עטלעכע אַזעלכע ווערק, אין וועלכע קינסטלער האָבן זיך פאַרקליבן אין ד' אמות, וווּ עס ווערט געפירט גאָר אַ ספּעציפיש, אויסטערליש לעבן, וואָס האָט ווייניק צו טון אָדער עס איז אינגאַנצן אַנדערש פון דעם דרך-המלך פונם אַלגעמיינעם לעבן: הויפּטמאַן — „אַטלאַנטיק", האַמסון — „דאָס לעצטע קאַפּיטל", טאָמאַס מאַן — „צויבערבאַרג", ה. בערגער — „מבול", יעווריעינאָוו — „דער עיקר", „די שיף מיט צדיקים", וויקי באַום — „מענטשן אין האָטעל." אין דער יידישער ליטעראַטור: ברוך גלאַזמאַן — „אַ שיף אויף גרויסע וואַסערן", אַהרן צייטלין — „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן", ל. כאַנוקאָוו — „סובמאַרין" א. א.

די וועלט איז גרויס און ברייט, און דער מענטש ווערט אָפּט פאַרלוירן אין דעם גרויסן חלל און געטומל. פּרוּווט דער קינסטלער נעמען דעם מענטש אין אַ באַגרענעצטער, אָפּגעשלאָסענער סביבה, וווּ ער קאָן אים בעסער, בולטער און פולער זען. אָדער די וועלט איז צו פאַרשאַבלאָניזירט געוואָרן, די היים און דער שטייגער האָבן דעם מענטש אינגאַנצן אויפגעגעסן, די טאָג-זאָרגן און די לעבנס-לאַסטן דערדריקן און דערשטיקן אים אינגאַנצן. און ווען דער מענטש רייסט זיך אַרויס פון דער „גרויסער" וועלט און ער קומט אָן אין אַ סאַנאַטאָריע, האָטעל אָדער שיף, — דאַן אַנטפּלעקן זיך אין אים נייע באַגערן, פאַרלאַנגען,

ליידנשאַפטן און אייגנשאַפטן, וועלכע זענען אין דעם געוויינלעכן טאָג-טעגלעכן לעבן פאַרבאַהאַלטן, פאַרחתמעט אויף זיבן שלעסער. דעם קינסטלער איז אָפטמאָל שווער אין דעם אַלגעמיינעם גערודער און געטומל פון דעם לעבן צו פאַרהאַלטן מענטשן, און שילדערן זיי, אַרויס-שלאָגן פון זיי פולע געשטאַלטן, — פירט ער זיי אַריבער אין אַ סאַנאַ-טאָריע, שיף, ווו דער מענטש האָט צייט, מעגלעכקייט, הרחבת-הדעת אויסצולעבן זיך פולער און ברייטער. ס'טרעפט, אַז דער קינסטלער וויל אונז געבן אַ מיניאַטור-בילד פון דער גרויסער וועלט, און ער ווייזט אונז טראָפּנס פון דעם גרויסן לעבנס-ים. אַלדי וועלט שפּיגלט זיך אָפּ שאַרף און שטאַרק אין דעם געראַנגל, אין דעם צוזאַמענלעבן און אין צוזאַמענשטויס פון דער קליינער גרופּע מענטשן, וואָס געפינט זיך אויף אָט דעם „אינזל“. — דאָס אַלץ זענען פאַרשידענע וואַריאַנטן פון דעם ספּעציעלן מין ראָמאַן, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין באַזונדערע וועלטעלעך, אָן דער זייט און ווייט פון דער גרויסער וועלט.

קנוט האַמסון (אין זיין „דאָס לעצטע קאַפּיטל“) שטעלט אויף אין טאָראַהוס אַ סאַנאַטאָריע, אַ פאַרלאָזט אָרט צווישן פּויערישע קליינע ישובים. עס שאַפט זיך אַ ניי קליין וועלטעלע, עס ווייזן זיך מענטשן, עס פאַרקניפּן זיך גיך באַציִונגען, דערנענטערונג און דערווייטערונג, עס פּולסירט אַ לעבן פון די סאַנאַטאָריע-איינוווינער מיט זייערע אינ-טערעסן. מיר זעען פאַר זיך אויפריכטיקע און ליגנערישע, ערלעכע און פאַלשע, טראַגישע און קאָמישע, גליקלעכע און אומגליקלעכע. יע-דער איינער מיט זיין מזל און מיט זיינע אומגעריכטע גליקן און פאַטאַלע אומגליקן. די טאָראַהוסער סאַנאַטאָריע וואַקסט אויס שפּעטער אין אַ מין מיסטישער געביידע, אַ וועלט פול סודות און געהיימנישן. און דער סוף איז אַזאַ טראַגישער — אַלע קומען אום אומזיניק, טראַגיש. עס בלייבט נאָר לעבן דער „זעלבסטמערדער“, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך געקליבן צו נעמען זיך דאָס לעבן.

„דער מבול“ פון ה. בערגער, — אַ גרופּע מענטשן ערגעץ אין אַ ווינקל, וועמען עס דראָט איינגעשלונגען צו ווערן דורך אַ מבול. גע-ציילטע שעהן זענען פאַרבליבן, אַלץ אין דער וועלט איז ווייט, פרעמד, — שוין פון יענער זייט. מען לעבט און מען קאָן זיך אויסלעבן נאָר מיט אייגענע, געציילטע מענטשן, מען איז באַגרענעצט דורך אָרט און צייט. דער מענטש וויל אין די געציילטע שעהן וואָס-מער אריינכאַפּן, וואָס-מער איבערלעבן, גאָרנישט אַדורכלאָזן...

אויף אַן אַנדערן אייגנאַרטיקן אופן גיט ניקאָלאַי יעווערעינאָוו אין זיינע צוויי פאַרשידענע פּיעסעס „דער עיקר" און „די שיף פון צדיקים" די צוויי באַזונדערע וועלטעלעך, וועלכע ער שאַפט פאַר זיינע מענטשן. אַ ניי לעבן מיט אַ נייעם אינהאַלט. אין דער וואָכעדיקייט פון דעם אַלגעמיינעם לעבן וויל ער שאַפן יום-טוב. דער מענטש קאָן שפּילן אינם לעבן טעאַטער, אַרויפצייען אויף זיך אַ פאַרשענערט לעבן, אויס-קלויבן פאַר זיך שיינע ראָלן. אין צווייטן ווערק נעמט ער אויף צדיקים אויף אַ שיף, און דאָס קליין וועלטעלע, די שיף, איז סוף-כל-סוף נישט שענער ווי די גרויסע וועלט-שיף—די זעלבע חסרונות, די זעלבע באַרג-אַראָפּן. אַלץ ווערט דאָ געשאַפן לויט דער פאָרם און געשטאַלט פון דעם גרויסן לעבן. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ...

טאָמאַס מאַן האָט געפּרווט פאַנאַנדערצוּוויקלען דאָס ספּעציפישע סאַנאַטאָריע-לעבן אויפן צויבערבאַרג. אָבער דאָס איז נישט בלויז סאַ-נאַטאָריע-לעבן. די גאַנצע קולטור-וועלט מיט אַלע אירע פּראָבלעמען, וויטיקן און שאַפונגס-פריידן שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם לעבן פון דער סאַנאַטאָריע אויף דעם צויבערבאַרג. אין אָט דער קרענקלעכער אַטמאָספער לעבן די מענטשן פאַמעלעכער, אָבער טיפער. זיי נעמען אויף ליידנשאַפטלעך-קרענקלעך די פראַגן, וועלכע שוועבן אין דער לופט פון דער גרויסער, דרויסנדיקער וועלט. טאָמאַס מאַן האָט צו-נויפגענומען אין דער סאַנאַטאָריע עטלעכע קראַנקע מענטשן אויף עט-לעכע יאָר און זיך באַמיט אין זייערע געשפּרעכן און האַנדלונגען צו באַרירן אַלדאָס וויכטיקע, וואָס פאַרנעמט די מוחות פון דער „געזונטער" מענטשהייט. אין אָט דער סאַנאַטאָריע איז דאָ צייט און מעגלעכקייט פאַנאַנדערצוגלידערן ביז די קלענסטע טיילן אַלע די אידעען און פּראָבלעמען, וועלכע באַוועגן דאָס לעבן. די פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע וועלט וואַקסט קאָלאָסאַל אויס אין דעם קליינעם סאַנאַטאָריע-וועלטעלע. אַ שטיק יאָרהונדערט קומט אויף פאַר אונז אין די זיבן יאָר, וואָס קאַסטאָרפּ פאַלט אַריין אַזוי צופעליק אין אָט דער סאַנאַטאָריע-וועלט.

אַ מין מיניאַטור פון דער גרויסער וועלט איז אויך די פּיעסע פון וויקי באַום (און אויך איר ראָמאַן) „מענטשן אין האָטעל". אַ גע-וויינלעכער גרויסשטאָטישער האָטעל „גראַנד האָטעל", און אין עטלעכע נומערן און אין לויף פון עטלעכע טעג שפּילט זיך אָפּ אַ שטיק לעבן פון אַ גרויסער וועלט. דער האָטעל איז דאָ בבחינת די גאַנצע וועלט:

מענטשן קומען, מענטשן גייען אַוועק, און דער האָטעל בלייבט שטיין. נומערן באַפרייען זיך, נומערן ווערן גלייך פֿאַרדינגען. דער דאָקטאָר, וואָס איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין קריג, לעבט איבער אַלעמען, אַלע האָטעל-געסט. ער וואַרט אויף עפּעס אַ ידיעה, וואָס קיינער ווייסט ניִשט, פֿון וואַנעט זי דאַרף קומען. און ער פֿאַרבלייבט אויך אויף ווייטער וואַרטן אויף דעם בריוו אָדער טעלעגראַם. פֿאַר די פּאָר טעג, וואָס די האַנדלונג ציט זיך, האָבן מיר פֿאַרשיידענע פּאַסירונגען, מענטשן מיט גרויסע האָפֿענונגען, און מענטשן אָפּגעשפּילטע, סענטימענטאַלע און ניכטערע, באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ,—הכלל אַ מין קורצער „תיקון שבועות", אין וועלכן די גאַנצע לעבנס-תּורה איז געגעבן שטיקלעכווייז, אָנהויבן און סופֿן, פֿון וועלכע מען קאָן באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן לעבן. דער קהלת-מאָטיוו פֿון „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין", און „נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון"—איז דאָ געגעבן אין אַ לייכטער, פּיקאַנטער פֿאָרם... דער גראַנד האָטעל—משל למה הדבר דומה: צו דעם גאַנצן היינטצייטיקן לעבן, ווו מען וויל אין אַ פּאָר טעג אַריינכאַפּן וואָס-מער, און די פּאָר טעג זענען ווי צענדליקער יאָרן, וואָס אַ מענטש האָט זיך צייט אָפּצוּוווינען אין דעם וועלטס-נומערל...

אַמאָל האָט מען געזאָגט: ווילסטו דעם דיכטער קענען, מוזטו גיין אין זיין לאַנד. און ווי דעם דיכטער, אַזוי אויך דעם מענטש, וואָס שאַפֿט זיך זיין לעבנס-ווערק, האָט מען אַמאָל געקאָנט לערנען בלויז אין זיין היים, אין זיין סביבה, אויף זיין באָדן, צווישן זיינע אַרומיקע, אין זיין אייגענעם לעבנס שטייגער. איצט פֿאַרשטייען אייניקע קינסטלער אַנדערש: ווילסטו דעם מענטשן קענען, דאַרפֿסטו אים ווייזן ניִשט אין דער גרויסער, טומלדיקער וועלט, וואָס פֿאַרדרייט אים אין איר מעכטיקן געווירבל פֿון שאַבלאָנען, געוווינהייטן, טראַדיציעס און געזעצן, נאָר אדרבא—מען נעמט דעם מענטש אין אַ באַזונדער וועלטל, אין אַן אָפּגעזונדערטער סאַנאַטאָריע, האָטעל אָדער שיף,— ווו מען קאָן זען דעם מענטש פֿולער, אינטערעסאַנטער, בולטער.

1932

חלמא טבא חזיתא!

מ. ניימאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין „היינט" אַן אַרטיקל „ווען איצט באַווייזט זיך אַ נייער שלום אַש", אין וועלכן ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אויף וויפיל אַמאָל, צוריק מיט יאָרן, איז געווען אַ בעסערע און גינסטיקערע אַטמאָספער פאַר דעם פאַנאַנדערוווקס און אַנטוויקלונג פון אַ טאַלענט, ווי איצט. חלמא טבא חזיתא! — י. מ. ניימאַן! דער פאַרגלייך און די כאַראַקטעריסטיק פון אַמאָל און איצט זענען לחלוטין נישט ריכטיק. מיטאַמאָל האָט י. מ. ניימאַן אינגאַנצן פאַרגעסן דאָס נישטיקע, אָרעמע, אומווירדיקע לעבן פון אַ יידישן שרייבער אין די פאַרגאַנגענע צייטן. ער רעדט וועגן דעם ממש ווי דער דור-המדבר: „זכרנו את הדגה" אין דעם ליב הארציקן מצרים.

אַמאָל איז אַלץ געווען ווויל און גינסטיק פאַר דעם יונגן שרייבער, ער האָט אויף זיין אַנטוויקלונגס-וועג געפונען בלויז ליב-שאַפט, פאַרשטענדעניש, פאַראינטערעסירונג, רויזן, און איצט — פאַר-שלאָסענע טירן, פאַרפרעמדקייט, גלייכגילטיקייט, דערנער.

לאָמיר טאַקע אַביסל אַ בלעטער טון אין דער געשיכטע פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע צענדליק יאָרן, און זען, ווי די געזעלשאַפט, די קולטור-אינסטיטוציעס און די אַרומיקע שרייבער-משפחה האָט זיך אַמאָל באַצויגן צו אַ יידישן שרייבער, אים מיטגעהאָלפן אין זיינע שעפערישע אַרבעטן און פאַרגרינגערט אים דאָס לעבן און שאַפן.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט דער קאָמיטעט פון „מפיצי השכלה" אין פעטערבורג אָפגעוואָרפן די השתדלות פון אָנגעזעענע מיטגלידער מיט-צוהעלפן אַרויסצוגעבן אַלע יידישע ווערק פון דעם באַוווסטן ישראל אקסענפעלד, אָפקויפן זיי פאַר 400 רובל. די ווערק זענען טאַקע נישט דערשינען, דער גרעסטער טייל איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. צווישן י. אקסענפעלדס פאַרערער, וואָס האָבן געוואָלט אויספועלן די שטיצע, זענען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, ווי אָסיפ

ראַבינאָוויטש (רעדאַקטאָר פון „ראַזסוועט"), לעווינזאָן, ד"ר ל. פינסקער. אַזאַ ליבע באַציִונג איז געווען ביי די אַמאָליקע פּעטערבורגער טוער צו אַ יידישן שרייבער!..

עס איז אויך באַקאַנט, וויפיל צרות ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענ־דעלע מוכר־ספרים) האָט געהאַט פון דער זעלבער „מפיצי־השכלה" מיט זיין העברעיִשער איבערזעצונג פון אילאָוואַיסקיס „געשיכטע פון רוסישן פאָלק". אַזוי ווי מענדעלע האָט זיך דערלויבט אַריינצוטראָגן אייניקע אויסבעסערונגען אין דער „קאַזיאָנער" געשיכטע, האָט מען דאָס בוך פאַרבראַקירט.

און ווי האָבן רעאַגירט די פּעטערבורגער רעדלפירער, ווען מען האָט אין פּעטערבורג לויט אַ מיאוסער מסירה אַרעסטירט דעם באַוווּסטן העברעיִשן דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן, וועלכער האָט גלייכצייטיק דערפילט די פליכטן פון אַ סעקרעטאַר פון דער פּעטערבורגער יידי־שער קהלה און אויך פון דער חברה „מפיצי־השכלה"? קיינער פון דער „פּני" האָט נישט געפּרוווט עפּעס צו טון, כדי צו באַפרייען דעם דיכטער מיט זיין פרוי. יל"ג האָט אָט די קאַלטע גלייכגילטיקע באַציִונג צו אים אין דער עת־צרה קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן. און ווען ער איז נאָך עטלעכע חדשים תּפיסה און פאַרשיקונג צוריקגעקומען, האָט ער אַפילו געטראָפן זיינע ביידע אַמטן באַזעצט. לייענט אַדורך יל"גס זכרונות און לידער פון יענער צייט, וועט איר זען די „אַכטונג" צו אַ שריפטשטעלער אין יענע צייטן.

וויפיל, למשל, האָט זיך שלום עליכם אין זיינע ערשטע ליטע־ראַרישע יאָרן אָנגעליטן פון זיין „רעדאַקטאָר" אין פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", ישראל לעווי, וועלכער פלעגט צוליב זיין אומגעלומ־פּערטער שנאה צו יידיש („זשאַרגאָן"), אַריינשטעלן אין שלום עליכמס ווערק ווילדע פראַזעס, און דערנאָך אויפוואַרפן זיי שלום עליכמען אין די רעצענזיעס, וואָס ער פלעגט דרוקן אין זיין אייגענער צייטונג. אונטער דער רעדאַקציע פון אָט דעם „משוגענעם לעווי" האָט שלום־עליכם געמאַכט זיינע ערשטע שריט.

און סאַך אַ ליבע און פריינטלעכע באַציִונגען עס האָבן אַמאָל געהערשט צווישן די עלטערע יידישע שרייבער, — ווייסן מיר אויך גאָר אַנדערע פאַקטן. יעקב דינעזאָן, די שטילע ערלעכע טויבּ, איז אין די יאָרן 1891—1892 געווען אין קיעוו און זיך דאָרט באַקאַנט מיט די דאָרטיקע העברעיִש־יידישע שריפטשטעלער, און ער האָט דער־

נאָך געשריבן אין אַ בריוו, אַז „ער פאַרשעלט דעם טאָג, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין זייערע ד׳ אַמות״. און דאָרט זענען געווען אַזעלכע שרייבער, ווי יהל״ל, מ. א. שאַצקעס, י. י. ווייסבערג, אלעזר שולמאַן, מ. מ. דאַליצקי און אַנדערע.

גאָר אַ באַזונדער בלעטל און זייער אַ טשעקאַווס און רייך מיט שאַרפע ווערטער, אָנפאַלן און סכסוכים זענען די באַציִונגען פון שלום-עליכם און פרץ, — אַ קריג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שיינע עטלעכע יאָר. גראָד דער גוטמוטיקער שלום-עליכם איז ביי יעדער געלעגנהייט אָנגעפאַלן אויף פרצן מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן סיי אין אַרטיקלען, סיי אין פּערזענלעכע בריוו. אַ צוואַנציק יאָר האָט שלום-עליכם אין פרצעס ד׳ אַמות נישט געוואָלט שטיין.

נאָך אָנגעצויגענער און פאַרביטערטער זענען געווען די באַציִונגען פון פרץ און פרישמאַן. אין לויף פון פיל יאָרן האָט פרישמאַן נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט נישט אָנצופאַלן אויף פרצן. פרישמאַן האָט אַרויסגעלאָזט ספּעציעלע זאַמלונג-פּאַמפלעטן, „לאָקשן״ און „פלוי אויף תשעה-באָב״, באַשולדיקט פרצן אָפן אין פּלאַגיאַט און אַזוי ווייטער.

י. מ. ניימאַן דערמאָנט צום גוטן די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרישע גמינע, און ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק, ווי אַט די זעלבע גמינע האָט זיך באַצויגן צו פרצן, — צו איר לאַנגיאָריקן „ראַכמיסטער״ און „געשעפטספירער״. זי האָט אים געהאַלטן אין פעסטע קייטן, אים זעלטן באַפרייט, אים נישט געגעבן אָפּטמאָל קיין מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אויף אַ פּאָר טעג אויף אַ פאַרלעזונג, פאַרלאַנגט פון אים דאָקטאָר-צייגנישן ביי אַ פאַרקילונג אָדער קרענק, און לסוף אַפילו נישט באַערט מיט איר ביייזיין פרצעס לוויה, אויף וועלכער עס זענען געווען פאָרשטייער פון די פאַרשיידנסטע יידישע אינסטיטוציעס. אַפילו דער טרויער-פּראָטאָקאָל פון דער גמינע-זיצונג נאָך פרצעס טויט איז אָנגעשריבן יעזואיטיש — עס איז געשטאָרבן, שטייט דאָרטן פאַרצייכנט, — דער „געשעפטספירער ל. פרץ״ און מער גאָרנישט.

און איך וואָלט געראָטן י. מ. ניימאַנען, ער זאָל זיך באַקענען נעענטער מיט אַ מעשה וועגן דעם העברעיִשן שריפטשטעלער פסח רודערמאַן, וועלכער איז פּלוצים געשטאָרבן אין וואַרשע, און די וואַרשעווער גמינע האָט אים, ווי עפּעס אַ נחית-דרגא, אַ ליטוואַק, אָפּגעגעבן אַ קרקע אויף פּראַגע. עס האָבן זיך אין דעם ענין אַריינגעמישט

יעקב דינעזאָן, שפ״ר, און מען האָט נישט געפֿועלט. נאָר די אינטערווענץ פֿון דעם באַוווּסטן אַדוואָקאַט ישראל יאַסינאָווסקי האָט געווירקט און מען האָט „באַוויליקט״ אָפּגעבן פֿאַרן נפטר אַ פּאָר איילן ערד אויפֿן וואַרשעווער בית-עלמין.

און איצט, לאָמיר אַריבער צו די יאָרן, ווען שלום אַש איז אַריינגעטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור. איז דאַן אין די יאָרן 1900 און אַ פּאָר יאָר פֿריער און שפּעטער, געווען אַזאַ אידיליע און אַזוי גינסטיק פֿאַר אַן אָנפֿאַנגער אַרויסצורוקן זיך, ווי איצט?

דאַן איז אין דעם גאַנצן געוועזענעם רוסלאַנד נישט געווען קיין איין ציַיטונג, קיין איין צייטשריפֿט אין יידיש. דערמאָנט זיך: „דער פֿריינד״ (די ערשטע יידישע טאָג-צייטונג) האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען ערשט אין 1903. דער פֿאַנאַנדערוווּקס פֿון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד און אין פּוילן הויבט זיך ערשט אין 1905—1906. ווען איז גרינגער געווען פֿאַר אַן אָנפֿאַנגער צו קומען צום וואָרט, דאַן אָדער איצט, ווען אויף דער טעריטאָריע פֿון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד דערשיינען איצט אַ דרייסיק טאָגבלעטער, א הונדערט וואָכנבלעטער, אויסער זשורנאַלן, זאַמלביכער, זאַמלונגען און אַזוי ווייטער. י. מ. ניימאַנס ווערטער, אַז דער „נייער טאַלענט, דער נייער שלום אַש, אויף וועלכן אַלע וועלן טייטלען מיט די פֿינגער מיט שטאָלץ: דאָס איז אונזער טאַלענט, וועט נישט האָבן איצט וווּ צו דרוקן״, — זענען באמת נאָר „לתפארת המליצה״. „די צייטונגען — שרייבט ער — וועלן זיין פֿאַרמאַכט פֿאַרן נייעם טאַלענט. אַלץ איז באַזעצט!״ איז עס דען ריכטיק? ווערן דען נישט געזוכט קיין גוטע לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען דורך די צייטונגען,—און ווערן זיי דען גערן נישט אויפֿגענומען און גוט באַצאָלט און ווערן זיי דען ספּעציעל נישט באַשטעלט?

און אין זיין „חלומען אויף דער וואָר״ וועגן די „אַמאָליקע גוטע ציַיטן״ פֿאַנטאַזירט י. מ. ניימאַן וועגן „דער ליבשאַפֿט, מיט וועלכער מ׳האָט אַמאָל אויפֿגענומען יעדן נייעם טאַלענט״. איך וואָלט טאַקע געבעטן י. מ. ניימאַן, ער זאָל מיר אָנווייזן די וואַרעמע, האַרציקע אַרטיקלען אַפֿילו וועגן דעם זעלבן שלום אַש, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו באַווייזן זיך צוריק מיט דרייסיק יאָר און נישט איצט. עפּעס געדענקט זיך מיר גאָרנישט, אַז דוד פֿרישמאַן אָדער ה. ד. נאָמבערג אָדער אַפֿילו פּרץ זאָלן האָבן געשריבן וועגן שלום אַשן (פּרץ האָט אָנגעשריבן וועגן שלום אַש אַ קליין אַרטיקעלע ערשט אין 1907, ווען די

וועלט האָט שוין געוואוסט מיט דעם דיכטער־דראַמאַטורג). און אַפילו „דער יוד", ווו שלום אַש האָט אין 1900 און אין 1901 אָפּגעדרוקט שוין אַ צען זאַכן, האָט נאָך אין זיין פּראָספּעקט סוף יאָר 1901 נישט דערמאָנט נאָך שלום אַשן צווישן זיינע קנאַפּע הונדערט מיטאַרבעטער, צווישן וועלכע עס זענען געווען וויניק־באַדייטנדיקע שרייבער.

און ווערט דען איצט נישט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און פריינטלעכסטע אַרטיקלען יעדעס ווערק, וואָס האָט נאָר עפּעס־וואָס פּאָזיטיווס, צוזאָגנדיקס? לאָמיר נאָר אַדורכמישן די רעצענזיעס־אַר־טיקלען וועגן די יונגע און יינגסטע הייגטצייטיקע יידישע דיכטער און דערציילער, — וועלן מיר זיך אָנטרעפן אויף אָן אַ שיעור וואַרעמ־קייט, פּיעטעט, אויפריכטיקער באַהאַרציקייט.

און וועגן דעם „השלח", — איך בין געווען אַ קורא־ותיק פון דעם „השלח", און איך געדענק עפּעס נישט, אַז אין „השלח" זאָל מען זיך אַזוי באַגייסטערן און פרייען מיט די שרייבער און זייערע ווערק אין יידיש. וויפיל אַרטיקלען, רעצענזיעס זענען דאָרט אין משך פון אַ צוויי־צענדליק יאָרן געווען געדרוקט וועגן דער יידישער ליטע־ראַטור און אירע ווערק? איך גלויב, אַז מיר וועלן אויף די פינגער פון איין האַנט זיי קאָנען אויפציילן.

און זעט: אַ בונדישער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" דרוקט די עכט־נאַציאָנאַלע (פון זייער שטאַנדפונקט ענג־נאַציאָנאַליסטישע) ווערק פון שלום אַש, שמעון דובנאָוו, ד"ר יצחק שיפּער, ה. ד. נאָמבערג און אַנדערע. איז וואָס ווילט איר נאָך?

יאָ, אויף וואָס מיר וועלן זיך צונויפגיין—איז אויף דער מאָדנער גלייכגילטיקער, איגנאָרירנדיקער באַציִונג פונם תל־אביבער „מאזנים" צו דער יידישער ליטעראַטור, — אין אין „מאזנים" זיצן דאָך אַזעלכע יידישע שרייבער, ווי ח. נ. ביאַליק, יעקב פיכמאַן, פישל לאַכאָ־ווער און אַנדערע, וועלכע האָבן דאָך אַ פּאָזיטיווע און פריינטלעכע באַציִונג צו יידיש און צו איר ליטעראַטור. און איך בין אויך מסכים מיט אייך וועגן דער טאָפּלטער ראָלע, דער קאַץ־און מויז־שפּיל, וואָס די פּוילישע שרייבער שפּילן מיט דער יידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער.

און וואָס נאָך — וועגן דער הבל־הבלימדיקייט און נישטיקן ביטול, וואָס עס הערשט אין אונזערע ליטעראַרישע קרייזן. — אָט

וועגן דעם דאַרף מען רעדן און רעדן טאַקע אָפטער און קלאָרע דיבורים. דאָס איז אַן ערנסטע און מיאוסע חולאת, וואָס קעגן איר דאַרפן מיר אַלע נישט אויפהערן צו קעמפן.

און שלום אַש גופא, וואָס פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין אונזער ליטעראַטור און לעבן, קאָן דאָ גראָד זייער פיל טון און אויפטון.

אָבער דאָס איז שוין אַ טעמע פאַר זיך.

צוליב וואָס זאָלן מיר זיך פאַרקוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט און זען דאָרט נישט-געשטויגענע, נישט-געפלויגענע זאַכן, לאָמיר בעסער טאַקע אַ שמועס טון קלאָרע דיבורים וועגן אונזער היינטיקער ליטעראַרישער אַטמאָספער אַן אָנווייזן אויף ערנסטע בלויזן אין די שרייבערישע קרייזן.

1932

א פראגע, וואס דארף געשטעלט ווערן

געוועזן צייטן, ווען די יידישע און העברעישע ליטעראטורן זענען געווען ווי קינדער פון איין טאטע-מאמע. זיי זענען געבוירן, געוואקסן און זיך אנטוויקלט כמעט ביי איין און די זעלבע באדינגונגען, אין איין סביבה און ביי די זעלבע לערער-מלמדים. אפטמאל, אין יונגן עלטער, זענען זיי געווען גאר שטארק ענלעך איינער אויף דעם צווייטן, ממש ווי א פארל. און עס איז אפילו פאר א זייטיקן שווער געווען צו פאנאנדערקלייבן זיך, ווער איז דער און ווער איז יענער. אזביידע האבן זיי געלעבט מיט די אינטערעסן פון דער איין שטוב און מיט די איינדרוקן פון זייער איין היים, עלטערן און ארומיקע. שפעטער האט זיך אנגעהויבן פון יעדן איינעם אויסצופארמירן א באזונדערער טיפ, מיט באזונדערע אייגנשאפטן, מיט א באזונדערן טעמפעראמענט, מיט באזונדערע אינטערעסן. איז איינער געווען פארטון בעיקר אין הימל-זאכן, געלעבט מער מיט חיי-עולם און פארזען די ארומיקע, ממשותדיקע ווירקלעכקייט, און דער צווייטער, פארקערט, האט זיך מער אינטערעסירט מיט דער ארומיקייט, געהאט פאר זיך מער קאנקרעטע, מאטעריעלע פריידן און ליידן. אבער אזוי ווי ביידע האבן געלעבט אין איין אטמאספער און געווען ארומגערינגלט מיט די זעלבע אינטערעסן, מענטשן און איינדרוקן, האבן זיי אפטמאל איבערגעחזרט, נאכגעזאגט איינער די ווערטער פון דעם צווייטן. נאך שפעטער, ווען די צוויי קינדער זענען אויפגעוואקסן, זיך צעגאנגען אין פארשיידענע וועלטן, זענען זיי אינגאנצן פארפרעמדט געווארן צווישן זיך און אויפגעהערט צו פארשטיין איינער דעם צווייטן, ווי ווילד-פרעמדע, ווי נישט איין מוטער וואלט זיי געהאט.

דאס איז דער משל, און דער נמשל איז גאר א פשוטער.

לאמיר אויפנעמען אין אונזער זכרון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר אין דער געשיכטע פון דער יידישער און העברעישער ליטע

ראַטורן... מיר וועלן זיך גלייך אָנטרעפן אויף די באַציִונגען פון דיביידע שוועסטער-ליטעראַטורן, וועלכע דערמאָנען שטאַרק אָן דער געשיכטע פון די קינדער אין דעם אויבנגעבראַכטן משל. געווען צייטן, ווען די יידישע און העברעיִשע ליטעראַטורן זענען געווען צווייגן פון איין שטאַם. אָדער צוויי ענלעכע שטאַמען, וואָס וואַרצלען אין איין באָדן. האָבן דאָך אַ ריי יידישע שרייבער געשריבן גלייכצייטיק און מיט דער זעלבער אָדער כמעט זעלבער ליבע יידיש און העברעיִש. אָדער געשריבן איין און זעלבן ווערק פריער אין יידיש און דערנאָך אין העברעיִש, אָדער פאַרקערט. געווען אויך פאַלן, ווען אַ ווערק פון אַ שרייבער, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין איינע פון די צוויי שפראַכן, האָט געפונען דעם תיקון גראָד אין דער צווייטער שפראַך, אויף וועלכער דער שרייבער גופא האָט דאָס ווערק דערנאָך איבערגעזעצט. עס זענען אויך געווען אייניקע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט טיילווייז אין איין שפראַך, און געשאַפן אין איר אַזעלכע ווערק, וועלכע זענען נעענטער, פּאַסיקער, אָרגאַנישער מיט אָט דער שפראַך, און טיילווייז האָבן זיי געשריבן אַנדערע ווערק אין דער צווייטער שפראַך, און זיך אויסגעלעבט דאָן מיט די איבערלעבענישן, שטימונגען, מאָטיוון, וועלכע זענען מער נעענטער צו יענער שפראַך. פאַר איינע איז יידיש געווען בלויז די „שיחת-חולין"-שפראַך. פאַר אַנדערע — איז העברעיִש געווען אַ פרעמדע, זייטיקע שפראַך. פיל שרייבער האָבן זייערע ווערק געלאָזט שרייבן אין ביידע שפראַכן, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם כאַראַקטער, סטיל, אייגנאַרט פון דער שפראַך. עס איז באַקאַנט, אַז מיכה-יוסף בערדיטשעווסקי איז זייער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אָט די שרייבער, וועלכע „ניצעווען איבער" זייערע ווערק פון איין שפראַך אויף דער אַנדערער. „איר פאַרשטייט— שרייבט וועגן דעם בערדיטשעווסקי — דער עצם פון אַ לשון איז נישט בלויז דער לבוש, נאָר טאַקע דער עצם, און אַז איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך געזאָגט: דער עצם לשון-קודש און דער עצם יידיש איז ווי אַ זכר מיט אַ נקבה. אַ מיידל אַפילו, אַז זי טוט זיך אָן אין יונגלשע קליידער, בלייבט אַ מיידל, און אַ יונגל, וואָס טוט זיך אָן אין מיידלשע קליידער, בלייבט אַ יונגל, און אַ חוץ דעם איז מען נאָך עובר אויף אַן עבירה!... אַז איינער קומט צו מיר און גיט מיר אַ זאַך, וואָס תחילת האָט ער זי געשריבן אויף יידיש און אַצינד איז דאָס אויף לשון-קודש, איז ער ביי מיר גלייך, ווי איינער, וואָס

נעמט אַ קופּערנע מטבע און פאַרזילבערט זי... איך זאָג נישט, אַז זילבער איז חשובער פון קופּער. אָבער איך וויל, אַז קופּער זאָל שטענדיק בלייבן קופּער און זאָל זיך נישט פאָרשטעלן פאַר זילבער״...

אַוודאי און אוודאי איז געווען אינגאַנצן נאַטירלעך דער ווייטער־דיקער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור און דער ווייטערדיקער וועג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועגן וועלכע ציען אין אַנדערע זייטן, אין אַנדערע ריכטונגען, וועגן, וועלכע קרייצן זיך זעלטן. מעגן אַנדערע זיין דערפון נישט צופרידן, אָבער דער גאַנג פון לעבן האָט אַזוי געפירט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט זיך געשפּייזט פון איינע קוועלן, און די העברעיִשע — פון אַנדערע. זענען דעריבער מיט דער צייט אויסגעוואַקסן יידישע שרייבער, וואָס קאָנען אינגאַנצן נישט קיין העברעיִש, און אַזוי אויך — העברעיִשע, וועלכע טרעפן זיך כמעט נישט מיט דער יידישער ליטעראַטור.

לאָמיר איצט לאָזן אָן אַ זייט די שפּראַכן־פראַגע. מיר רעדן איצט בלויז וועגן די ביידע ליטעראַטורן, וועלכע זענען די לעצטע יאָרן גאָר אַנדערע, פאַרפרעמדטע צווישן זיך. דאָס רוב זענען עס גאָר אַנדערע שרייבער, די יידישע און העברעיִשע. נאָר אַ קליינעם טייל פון די יידישע שרייבער טרעפן מיר איצט אין די העברעיִשע אויסגאַבן, און אַזוי זעלטן טרעפן מיר די העברעיִשע שריפטשטעלער אין די יידישע צייטשריפטן. ממש צוויי באַזונדערע אומות, מיט צוויי באַזונדערע ליטעראַטורן, מיט באַזונדערע סיטואַציעס, מאָטיוון, פּראָבלעמען און מיט באַזונדערע מאַנירן פון שרייבן. און דאָס איז דאָך געשאַפן געוואָרן בלויז אין לויף פון אַ 15—20 יאָר.

דאָס איז אַ פאַקט, וועלכן מען קאָן נישט פאַרלייקענען, און וועלכן מיר מוזן קאָנסטאַטירן.

אָבער אינטערעסאַנט איז אָט־וואָס.

אין די ביידע ליטעראַטורן, סיי אין דער יידישער, סיי אין דער העברעיִשער, ווערן די לעצטע יאָרן געדרוקט זייער פיל איבער־זעצונגען... פון די בעלעטריסטישע ווערק — איבער פופציק פּראָצענט איבערזעצונגען. עס ווערן איבערגעזעצט אין יידיש און אין העברעיִש פון די פאַרשיידנסטע שפּראַכן, — פון דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, רוסיש, פּויליש, נאָרוועגיש, שוועדיש און נאָך און נאָך שפּראַכן, און ס׳ווערן איבערגעזעצט נישט־נאָר ווערק פון קלאַסיקער, נאָר אויך פון גאַנץ געוויינלעכע, מיטלמעסיקע שרייבער. נעמט

נאָר דעם ערשטן בעסטן יידישן קאַטאַלאָג, אָדער העברעיִשן, און איר וועט זען, ווער איז די לעצטע פאַר יאָר אין יידיש און העברעיִש נישט איבערגעזעצט געוואָרן.

פרעגט זיך, פאַרוואָס איז נישטאָ קיין אינטערעס אין יידיש פאַר די העברעיִשע שרייבער און זייערע ווערק, — זיי זאָלן געגעבן ווערן פאַר דעם יידיש-לעזער, וואָס לייענט נישט קיין העברעיִש, און פאַרוואָס איז נישטאָ קיין ווילן איבערצוזעצן אין העברעיִש די וויכ־טיקסטע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר די העברעיִשע לעזער, וועלכע לייענען נישט קיין יידיש.

אַ פראַגע, וואָס דאַרף געשטעלט ווערן!

1932

ווייען און פּלאָגן אינם יידישן טעאַטער

1. זיין מאַיעסטעט — דער אַפיש

דאָס יידישע טעאַטער האָט אויסצושטיין פיל צרות נישט-נאָר פון אויסן, נאָר אויך פון אינעווייניק. אויב עס געלונגט אָפט גובר צו זיין די דרויסנדיקע רדיפות, בלייבט צו ליידן זייער פיל פון די אינעווייניקסטע ווייען און פּלאָגן, וועלכע זענען אָפט נישט ווייניקער שעדלעך ווי די דרויסנדיקע. אָט די אינעווייניקסטע ווייען און וווּנדן ברענגען אָן אַ שיעור שאָדן דעם יידישן טעאַטער, און נישט איינמאָל מאַכן זיי אַ תל פון דעם, וואָס ווערט געבויט דורך אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג.

אויף שריט און טריט קומט אויס אָנצושטויסן זיך אויף אָט די שטרויכלונגען, וועלכע מאַכן אוממעגלעך דאָס נאַטירלעכע, פרידלעכע לעבן און צוזאַמענאַרבעט אינם טעאַטער.

אויך דער נישט-יידישער אַקטיאָר איז אַמביציעז, שטאַרק-עמפינדלעך און איז גרייט פאַר אַ קליינקייט אַרויס פון די כּלים. אָבער עס איז גאָרנישט צו פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין דער היינזיכט. דאָרט איז דאָך פאַראַן אַ דיסציפּלין, אַ נאָרמע, וואָס איז איינגעשטעלט דורך די אונטערנעמער, דורך די דירעקציעס, וועלכע קאָנען זיך שטעלן אָפטמאָל העכער פון די אַמביציעס פון די איינצלנע אַקטיאָרן, ווייל זיי האָבן פאַרן אויג דאָס גאַנצע טעאַטער. וויפל מען לייגט נישט קיין אַכט, ביי זיך, צווישן די פיר ווענט, אויף די אָנגעזעענערע אַרטיסטן, אָבער פאַר דעם פּובליקום איז אַלעמאָל דאָ דער אַנסאַמבל, איבערהויפּט אין דער נאָרמאַלער סעזאָן-צייט פונם שפּילן. די טעאַטערן שפּילן גאַנצע פּיעסעס, אין יעדער פּיעסע ווערן אַרויסגערוקט פאַרשיידענע אַקטיאָרן, וועלכע באַווייזן צו שאַפן פיינע געשטאַלטן. די דירעקציע נישטערט און זוכט בעיקר פּיעסעס, זי קריגט די פּאַסיקע אַרטיסטן און רעזשיסערן און קינסטלער-דעקאָראַטאָרן פאַר זיי; און אַלע צוזאַמען האָבן עס די אויפגאַבע צו שאַפן

א ספעקטאקל. ערשט אין פראצעס פון דער ארבעט רוקט זיך ארויס דער אקטיאר אדער די אקטיארן. דער אקטיאר איז דער מיט שותף אין דער סצענישער שאפונגס-ארבעט, ער טראגט אריין זיין טייל, אפט-מאל א גרויסן טייל, אין דעם ספעקטאקל, און זעלבסטפארשטענדלעך, אז די אלע מיטשותפים זענען גלייכבארעכטיקט אויסגערעכנט צו ווערן אויף דעם אפיש און אין פראגראם, לויט אן אנגענומענעם סדר, און מיט געוויינלעכער שריפט. אזוי פירט זיך עס ביי לייטן! נאר אין אויסערגעוויינלעכע פאלן, ביי גאסטראלן, בלויז דאן ווערט געמאכט אן אויסנאם (און דאס אויך זייער זעלטן!), און איין ארטיסט ווערט ספעציעל אנאנסירט, און זיין נאמען ווערט אויף דעם אפיש ספעציעל אויסגעטיילט, — אבער דאס אויך אן קיינע ספעציעלע עפיטעטן און גוזמאדיקע ביינעמען.

אבער גאר-גאר אנדערש איז די לאגע ביי אונז, אינם יידישן טעאטער. ביי אונז גילטן גאר אנדערע געזעצן, מנהגים, טראדיציעס. און אט די טראדיציעס האבן זיך אזוי איינגעגעסן, כ'וואלט געזאגט — איינגעפרעסן אין אונזער טעאטער-ארגאניזם, אז זיי האבן אים לחלוטין צעפרעסן און צעשעדיקט.

גיין אויסדערציילן און באשרייבן אט די אלע נארישע, ניש-טיקע געוויינהייטן און געזעצן — הייסט שילדערן אין דער גאנצער ברייט און טיף דעם אומנארמאלן צושטאנד פון אונזער טעאטער. עס וואלט ארויסגעקומען א גאר-אייגנארטיקער טעאטער-שולחן-ערוך, וואס האט גאר זיין גלייכן נישט ביי די אומות. עס וואלט ארויסגעקומען אן אמתער קוריאזן-בוך, און מענטשן מיטן שכל-הישר וואלטן גארנישט גע-גלויבט. זיי וואלטן געמיינט, אז עס איז „פיין צוגעטראכט" דורך א בריה א הומאריסט, ווי די הומאריסטישע „מסכתות". אבער אונזער „מסכתא יידיש טעאטער" איז, ליידער, נישט צוגעטראכט און נישט פארפאסט דורך א וויצלער צום לאכן, נאר אן אמתדיקע,ווירקלעכע.

„א שקא דריספיק חרוב ביתר" — צוליב אן אקס פון א וואגן איז אמאל חרוב געווארן גאנץ ביתר, — און צוליב דעם אפיש איז נישט איין יידישע טרופע צעפאלן געווארן. עס וואלט געווען א טשעקאווע טעמע אנצושרייבן א גרויס ווערק אין עטלעכע בענדער — וועגן דער ראלע פון דעם אפיש אין דער געשיכטע פונם יידישן טעאטער. מען וואלט דערביי געקאנט ברענגען אן א שיעור אויסטערלישע, ממש-אומ-גלויבלעכע פאקטן, וואס וואלטן אויסגעזען ווי קונציק-צוגעטראכטע

אַנעקדאָטן. יעדער טעאַטער־טוּער האָט אַ גאַנץ פּעקל אַזעלכע מעשׂיות, וואָס איינע איז טשעקאַווער פאַר דער אַנדערער. ערשט די לעצטע וואָכן איז זיך „פאַנאַנדערגעגאַנגען" אַ קליינער אַנסאַמבל צוליב דעם אַפיש. ווער זאָל שטיין דער ערשטער אָדער די ערשטע? לויטן אַלף־בית! — טענהט די, וועלכע איז „פון דער נאַטור" באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ גליקלעכן נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן אות, וועלכער איז אינם אַלף־בית פון די ערשטע. ניין! — טענהט דער אומגליקלע־כער, וואָס איז פאַרשאָלטן מיט אַ נאָמען, וואָס זיין ערשטער אות איז פון די שפּעטערדיקע אינם אַלף־בית. — „ניין און ניין!" ער האָט שוין די חזקה צו שטיין דער ערשטער. און אַזוי ווי אין פּוילישן אַלף־בית קומט אויס די פאַמיליע פונם אומגליקלעכן פריער, לייגט מען פאָר אַזאַ פּשרה: „אין פּוילישן דו פריער, שפּעטער—איך, און אין יידישן— איך פריער, שפּעטער דו!" — „ניין!" „איז ביידע נעמען אין איין שורה!" „ניין!" נאָך עטלעכע טעג אַמפּערן זיך ווערט געבוירן אַזאַ „געניאַלער" איינפאַל — צו שטעלן די צוויי פאַמיליעס אין פאָרם פון אַ X. דאַן וועט שוין זיין קיין מוקדם ומאוחר! „אויך נישט!" און דער סוף — דער אַנסאַמבל, וועלכער האָט געהאַט אַלע שאַנסן צו שפּילן מיט דערפאָלג, איז זיך צעפאַלן!

קאָמישער און טראַגישער איז געווען דער קריג צווישן צוויי גאָר־אָנגעזעענע יידישע אַרטיסטן טאַקע דאָ אין וואַרשע אין גאָר אַ גרויסן טעאַטער (אַגב, ביידע אָנגעזעענע דאַן מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פונם אַרטיסטן־פאַריין!). מען האָט געגרייט אַ פּיעסע אַ לענגערע צייט, מען האָט אַריינגעבראַכט פיל געלט, געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, און אָט — מען קומט שוין נאָענט צו דער פּרעמיערע. עס ווערט געדרוקט דער אַפיש. דער דירעקטאָר, נאָך אַ קנאַפּער „בקי" אין יידישע טעאַטער־ענינים, האָט געלאָזט מאַכן דעם אַפיש, ווי ביי לייטן. און ווי דער אַפיש האָט זיך באַוויזן, דערוויייל אינם פאָיע פונם טעאַטער, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקער שטורם, וואָס האָט שיעור־שיעור נישט אומגעבראַכט אַלץ־מיט־אַן־אַנדער. וויפל בייז בלוט האָט מען זיך פאַרשאַפט, וויפל קריגערייען, און חוכא־וטלולא פאַר לייטן! די פאַרשיידנסטע קאָמבינאַציעס זענען געמאַכט געוואָרן, כדי איינצושטעלן אַ „בורג־פרידן" צווישן די „צוויי קעמפנדיקע מחנות", די צוויי אַרטיסטן, — וואָס האָבן געדאַרפט שפּילן די הויפּט־ראָלן. די פּרעמיערע איז אָפּגערוקט געוואָרן אויף עטלעכע

טעג. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער גאַנצער טעאַטער זאָל געשלאָסן ווערן... איז דאַן געקומען אַ חכם, אַ שלמה־המלך, און געפּסקנט — צעשניידן דאָס קינד — דעם אַפּיש — אויף צווייען — דיר העלפט און אים העלפט! און אַזוי איז טאַקע געשען: מען האָט אויפגעקלעפּט שטיקער אַפּישן באַזונדער: דער און דער אין ד ע ר ראָלע, און דער און דער אין ד ע ר ראָלע... אָבער צו „שלום על ישראל” איז נאָך אַלץ נישט געקומען. דער אינצידענט צווישן די צוויי „לייבן” איז נישט אַראָפּ פונם סדר־היום אין דער טעאַטער־וועלט אַ לאַנגע צייט.

צוליב דער מעשה מיט אַן אַפּיש איז איצט אין ניו־יאָרק צעפאַלן געוואָרן אַן אַנסאַמבל נאָך פאַרן אָנהויב סעזאָן, וואָס האָט געזאָלט אויספירן אַ קאָמעדיע פון אַ באַרימטן יידישן דראַמאַטורג.— און וויפל אונטערנעמונגען ווערן נישט אָרגאַניזירט צוליב זיין מאַיעסטעט — דעם אַפּיש?

און ווי דער אַפּיש, אַזוי אויך אויף דעם אַנאָנס אין דער צייטונג, וואָס מיר, אַלע לייענער, כאַפּן אויף אים בלויז אַ בליק,—ווערט געפּטרט אין די יידישע טעאַטער־קרייזן אָן אַ שיעור ענערגיע, קאָפּדרייעניש, קריגערייען און סכסוכים, וועלכע נעמען אָפטמאָל אָן גאָר אַן ערנסטן כאַראַקטער, און נישט זעלטן ברענגט עס צו אַ צוזאַמענברוך פון גאַנצע טרופּעס, פון וויכטיקע טעאַטער־אונטערנעמונגען.

און גאָר אַ וויכטיקן אָרט פאַרנעמט אין יידישן טעאַטער־לעבן די גריס פון די אותיות, דער אופן, ווי דער נאָמען פונם אַקטיאָר איז אויסגעשטעלט, דער סדר, און די עפּיטעטן, וואָס ווערן צוגעגעבן.

און נאָכן אַנאָנס — די „פּראָגראַמקע” אין טעאַטער!

2. די געשמאַקלאָזע רעקלאַמע

ביי לייטן ווערן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט קאָנקורסן מיט הויכע פּריזן אויף קינסטלערישע רעקלאַמעס. ביי אונז אין דער יידישער טעאַטער־וועלט וואָלט מען געדאַרפט איינאָרדנען קאָנקורסן אויף ג ע ש מ אַ ק ל אָ ז ע רעקלאַמעס. אַסך אַזוי־גערופענע יידישע טעאַטער־אונטערנעמער וואָלטן דאַן פאַר דער קונסט פון געשמאַקלאָזיקייט באַקומען די גרעסטע פּרעמיעס. אויף אָט דעם געביט קומט פאָר ביי אונז אַן אמתער „געיעג”, איינער באַמיט זיך איבערצויאָגן דעם צווייטן אין גוזמא, אין לויבן אין הימל אַריין, אין אויסטראַכטן די סאַמע

אויסטערלישטשע עפיטעטן. איך ווייס א סך פיינע אקטיארן, וועלכע שעמען זיך ממש פון אט די אלע לויב-געזאנגען, וואס זייערע אימ. פרעסאריאס באשענקען זיי „מיט דער פולער האנט״. אין דער גרויסער וועלט זענען שוין קעניגן פון לאנג אראפגעזעצט געווארן פון זייערע טראנען און פאריאגט אין די הרי-חושך, און ביי אונז האלט מען ערשט אין איין זאלבן קעניגן אויף דער יידישער בינע. „קעניג פון הומאר״, „קעניג פון טראגעדיע״, „קעניג פון אפערעטע״, — הכלל, מיר האבן אינם יידישן טעאטער בלויז מלכים! און נישט-נאר קעניגן, אויך קייזערס. און אז ס׳זענען דא אזוי פיל קעניגן, האבן מיר אויך א „קעניג איבער אלע קעניגן״.

אין איין וואך האבן מיר אין די ווארשעווער יידישע טעאטערן געהאט „דעם יידישן טשארלי טשאפלין״, „דעם יידישן מאריס שעוואליע״, „דעם יידישן רודאלף וואלענ. טינא״. וואס-זשע טוען די צוויי איבעריקע יידישע טעאטערן? האט איין טעאטער זיך גיך פארשאפט די „יידישע דוזע״ און דער צווייטער — „דעם יידישן קארוזא״. און אזוי איז געגאנגען די געשמאק. לאזע רעקלאמע פון די יידישע טעאטערן אין דער הויפטשטאט ווארשע טאג-איין טאג-אויס, און דאס פנים האט געפלאמט פאר בושה.

מען דערציילט מיר א מעשה, וואס איז פאראיארן פארלאפן אין פאריזש: דער יידישער ארטיסט-זינגער (כ׳וועל אנרופן זיין נאמען, הגם מיר האט זיך געוואלט אין די ארטיקלען אפערירן נישט מיט נעמען, נאר מיט „סיסטעמען״!) מישא אפעלבוים רעקלאמירט זיך כסדר אלס „יידישער שאליאפין״, אונטער דעם נאמען איז ער אויך געווען רעקלאמירט אין פאריזש. זיצן אין א פאריזשער קאפע עטלעכע רוסישע טעאטראלן, קומט אריין שאליאפין אליין, פיאדאר שאליאפין. „פעדיא, — רופט זיך אפ צו אים זיינער אן אלטער פריינט — דו האסט שוין א קאנקורענט: אט רעקלאמירט זיך איינער אפעלבוים אלס יידישער שאליאפין!״ „נו, טשטאזש! — ענטפערט שאליאפין איראניש — בלייבט מיר איבער צו רעקלאמירן זיך „דער רוסי. שער אפעלבוים!״

מען האט געקאנט אויפזאמלען א גרויסע קאלעקציע פון נארישע, געשמאקלאזע און גרילצנדיקע רעקלאמעס. וואס דארף מען מער? ס׳איז שוין אוועק אזוי ווייט, אז די פרעסע-און פארשטעלונג-אפטיי. לונג ביים ווארשעווער קאמיסאריאט האט פאראיארן געמאכט א ווארי

נונג די יידישע טעאטער־אונטערנעמער אויף דעם כאראקטער פון דער טעאטער־רעקלאמע אין דער פּרעסע. עס איז דאן געווען אַן אמתע וואקכאַנאַליע, מען האָט געברויכט צווײדײטיקע ווערטער און אָנצוּ־הערעניִשן, אַז עס האָט געהאלטן ביים צוציען זיי צו פאראַנטוואָרט־לעכקייט פאר... פּאָרנאָגראַפיע. פּאָרנאָגראַפיע אין טעאַטער־אַנאָנסן...

אָט האָט איר צוויי אַנאָנסן־רעקלאַמעס, וואָס איך גיב דאָ וואָרט און וואָרט, נאָר מיט אַ קלענערן שריפט. די לייענער, וועלכע ווילן האָבן די פולע פאָרשטעלונג פון אָט די געשמאקלאָזע רעקלאַמעס, זאָלן אַזוי גוט זיין און נעמען פארגרעסער־גלעזער. דער ערשטער אַנאָנס איז געווען געדרוקט אין דער לאָדזשער פּרעסע, און דער צווייטער — אין דער וואַרשעווער פּרעסע (זע ז׳ 200):

לאָדזער טעאַטער־עולם!־ענדלעך ווידער וואַרט!

די טעג וועט זיך פאַר די לאָדזשער מעלאָמאַנען רעפּרעזענטירן די וועלט־באַרימטע

דער גרעסטער וועלט־מגנן!
דער שטאָלץ פון דער יידישער אָפּערעטע!
די פענאָמענאַלע חזנטע!

באַצויבערנדע קינסטלערין

פאני רובינא

„פאַר עקסעלאַנס"
אַנערקענט איבעראַל
דורך דער פּרעסע
און פּובליקום!

אין אַ גראַנדיעזן אָריגינעלן פאָלקס־קאָנצערט

דער פּראָגראַם באַשטייט פון די שענסטע חזנישע קאָמ־פּאָזיציעס פון ראָזענבלאַט, קוואַרטין, הערשמאַן, קוסע־וויצקי, סיראָטאַ א. אַ. ווי אויך די שענסטע און האַרציקסטע פּערל פון יידישע פאָלקס־לידער און פון די נייעסטע שלאַגער־אָפּערעטן.

לעזט די ווייטערדיקע אַנאָנסן. ווו? • ווען? לעזט די ווייטערדיקע אַנאָנסן.

איך ווייס גראַד, אַז די ביידע אַרטיסטינס, וואָס זענען אַזוי אומגעלומפּערט־נאַריש רעקלאַמירט געוואָרן, זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיק, דאָס האָבן די טעאַטער־אונטערנעמער אַזוי זיך צעיאַכנעט און צעיאַכמערט אויף זייער חשבון.

אַז עס איז געקומען קיין וואַרשע פון ניו-יאָרק דער אַקטיאָר יצחק פעלד, האָט מען אים אַזוי רעקלאַמירט: „ד ע ר א י ן אַ מ ע ר י ק ע-ג ע ק ר ו י נ ט ע ר, ד ע ר ק ע נ י ג פ ו ן ה ו מ אָ ר, ד ע ר י י ד י ש ע ר ט ש אַ פ ל י ן" און אַזוי ווייטער און ווייטער. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג וועגן אים, און וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ-מער זענען געוואַקסן די גוזמאדיקע עפּיטעטן פון אָט דעם יונגן אַקטיאָר. שפּעטער האָב איך געטראָפן אין אַ לאָדזשער צייטונג אַנאָנסן מכּוח אַ קאָנצערט-אָפּטיילונג ביי אַ בענעפיס פון אַן אַקטיאָר, און עס איז געגאַנגען אַ סדרה מיט דעם אויפטריט פון נאָך אַ „ק ע נ י ג פ ו ן ה ו מ אָ ר" — איצט שוין שמעון דזשיגאַן,—דער אַקטיאָר פון „אַראַראַט".

קאַמינסקיס טעאַטער
אָבאָזשנע 3—1.
טעל. 748-07.

מאַנטיק,
מוצאי יום-כּפּור.
דעם 10 אָקטאָב.
9 אָוונט ווענט

קאַמינסקיס טעאַטער
אָבאָזשנע 3—1.
טעל. 748-07.

נעלי קעסמאַן
חתמענען דעם וואַרשעווער
יידישן טעאַטער-עולם

אַ גוטן קוויטל צום נייעם יאָר!
אַ גראַנדיעזער היום-תּאמצנו-אָוונט
אָנגעפּיקעוועט מיט כּל-טוב

נאָך אַ טאָג טרויער 3 שעה פריי
נאָך אַ טאָג תּפילות 3 שעה געזאַנג
נאָך אַ טאָג וויינען 3 שעה לאַכן
נאָך אַ טאָג פאַסטן 3 שעה געניוס פון פאַרגעניגן

לאַכן, זינגען, טאַנצן.

פּרטים לייענט אויפמערקזאַם
אין די ווייטערדיקע אַנאָנסן

בילעטן צום גראַנדיעזן אָוונט צו מעסיקע פּרייזן צו באַקומען אין באָר „צענטראַל" לעשנאָ 2

פאַראיאָרן זענען איבער די וואַרשעווער גאַסן אין די טויזנטער פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן פלוגבלעטלעך אונטער דעם נאָמען „אַ ן ע ק ס ט ר ע-א ו י ס ג אַ ב ע", וואָס האָט געהאַט אַזעלכע אומגעלומפּערטע קעפּלעך און אונטערקעפּלעך: „ה י ט ל ע ר א י ז מ ש ו ג ע ג ע וו אָ ר ן"

„אַ פרוי האָט געבוירן אַ קינד אין „טעאטער", „ווידער אַ גראָמען אין האָנאָלולו", „פון יאפאָנישן פראָנט", „זעלבסטמאָרד פון אַ יונגער שיינער פרוי", „עקס-קעניג אַלפאָנס קומט קיין ווארשע", „אַ זיכערע הילף". דער ווארשעווער נייגיריקער עולם האָט געכאפט אָט די „עקסטרע-אויסגאבע". וואָס איז עס געווען? נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ רעקלאמע וועגן לודוויק זאַצס גאסטשפילן אין קאמינסקיס טעאטער אין דער פיעסע „ליידיקגייער". אין דער „אויסגאבע" האָבן מיר געהאט פאָלגנדיקע „חכמות": „היטלער איז משוגע געוואָרן, און דאָקטוירים האָבן אים געהייסן פאָרן קיין ווארשע צו זען זאצן; אַ פרוי האָט געבוירן פאר דער צייט אַ קינד אין טעאטער, אַ זיבן-חדשים קינד, ווייל זי האָט צופיל געלאכט ביי דער פאָרשטעלונג; דער יאפאנישער קעניג זאָגט צו צו מאכן שלום מיט כינע, אויב מ'וועט אים ברענגען לודוויק זאצן; יידישע סטודענטן האָבן זיך געשלאָגן, ווייל מ'האָט זיי (אין האָנאָלולו) נישט געוואָלט געבן קיין וויזעס קיין ווארשע צו זען זאצן, און די רעגירונג פלאנט צו ברענגען זאצן אַהין אויף איר חשבון; אַ יידישע פרוי האָט געוואָלט גיין אין טעאטער זען זאצן, האָט דער אייפערזיכטיקער מאן זי נישט געלאָזט, איז זי אַראָפּגע-שפרונגען פונם 18-טן שטאָק". דער פאראַנטוואָרטלעכער רעדאקטאָר-אַרויסגעבער איז געווען אונזער אַלעמענס פריינט אַרנאָלד, עס גלויבט זיך אָבער נישט, אַז אַרנאָלד זאָל זיין אַזוי נאריש און געשמאקלאָז... דאָ האָט געשטעקט אַ העכערע האנט פון די טעאטערן-דירעקטאָרן...

עס איז הפקר אַ וועלט! ווער עס האָט נאָר חוצפה, העזה — דער קאָן טון אין אונזער טעאטער-וועלט וואָס ער וויל. אין איין פרימאָרגן ווערט מען אַ גדול, אַ געקרוינטער. מען באַשטעלט זיך גרויסע אַפישן מיט געוואלדיקע פאָרטרעטן און מען רעקלאמירט זיך „באַרימטער", „וועלט-באַרימטער", „געניאלער", — און גאָרנישט — לית דין ולית דיין!

אָפטמאָל רוקן זיך אַרויס די סאַמע נישטיקע אַרטיסטן אין אויבנאָן, וויבאַלד זיי האָבן נאָר אַ „יד", „די מאה און די דעה" אין דער דירעקציע, און לאָזן לחלוטין אין שאָטן די בעסערע פעיִקערע אַרטיסטן, וואָס שפילן-מיט צוזאמען מיט זיי אינם אַנסאַמבל.

די רעקלאַמע איז ביי אונז נאַריש, געשמאקלאָז, זי איז איינע פון די ווייען און פלאָגן אינם יידישן טעאַטער.

3. רעפּערטואַר

רעפּערטואַר! — עס איז אַ צו איידל, ליטעראַריש און אינטעליגענטיש וואָרט פאַר דער גאַנצער מאַקולאַטור, מיט וועלכער מען קאָרמעוועט אין דעם גרעסטן רוב דעם יידישן טעאַטער. עס איז אַ טאַנדעטע „מאַסן-פּראָדוקציע״, וואָס האָט נישט קיין פּנים, קיין כאַראַקטער און קיין לייב-און-לעבן. אין ראַטנפאַרבאַנד האָט מען דערויף געשאפן אַ וואָרט „כאַלטורע״, ביי אונז איז שוין אויך דאָ אַ באַצייכנונג — „מאַכערייקע״. אין אַמעריקע, לעבן, זענען דאָ אייניקע פאַבריקלעך, וועלכע שטעלן צו אַט די פּיעסעס. די נעמען פון אָט די פירמעס זענען — סיגעל, לעש, סטוטשקאָוו, פריידמאַן, קאָן און אַנדערע. עטלעכע פאַבריקלעך, אָבער עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי איין שטאַמפּ וואָלט אַרויסגעלאָזט אָט די גאַנצע מעלאָ-דראַם-שמאַטישע סחורה, — מער נישט, מען קלעפּט אַרויף אַן אַנדערן נאָמען פאַר יעדער „אויסאַרבעטונג״. עס ווענדט זיך בכלל אָן דער מאָדע: אַמאָל איז אין גאַנג „חתונה״, — דאָס איז ווען עפּעס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „חתונה״ האָט „געוואונען״. גייט אַוועק אַ סדרה חתונה: „די רומענישע חתונה״, „די קאַווקאַזישע חתונה״, „די גאַליציאַנישע חתונה״, „די אוקראַיִנישע חתונה״, „די בעסאַראַבישע חתונה״, „די אַמעריקאַנער חתונה״. פּלוצים ווערט אַ פאָדערונג אויף „מאַמע״, — און עס הויבט זיך אָן אַ „גאָלדענע קייט״ פון מאַמעס: „די אייביקע מאַמע״, „מאַמע און קינדער״, „מאַמע און טעכטער״, „מאַמע און שוועסטער״, „די פאַרשאָלטענע מאַמע״, „די געטרייע מאַמע״, „מאַמע און שוויגער״ און אַזוי ווייטער. און פּלוצים פון דער העלער הויט — אַן אויסכאַפּעניש אויף „בחור״, און אין אַלע וועלט-טיילן, ווו עס איז נאָר דאָ יידיש טעאַטער, לייענט מען אַרויס פון די אַנאָנסן „בחור״: — „דער זיסער בחור״, „דער ליבער בחור״, „דער פריילעכער בחור״. און אַז דער בחור גייט אַראָפּ פון דער סצענע, באַווייזט זיך „שייגעץ״: „דער יידישער שייגעץ״, „דער אָדעסער שייגעץ״. און גלייך קומט מען צו „כוואַט״ — „יאָשקע כוואַט״, „לייבקע כוואַט״, אָדער גאָר „ממזר״. און וועגן „אַרגענטינע״ איז שוין אָפּגערעדט! „דער וועג קיין אַרגענטינע״, (אָדער „דער וועג קיין בוענאָס-איירעס״), „אַרגענטינער ליבע״, „אַרגענטינער פּלות״, „אַרגענטינער חתנים״. און אינמיטן דרינען קומט איינער און

וואַרפט אַריין אַ נייעם נאָמען „אַ ווינקל אין בראַזיל״, — הויבט זיך אָן צו „בראַזיליוען״ אויף וואָס די וועלט שטייט!

אָט אַזוי שוויבלען און גריבלען אינם יידישן טעאַטער אָט די פּיעסע־מאַכערייקעס און פּאַרפאַסקודיען ממש די יידישע בינע. אַמאָל האָט דער אַלטער יידישער טעאַטער דאָך פּאַרמאָגט אַסך נאַיִוויטעט, פּאָלקסטימלעכקייט, עכטן הומאָר. און זעענדיק און הערנדיק איצט אָט די אַלע „מאַכערייקעס״, ווילט זיך אויסרופן: „אָ, „גאָטועליקע״ לאַטיי־נער, בלאָהשטיין, פּראָפ. הורוויץ! מיר האָבן קעגן אייך געזינדיקט! מיר האָבן אייך פאַרשריען און פאַרטריבן! קומט צוריק מיט אייערע „דאָס פּינטעלע ייד״, „שלמה גאָרגל״, „בן־הדור״, „שרה שיינדל פון יעהופּעץ״, — פאַרוויגט אונז ווידער מיט אייערע זיסע, פּאָלקסטימלעכע מעלאָדיעס און באַהערשט אונז ווידער מיט אייערע נאַיִווע סענטי־מענטאַלע ווערק!

פון די אַלע פאַרפאַסער־צונויפשטיקער פון אַמעריקע, איז שוין דער בעסערער ה. קאַלמאַנאָוויטש, דער מחבר פון „דער גזלן״, „דער משוגענער״, „אייביקע מאַמע״, „מאַמע שוויגער״ און אַזוי ווייטער און ווייטער. אָבער אויך אָט דער בעסערער (פון די עשרה מכות!) איז אַלט, פלאַך, איינטאָניק, אַלע יוונים (פּיעסעס) האָבן ביי אים איין פּנים, — וואַריאַנטן אויף איינע און די זעלבע טעמעס, וואָס חזרן זיך איבער פּיעסע־איין פּיעסע־אויס.

דער נישטיקער, שפּלער יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר האָט קיין שום קינסטלערישע, דראַמאַטישע ווערט נישט. דאָס ווייסן די פאַרפאַ־סער גופא, און אַזוי אויך די אַקטיאָרן. צערעמאָניעט מען זיך דערי־בער נישט מיט דעם. ווערן אָט די אַלע פּיעסעס דורך די אַקטיאָרן צו־געשניטן, אָפּגעשניטן און פאַרשניטן, ווי עס לאָזט זיך. מען מעקט אויס גאַנצע שטיקער: מען שרייבט אַליין צו אַקטן, סצענעס, פּראָלאָגן, לידלעך, קופּלעטן, וויפל דאָס הארץ גלוסט. קיין געדרוקטער טעקסט איז נישטאָ, און וועט גאָר קיינמאָל נישט זיין. עס איז, להבדיל, אַ מין „תורה־שבעל־פּה״, וואָס יעדער קאָן צוגעבן, צולייגן, ענדערן, אויסבעסערן אָן אַ שיעור. ווי זאָגט דאָרט שימעלע סאָראָקער: „צוגע־שניטן, צוגעסטריגעוועט, שער און אייזן, עמך, דיין פאָלק ישראל!״ און דערצו—פיל פון אָט די אַלע פּיעסעס־מאַכערייקעס קומען אַריבער פון איין לאַנד אינם צווייטן נישט מיטן גלייכן וועג, נאָר זיי ווערן אַריבער־געשמוגלט פון דער סופלער־בודקע, אָדער גאָר פון איינעם, וואָס הערט

די פיעסע, זעט זי און שטעלט זי אויף דערנאָך לויטן זכרון. און איז עס דען אַ גרויסער קונץ? דער „רעצעפּט" פון אָט די פּיעסע-מאַכע-רייקעס איז דאָך אַזאַ איינפאַכער: דער ערשטער אַקט איז אין „יוראָפּ", אין שטעטל. די פאַמיליע, נעבעך, ווערט פאַרשמאַכט, קוקט אַרויס אויף אַ ידיעה פון „אים". און אָט קומען געסט, אַמעריקאַנער געסט מיט „יעס", מיט „פּליעז", מיט אַ „באָיטשיקל", און מען פאָרט „אַהין", אין דער גאָלדענער מדינה, און דאָרט (אוי דאָרט!) הויבט זיך ערשט אָן דער גיהנום... דער מאַן איז אַ באַנדיט, און האָט דערבײַ אַן אַנדערע. דערווײַל קומען (אין דריטן אַקטן!) אויך די קרובים — „ער" איז אַ לעקישעוואַטער ייד, און „זי" איז שוין אַ גאַנצע „קנאַקערקע", און מען בטלט אויס אַלע חלומות אויף אַמעריקע און מען זינגט: „איך בענק אַהיים!" „מיינע קינדער-יאָרן", „סלוצק, מיין שטעטעלע סלוצק" א. אַ. וו.

איך ווייס נישט, וואָס אָט דער רעפּערטואַר איז פאַר דעם יידישן אַמעריקאַנער צושויער. אפשר רעדט ער דאָרט צו זיין האַרצן, אפשר איז עס „שפּייז פאר זיין גומען", אָבער פאַר אונזער טעאַטער-עולם איז אָט דער גאַנצער רעפּערטואַר אַ סם-המוות, אין אַלע הינ-זיכטן, און ער איז אים אויך לחלוטין פרעמד. פון דעם שטענדיק האָדעווען אים מיט אָט דעם שטרוי, ווערט זיין מאָגן פאַרדאָרבן. דער עולם ווערט דעגראַדירט. מען שטופּט אים וואָס-ווייטער אַלצמער צו נאַרישע, נישטיקע, באַנאַלע „שטיק", וואָס געבן אים גאָר-גאָרנישט. צוליב אַ נאַריש לידל, וואָס ווערט אַריינגעבראַכט אין אַ פּיעסע, אָדער צוליב אַ טענצל, וואָס דער אַקטיאָר-טענצער טאַנצט אָפּ, דאַרף מען אויסזיצן אַ דריי-פיר לאַנגע נודנע אַקטן מיט נאַרישע רייד, מיט נישט-געשטויגענער האַנדלונג, מיט וואָס די פּיעסע-מאַכער שטאָפּן אָן זייערע „ווערקע".

מיר פאַרמאָגן איבער אַ פופציק יידישע טעאַטערן, וואָס שפּילן אין גאָר דער וועלט פאַר הונדערטער טויזנטער צושויער, און דער עיקר — דער רעפּערטואַר פאַר אָט די טעאַטערן — ווערט געמאַכט דער סאַמע ערגסטער, נידריקסטער. די דראַמאַטורגן — שלום עליכם, פּינסקי, אַש, הירשביין, לייוויק, סעקלער, לציעלעס, קאַציזנע, צייטלין, פּרעגער, און נאָך און נאָך — זיי אַלע זענען כמעט אויסער דעם יידישן טעאַ-טער. דער יידישער דראַמאַטורג איז אויף יאָרן אַוועק פונם יידישן טעאַטער, זיך שוין אָפּגעוויינט צו שרייבן פּיעסעס. און דאָס טעאַטער שפּייזט זיך מיט שטרוי, מיט פּאָלאָווע, אָנשטאָט געזונטע קערנער.

און נישט-נאָר אַלס פּאַרפאַסער, אויך אַלס איבערזעצער — האָט זיך דער יידישער שרייבער צוריקגעצויגן פונם יידישן טעאַטער. „וואָס טויג מיר ליטעראַטור״! — האָט דער יידישער אַקטיאָר געטענהט — און אויסגעמיטן דעם יידישן דראַמאַטורג. „כּי חיות הנה״, — אַז יעדער יידישער אַקטיאָר איז זיך אַליין אַ באַבע, ער נויטיקט זיך נישט אין דער הילף פון שרייבער. ער שטוקעוועט זיך אַליין צונויף אַ „שטיק״ פון אַנדערע פּיעסעס אָדער פון אַנדערע שפּראַכן, און גענוג.

אַ קאַמף דעם אַלטן, נישטיקן, אָפּגעלעבטן רעפּערטואַר אינם יידישן טעאַטער, — דאָס איז איצט דער געבאָט פון דער שעה אינם יידישן טעאַטער.

4. מאַן, ווייב און פאַמיליע

פאַראַן אַ יידישע אָפּערעטקע אָדער מעלאָדראַמע „מאַן ווייב און געליבטע״, איך האָב עס נישט געזען, נאָר איך שטעל מיר פאָר, אַז עס דאַרף זיין אַ פריילעך שטיק מיט פיל קאָמישע סיטואַציעס. אין דעם יידישן טעאַטער אָבער איז „מאַן ווייב און פאַמיליע״ נישט בלויז אַ פריילעכע קאָמעדיע, עס איז אויך אַ שטיק טראַגעדיע, וואָס ברענגט פיל אָכן און וויען דעם יידישן טעאַטער.

אין תּוך איז פאַראַן פיל אינטערעסאַנטס און מערקווירדיקס אין דעם, וואָס יידיש טעאַטער איז אין פיל פּרטים אַ זאַך פון דינאַ-סטיע: די אַדלער-דינאַסטיע, פישזאָן-דינאַסטיע, קאָמפּאַנעיעץ-דינאַסטיע, דזשייקאָבסאָן-דינאַסטיע, קאַמינסקי-דינאַסטיע, טורקאָוו-דינאַסטיע א.אַז.וו. ווי באַזונדערע שבטים אינם יידישן פאָלק, וועלכע, ווי אַמאָל די לוויים, זענען פון קינדוויַיז און יוגנט אָן באַשטימט פאַר דער טעאַ-טער-עבודה, וואָקסן זיי און לעבן אין די ספּעציעלע באַדינגונגען, וואָס טעאַטער-עבודה פאַרלאַנגט פון אירע דינער. דעריבער איז געווען מעגלעך, אַז אין אַמעריקע, וווּ דער יונגער, געבוירענער דאָרט יידי-שער דור איז שוין ווייט פון יידיש און יידיש לעבן, אַז אין אַמע-ריקע זענען געבוירן און אויסגעוואָקסן פיל וויכטיקע יידישע אַרטיסטן און אַרטיסטינס טאַקע אין די אַרטיסטישע משפּחות. די קינדער ציען ווייטער די גאָלדענע קייט פון זייערע טאַטעס און מאַמעס און זענען טעטיק און שאַפעריש אין דעם דאָרטיקן יידישן טעאַטער. דאָס זעלבע איז אויך צו באַמערקן דאָ, אין דער אַלטער היים, — וווּ פרישע

יונגע אַרטיסטן וועדבירן זיך אין אַ גרויסער מאָס פון די יידישע אַרטיסטן-משפחות.

אַ מעלה האָבן אויך די משפחה-טרופעס, וואָס זיי האַלטן זיך אָפּטמאָל לענגער, ווי סתם טרופעס. זענען פאַראַן טענות-מענות צווישן די מיטגלידער פון די פאַמיליען-טרופעס, ווערן זיי דאָך לייכטער פאַרענטפערט, צווישן אייגענע בלייבט עס. זעען מיר טאַקע אין אַ ריי לענדער, אַז אַט די פאַמיליע-טרופעס האָבן גאַנץ אָפט מער אַריכת-ימים און אויסדויער-קראַפט.

אַוודאי איז פאַראַן אין דעם אַלעם אַ פּאָזיטיווער, וויכטיקער מאָמענט פאַר דעם וווקס, אַנטוויקלונג און איינגעוואָרצלקייט פון דעם יידישן טעאַטער. פעסטע שטאַמען מיט צווייגן און אָפּצווייגן, מיט דורות-טראַדיציע און דורות-עקשנות, וואָס האָט פיל צו זאָגן פאַר דעם נע-ווענד-לעבן פונם יידישן טעאַטער. אָבער די ברכה ווערט אָפט פאַר-וואַנדלט אין אַ קללה. אמת, דער ווירדיקער יורש און נאָכפאָלגער ברענגט מיט זיך מזל-ברכה, אָבער דער אומווירדיקער יורש איז אַ לאַסט, אַ צרה, אַ פגע-רע פאַרן טעאַטער און פאַרשטעלט אָפט דעם וועג פאַר אַנדערע, זייטיקע, פיל-פעיִקערע, וועלכע ווילן און דאַרפן קומען אויף זיין אָרט.

עס איז באַקאַנט אין די וואַרשעווער טעאַטער-קרייזן נאָמבערגס אַ שאַרף וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל אָפּגעגעבן אויף אַ פאַר-שלאָג, ער זאָל זיך איינשפּאַנען אין אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע לטובת דעם יידישן טעאַטער. אויף דער איינלאַדונג האָט ער שאַרף אָפּגעשניטן: „אפריער זאָל מען אָפּגטן אַ ריי אַרטיסטן מיט זייערע ווייבער, און אַרטיסטינס מיט זייערע מענער, און ערשט דאַן וועל יאָך גייַן עפּעס טיען פאַרן יידישן טעאַטער!" און אַט-דער-אָ באַדינג איז כלל נישט קיין איבערטריבענער. אָפּטמאָל שטייט טאַקע די מאַן-ווייב-פאַמיליע-פראַגע אין אויבן-אָן פון אַלע „פאַרשאָלטענע" טעאַטער-פראַגן. מען קאָן זיך פון אָרט נישט רירן, ווייל מען שלאָגט זיך אָן כסדר און אָן אויפהער אָן איר. אַדאַנק דעם „מאַן-ווייב-פאַמיליע"-מאָמענט ווערן צעפאַלן גוט-צונויפגעשפּילטע אַנסאַמבלען, און נאָך אָפּטער — קאָן נישט קומען צו קיין געמיינזאַמער סצענישער אַרבעט, ווייל „מאַן-ווייב-פאַמיליע" איז דאָ אַ וויכטיקע שטערונג.

דאָ איז ע ר גוט און גלענצנד, אָבער אויך ז י פּרעטענדירט אויף ראָלן, וואָס פּאַסן זיך נישט פאַר איר. דאָ איז ז י זייער געוווּנטשן,

אָבער זי אָן אים קאָן נישט מיטגיין, — טויג עס נישט! די שטענדיקע ביילאַגע פון אַ מאַן צו אַ פרוי, אָדער פון אַ פרוי צו אַ מאַן, — איז פון די גרעסטע אומגליקן אין יידישן טעאַטער, און נישט איין פּראָעקטירטע אונטערנעמונג ווערט נישט רעאַליזירט צוליב דעם.

קלאָגט זיך אַמאָל פאַר מיר אַ באַוווסטער טעאַטער-דירעקטאָר, אַז ער וואָלט גערן אַנגאַזשירט צו זיך אין דער טרופּע יענע טאַלענטפולע אַרטיסטין, אָבער וואָס זאָל מען טון, — וויבאַלד זי, מוז אויך ער צוגענומען ווערן אין דער טרופּע, — אָבער זי איז אַן עכט-דראַמאַטישע שוישפּילערין, און ער איז גאָר אַן אָפּערעטן-אַקטיאָר! דער זעלבער טעאַטער-דירעקטאָר האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט אַ באַוווסטן יידישן אַקטיאָר אויף גאַסטשפּילן, אָבער מען איז נישט געקומען צו אַ גמר, ווייל צוזאַמען מיט אים, האָט אויך זי געדאַרפט איינגעלאַדן ווערן אויף הויפּט-ראָלן.

איינע אַ טרופּע ליידט כסדר אויף פּרויען-ראָלן, ווייל זיין פרוי מוז דאָך שפּילן תמיד די הויפּט-ראָלן, און אַנדערע באַקאַנטע אַרטיסטינס ווילן נישט גיין אין דער טרופּע צו שפּילן דאָרט די צווייטע, קלענערע ראָלן, וויבאַלד די פּרויען-הויפּט-ראָלן זענען פונאַפריער און אויף שטענדיק „באַזעצט!“ — און אַזוי ווייטער און ווייטער — אָן אַ שיעור...

און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַן אַרטיסטין אָן מענער-אָרעמס אָדער מענער-פּלייצעס קאָן זיך אַליין נישט אַדורכשלאָגן קיין וועג אינם יידישן טעאַטער. זייער טאַלענטירטע יידישע אַרטיסטינס פאַרבלייבן אָפּט אין שאָטן, קאָנען נישט אַריין אין אַ טרופּע אָדער אַרויף אויף דער אַפיש, אויב זי האָט זיך נישט „באַזאָרגט“ באַצייטנס מיט אַ מאַן, וואָס איז אַ מאכער אין טעאַטער. טאַלענט אַליין העלפט אָפּט ווייניק.

אַמאָליקע יאָרן האָט מען גענומען אַן איידעם אויף קעסט, און די קעסט האָבן געדויערט בלויז עטלעכע יאָר. אין יידישן טעאַטער נעמט אַ טעאַטער-דירעקטאָר אַ שנור, אַן איידעם אויף קעסט, און דער איידעם אָדער די שנור בלייבן אויף קעסט ביים טעאַטער שוין אויף שטענדיק, אויף אייביק, — זיי און זייערע קינדערלעך.

פאַראַן אינם יידישן טעאַטער פיל מענער פאַרפאַסער פון פּיעסעס, וואָס האָבן „גענומען אין אַרענדע“, גוטע גלענצדיקע אַרטיסטינס, וועלכע מוזן שטענדיק אויפטרעטן דווקא אין זייערע פּיעסעס.

די אַרטיסטינס וואָלטן געוויס געווינען, ווען זיי האָבן פרייען אויסוואַל פון רעפּערטואַר, אָבער פאַרפאַלן: זיי זענען אויף אייביק „פאַרקאָנטראַקטירט“, נישט צום אָפּבינדן! קען דעריבער קיין שום רייד נישט זיין וועגן וואָסער־ס'איז קאָמבינאַציע מיט אָט דער אַרטיסטין אין אַן אַנדער פּיעסע. איז זי אַזוי־אַרום פאַרן טעאַטער לחלוטין אָנגעוווירן. אַן אַנדערע האָט אַ מאַן אַן אימפּרעסאַריאָ. זי קאָן אין קיין געוויינלעכן אַנסאַמבל־טעאַטער נישט גיין, ווייל דער מאַן מוז זיין דער דירעקטאָר־אָנפירער. אַ דריטע גלענצדיקע אַרטיסטין האָט אַ מאַן אַ גאַנץ־מיטלמעסיקן אַקטיאָר. אָבער עס איז ווייניק, אַז פאַר אָט דער אַרטיסטין ווערן צוגעשטעלט די הויפּט־ראָלן, עס ווערט פאַרלאַנגט, אַז אויך פאַר אים זאָלן געגעבן ווערן די הויפּט־ראָלן. אָבער נישט אַלעמאָל ליידט דאָס טעאַטער פון אים. אין פיל פאַלן איז די לאַגע פאַרקערט: נאָך אים שלעפּט זיך נאָך אַ זי. וויבאַלד, אַז ער איז אַ גאָטסגעבענטשטער אַקטיאָר און ער איז ווערט צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן, מוז אויך זי, זיין פרוי, טיילן מיט אים זיין רום, זיין אָנערקענונג, דעם אויבנאָן, — און אויב נישט, קומט נישט דער עסק אין באַטראַכט. הכלל, אָט די כסדרדיקע אָפּהענגיקייט אין טעאַטער פון פאָרפאָלק, פון אים און איר, שטערט אָפט די פאַרשיידנטע אַנסאַמבל־קאָמבינאַציעס, וואָס מוזן האָבן אַן אָרט אין טעאַטער.

דער סך־הכל איז אַ גאַנץ־טרויעריקער, פיל גוט־אָרגאַניזירטע יידישע טעאַטער־טרופּעס, פיל יידישע גוט־איינגעשפּילטע טעאַטער־אַנסאַמבלען זענען צעפאַלן געוואָרן צוליב „משפּחה־אָנגעלעגנהייטן“. „נאָך לאַנגע, שווערע ליידן“, נאָך אַן אַ שיעור סכסוכים, קריגערייען, אינטריגעס, מוז מען זיך פאַנאַנדערגיין, און פון גאַנץ גרויסע טרופּעס זענען פאַרבליבן מאַן־ווייב־אַנסאַמבלען, אָדער אין בעסטן פאַל — פאַמיליע־טרופּעס, וועלכע שטוקעווען־צו פאַר זיך ספּעציעלע „איך־און־דו“ פּיעסעס, אָדער פאַמיליע־דראַמעס פאַר די משפּחה־מיטגלידער. פעלט עפּעס אַ ראָלע פאַר איינעם פון דער משפּחה, — שרייבט מען צו, איז אין דער פּיעסע דאָ אַן איבעריקע ראָלע — וואַרפט מען אַרויס יענע ראָל. — ווי ביי אַ משפּחה־טיש: וויפיל משפּחה־מיטגלידער — אַזויפיל טעלער און לעפל־גאָפּל ווערן סערווירט...

5. „שאַטניע", שותפים און דירעקטאָרן

קודם-כל: פאַר לייענער אויסער פוילן מוז מען ברענגען דעם טייטש פון וואָרט „שאַטניע". עס איז נישט מי-יודע וואָס! עס איז די לאָך, דאָס ווינקל אינם פאָדערהויז פונם טעאַטער, ווו מען הענגט אויף דעם מאַנטל, הוט און שטעקן פונם טעאַטער-באַזוכער. מער גאָרנישט! די, וועלכע זענען נישט באַהאַוונט מיטן אינעווייניקסטן שטייגער-לעבן פונם יידישן טעאַטער אין פוילן (און אפשר נישט-נאָר אין פוילן — דאָס יידישע טעאַטער-וועלטל האָט דאָך אומעטום איין אויסזען, איין כאַראַקטער!), וועלן נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס די „שאַטניע" צו די אינעווייניקסטע פּראָבלעמען פונם יידישן טעאַטער. אָבער אַזוי איז שוין דאָס „דאָברע-מזל" פונם פיל-געפּלאָגטן יידישן טעאַטער, אַז די „שאַטניע" איז אָפטמאָל דאָס פּראָבלעם פון פּראָבלעמען אינם יידישן טעאַטער-לעבן! אָט דאָ נישט לאַנג, מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, זענען מיר פּרעסע-מענטשן, אַלאַרמירט געוואָרן צו אַ דרינגענדיקער פּרעסע-קאָנפערענץ אינם יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין וואַרשע. און אין דעם אַלאַרם-באַריכט פון פאָרזיצער פונם אַרטיסטן-פאַריין האָט די „שאַטניע"-פראַגע פאַרנומען דעם אויבנאָן. — אַדאַנק דער „שאַטניע" ווערט מעגלעך צוצוקומען צו אַ טעאַטער, צוליב דער „שאַטניע" ווערט אָפט יידיש טעאַטער פאַרמאַכט. „שאַטניע" איז עפּעס אַ געשפּענסט אינם אומגליקלעכן לעבן פונם יידישן טעאַטער. „שאַטניע" איז אויך אַ בייטש פאַר דעם אָרעמען, ווייניק-פאַרמעגלעכן באַזוכער פונם יידישן טעאַטער. — הכּלל, „שאַטניע" איבער אַלץ און אַלעמען...

ווי-אַרום איז עס „שאַטניע" געוואָרן אַ „דיקטאַטאָר" אינם יידישן טעאַטער?

דערויף צו ענטפערן — דאַרף מען פונאַנדערוויקלען די גאַנצע טרויעריקע מגילה פונם פאַרוואָרלאָזטן, רעכטלאָזן יידישן טעאטער.

ביי לייטן זענען דאָ מלוכהשע, שטאָטישע, פּריוואַטע טעאטער-געביידעס, וואָס געפינען זיך אין רשות פון אַ דירעקציע, וועלכע פאַרוואַלטעט מיט די אַלע ענינים פונם טעאטער, פינאַנסירט די אונטערנעמונג, קאָנטראַקטירט אַקטיאָרן, צאָלט זיי דאָס שכירות, און אַזוי ווייטער. ביי אונז איז גאָר עפּעס אַנדערש. צווישן דעם טעאטער-

לאָקאַל און צווישן אַקטיאָר איז דאָ אַ גאַנצע כאָפּטע דרייערס, לופֿט־פּערס, קאָמבינאַטאָרס, וואָס קיינער ווייסט נישט, צוליב וואָס מען דאַרף זיי. אונזער אַ דירעקטאָר קומט צום טעאַטער אָן געלט, אָן ליב און לעבן, ער פאַרמאָגט נישט קיין טעאַטער־בנין, און האָט אויך נישט קיין מעגלעכקייט אַליין צו אַרענדירן אַ טעאַטער. אָפטמאָל איז דער דירעקטאָר אַן אויסגעשפּילטער אַרטיסט, אָדער דער „מאַן פון זיין ווייב", אָדער סתם אַ קרוב פון אַן אַקטיאָר. אפשר האָט ער אַמאָל געהאַט אַ פּאָר גראָשן און זיי געפּטרט ביים טעאַטער, אָדער אפשר האָבן אַנדערע סיבות אים געטריבן צום טעאַטער, אָבער מען קאָן אים שוין פון דאָרט צוריק נישט אַוועקטרייבן: ער איז שוין צום יידישן טעאַטער אַ צוגעשמידטער און אויף אייביק. פּלאָנטערט ער זיך אַרום, איז אַ פינפטע ראָד אין וואָגן, אַ וואָגן, וואָס זיינע פיר רעדער זענען אויך נישט אַזוי קרעפּטיק... איז אָט דער, משטיינס געזאָגט, טעאַטער־דירעקטאָר שאַפט עס די „אַקציען־געזעלשאַפט" פון „קבצנזאָן עט הונגערמאַן" צו „עקספּלאָאַטירן" דעם יידישן טעאַטער. און אַזוי ווי קיין גראָשן ביי דער נשמה איז נישטאָ, הייבט מען אָן צו זוכן „שותפים" מיט געלט. הייבט זיך אָן אַן אמתע „חד־גדיא־שפּיל. אָבער עס פעלן נאָך די ערשטע פּאָר גילדן צו קויפן דאָס ציגעלע. פּאַקט מען איינעם אַ „העכט", וואָס מעגלעך, אַז זיין שוואָגערס אַ קרוב קאָן שאַפן עפּעס אַ סומע. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דעם שוואָגערס קרוב האָט, אַ סברא, אַמאָל געהאַט געלט. דערווייל מאַכט מען צוזאַמען אַ „ספּולקע" (שותפות אויף יידיש!), כדי דאָך צו קריגן עפּעס אַ „קאַפּיטאַליסט". און אַזוי ווייטער און ווייטער וואַקסט דער „עק", ווי אין דעם מעשהלע מיטן רעטעך: דער זיידע פאַר דער באָבע, די באָבע פאַר דעם אייניקל, דאָס אייניקל פאַר דעם קעצעלע, דאָס קעצעלע פאַר דעם מייזעלע, — זיי שלעפּן און שלעפּן און קענען דעם רעטעך נישט אַרויסשלעפּן... פּאַקט מען לסוף אַ יידן, וואָס „קויפט־אָפּ" די „שאַטניע". גיט ער אַביסל מזומנים, און פאַר די מזומנים גייט מען און מען „פאַרלייגט" די טעאַטער־אונטערנעמונג. אָט אַזוי־אַרום שאַפט זיך די „אָנפירונג", וואָס דאַרף פינאַנסירן און פאַרוואַלטן מיטן טעאַטער. און איידער וואָס־ווען זענען שוין דאָ ביים טעאַטער אַ פּעקל שותפים, „קאַפּיטאַליסטן", דירעקטאָרן, אונטערנעמער און עולם־כולם — דער „בעל־שאַטניע", וואָס באַשטייט אויך אָפטמאָל פון אַ גאַנצער „ספּולקע" מיט „גלוונע" אונטערנעמער און מיט העלפער און

אונטערהעלפער... און דערפון די אַלע דרייער : אַרומדרייער, דעה-זאָגער און בעיקר — שומרים ביים טעאַטער. איין „שותף“ היט דעם צווייטן, קאָנטראָלירט אים, קוקט נאָך די „קוויטעלעך“, וואָס יעדער איינער פון די „שותפים“ גיט אַרויס הינטן-אַרום. דער טעאַטער-צושויער, וואָס פאַלט אַריין אָפטמאָל צווישן אָט די אַלע „שותפים“, פאַרשטייט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. פאַרוואָס איז עפּעס אַזאַ שטרענגע קאָנטראָל, ווען מען זוכט מען דאָ? און דערצו, אַז מען האָט שוין דעם בילעט קאָנטראָלירט, שטויסט ער זיך אָן אויף נייע שומרים — שומרים, מען זאָל זיך חס-ושלום נישט אַדורכשמוגלען אין טעאַטער אָן אַן אָפּצאָל ביי דער „ראָגאַטקע“ — „שאַטניע“. אויב איר אַליין גייט זומער אָן אַ היטל און אָן אַ שטעקן, מוז אייער מיטבאַגלייטערין איבערלאָזן אין דער „שאַטניא“ איר בערעט אָדער היטעלע. און וויל מען מיט גוטן נישט אויסטון דאָס היטעלע, באַפאַלט מען אייך מיט גוואַלט, און מען רייסט עס אַראָפּ. און וויפיל מאָל איר קומט אין יידישן טעאַטער, אַזויפיל מאָל זענט איר אַן עדות פון אַזעלכע מיני געוואַלט-סצענעס...

— אונז קאָסט געזונט אָט די מעשה-שאַטניע! — קלאָגן זיך די טעאַטער-דירעקטאָרן—אָבער מיר קאָנען דאָ גאָרנישט נישט העלפן!!

— מיר זענען אָפט עדות, ווי די מלאכי-חבלה פון דער שאַטניע קריכן אין די טאַשן צו טעאַטער-באַזוכער און באַטאַפּן זיי, צי זיי האָבן נישט דאָרט פאַרשטעקט קיין היטעלע! מען ווענדט זיך צו אונז: סטייטש, איר זענט דאָך די דירעקטאָרן, הלמאי דערלויבט איר עס, אָבער מיר זענען אומבאַהאָלפן! דאָס טעאַטער איז „פאַרפאַכטעט“ צו אָט דער חברה פון דער „שאַטניע“! — מיט די-אָ-ווערטער האָבן זיך געקלאָגט פאַר דער פרעסע-קאָנפערענץ די אַלטע טעאַטער-אונטערנעמער!

אַמאָל האָט דער „שאטניע“-אָפּצאָל אויסגעמאַכט אַ קלייניקייט — אַ צוויי—דריי פראָצענט פונם בילעט-קאָסטן. ווען פאַר אַ בילעט האָט מען געצאָלט אַ צוויי-דריי-פינף גילדן (און אָפטמאָל ביז אַכט און צען גילדן!), האָט אַ דרייסיק — פערציק גראָשן „שאטניע“-אָפּצאָל קיין באַדייטונג נישט געהאַט. איצט אָבער, ווען אַ בילעט קאָסט פון 50 גראָשן ביז 2 גילדן, איז שוין אַ 30—40 גראָשן אַ גרויסע סומע. דער טעאטער-בילעט איז געפאַלן אויף 200—300 פראָצענט, און דער „שאטניע“-אָפּצאָל שטייט נאָך אַלץ אין פולן פרייז.

און ס'איז אינטערעסאַנט: פון דעם געלט, וואָס אַ טעאַטער-

באזוכער צאָלט אָפּ אין יידישן טעאַטער, — קומט אָן אין דער קאַסע פאר דער טרופע אַ העלפט און אָפטמאָל נאָך ווייניקער. עס פאַלן אָפּ פראָצענטער און פּראָצענטער, און אַז עס קומט צום ציילן פאַרן אַקטיאָר, האָט ער קוים אַ 20—30 גילדן אַ וואָך, ווייל די אַלע דירעק־טאָרן, שותפים, נעכטיקע טעג, פליער, דרייער, אַרומלויפער, קאָנטראָ־לירער, „שאַטניע״-בעלי-בתּים נעמען אַראָפּ פון אויבן און פון אונטן און פון די זייטן, אַז עס בלייבט פאַרן אַקטיאָר בלויז ביינער...

און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע מיני „דירעקטאָרן״ זענען נישט בכוח אַריינצולייגן געלט אויף אַ לייטישער אויפפירונג. דאַרף מען אַמאָל מאַכן עפּעס אַ נייע אויסשטאַטונג, ווערן אָפטמאָל אויך די מאַטעריאַלן-צושטעלער צוגענומען אַלס מיטשותּפים צום „פענסטערל״ אין טעאַטער. — פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מין באַלעבאַטישקייט פון „צען הענט״, קאָסט יעדע זאַך דרייפאַכיק און מען קאָן דערנאָך נישט אַרויסקריכן פון חובות... וואָס דאַרף מען גיין ווייט נאָך ביישפּילן — די „ווילנער טרופּע״ מיט דער אויסשטאַטונג פאַר „שריי כינע״ — קאָן דאָ דינען אַלע גוטער ביישפיל...

הקיצור, דאָס יידישע טעאַטער האָט צו זינגען און צו זאָגן פון זיינע פאַרזאָרגער — די כּלערליי אמתע, צוגעשטעלטע און צוגעטשע־פּעטע שותּפים און מיטשותּפים און „שאַטניע״-פאַרזאָרגער.

6. דאָס כאַפּ-לאַפּ-לעבן

פאַראַן אַזאַ מין פויגל, וואָס פרעסט אַליין אויף די אייער, וואָס ער לייגט. אָט אַזאַ באַציונג האָבן די יידישע טרופּעס צו דער אייגענער אַרבעט, זיי פאַרדאַרבן אַליין די ווערק, וואָס זיי אַליין שאַפן מיט אַזוי פיל מי.

די טעג קלאָגט זיך פאַר מיר אַ באַקאַנטער ריגער שרייבער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צום ריגער יידישן מיעוטים-טעאַטער: „איבער צען יאָר האָט מען געאַרבעט, צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן האָט מען באַקומען סובסידיעס, און אין סך-הכּל? קיין איין אייגן טשוועקל איז נישט פאַרבליבן, קיין אייגן עלעקטריש-לעמפּל! מען האָט געבויט אויף זאַמד, געזייט אויפן ווינט!״ און צי איז אַזאַ מין טרויעריקער סך-הכּל בלויז אין ריגע? וועלכע פון אונזערע טעאַטער־טרופּעס האָבן באַוויזן צו פאַרהיטן אויף לענגערע צייטן די אויפ־

פירונגען, וואָס זענען דורך זיי מיט אַזויפיל קרבנות צוגעגרייט געוואָרן? וועלכע יידישע טרופּע זאַמלט עס דעם פּיעסעס-קאַפּיטאַל, די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, די אויסשטאַטונג און דעם אויסגעכאָוועטן אַרטיסטן-מאַטעריאַל?

איך האָב לעצטנס געלייענט אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום, וואָס די „הבימה" האָט צוגעשטעלט צום ציוניסטישן קאָנגרעס. הלוואַי וואָלטן אונזערע יידישע טעאַטער-טרופּעס זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר-השכּל פון דער „הבימה", ווי אַזוי מען אַרבעט און ווי מען באַציט זיך צו די אייגענע „אויסאַרבעטונגען". פון דעם גאַנצן פּיעסעס-רעפּערטואַר, וואָס „הבימה" האָט פאַר די פופצן יאָר אויפגעפירט, זענען בלויז אַ צוויי-דריי אָפּגעפאַלן, און די אַלע איבעריקע זענען ל ע ב ע ד י ק ע ר אַ ק ט י וו ע ר קאַפּיטאַל, וואָס מען קאָן צו יעדער צייט גלייך רעאַליזירן. אין יעדן מאָמענט איז די פּיעסע אין אַלע פּרטים פאַרטיק צו שפּילן, און וויל מען ערגעץ אַרויספאָרן, האָט מען פאַרטיק גאַנצע פיפצן פּיעסעס. דאָס זעלבע איז אויך ביים מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער, ווו עס זענען פאַרבליבן עטלעכע פּיעסעס אויף לאַנגע יאָרן אין רעפּערטואַר (אייניקע פּיעסעס זענען אַוועק „אין אַרכיוו" צוליב פּאָליטישע טעמים!). דאָס איז דער „גאָלד-זאַפּאַס" ביי אַ טעאַטער, דאָס איז וויכטיק אויך פאַרן גאַנצן אַנסאַמבל און אויך פאַר יעדן איינציקן אַקטיאָר. — צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען דער מאָסקווער יידישער מלוכה-טעאַטער (דאַן נאָך אונטער גראַנאָווסקיס אָנפירונג!) האָט גאַסטראָלירט אין אייראָפּע, האָט ער געפירט מיט זיך אַן אַכט גרויסע אויפפירונגען. יעדע אויפפירונג האָט געגעבן עפּעס אַנדערש, געוויזן פאַרשיידנאַרטיקע רעזשי און שפּילן פונם אַנסאַמבל, פון איינצלנע אַקטיאָרן (200.000, מסעות בנימין השלישי, ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, כישופמאַכערין, טרואַדעק א. אַ.) באַוויזן די פאַרשיידנאַרטיקע יידישע דראַמאַטורגן (גאָלדפאַדען, מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם) און אויך אַן אייראָפּעיש שטיק. טעאַטראַלישקייט, באַלאַדע, מיסטעריעזע סימפאָניע, פרייד, גראָטעסק א. אַז. וו. דער טעאַטער האָט אַפילו געגעבן זאַכן פון זייער ערשטער שלום-עליכם-פאָרשטעלונג. אַלץ צוזאַמען איז אויסגעוואַקסן פאַר דער טעאַטער-וועלט, פאַר דער קריטיק אין אַ געוואַלטיקער סצענישער עשירות, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט.

אין מאָריס שוואַרצס קונסט-טעאַטער האָט אין פאַרשיידענע

צייטן באַוויזן אויפצוהיטן (אמת, אַ קלענערן טייל!) פון זיין אַמאָליקער עשירות, און אויף זיינע „אַמאָליקע גאַסטשפּילן מיט זיין סטאַבילער טרופּע האָט ער געקענט אויפפירן פּיעסעס פון זיין פריערדיקן רעפּערטואַר.

און ווי זעט עס אויס ביי אונז? עס איז אַ שרעק, ווען מיר דערמאָנען זיך, ווי פון די אַלע באמת גלענצנדיקע אויפפירונגען, וואָס זענען געווען אַמאָל אין וואַרשע, איז קיין שום זכר נישט פאַרבליבן— (אַפילו קיין פאָטאָגראַפיעס נישט!). — געווען, געלעבט, געווירקט, און אַוועק, אויף אייביק אַוועק!

אַמאָל איז געווען אַ „צענטראל"-אַנסאַמבל, אַמאָל איז געווען אַ „וויקט" (אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע גלגולים!) אַמאָל איז געווען אַ „ווילנער טרופּע" (אויך אין פאַרשיידענע גלגולים!), אַ „ווניט", אַ מנחם-רובין-טעאַטער, אַ וואַרשעווער דראַמטעאַטער, אַ באַראַטאָוו-טרופּע און נאָך און נאָך. וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן פון די צענדליקער און צענדליקער אינטערעסאַנטע און גלענצנדיקע קינסטלערישע און סצענישע דערגרייכונגען? קיין איינע נישט! „רעוויזאָר", „לא תחמוד", „וועלף", שמאטעס", „דער זינגער פון זיין טרויער", „דער נסיון", „ווייבערשע קניפּלעך", „קדוש-השם". „ביינאַכט אויפן אַלטן מארק", „גולם", „אויפשטאַנד", „דאנטאָנס טויט", „200.000", „דער טויבער", „צוויי קוני לעמל", אָרעמע מלוכה" און נאָך און נאָך פיל, — פון דעם אַלעם איז קיין שריד ופליט נישט פאַרבליבן. אַלץ וואָס איז דאָן אויפגעבויט געוואָרן מיט אוממענטשלעכער מי און אָנשטרענגונג, איז גלייך ביים אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג פון דער לעצטער פאָרשטעלונג, ווי אין אַ תהום אַריין.

און אָט דעם ביטערן, פאַרשאָלטענעם גורל פון אַ כאַפּ-לאַפּלעבן, ווען יעדע נייע פּיעסע פּרעסט אויף די פריערדיקע, קאָן אויך די „ווילנער טרופּע", וועלכע אַנאָנסירט איצט דאָס זיבעצנטע יאָר, נישט אויסמיידן. וואָס זאָגט אָט די זיבעצנצן-יאָר דאטע, ווען כמעט קיין איינע פון די אַלע ביזאיצטיקע איבער הונדערט אויפפירונגען קאָן זי איצט נישט שטעלן! נישט עס איז געבליבן דער אַרטיסטן-מאַטעריאַל און אויך נישט קיין ברעטל אָדער לייוונט פון יענע אויפפירונגען. אַמאָל טרעפט זיך, אַז ערגעץ-ווו נעמט מען און אויף אַ כאַפּ-לאַפּאופן פירט מען אויף אַ פריערדיקע פאָרשטעלונג. דאָס ווערט געמאכט לויט דער רעזשי פון דעם אָדער יענעם רעזשיסער און אָפטמאָל

איז עס אַזוי לויט, אַז דער רעזשיסער אַליין וואָלט שוין נישט דער־קענט זיין אייגענע אַרבעט. מען האָט אפילו צוגעטראכט ביי אונז אַ ניי וואָרט „אָוונט־רעזשיסער״. דער אַרטיסט, וואָס גייט דאָ לויטן זכרון אויפשטעלן אַ פאָרשטעלונג איינס־און־צוויי מיט אַנדערע אַרטיסטן, ביי אַנדערע דעקאָראַציעס, נעמט זיך אָט דעם ספּעציעלן טיטל „אָוונט־רעזשיסער״. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט נאָך די „ווילנער טרופּע״ געקענט אַרויסלאָזן גרויסע אַפישן, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעזאָגט אַ צען פּיעסעס פון שלום־עליכם, פּרץ, אַש, לייוויק, בער־געלסאָן, פּרעגער, און אויך פון באַוווּסטע נישט־יידישע דראַמאַטורגן, און עס זענען געווען אָנגעגעבן עטלעכע רעזשיסערישע נעמען ד. הערמאַן, ד״ר מ. ווייכערט, י. ראַטבוים און י. שטערנבערג, און אויך נעמען פון באַקאַנטע קינסטלער אַלס דעקאָראַטאָרן. אָט דער אַפיש האָט אימפּאָנירט: עפּעס גאָר לייטיש, מעשה־מענטשן! אַ טרופּע מיט אַ פּאַרנעם, מיט אַ גרויסן קינסטלערישן באַגאַזש. מען האָט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַפילו מיטגעפירט מיט זיך אויף גאַסטשפּילן אַ גאַנצן וואַגאָן דעקאָראַציעס. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, אין יענע „גוטע״ צייטן. אָבער איצט? „במקלי עברתי את הירדן״, — מיטן שטעקל גייט מען איבער דעם ירדן! עס איז אַ כאַפּ־לאַפּ־לעבן, וואָס איז זיך אַליין מיאוס און עס פאַרשאַפט נישט קיין כבוד און קיין רום דעם טעאַטער. — מען איז אָדם־נאַקעט, ווי מען שטייט און גייט, מיטן שטעקעלע, מיט דער לעצטער בלויז פּיעסע.

אַ סברא, אַז איצט, צום נייעם טורנע איבער אייראָפּע, גייט די „ווילנער טרופּע״, מיטן אומדערמידלעכן מ. מזאה, רעסטאַווירן אַ ריי פריערדיקע פּיעסעס. הלוואַי!

אַוודאי זענען פאַראַן אויסערלעכע וויכטיקע סיבות, וואָס ברענ־גען צו אָט דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון דעם יידישן טעאַטער. קודם־כל: עס פעלט אַן אייגענע לייטישע טעאַטער־געביידע, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אויפצוהיטן די אויסשטאַטונג פון די פריערדיקע פּיעסעס און איינצוהאַלטן אַן אַרטיסטן־אַנסאַמבל אויף לענגערע צייטן. אויפגע־בליצט, פאַנאַנדערגעפלאַקערט און גלייך פאַרלאָשן און אויף שטענ־דיק — דאָס איז דאָס טרויעריקע לעבן פון אונזער יידישן טעאַטער אַפילו אין זיינע גליקלעכסטע, דערהויבנסטע נצחון־מאָמענטן.

דאָס נע־ונד־לעבן פונם יידישן טעאַטער איז אַ כאַפּ־לאַפּ־לעבן,

וואָס ווייסט קוים און אין בעסטן פאַל פון אַ היינט, אָבער נישט פון אַ נעכטן און אַוודאי נישט פון אַ מאָרגן. ווי עס זינגט זיך אין דעם טרויעריקן יידישן לידל: „שוין נישטאָ קיין נעכטן, נאָך נישטאָ קיין מאָרגן". דאָרט, אינם טרויעריקן לידל, זינגט זיך ווייטער, „טאָמער איז דאָ אַביסעלע היינט, לאָמיר זיך נישט זאָרגן". אָבער אינם טעאַטער טאָר מען זיך נישט באַגנוגענען מיט דעם „ביסעלע היינט", און בפרט, אַז דאָס „ביסעלע היינט" איז אויך נישט קיין פריילעכס, און דעריבער וועקט עס גרויסע, גרויסע זאָרגן פאַר דעם מאָרגן, ווען עס איז לחלוטין אָן אַ נעכטן...

1933

וואָס עס איז נויטיק?

פון אַלע זייטן, פון די פאַרשיידענע יידישע ישובים, גרויסע און קליינע, אַלטע און נייע, קומען אָן שלעכטע און שווערע גריסן וועגן דעם קלאָגעדיקן און אָפּטמאָל — קאַטאַסטראָפאַלן מצב פון די צענטראַלע און אָרטיקע יידישע קולטור-אינסטיטוציעס, וועלכע זענען מיט אַזוי פיל מי און מסירת נפש געבויט געוואָרן. עס קרעכצט נישט נאָר איישישאָק, נאָר אויך ניו-יאָרק. עס איז נישט גוט מיטן יידישן שול-וועזן, עס איז שלעכט מיטן יידישן בוך, עס איז קריזיס אין יידישן טעאַטער, און עס האַלטן ביים פאַרמאַכן זיך פאַרלאַגן, אויסגאַבעס, ביבליאָטעקן. דער שלעכטער צושטאַנד פון אַ יידישער קולטור-אינסטיטוציע אין איין לאַנד ווירקט גלייך אויף דער לאַגע פון אַ ריי יידישע קולטור-אינסטיטוציעס אין אַנדערע לענדער, וועלכע זענען, אָפּטמאָל אומבאַוווסט, פאַרבונדן צווישן זיך. די קאַטאַסטראָפע פונם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע ווירקט אויף דעם כאַראַקטער, אויסזען, אינעווייניקסטן לעבן פונם יידישן טעאַטער אין אַנדערע לענדער. זייער פילבאַר איז די ווירקונג פון דעם שווערן מצב פונם יידישן פאַרלאַגסוועזן אין פוילן אויף דעם וויל פון די יידישע שרייבער אין אַנדערע לענדער, — אין אַמעריקע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער צופלוס פון מאַטעריעלער הילף פאַר די יידישע שולן אין פוילן און ליטע פון דער יידישער אַמעריקע, וועלכע מאַכט אַדורך אין אירע יידישע שולן אַן אייגענעם שווערן קריזיס. עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן די טויערן פאַרן יידישן בוך אין אַ ריי לענדער, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם קיום פון די גרעסטע פאַרלאַגן. אַזוי איז שוין דער כאַראַקטער און מהות פון דעם יידישן קולטור-שאַפן אין גאָר דער וועלט: עס איז געקניפּט און געבונדן מיט די אויפטוען און דערגרייכונגען, אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען אין די אַלע אַנדערע לענדער.

אויב די עטלעכע גרויסע יידישע קיבוצים, ווי פּאַרייניקטע שטאַטן און פּוילן, קאָנען נאָך ווי-עס-איז אויסקומען מיט אייגענע כּוחות, איז עס לחלוטין אוממעגלעך פאַר די קלענערע יידישע קיבוצים, וועלכע מוזן כּסדר און אָן אויפהער באַקומען מיטהילף, שטיצע פון די אַנדערע גרעסערע יידישע קולטור-צענטערן.

איך בין דאָ נישט לאַנג געווען אין לעטלאַנד און אין ליטע און זיך צוגעקוקט, ווי מען נויטיקט זיך דאָרט שטענדיק אין דער גייסטיקער און קינסטלערישער הילף פון פּוילן און אַמעריקע. נישט זייער שול, נישט זייער טעאַטער, נישט זייער פּרעסע קאָנען לעבן בלויז מיט אייגענע כּוחות. צי מען וויל, צי מען וויל נישט, אָבער עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטענדיקער אויסטויש פון כּוחות. עס ווערן כּסדר איבערגעוואָרפן אויף דעם און יענעם יידישן קולטור- און קונסט-פּראָנט כּוחות, וועלכע שטאַרקן די אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציעס און געבן צו די אָרטיקע טוער נייע דערמוטיקונג, נייע כּוחות, נייע ווידערשטאַנדס-קראַפט. דאָס אָבער ווערט געטון אָן קיין סיסטעם, אָן קיין פּלאַן.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט האָט פון די ערשטע טריט זיינע פאַרשטאַנען דעם כּוח און דעם געוויכט פון דעם איינהייטלעכן יידישן קולטור-פראָנט, וואָס קאָן און דאַרף און מוז שטיין שטאָל און אייזן פאַר אָט דער צענטראַלער יידישער וויסנשאַפט-אינסטיטוציע. דער בּוּדזשעט און דער שטיץ-כּוח פונם ייוואָ שפּאַרט זיך אָן אויף די אַלע לענדער, וווּ עס לעבן נאָר יידישע פאָלקס-מאַסן מיט יידיש. אָט די אַלוועלטלעכקייט פון דעם ייוואָ האָט מיטאַמאָל צוגעגעבן דער אינסטיטוציע דעם גרויסן פאַרנעם און כאַראַקטער. ווערט אָפּגעשוואַכט איין לאַנד, קומט אַ צווייט און אַ דריט לאַנד און שטעלט אונטער די פּלייצעס. און עס איז אינטערעסאַנט, אַגבֿ, אַז די קליינע יידישע ליטע טראָגט אַריין אין ייוואָ מער און פּינקטלעכער, ווי אַנדערע גרויסע יידישע קיבוצים.

עס איז באמת אַ גרויסע זינד, וואָס ביז איצט האָט מען פאַר דער יידישער שול נישט באַוויזן צו שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט אפילו פאַר אַזעלכע צענטראַלע אויפגאַבן, ווי אַ פּעדאַגאָגישער זשורנאַל, פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור, קינדער-ליטעראַטור, פּעדאַגאָגישער מוזיי און אַזוי ווייטער. ביז איצט אַרבעט זיך יעדע צענטראַלע שול-אָרגאַניזאַציע אַליין פאַר זיך, באַלאַנדזשעט זיך אויפן אייגענעם חשבון און האָט קיין שום קאָנטאַקט נישט מיט די אַנדערע ענלעכע יידישע שול-אָרגאַניזאַציעס

אין די אַנדערע לענדער. נאָר אַמאָל, ביי אַ יובילײ־פייערונג, איז מען יוצא מיט אַ באַגריס־בריוול און דאָס גאָר. און וויפיל נוצן און הילף עס וואָלטן די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציעס און פאַריינען אין אַמע־ריקע, פוילן, לעטלאַנד, ליטע געקאָנט באַהילפיק זיין איינע דער אַנדערער סיי אין ליידן און סיי אין פריידן! און וויפיל וואָלט מען פאַרשפּאָרט ביי אַן ענגערער פאַרבינדונג אומזיסטע ענערגיע און מיטלען! וואָלט, למשל, אַ ווילנער יידישער לערער־סעמינאַר (ווען ער איז נאָך געווען!) נישט געקאָנט באַדינען מיט לערער אין אַ גרויסער מאָס די יידישע שולן אין לעטלאַנד אָדער ליטע? און וואָלט מען מיט געמיינזאַמע כּוחות נישט געקאָנט קעמפן קעגן דעם מאַנגל אין אַ יידיש פּעדאַגאָגישן בוך? עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז עד־היום איז די פּעדאַגאָגישע סעקציע ביים ייוואָ די סאַמע שוואַכסטע און אומטעטיקסטע פון אַלע סעקציעס, אין דער צייט, וואָס זי האָט באַדאַרפט זיין די וויכטיקסטע, אָרגאַ־ניזירטסטע און אַרבעטס־פעיִקסטע.

און ווי עס ווירקט אָט די צעריסנקייט און צעשפּליטערטקייט פון די יידישע צענטרען און לענדער אויף אונזער יידישן טעאַטער!

אין פאַרשיידענע לענדער איבער גאָר דער וועלט שפּילן איצט ביז אַ הונדערט יידישע טעאַטער־טרופּעס מיט אַ באַשטאַנד פון ווייט איבער טויזנט יידישע אַקטיאָרן. יידיש טעאַטער ווערט געשפּילט אין גרויסע שטעט מיט אַ גרויסן יידישן קיבוץ, און יידיש טעאַטער ווערט אויך געשפּילט שטענדיק אָדער צייטווייליק אין קלענערע, קליינע יידישע קיבוצים. דער ווייט־גרעסטער טייל פון אָט די טעאַטערן מיט זייערע אַקטיאָרן זענען וואַנדערנדיקע, וואַגלענדיקע: היינט דאָ און מאָרגן דאָרטן. מען פאָרט אַרום פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און נאָך מער — מען שניידט אַדורך איינציקווייז און משפּחהווייז ימען און אָקעאַנען און מען שלאָגט אַן אין לויף פון איין יאָר, אָפטמאָל פון איין סעזאָן אין די סאַמע ווייטסטע מדינות און לענדער.

אָט די פאַרשיידענע הונדערט יידישע טעאַטער־טרופּעס מיט די איבער טויזנט יידישע אַרטיסטן האָבן איבער די עטלעכע און צוואַנציק מדינות אַ יידישן טעאַטער־פּובליקום פון אַ פּאָר מיליאָן צושויער, וואָס גייט אין טעאַטער, האָט אַן אינטערעס פאַר דעם טעאַטער און וואָס שטעלט דעם טעאַטער די אָדער אַנדערע קינסטלערישע אָדער פאַרווײלונגס־פאָדערונגען. עס וואָלט דעריבער געווען אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך, ווען אָט די קאָלאָסאַל־פאַרצווייגטע אינסטיטוציע,

יידיש טעאַטער, וואָלט געווען פאַרבונדן און פעסט אָרגאַניזירט, פדי די אַלע איבער טויזנט יידישע אַרטיסטן זאָלן ווי אַמבעסטן באַדינען די יידישע טעאַטערן און באַפרידיקן די מיליאָנען יידישע טעאַטער־צושויער. דאַן וואָלט מען פאַרשפּאָרט פיל אומזיסטיקע ענערגיע און פלאָנטערנישן, אומנויטיקע דורכפאַלן, מיאוסע קאָנקורענץ, אומגעלומ־פּערטע קוריאָזן, וואָס זענען איצט אָפטע, גאָר־אָפטע דערשיינונגען אינם יידישן טעאַטער־לעבן אין גאָר דער וועלט.

עס איז איצט אַלעמען קלאָר, אַז קיין איין לאַנד קאָן נישט אויסקומען מיט איר יידישן טעאַטער אָן דער מיטהילף און מיטאַרבעט פון די אַרטיסטן פון אַנדערע לענדער. אַפילו דאָס יידישע טעאַטער אין פוילן און אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע מוז אָנקומען צו די גאַסטשפילן פון יידישע שוישפּילער פון אַנדערע לענדער. עס איז נאָך מעגלעך צו שאַפן אַ דראַמאַטישן אַנסאַמבל מיט אייגענע אָרטיקע קינסטלערישע כוחות, אָבער עס איז אוממעגלעך דער אָפּערעטע, דער מעלאָדראַמע צו עקזיסטירן אָן אַן אַמעריקאַנער גאַסט. ווען נישט בערטאַ גערסטין, וואָלט דער קאַמינסקי־טעאַטער היי־יאָר נישט עקזי־סטירט אין וואַרשע, אויך דער וואַרשעווער פאָלקס־טעאַטער האָט גע־האַלטן זייער שמאָל, איידער עס איז געקומען אַהין יעקב רעכצייט. פּאָרט אָפּ בערטאַ גערסטין, — קומט גלייך לודוויג זאַץ. און אַפילו דער גאָר־רייכער אין אַרטיסטישע קרעפטן ניו־יאָרק האָט זייער גערן אויפ־גענומען היי־יאָר אָלאַ לילית מיט וו. גאָדיקן, מנחם רובינען, יצחק פעלדן. עס איז אויך פאַרשטענדלעך געווען, וואָס מען האָט פאַרבעטן גראַנאַכן אויף גאַסטשפילן. וועגן לאָנדאָן, פּאַריז, ווין, בוקאַרעשט, ריגע, קאָוונע, בריסעל, בוענאָס־איירעס, ריאָ־דע־זשאַנעיראָ און די הונדערט גרעסערע און קלענערע שטעט איז אָפּגערעדט. די דאָרטיקע טעאַטערן קאָנען קיין איין טאָג נישט עקזיסטירן אָן יידישע אַרטיסטן פון דער פרעמד.

טעאַטער איז די סאַמע קאָמפּליצירטסטע און ראַפינירטסטע אַרט־קונסט. עס איז געבונדן און אָפּהענגיק פון אָן א שיער וויכטיקע און נישטיקע פּרטים און זאַכן, וואָס קאָנען דעם טעאַטער אויפריכטן, און פאַרקערט — אויך פירן צום אָפּגרונט. דערביי האָט זיך יעדעס לאַנד, יעדע שטאָט, און אַפילו יעדער טעאַטער אין זיין אָרט זיינע באַזונדערע, ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן, פאַרלאַנגען, שוואַכקייטן, מיט וועלכע מען דאַרף זיך שטאַרק רעכענען. אויב נישט, הרגעט מען דעם טעאַטער אַוועק אויף אַ לענגערער צייט. נישט אַלץ, וואָס עס איז

גוט און גלענצנד אין איין אָרט, איז צוגעפּאַסט און אָנגעמאָסטן פאַר דעם צווייטן פּונקט. ווען מען נעמט נישט אין באַטראַכט די אַרטיקע באַדינגונגען, פאַלט מען גיך אַדורך און מען ברענגט אום דעם טע־אַטער־בנין, וואָס שטייט אַזוי אויך אויף הינערישע פיסלעך. דערצו געפינען זיך ביי די טעאַטערן אָפטמאָל אונטערנעמער, וואָס האָבן קיין שום אַנונג נישט, וואָס טעאַטער איז. יידישע טעאַטער - דירעקטאָרן ווערן דאָס רוב רעקרוטירט פון אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע הויבן נישט אָן צו וויסן, מיט וואָס מען עסט עס. איז אָנשטאָט אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין, סיסטעם און שטרענגן פּלאַן אויף אַ לענגערער צייט, — הערשט פּלאָנטער, כאַאָס. מען לעבט פון טאָג אויף טאָג, מען כאַפּט זיך ווי דער וואָס טרינקט זיך, ביי אַ שטרוי, און מען דערפירט די אונטערנעמונג גיך צו אַ קאַטאַסטראָפע.

ביישפּילן ברענגען? זיי זענען נישט נויטיק. יעדער אַרטיסט, יעדער איינער, וואָס האָט וואָסער ס'איז שייכות צום יידישן טעאַטער, אומעטום: פון ניו־יאָרק ביז סקערניעוויץ אין פּוילן, פון וואַרשע ביז רעסיפע אין בראַזיל ווייסט עס איבערגענוג.

ווער עס לייענט די יידישע פּרעסע, וואָס דערשיינט אין עטלעכע און צוואַנציק מדינות אין דער גאַנצער וועלט, און פאָלגט־נאָך נאָך די טעאַטער־אַנאָנסן, וועלכע דרוקן זיך דאָרט, דער ווייסט, וואָס אַ צעטומלעניש, געפּלאָנטער, מישמאַש עס הערשט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט. עס שווינדלט ממש פאַר די אויגן. עס מאַכט אַן איינדרוק פון עפּעס אַ משוגעדיקן געלויף פון אומזיניקע, — אַרטיסטן לויפן פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער, מאַכן אַדורך טויזנטער, צענער טויזנטער קילאָמעטער מיט דער באַן, מיט דער שיף. מען לויפט און מען יאָגט זיך נאָך, מען פאַרלויפט דעם וועג און מען וויל יענעם איבעריאָגן, מען כאַפּט און פאַרכאַפּט טעאַטערן, ווי אויפן פראָנט— פּאָזיציעס. מען ראַנגלט זיך, מען שלאָגט זיך אויס פון די כוחות, און אינם געראַנגל קומט מען אַליין אום.

אין איינִיקע ערטער עקזיסטירן יידישע אַרטיסטן־פאַריינען, אָבער דאָס רוב אינטערעסירן זיי זיך בלויז מיט פּראָפעסיאָנעלע פראַגן פון די אָרטיקע מיטגלידער, און זיי פאַרגעסן לחלוטין, אַז דער יידישער טעאַטער לויט זיין כאַראַקטער און פאַרנעם איז אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע יידישע טעאַטער־אינסטיטוציע, וואָס איז אָנגעוויזן מיט זיין לעבן און עקזיסטענץ אויף דער גאַנצער יידישער וועלט, איבער

גרענעצן און לאַנד־מחיצות. דער אַמעריקאַנער אַרטיסטן־יוניאָן קאָן אין טאָר זיך נישט באַגרענעצן אין זיין טעטיקייט בלויז מיט דער טעריטאָריע אין די פאַרייניקטע שטאַטן, פונקט ווי דער אַרטיסטן־פאַריין אין פוילן קאָן זיך נישט פאַרנעמען דורכויס מיט דעם יידישן אַרטיסט אין די פוילישע גרענעצן, ווייל פיל יידישע אַרטיסטן פונם אַמעריקאַנער יוניאָן שפילן אָדער דאַרפן שפילן אין אַרגענטינע, רומעניע, פוילן, פראַנקרייך, און נאָך מער יידישע אַרטיסטן פון פוילן לעבן אין לעטלאַנד, ליטע, פראַנקרייך, אַרגענטינע, בראַזיל און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די לעצטע פאָר יאָר איז צוגעקומען נאָך אַ שטער, וואָס פאַרשאַפט פיל זאָרגן און פלאָגן דעם יידישן אַרטיסט. אינם רוב לענדער הערשט אַ פאַרבאָט פאַר אויסלענדישע אַרטיסטן אַריינצופאָרן און צו שפילן דאָרט טעאַטער. אויב, למשל, פאַר אַ פוילישן אָדער רומענישן אַרטיסט איז דער פאַרבאָט אַריינצופאָרן קיין לעטלאַנד, פראַנקרייך, דרום־אַפריקע גאָרנישט ווערט און עס דאַרף אים לחלוטין נישט אָנגיין, איז אַזאַ מין פאַרבאָט פון דער גרעסטער באַדייטונג פאַר אַ יידישן אַרטיסט פון אַמעריקע אָדער פון פוילן, פון רומעניע, אָדער פון עסטרייך. ווייל זעלטן וועלכער פוילישער אָדער לעטישער אַרטיסט דאַרף אַרויספאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, כדי צו שפילן דאָרט טעאַטער אויף זיין שפּראַך, און זעלטן וועלכער יידישער אַרטיסט קאָן פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אין זיין לאַנד און נישט זיין געצוווּנגען צו פאָרן אין אַנדערע לענדער.

אויב אָט דער פאַרבאָט זאָל אָנגיין מיט זיין גאַנצער שטרענגקייט אויך בנוגע צו יידישע אַרטיסטן, הייסט עס, אַז עס דראָט דעם יידישן טעאַטער אין פיל לענדער אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג. פאַרייניקטע שטאַטן, און בעיקר דאָס יידישע ניו־יאָרק, קאָן אפשר אויסקומען בלויז מיט אייגענע אַרטיסטישע קרעפטן, אָבער די אַלע איבעריקע יידישע ישובים קאָנען קיין איין טאָג נישט שפילן אָן זייטיקע, געקומענע גאַסטראָלערן. און עס באַקומט זיך אָפטמאָל אַ זייער־קוריאָזע זאַך: דער וואַרשעווער, אין וואַרשע געבוירענער, אברהם טייטלבוים טאָר נישט שפילן יידיש־טעאַטער אין וואַרשע, דער געוועזענער ווילנער שניאור, — אין ווילנע, ווייל פאַר דער לעצטער צייט זענען זיי געוואָרן אַמעריקאַנער בירגער.

און דערצו — מיט דער גאַנצער וויכטיקייט און נוצן פון די

גאַסטשפּילן, ברענגען זיי אַריין אויך אַ שטאַרקע צערודערונג אין דעם אָרטיקן יידישן טעאַטער-לעבן. די גאַסטראָלערן שפּיצן-צו דעם טעאַטער צו זיך, ברענגען פאַרטיקע פּיעסעס, אָפטמאָל צוגעשניטן פאַר זיי, די אָרטיקע אַקטיאָרן ווערן אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַן, די פּיעסעס זע-נען דאָס רוב פרעמדע געוויקסן אויפן אָרטיקן באָדן, דער עולם ווערט צוגעוווינט צו „אַטראַקציעס" און ווייכט פונם טעאַטער, ווען ער האָט נישט קיין „גאַסט", קיין „סטאַר". עס ווערט אָפּגעשוואַכט די ענער-גיע פון די אָרטיקע אַרטיסטן א. אַ. וו. הכלל, שטענדיקע גאַסטראָ-לעריי האָט אין זיך גרויסע חסרונות פאַר דעם נאָרמאַלן וווּקס פון דעם טעאַטער.

דאָס זענען אַלץ וויכטיקע זאַכן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אינ-טערעסירן אונזער יידישע טעאַטער-וועלט. אָבער, לײדער, איז נישטאָ די איין צענטראַלע יידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל אָנפירן מיט דעם קאָמפּליצירטן יידישן טעאַטער-לעבן, רעגולירן די אַרבעט פון די הונ-דערט טרופּעס און די איבער טויזנט יידישע אַרטיסטן, וועלכע זענען צעריסן, צעשטויבט, אָן אָנפירער און וועגווייזער.

כל-זמן עס וועט נישט געשאַפן ווערן קיין צענטראַלע אינסטי-טוציע, וואָס זאָל אָנפירן מיט אָט דעם קאָלאָסאַלן כּוח, וועט פיל ענערגיע, כּוחות, געלט גיין לאיבוד און עס וועט ברענגען גרויס שאָדן דעם יידישן טעאַטער און דעם יידישן שאַפן.

אַמאָל, צוריק מיט אַ צען-עלף יאָר, איז געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג פון שאַפן אַן אײנהײטלעכע יידישע אַלוועלטלעכע קולטור-אָרגאַניזאַציע (דאַן געווען פאַרבונדן מיט דעם פּאָפּולערן און קלינגנ-דיקן נאָמען „קולטור-ליגע"). אין פאַרשיידענע ערטער זענען דאַן אויפ-געקומען „קולטור-ליגעס", זיך ברייט פאַרמאָסטן, געגרינדעט פאַרשיי-דענע אינסטיטוציעס, אָבער אָן אַן אָנפירנדיקן צענטר, אָן אַ קלאָר-אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם, אָן אַ פעסטער ליניע, זענען די „קולטור-ליגעס" צעפאַלן געוואָרן, אָדער זיי האָבן אָנגעוווירן זייער אייגנטלעכן כאַראַקטער און אויסזען. דאַן האָט זיך דאָס יידישע לעבן אומעטום נאָך נישט געהאַט איינגעשטעלט, עס האָט געהאַלטן צופיל אין ברויזן, און עס זענען נאָך נישט קלאָר געווען די כּוחות-פאַרהעלטענישן פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען, גרופּירונגען און ריכטונגען אויף דער יידי-שער גאַס. דאַן איז די גאַנצע ענערגיע אין צענטר געפּטרט געוואָרן אויף דינגענישן און רייסערייען, כּדי וואָס-מער אייגענע פּאַרטיי-הענט

אריינצושפּאַרן אין דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן, — ווי ס׳איז געווען דאַן דער פאַל אין װאַרשע, ווילנע, וווּ מ׳האָט געוואָלט אויפשטעלן די צענטראַלע פון דער „קולטור-ליגע".

זינט דאַן האָט זיך די לאַגע אין דער יידישער קולטור-וועלט אַ שיין ביסל געענדערט. עס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט אידייען, אָנשווּונגען, עס זענען דורך דעם לעבן אַוועקגעשטעלט געוואָרן קאָנקרעטע אויפגאַבן און פאַרלאַנגען, וואָס וואַרטן אויף זייער באַשייד. דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט אַלע זיינע אָפּטיילונגען, די יידישע קולטור-געזעלשאַפט אין אַמעריקע מיט אַלע אירע צווייגן, די דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן די לעצטע יאָרן געהאַט אין פאַרשיידענע לענדער ביי דער יידישער קולטור-אַרבעט, — דאָס אַלץ קאָן איצט צונויף קומען ביים צוטרעטן צו שאַפן אַ צענטראַלע פאַר אונזער קולטור-אַרבעט אין פאַרשיידענע לענדער.

מען רעדט די לעצטע פאָר יאָר ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן וועגן צונויפרופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס. די פראַגע איז לעצטנס אויך אויפגעהויבן געוואָרן אויף דעם צווייטן קולטור-צוזאַמענפאָר פון דער קולטור-געזעלשאַפט אין ניו-יאָרק. אָבער כּל-זמן עס זענען נאָך נישט אָרגאַניזירט קיין קולטור-געזעלשאַפטן אויף די ערטער, וועלכע פירן אָן מיט אַ סיסטעמאַטישער קולטור-אַרבעט, איז פּריצייטיק און פרוכטלאָז צונויפצורופן אַ קולטור-קאָנגרעס, וואָס וועט אין בעסטן פאַל זיין בלויז אַ מאַניפעסטאַציע פון איינצלנע יידישיסטישע קולטור-טוער. ס׳איז קלאָר: איידער מען וויל צונויפרופן אַ קולטור-קאָנגרעס, דאַרף מען פריער שאַפן דעם פונדאַמענט, און ערשט שפּעטער בויען דעם העכסטן שטאָק.

דאָס געבאָט פון דער שעה: מען דאַרף צוטרעטן צו שאַפן אַ צענטראַלן קולטור-פאַרבאַנד פאַר די אַלע יידישע קולטור-אַרבעטן אין די פאַרשיידענע לענדער. עס דאַרפן קאָאָרדינירט ווערן די אויפטוען, אַז איין לאַנד זאָל קאָנען געניסן פון דעם פּאָזיטיוון, וואָס עס טוט און שאַפט זיך אין די אַלע איבעריקע לענדער. יעדער יידישער קיבוץ פאַר זיך איז שוואַך, איז נישט בכוח אַליין צו שאַפן וויכטיקע קולטור-ווערק און ווערטן.

אַלע צוזאַמען אָבער קאָנען אַסך אויפטוען.

1932

דאָס רעכט צו קריטיקירן

אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע קומט איצט פאָר אַ העפּטיקער געראַנגל צווישן דיכטער און קריטיקער. אָנגעהויבן דעם קאַמף האָט דער דיכטער ה. רויזנבלאַט אין דער צייטשריפט „בריקן”. ש. ניגער האָט געענטפערט, און די תשובה האָט אַרויסגערופן אַ נייע פּאָלעמיק. אויך ב. ריווקין האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט ש. ניגערס אַ שאַרפער קריטיק אויף פּסח מאַרקוסעס אַ בוך, שטאַרק קריטיקירט די קריטיק פונם קריטיקער ש. ניגער. אין די וויכּוחים ווערן אַרויסגעוואָרפן לאָזונגען, רופן, געדאַנקען, אַפּאָריזמען אויפן אַדרעס פון קריטיק און קריטיקער.

קריטיק — זאָגן אייניקע — איז אַ בלוט-זויגערין, זי לעבט אינגאַנצן אויף דעם חשבון פון אַנדערע, אויפן חשבון און קאַרק פון קינסטלער און זייערע ווערק; קריטיק, האַלטן אַנדערע, איז די פירערין, די וועג-ווייזערין אין די לאַבירינטן פון שאַפן; ווען נישט די קריטיק, וואָלט מען זיך קנאַפּ-וואָס פאַנאַנדערגעקליבן אין די פאַרפּלאָנטערטע וועגן פון די קינסטלער. קריטיק — טענהן ווידער אַנדערע — צערודערט דעם שרייבער און לייענער, דעזאָריענטירט זיי, טראָגט אַריין בייז בלוט, צעמישט די מוחות; קריטיק ווערט אויסגענוצט צוליב פּערזענלעכע חשבונות און אַמביציעס. — אָט די און ענלעכע מיינונגען לאָזן זיך הערן שטענדיק, ווען נאָר מען הויבט אויף די פראַגע וועגן קריטיק.

אין דער הייסער דעבאַטע, וואָס ווערט איצט געפירט אַרום קריטיק, פאַלן שווערע ווערטער ספּעציעל וועגן דער י י ד י ש ע ר קריטיק.

איז אונזער יידישע קריטיק טאַקע ערגער פון אַלע אַנדערע? איז עס נישט קיין שוואַכקייט און אַ קרענק אַזוי צו מיינען, אַז דאָרטן, ביי „לייטן”, איז בעסער, אויפריכטיקער, נאָרמאַלער, און אַז נאָר ביי אונז איז שלעכט, פאַרדאָרבן, פאַרקריפּלט?

בכלל, פאַלן מיר אָפּט אַריין פון איין עקסטרעם אין אַ צווייטן. אָדער מיר זענען אַן „אַתּה בחרתנו"-פאָלק, אָדער מיר זענען גאָר אין אַלע הינזיכטן ערגער פון אַנדערע, פון אַלע. און אַזוי אויך מכּוח אונזער קריטיק. זי האָט געוויס די זעלבע אייגנשאַפטן, די זעלבע מעלות און חסרונות, ווי אומעטום. און צו וואָס, באמת, דאָס איינשמועסן זיך און יענעם, אַז אַזאַ מין שלעכטע קריטיק, ווי ביי אונז, איז נאָך אין ערגעץ נישטאָ, און זי איז דעריבער נישט ווערט, וואָס זי לעבט אויף דער וועלט.

אָפּטמאָל האָבן מיר מער קריטיק אויף דער קריטיק, ווי קריטיק גופא. פיל מער שרייבט מען ביי אונז, הלמאַי מען קריטיקירט נישט קיין ביכער, ווי מען קריטיקירט ביכער. איז דאָך די פראַגע, הלמאַי זאָלן אָט די אַלע טענות-האָבער אַליין נישט שרייבן קיין קריטיק, און אַ מער-ערלעכע און אויפריכטיקערע, ווי זיי ווילן איינשמועסן, אַז זיי זוכן זי, און אַז זיי האָבן זי דערגרייכט.

און אין תּוך פון דער פראַגע:

אויב דער שרייבער-קינסטלער האָט דאָס רעכט צו נעמען מענטשן-שטאָף פאַר זיינע ווערק, האָט דער קריטיקער געוויס רעכט צו נעמען אַלס שטאָף פאַר זיין אַרבעט — ווערק. און בכלל, וויבאַלד דער שרייבער פאַרעפנטלעכט זיין ווערק, גיט ער עס דערמיט איבער אין רשות פון דער עפנטלעכקייט, וואָס האָט דאָס פולע רעכט צו זיין צופרידן, באַפרידיקט פון דעם ווערק, אָדער פאַרקערט. — אומצופרידן, נישט באַפרידיקט. יעדער לעזער איז דאָך בבחינת קריטיקער. ער לייענט דאָס ווערק, זאָגט אַרויס זיין מיינונג, טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פאַר אייגענע און נאָענטע. און אויב דער פשוטער לייענער טוט עס, פאַרוואָס איז עס פאַרבאָטן דעם לייענער-שרייבער, וואָס טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן עפנטלעך, געדרוקטערהייט?

די פראַגע איז בעיקר — די גרענעצן פון דער קריטיק.

פיל „פאַראינטערעסירטע" שרייבער זענען נישט קעגן קריטיק בכלל, נאָר קעגן אַ „באַשטימטער" קריטיק. פיל שרייבער האַלטן פון קריטיקער, כּל-זמן זיי זינגען תּהלות ותשבחות, דאַן איז די קריטיק „ווילקאָמען". אַנדערש איז, ווען דער זעלבער קריטיקער, וועלכער האָט פיל מאָל געלויבט, קומט צום שרייבער מיט טענות, דאַן ווערט מען אין כּעס אויף דעם קריטיקער און מען ווענדט זיך צו אים מיט דער

אַלטער פראַגע: „מי שמך", ווער ביסטו אַזעלכער, וואָס דו זאָגסט מיינונגען און קריטיקירסט?!

ס'איז דעריבער קלאָר, אַז ווילבאַלד מען באַרעכטיקט דעם „גוטן" קריטיקער, דאַרף מען אויך באַרעכטיקן דעם „שלעכטן" קריטיקער, — דעם, וואָס זאָגט אויך נישט קיין גוטס וועגן אַ בוך, און בפרט, אַז דער „ניין-זאָגער" איז אויך באַקאַנט אַלס „יאָ-זאָגער". אויב ער האָט דאָס רעכט צו זיין צופרידן, באַגייסטערט פון אַ בוך און מעג עס עפנטלעך אַרויסזאָגן, האָט ער ממילא אויך דאָס רעכט צו זיין אומצופרידן פון אַ ווערק און זיך טיילן מיט דער-אָ מיינונג זיינער.

און דאָ שווימט אַרויס נאָך אַ פראַגע: צי איז דער קריטיקער גערעכט, ווען ער פאַרשווייגט אַ שלעכט בוך? שרייבן גוט, נתפעל ווערן, איז זייער אָנגענעם, עס פאַרשאַפט נחת-רוח דעם מחבר פון ווערק, אָבער שרייבן שלעכטס, „אַראָפּרייסן" — עס איז נישט אַלעמען צום האַרצן, און מען האַלט זיך אָפּט אָפּ דערפון. פרעגט זיך: איז עס רעכט אַזוי צו טון? איז דער קריטיקער נישט אַ גונב-דעת, ווען ער דרייט זיך אַרויס און מאַכט אַ שווייג וועגן אַ שלעכט בוך, אַפילו פון אַ גרויסן שרייבער, אָדער וועגן שלעכטע שטעלן אין אַ גוט בוך? יעדער איינער וועט דערויף ענטפערן, אַז אַוודאי און אַוודאי — דער קריטיקער איז מחויב צו רעדן וועגן דעם נעגאַטיוון אין דער ליטעראַטור, פונקט ווי ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פּאָזיטיוון.

אָבער איין זאַך איז זיכער: דער קריטיקער דאַרף ליב האָבן ליטעראַטור, דאַרף ליב האָבן די שפּראַך, אויף וועלכער דאָס בוך איז געשאַפן, ער דאַרף האָבן אַ באַציונג צו קונסט און שאַפן. אַנדערש איז דאָס לייענען פאַר אים גופא אַן אָפּקומעניש, אַ לאַנגווייל, און אָט די שלעכטע אָדער גלייכגילטיקע באַציונג צום ווערק און צום קינסטלער מוז זיך אויך אָפּרופן אויף זיין קריטיק.

און וואָס נאָך? ער דאַרף קענען זען די סביבה, פון וועלכער דער שטאָף פאַרן ווערק איז גענומען, — די סביבה און די צייט. ער דאַרף האָבן פאַרן אויג דעם שטאָף, פון וועלכער דער קינסטלער האָט געשאַפן דאָס ווערק. און אויב דער שרייבער האָט געהאַט פאַר זיך בלויז דעם שטאָף, מוז שוין דער קריטיקער אויפנעמען דעם שטאָף צוזאַמען מיטן קינסטלער, וועלכער האָט דעם שטאָף באַאַרבעט. מען קאָן קיינמאָל נישט גענוי און אויסשעפנדיק רעדן וועגן אַ ווערק, ווען

מען קען נישט דעם שרייבער, און אויך די סביבה, די תקופה, פון וואַנען דער קינסטלער און זיין ווערק קומען.

דער קריטיקער דאַרף זיין מסוגל זיך צו באַגייסטערן פון אַ ווערק, זיך אָנצינדן, און אַט די באַגייסטערונג, אַט דעם פייער איבערגעבן דעם צווייטן, דעם לייענער. מען דאַרף אָנרעגן דעם לייענער, פאַראינטערעסירן אים. און פונקט ווי דער פאַרפאַסער האָט אין זינען, אַז כּדי צו פאַראינטערעסירן דעם לעזער, מוז זיין דער שטאָף, די באַהאַנדלונג, די באַלויכטונג אַ ספּעציעלע, אַן אָריגינעלע, אַזוי אויך מוז עס דער קריטיקער געדענקען. אַנדערש וועט ער נישט קאָנען צוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם לעזער, סיידן ער וועט אַרויסברענגען אין זיין קריטיק עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן זיין אינטערעסאַנט פאַרן לעזער. קאָן אָפטמאָל דער קריטיקער געפינען צוזאַמענהאַנגען צווישן ווערק און דער צייט, קאָן ער מאַכן אָפטמאָל אַ ווערק אַקטועל, אַרויסשלאָגן פון אים טענער און מאָטיוון, וואָס זענען גאָר באַהאַלטן פאַרן אויג. און דעריבער טרעפט אָפט, ווען דער מחבר גופא לייענט אַרויס אין דער קריטיק וועגן זיין ווערק זאַכן, וואָס ער אַליין האָט אפשר גאָרנישט געאַנט. אָפטמאָל איז קריטיק אַ מין אַנטפּלעקונג פאַרן קינסטלער גופא. „הערט אַ מעשה — טראַכט זיך דער קינסטלער — איך האָב דאָך גאָרנישט געוווסט אַליין, אַז עס זענען באַהאַלטן אַזעלכע כּוונות און טענדענצן אין מיין ווערק!" מען וואָלט געקאָנט ברענגען אַ מאַסע ביישפּילן, ווען קריטיק האָט אַרויסגעפונען אין ווערק אידעען און פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַר דעם קינסטלער גופא געווען אַן אַנטפּלעקונג, אַן איבעראַשונג.

און פונקט ווי סתם שיין־שרייבעריי, אָן אַן אידעע, אָן אַן אינהאַלט און אָנהאַלט אינם ווירקלעכן לעבן, איז ווייניק ווערט, אַזוי איז אויך קריטיק פונם סוג שיין־שרייבעריי גאָרנישט ווערט. דער קריטיקער מוז זיין אויף דער וואַך פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון פּראָגרעסיווע אידעען. ער דאַרף באַקעמפן די גאָרנישט־זאָגנדיקע, די נידעריק־געוואַקסענע ליטעראַטור, וואָס דערנידעריקט, פאַרפלאַכט דעם גייסט, דעם שאַפן. אַזאַ מין זיסלעכע, סענטימענטאַל־באַנאַלע ליטעראַטור דאַרף אויסגעראָטן ווערן מיטן וואָרצל, ווייל זי פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פונם לעזער, און פאַרטונקלט זיין באַוווסטזיין.

איז קריטיק שטענדיק גערעכט? — געוויס נישט. פונקט ווי נישט אַלע מאָל איז דער קינסטלער גערעכט אין זיין אויפנעמען מענטשן

און תקופות, פּראָבלעמען און גרענגלענישן. עס זענען דאָ שלעכטע און עס איז בלי־ספק דאָ אויך שלעכטע קריטיק.

איין זאַך איז קלאָר: ביזוויליקע קריטיק, פּניותדיקע קריטיק איז לכל הדעות שעדלעך. קעגן אַזאַ מין קריטיק דאַרף מען קעמפן, אַזאַ קריטיק דאַרף מען אויסראָטן. און אין דעם דאַרפן קומען צוהילף די פירער, די רעדאַקטאָרן פון צייטונגען און צייטשריפטן. זיי מוזן שטיין אויף דער וואַך און נישט דערלאָזן צום וואָרט קיין ביזוויליקע, קוליגאַנישע חשבון־מאַכעריי, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך אונטער דעם מאַנטל פון כלומרשטער קריטיק. דער ערנסטער לעזער דאַרף פילן דעם אונטערשיד פון ערלעכער, אויפריכטיקער קריטיק ביז הפקרדיקער, אומפאַראַנטוואָרטלעכער ביזוויליקייט.

רעכט צו קריטיקירן זענען געגעבן געוואָרן דעם ערנסטן ערלעכן קריטיקער.

מען טאָר אָבער מיט אָט דעם רעכט נישט מיסברויכן. און, ליידער, מיסברויכט מען מיט דעם רעכט צופיל, סיי ביי זיי און סיי ביי אונז.

1934

דאַרף מען פירן לייוויקן צו דער עקדה?

(אָפֿענער בריוו צו אַלטער קאַציזנע)

איך האָב איבערגעלייענט דיינע עטלעכע ווערטער וועגן ה. לייוויקס „קייטן" (אינם ערשטן נומער „פריינד" אין דיין אַרטיקל „מיין רעדנדיקער פילם"), און עס האָט מיך שטאַרק ווי געטון פאַר ה. לייוויקן און נאָכמער האָט עס מיך אויפגעבראַכט קעגן דיר. פון דיר, א. קאַציזנע, דעם דיכטער און שריפטשטעלער, האָב איך מיך נישט געריכט צו הערן אויפן אַדרעס פון ה. לייוויק אַזעלכע אומגערעכטע און שלעכטע, פאַלשע און בייזע ווערטער, ווי: „אָט די דיכטערישע אַנטפלעקונג זיינע (די „קייטן") איז פשוטער ציניזם?", און „די קרוין פון אַלע עגאָיזמען, — דאָס איז דער ווילדער עגאָיזם פון לייוויקס דיכטערישע נאַטור, וועלכע מיינט פון זיך אַרויסצוברענגען אַלע טיפסטע אַנטפלעקונגען און פאַרלייקנט יעדן אַנדערן קוואַל"; און ווייטער, אַז „ער (לייוויק) איז געוואָרן אַ סגי-נהור און פאַרזעט די וועלט", און דער אויספיר פון דעם אַלעמען און די קללה: „דאָס איז דיין שטראָף, דיכטער לייוויק: פאַרזעסטו די וועלט — וועט די וועלט דיך פאַרזען. עמעץ פון אייך ביידן — דו אָדער די וועלט — וועט דאָ אומפאַרמיידלעך און טראַגיש פאַרשפילן!"

אַזוי אַ כאַפּ טון איין ווערק פון אַ דיכטער, וואָס איז נישט מער ווי איין רינגעלע אין זיין שאַפונגס-קייט, און אויף דעם סמך אַזוי איינס-און צוויי, מעשה פעלד-געריכט, אַרויסטראָגן אים אַ טויט-אורטייל — איז (כ'וויל נישט געברויכן דאָס וואָרט, וואָס דו געברויכסט, אָבער עס בעט זיך פאָרט), — איז פשוטער ציניזם! ווייסטו דאָך גאַנץ גוט, ליבער אַלטער, אַז די „קייטן" איז אַ ווערק, וואָס איז געשריבן דורך ה. לייוויק — ריכטיקער — אויסגעוויטיקט דורך ה. לייוויק צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען ער גופא, דער דיכטער פון „אויף סיבירער וועגן" און „הינטערן שלאָס" און „גולם", איז געשטעמפלט געוואָרן דורך זיינע חברים-דיכטער, דורך זיינע תלמידים-פאַרערער אַלס רענעגאַט און

פּאַרעטער. און נאָכמער: די „קייטן" איז נישט סתם אַ „דיכטונג", אויס־געציקלט און אויסגעקינסטלט פון אַ זאַטן און גליקלעכן קינסטלער, וועלכער האָט פון ווילטאָג און פון עגאָיזם זיך דערלויבט אַזוי זיך אַ שפּיל צו טון און געמומען גריבלען זיך אין פרעמדע ווייען און ליידן. ווייסט דאָך, אַלטער קאַציזנע, אַז ה. לייוויק איז אַליין דער פּיל־גע־פּרוּווטער, פּיל־ליידנדיקער מענטש־דיכטער, וועלכער איז נאָך גאָר אַלס ייִנגל פון 18 יאָר פאַרמשפּט געוואָרן צו פיר יאָר שווערער קאַטאָרגע, וועלכע ער איז אָפּגעזעסן, אָפּגעליטן אין דער באַרימטער מאָסקווער „בוטירקי" און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן אויף זיין גאַנץ לעבן קיין סיביר. דאָרט האָט ער געלעבט ערגעץ אין אַ ווייט־פאַרוואָרפן דערפל אין אירקוטסקער גובערניע, פון וואַנען ער איז לסוף מיט סכנות־נפשות אַנטלאָפן.

„דורך ליידן ווערט דער מענטש געלייטערט", — האָט געזאָגט דער גרויסער ליידנדיקער דאָסטאָיעווסקי, און אויף וועמען נאָך פון די יידישע דיכטער לאָזט זיך זאָגן אָט די באַצייכענונג און כאַראַקטערי־סטיק — אויב נישט אויף לייוויקן?

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך ביי ה. לייוויקן ארויסגעלייענט אַזעלכע עטלעכע שורות:

„דאָס לייב איז געלייטערט, דאָס האַרץ איז גערייניקט, —
דאָס ליכטיקסטע ליכט אויפן טונקעלן קאָפּ;
ס'איז גוט מיט אַכאַלן אין פיין זיין פאַרייניקט —
און טראָגן דעם פיין ווי אַ הייליקע גאָב".

און זענען דען נישט אָט די ווערטער אַ זעלבסטכאַראַקטערי־סטיק פון ה. לייוויקס שאַפן פון אָנהויב אָן ביז אויף היינט צו טאָג? טראָגט ער דען נישט כסדר און אָן אויפהער די פיין, זיין פיין און די פיין פון די „אַסאַכן", פון אונז אַלעמען, פון דער איצ־טיקער צעבלוטיקטער צייט, — ווי „אַ הייליקע גאָב"? קאָן מען וועגן ה. לייוויקן זאָגן, אַז זיין „דיכטערישע נאַטור" פאַרמאָגט „ווילדן עגאָיזם", וואָס „פאַרלייקנט יעדן אַנדערן קוואַל" אַחוץ דעם אייגענעם, דעם „פון זיך"־קוואַל? איז עס נישט קיין שרייענדיקע לעסטערונג קעגן איינעם פון די טיפסטע, ליידנפולסטע דיכטער ביי אונז, וועלכער פון די ערשטע זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן נאָך אין יאָר 1907, צו 19 יאָר, אין דער מאָסקווער טורמע „ביטירקי", ביז זיין נייעם

טיפן און טיפלײַדנדיקן ווערק „דער גולם חלומט", שאַפט ער דעם נײַעם ײדישן תהלים, די לײַדנדיקע ײדישע דיכטונג, וואָס קומט „ממעמקים קראתיך", נאָר די ווענדונג איז נישט צו „יהוה", נאָר צו מענטש.

איך וויל דיך, אַלטער קאַציזנע, חלילה נישט באַליידיקן, אָבער איך בין חושד, אַז דו האָסט פאַרזען, אָדער נישט ווי ס'דאַרף צו זײַן געלייענט ה. לייוויקס ווערק פון די אַלע לעצטע יאָרן. איך האָב מורא, אַז דו האָסט נישט געזען זײַן לעצטן גרויסן בוך „לידער", ווו מיר האָבן פאַר זיך געזען דעם לייוויק שוין נאָך די „קייטן". אין אָט דעם נײַעם בוך לידער איז אויך געווען אָפּגעדרוקט די ווונדער-באַרע פּאָעמע „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד", איינע פון די טיפסטע און שטאַרקסטע זאַכן אין אונזער פּאָעזיע, וואָס שליסט דעם גאַנצן פּעריאָד פון דעם דיכטערס שאַפן נאָך די „לידער פון אומקום". אין דעם קורצן פאָרוואָרט צו אָט דעם בוך לידער האָט ה. לייוויק געגעבן עטלעכע שורות, וואָס זענען וויכטיק, דו זאָלסט זיי וויסן, אַלטער. און איך בין זיכער, אַז ווען דו ווייסט וועגן אָט דעם אַלעמען, וואָלסטו נישט געקומען מיט די עטלעכע קאַטעגאָרישע אומגערעכטע ווערטער קעגן דעם דיכטער. לייוויק וואַרפט דאָרט אָפּ די אַלע באַשול-דיקונגען קעגן אים, אַז ער האָט אַרײַנגעבראַכט דאָס וואָרט „אומקום", „וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן און ווערט נאָך ביז איצט (אין יאָר 1932 — ער האָט נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז אויך אין יאָר 1934 וועט א. קאַציזנע ווידער קומען מיט דער זעלבער באַשולדיקונג. — נ. מ.) אויסגענוצט קעגן מיר, ווי אַ בײַזוויליק, און אָפּט, ביליק געוועזן..." „אומקום — זאָגט דאָרט לייוויק — האָט באַטײַט און באַטײַט אויך איצט פאַר מיר גורלדיקע אויפטרייסלונג אין סאָציאַלן, אין פער-זענלעכן און, מער פון אַלץ, אין געשיכטלעכן ײדישן לעבן, ווו די אויפטרייסלונג טראָגט אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער". און לייוויק זאָגט קלאָרע ווערטער: „מיט פריידיקן פּעסימיזם און פינס-טערן אונטערגאַנג האָט עס אוודאי נישט צו טון. יעדע איבערלעבונג, אויב דורך וואָרט געלייטערט, פאַרבלייבט אין האַרץ פון מענטשן, און ווירקט אין לעצטן רעזולטאַט, ווי אַ סטימול צו מוטיקייט און עקשנותדיקן קאַמף פאַר אַ נײַעם לעבן".

אָט האָסטו דיר, א. קאַציזנע, דעם אני-מאמין פון דעם דיכטער, וועלכן דו ווילסט פאַרשלײַערן אין אַ ציניקער און ווילדן עגאָיִסט.

און איצט—איייניקע ווערטער וועגן דער דעפּרימירטער שטימונג,

אין וועלכער עס איז געשריבן די „קייטן", — אַ שטימונג, פון וועלכער דער דיכטער גופא האָט זיך שוין פון לאַנג באַפרייט. איך פרעג: צי מעג אַ דיכטער אין צייט פון אייגענער דעפרעסיע זיך טיילן מיט שווערע געדאַנקען, שווערע געפילן, וואָס באַהערשן אים? און צי איז אים דערלויבט אַרויסצוברענגען פון די אייגענע טיפענישן אַן איבערלעבעניש, וועלכע האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו אים און פון וועלכער ער קאָן זיך נישט פאַרבאַהאַלטן?

טאַקע אין דער דערמאָנטער געלייטערטער, וואונדערבאַרער פּאָעמע „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" שילדערט ה. לייוויק אויף אַ טיף־אָפנבאַרן אופן אָט די אַלע בילדער, אין חלום און אין וואָר, וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיין עמפינדלעכן האַרץ און מוח אין די תפיסה־ווענט, אויף די נאַרעס, הינטער די קראַטעס.

אין „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" זענען געבראַכט גרויזאַמע בילדער פון דעם תפיסה־לעבן, וואָס זענען פריער דורך ה. לייוויק דראַמאַטיזירט געוואָרן. און לייוויק נאָך דעם, ווי ער פירט פאַר אונז אַדורך מיט אַ וואונדערבאַרער קראַפט די אַלע בילדער פון פייניקונג, פון די נעכט, ווען ער איז וואַך געווען אויף דער נאַרע און געפליסטערט, און די קלעפּ פון דעם וועכטער, וועלכער האָט אים געשלאָגן ביז בלוט און געשלעפּט אין קאַרצער דערפאַר, וואָס ער „וואַגט אינמיטן נאַכט וואַך צו זיין", — נאָך די אַלע מוראדיקע בילדער, דערציילט אונז ה. לייוויק:

„...אויך איצט, נאָך אַזויפיל פאַרגאַנגענע יאָרן,
דערזע איך אין גערוימע ניו־יאָרקער חדרים די זעלבע אומהיימלעכקייט,
און איך וואַרט, אַז אַט־אַט זאָל זיך געבן אַן עפן אַ טיר פון מיין וואוינונג
און מ'זאָל אריינקומען מיט האַסט און מיט רוגזה, מיט שטריק און מיט קייטן,
און מ'זאָל מיך איינפלעכטן און איינשמידן אין זיי, און מ'זאָל פאַרהאַקן די טירן
און פאַרמויערן די שויבן און פענסטער פאַר מיר אויף שטענדיק — שטענדיק..."

דו, אַלטער קאַציזנע, זיצסט נישט אויף דער לבנה, און געוויס ווייסטו און שפּירסט, ווי לייוויק, אַז עס קאָן אַמאָל אָנפאַלן אויך אין די „גערוימע חדרים" אַן „אומהיימלעכקייט"... און בכלל — ביסטו שוין, אַ. קאַציזנע, אַזוי צופרידן און שווה־בשווה מיט דער וועלט, אַז דו נעמסט זיך אָן איר קריוודע ביי דעם פיל־געפייניקטן לייוויק?

אויב דאָס אַלץ איז דיר נאָך ווייניק איבערצייגנדיק, טאָ לאָז

מיך ברענגען נאָך עטלעכע שורות פון ה. לייוויקן טאַקע וועגן וועלט און מענטש, און דו וועסט זען, ווי דער דיכטער רעדט דיבורים, וואָס זענען נישט אָנגעמאָסטן פאַר אַ „ציניקער“ און „ווילדן עגאָיִסט“:

„....איך וואָלט נישט וועלן פאַרמיידן דאָס מזל
פון יענע, וואָס זענען מיט געזאַנג געגאַנגען צום שייטער,
און פון יענע, וואָס האָבן אין עקסטאַז זיך אָפּגעגעבן צו דער תּליה.“

אָדער אָט די עטלעכע שורות פון דעם דיכטער:

„...איך זע דיך און זיך מיטן פּנים צו דער גאַנצער וועלט אָפן און וואַרהאַפטיק,
און מיר טראָגן אונזער געלייטערטן פּיין צו אַנידערלייגן צו די פיס פון מענטשן,
אַזוי ווי אַמאָל פלעגט מען ברענגען דאָס עלטסטע קינד צום מזבח פון געטער,
און אַליין בלייבן מיר איבער אין דערוואַרטונג, אין באַנומענעם ציטער,
צי אונזער געבראַכטע מתּנה וועט געפינען חן אין די אויגן פון אַלע...“

מעג מען, אַלטער קאַציזנע, וועגן דעם געלייטערטן פּיין פון אונזער גרעסטן און געוויסנהאַפטסטן יידישן דיכטער רעדן מיט אַזאַ מין לייכטקייט און אַכזריות, ווי דו האָסט זיך דערלויבט אין דיין אַרטיקל?

לעווינע, דער הויפּט-העלד אין לייוויקס „קייטן“, זאָגט צו דניאלן: „פאַראַן אַ מאָמענט, ווען אַפילו אַ פאָטער מוז ברענגען פאַר אַ קרבן זיין איינאונאיינציקן זון; און פאַראַן אַ מאָמענט, ווען מען טאָר נישט מקריב זיין אַפילו אַ שוועבעלע!“—איז דען איצט דער פּאַסיקער מאָמענט, אַז מיר דאָ, אין פּוילן, זאָלן מקריב זיין אונזער לייוויקן?

איך פרעג ביי דיר, אַלטער קאַציזנע:

דאַרפן מיר טאַקע פירן לייוויקן צו דער עקדה?

1931

ווער איז אונזער יוגנט?

1

פּלוצים, גאָר־אומגעריכט האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר קענען נישט און ווייסן נישט אונזער יוגנט. דוכט זיך, זי לעבט צווישן אונז, טראָגט זיך אַרום פאַר אונזערע אויגן מיט אירע ווייטאָקן און ספקות, טרוימען און האָפענונגען, — און דאָך איז אינמיטן־דרינען פאַר אונז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז מיר דאַרפן ערשט דערקענען אונזער יוגנט, אויפדעקן איר כאַראַקטער און אויפנעמען אירע אייגנשאַפטן.

ווער איז אונזער יוגנט, וואָס איז מיט אונזער יוגנט?

נחום סאָקאָלאָוו האָט לעצטנס אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „העולם" ברייט אַרומגערעדט די פראַגע וועגן דער יוגנט בכלל און יידישער יוגנט בפרט. ער האָט מלמד־זכות געווען אויף דער יידישער יוגנט און אויך פאָרגעוואָרפן איר פאַרשידענע עוולות. ער האָט געזוכט צוזאַמענהאַנגען צווישן איר און דער נישט־יידישער יוגנט און אויך אַרויסגעבראַכט די אונטערשידן, וואָס טיילן אויס די היינטיקע יידישע יוגנט פון דער נישט־יידישער.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אַינסטיטוט האָט באַשטימט אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפיע פון יידישע יונגעלייט, כדי מעגלעך צו מאַכן, אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן, אויס־צופאָרשן די אינעווייניקסטע וועלט פון דער יידישער יוגנט. עס זענען שוין אָנגעקומען איבער דריי הונדערט „לעבנס־געשיכטעס" פון דער יידישער יוגנט אין פאַרשידענע לענדער. די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אָט דעם „לעבעדיקן און צאַפלדיקן" שטאָף, ווייזט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ שליסל צו די הערצער און וועלטן פון אונזער יידישער יוגנט. מיר „אַנטדעקן" אַ יידישע יוגנט, וואָס איז געווען פאַרהוילט, פאַרבאָרגן פון אונז. מיר דערוויסן זיך פון ליידן און פריידן, וואָס וועגן זיי האָבן מיר געהאַט נאָר אַ קנאַפּע פאָרשטעלונג.

דער יידישער יוגנט קומט אויס זייער שווער צו לעבן אין דער

איצטיקער צייט. זי טרעפט זיך מיט שווערע סיטואַציעס און שווערע פּראָבלעמען, צו וועלכע זי איז נישט אין דער היים און נישט אין דער שול געוועזן צוגעגרייט. עס קומט אויס אונזער יוגנט צו לעבן אין אַן אייביקן געפּלאָנטער צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט, אין היים און גאַס; אויך אין דער אייגענער שטוב געפינט זי זיך צווישן כּסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן יידישס און וועלטלעכס, וואָס האָבן נאָך זייער סינטעז אין דעם רוב יידישע הייזער נישט געפונען. אין שטוב רעדט מען דאָס רוב יידיש, אָדער אויך יידיש, און עס איז אויך דאָ אַ יידישע צייטונג און אַ יידיש בוך, — אָבער דאָס איז דער רשות פון די עלטערן, — אָדער בלויז פון דעם פאָטער. דער דער-וואַקסלינג האָט צו דעם קיין שייכות נישט, עס איז אויסער זיינע גרענעצן. די וועלט פון זיינע אבות איז פאַר אים אַ ווייטע, אַ פרעמדע, אַן אומפאַרשטענדלעכע. די עלטערן און די פרעמדע שול טוען אַלץ וואָס-מעגלעך צו דערווייטערן אים וואָס-מער פון דער יידישער וועלט מיט אירע האָפענונגען און שטרעבונגען. מען פאַרפלאַנצט די יוגנט אויף גאָר אַן אַנדערן באָדן, און מען טראַכט לחלוטין נישט, — צי אָט-דער באָדן איז גינסטיק פאַר דער יוגנט, צי די אַרומיקע באַדינגונגען זענען גערן מיטצוהעלפן, אַז זי זאָל זיך „אָננעמען" אין דעם נייעם באָדן.

זייער ריכטיק זאָגט ד״ר מ. ווײַנרייך (אין זיין אָפּהאַנדלונג „יידישע יוגנט-פאָרשונג", „ייוואָ-בלעטער" 1934, ב. 7), אַז „אין ערגעץ איז דער אָפּשטאַנד פון יונג ביז אַלט נישט אַזוי ווייט ווי ביי אונז, יידן. קיין איין פאָלק האָט נישט אַדורכגעשפּרייזט פאַר אַזאַ קורצער צייט אַזאַ קאָלאָסאַלן מהלך, און דער ספּעציפישער גאַנג פון יידישן לעבן האָט געשאַפן אויך אַ ספּעציפישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּערזענלעכקייט... אין ערגעץ אפשר טרוימט נישט די אידעאַלישע יוגנט מיט אַזאַ אינטענסיווקייט וועגן אַנטלויפן פון די אַלטע לעבנס-פאָרמען.

מ. ווײַנרייך ברענגט אין זיין אָפּהאַנדלונג אויסצוגן פון מיינעם אַן אַרטיקל („ליט. בלעטער", 1934, נומ. 12 „ווו איז אונזער שול-יוגנט?"), ווו איך האָב געשריבן: „מיר זעען נישט קיין יידישע שול-יוגנט, וואָס זאָל ברענען, וואָס זאָל זיך באַגייסטערן מיט דער יידישער שול און מיט דעם, וואָס די יידישע שול דאַרף באַגייסטערן, דאַרף אַנטציקן — מיט דעם אַקטיוון יידישן קולטור-שאַפן. ווו איז איר השפּעה אויף דעם אָרעמען יידישן קולטור-לעבן אין פּוילן"? מ. ווײַנרייך שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער באַשולדיקונגס-רעדע, וואָס יעקב פּיכמאַן האָט

געהאַלטן אַלס „פּראָקוראָר" אויפן משפט איבער דער יוגנט אין ארץ־ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ח. נ. ביאַליק דעם 15־מאַי 1933. י. פיכמאַן האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „די ארץ־ישראלדיקע יוגנט, דווקא די, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער זון פון פאָטערלאַנד, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער שפּראַך פון איר פאָלק, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער העברעישער שול — דווקא אָט־די יוגנט האָט זיך גרינג געמאַכט אין פּרט פון נעמען אויף זיך דעם עול פון אַ פולער און איינגעפונדעוועטער העברעישער קולטור — זי וויל נישט קיין פעסטערע באַגרינדונג, קיין שטאַרקערע פאַרטיפונג אין דער קולטור פון דער נאַציע. ס'איז אַ דור, וואָס איז שוואַך אין פאַרבינדונגען, שוואַך אין ווילן"... („מאזנים", נ' 46, 1933).

אין דער דערמאָנטער סעריע אַרטיקלען שרייבט נחום סאָקאָלאָוו:

„מען איז געוווינט פון שטענדיק אָן צו זאָגן: „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידישט זיך", אָבער איך בין ווייט דערפון, צו פאַרגלייכן אונזער יוגנט צו דער יוגנט פון אַנדערע פעלקער. ערשטנס, האָבן מיר נישט אַזאַ יוגנט ווי ביי די אַלע אַנדערע פעלקער. אונזער יוגנט איז פיל מער צייטיקער, רייפער ווי אַן אַנדער יוגנט. מען האָט שוין געהאַט געזאָגט, מיט אַ שטיקל גוזמא, אַז עס זענען נישטאָ קיין יידישע קינדער, נאָר קליינע יידעלעך. עס איז אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אַ שטיק אמת איז דאָ אין דעם. און אַזוי אויך מיט אונזער יוגנט: זי איז ווייניקער נאַטירלעך, ווייניקער פּרימיטיוו, ווייניקער פּשוט און מער אַנטוויקלט און פול מיט קנייטשן און מיט בערג און טאָלן. בקיצור — ווייניקער יוגנטלעך. און צווייטנס — עס פּאַסט זיך צו איר נישט קיין פאַראַלגעמיינערונג, ווי עס לאָזט זיך מאַכן בנוגע דער יוגנט פון אַן אַנדער פאָלק. ביי יעדן אַנדערן פאָלק איז דאָ אַן אַלגעמיינע דיפערענצירונג פון דער יוגנט. אָבער די יידישע יוגנט אין פּוילן איז נישט גלייך צו דער יידיש־האָלענדישער, און זיי ביידע זענען נישט גלייך צו דעם טיפּ יידישע יוגנט פון פראַנקרייך אָדער פון די ספרדישע יידן, אָדער צו דער יוגנט, וואָס איז געבוירן און דערצויגן אין ארץ־ישראל. און דריטנס, עס איז נישט בלויז אַן אונטערשיד אין כאַראַקטער, נאָר אויך אַן אונטערשיד פון דער לאַגע. די יידישע יוגנט, בעיקר — אין מזרח־אייראָפּע (און איצט איז צוגעקומען אויך דייטשלאַנד, און אין אַ געוויסן זין אויך — עסטרייך!) איז דער סאַמער פאַרפאָלגטער און דערדריקטער טייל פון אונזער נאַציע, און פון די צען מאָס גלות,

וואָס איז אַראָפּגעגעבן געוואָרן אין אונזער וועלט, האָט די יידישע יוגנט באַקומען גאַנצע ניין מאָס. דער ספּעציפישער צושטאַנד פון דער יידישער יוגנט איז איבערגענוג צו פאַרטיפן די פאַרביטערונג און די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט באַהערשט די יידישע יוגנט"...

די יידישע יוגנט האָט נישט אין דעם אַרומיקן לעבן, אָדער האָט זייער ווייניק מאָמענטן, וואָס זאָלן זי באַגייסטערן און אַנטציקן, עס קומט איר אויס שטענדיק צו זיין אַ פרעמדער מחותן אויף פרעמדע חתונות. די יידישע יוגנט, וואָס גייט אין יידיש־וועלטלעכע און „פּאָוו־שעכנע" שולן, די יוגנט, וואָס באַזוכט די „תרבות"־אַנשטאַלטן און די אגודהשע חדרים און ישיבות, די יוגנט, וואָס לערנט זיך אין יידיש־פּוילישע גימנאַזיעס, אין ריין פּוילישע גימנאַזיעס,—סאַראַ פאַרשידנאַרטיקייט פון וועלטן, סביבות, אָנשויונגען, אַטמאָספער, דיסציפּלין, אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס יידישע קינד און דער דערוואַקסלינג אין יידיש שטעטל און שטאָט. גאַנצע תהומען ליגן דאָך צווישן איין קינדער־וועלט און דער צווייטער. און וואָס פאַר אַ ריסן און וווּנדן אָט די ווידעראַנאַנדן טראָגן אַריין אין דער פּסיכיק פון דעם יידישן קינד, ווען עס געפינט זיך אַפילו אין דער יידישער געטאָ, אין דער יידישער סביבה! וואָס פאַר אַ סתירות מען „פּאָמפּעט" אַריין אין דער קינדערישער, צאַרטער, ווייכער נשמה גלייך פון אָנהויב אָן! און וויפל קאָליזיעס און קאָנפליקטן דאָס שוואַכע נפשל האָט עס אויסצוטראָגן און איבערצולעבן, אַליין אויף אייגענער אחריות און אויף אייגענעם באַראָט!

2

שפּיגלט אָפּ די יידישע ליטעראַטור אונזער איצטיקע קינדער־ און יוגנט־וועלט?

וואָס ווייסט די יידישע ליטעראַטור וועגן אונזער היינטיקער יידישער יוגנט, אָדער ריכטיקער — וואָס ווייסן מיר פון דער ליטעראַטור וועגן אונזער היינטיקער יידישער יוגנט?

איך קאָן מיך נישט דערמאָנען קיין ווערק אין דער נייער יידישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע יאָרן, ווו עס זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן אַ געשטאַלט פון דער היינטיקער יידישער יוגנט. דער קרייז

אינטערעסן פון דעם יידישן קינסטלער ליגט ערגעץ אַנדערש, ווייט פון דער יידישער יוגנט-וועלט, יוגנט-סביבה.

פאַרוואָס איז עס? אפשר דערפאַר, וואָס די יידישע יוגנט איז ווייניק יידיש-שאַפעריש און זי האָט נישט אין איר לעבן דעם שטאָף, וואָס זאָל רייצן דעם שרייבער. אפשר דערפאַר, וואָס די יידישע יוגנט פירט זיך איר לעבן אָפּגעריסן, אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער, דערוואַקסענער יידישער וועלט.

וואָס עס זאָל נישט זיין די פאַרענטפערונג, — אָבער אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט. די היינטיקע יידישע ליטעראַטור ווייכט פון דער היינטיקער יידישער יוגנט-וועלט, איגנאָרירט זי לחלוטין. און אפשר דערפאַר ווייכט אויך די היינטיקע יידישע יוגנט פון דער יידישער ליטעראַטור און איגנאָרירט זי. עס איז אַ קעגנזייטיקע קאַלטקייט און פרעמדקייט אין די באַציונגען. איינער וויל פון דעם צווייטן נישט וויסן, איינער וויל דעם אַנדערן נישט פאַרשטיין.

און אינטערעסאַנט: אין דער צייט, וואָס די ליטעראַטור ווייכט פון דער יוגנט און פארזעט זי אינגאַנצן, — ווייזט ארויס די פּאָליטיק אַ באַזונדערע פאַראינטערעסירונג צו דער יידישער יוגנט. יעדע יידישע פאַרטיי און פאַרטייעלע האָט ספּעציעלע נעצן, כדי צו פאַנגען די יידישע יוגנט. און דערביי שוינט מען נישט די סאַמע יונגעטשקע לעבנס, ווי דאָס איז, למשל, ביי פישער, וואָס קליינע פישעלעך, וואָס פאַלן אַריין אין זייערע נעצן, וואַרפן זיי צוריק אין טייך אַריין... ניין, ביי אונז זענען אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטיק, אין דעם פאַרטיי-קאַמף קינד און קייט, שיער נישט קינדער אין די וויגן. וויפיל גרויסע דערוואַקסענע פאַרטייען, אַזוי פיל קליינע יוגנט און קינדער-פאַרטייעלעך.

און וויבאַלד פּאָליטיקער האָבן פאַרנומען פאַר זיך גאָר די יידישע יוגנט, איז זי ווי פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט פון דעם שרייבער, פונם קינסטלער.

פרעגן מיר טאַקע, וואָס ווייסט די יידישע ליטעראַטור וועגן אונזער היינטיקער יוגנט, און וואָס ווייסן מיר פון דער ליטעראַטור וועגן אונזער היינטיקער יידישער יוגנט?

און אַזוי איז נישט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין פּוילן, אין אַמעריקע. דאָס זעלבע איז אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד.

און די יידישע עלטערע ליטעראַטור איז דאָך אַלעמאָל געווען באַזונדערס וואַך און עמפּפינדלעך צו דער יידישער יוגנט, צום יידישן דערוואַקסלינג!

יעקב דינעזאָן און מרדכי ספּעקטאָר האָבן מיט אַזוי פיל ליבע און צאַרטקייט געמאָלן פאַרשידנאַרטיק דאָס קינד פון זייער צייט, און בעיקר — דאָס אָרעמע, אומגליקלעכע קינד, דאָס יתומל, וואָס דאַרף אַליין זיך דורכשלאָגן אַ וועג אינם לעבן, אָן קיין אַפּוטרופּסות פון עלטערע און עלטערן. און אַזוי אויך מ. בן־עמי. און וואָס פאַר אַ שלל מיט מיטגעפיל און צאַרטער ליבע געפינען מיר ביי שלום־עליכמען אין זיינע קינדער־מעשיות, און בעיקר — אין זיין „מאָטל פּייסי דעם חזנס״. שלום עליכם האָט דאָך אויף די עלטערע יאָרן דערפילט אַ נייע וואַרעמקייט צו יידישע קינדער און יונגעלייט. און ער האָט מיט אַזוי פיל פרישקייט זיי געשילדערט אין זיין צווייטן טייל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס״, ווען ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע, און אין זיין „פונם יאַריד״, וווּ ער האָט געגעבן אין אַ נייער אויפשטראַלונג קינדער און יוגנט־יאָרן. און אַפילו פּרץ, דער „טרוקענער״, „אַבסטראַקטער״ פּרץ, דער אינטעלעקטואַליסט, האָט אַלע מאָל זיך באַהאָפטן מיט די ווונדערבאַרע, פאַנטאַסטישע קינדער־וועלטן און געגעבן די ספּעציפישע יידישע קינדער־טרוימען. ער האָט כסדר געשטרעבט אויפצונעמען די וועלט פון דעם יידישן יונגערמאַן פון זיין צייט, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין היים, פון זיין געטאָ אין דער ברייטער וועלט. איז דאָך „מאָניש״ — דאָס ערשטע יידישע ווערק פון פּרץ. און לסוף האָט אויך פּרץ געפילט די נויטווענדיקייט אויסצומאָלן דעם גאַנג זיינעם פון אַ יונג קינד אין דער ברייטער וועלט אַריין, אין „מיינע זכרונות״.

צוריק מיט צוואַנציק — פינף און צוואַנציק יאָר האָט אויך שלום אַש אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַר דער יידישע יוגנט. האָט דאָך שלום אַש אַמאָל געשילדערט די טראַגעדיע פון דעם רבס זון, דעם „צוריקגעקומענעם״ און די יוגנט אין זיין „משיחס צייטן״. און האָט דאָך באַזונדערס שלום אַשן אַמאָל אינטערעסירט דער גורל און די טראַגעדיע פון דער יידישער טאָכטער און ער האָט זי געגעבן אין זיינע צוויי בענדער „מערי״ און „דער וועג צו זיך״. אָבער זינט דאַן האָט שלום אַש, משמעות, אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו דער הייניקער יידישער יוגנט, אויב נישט רעכענען דאָס, וואָס ער גיט דרך־אַגב אין זיין טרילאָגיע „פאַרן מבול״. הן די לעצטע דראַמאַטישע ווערק פון

שלום אַש, הן זיינע ראָמאַנען פאַרנעמען זיך נישט מיט דעם לעבן און מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט דוד פּינסקי געמאַכט אַ אינטערעסאַנטן פּרווו צו געבן דורות פון דעם אַמעריקאַנער יידנטום, און אויך געבן כאַראַקטערן און געשטאַלטן פון דער יידיש-אַמעריקאַנער יוגנט. מיר מיינען דעם ראָמאַן „נח עדען" (וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין „היינט"). דאָרט האָבן מיר געהאַט פיל אינטערעסאַנטע שטריכן פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע פון פאַרשידענע מינים. די איבעריקע אַמעריקאַנער יידישע נאָוועליסטן און ראָמאַניסטן שענקען ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער דאָרטיקער יוגנט, וואָס לעבט זיך אַ באַזונדער לעבן און שאַפט זיך אַן אייגענעם סטיל און אייגענעם שטייגער.

עס קומט אָפטמאָל אויס צו הערן פון אונזערע קאָלעגן אין אַמעריקע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם לעבן, אינטערעסן, זאָרגן און פריידן פון זייערע אייגענע קינדער און יונגעלייט. אָבער דאָס איז ביי זיי אַ טעמע פאַר אינטימע געשפּרעכן, אָבער נאָך נישט קיין שטאָף פאַר ווערק.

און איז עס דען נישט טשעקאַווע, וואָס צוויי גרויסע היינטצייטיקע קינסטלער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט די חלומות און שטרעבונגען פון איבערבויען וועלטן, — האָבן אין סאַמע מיטן ברען פון צעשטערן און בויען זיך גאָר געקערט מיטן פּנים צו דער אייגענער קינדהייט און יוגנט, און דאָס מיינט — צו דעם לעבן און צו דער סביבה אין יידישן לעבן פון צוריק מיט פערציק — פופציק יאָר. מיר מיינען דאָ די גלענצנדע ווערק פון דוד בערגעלסאָן („ביים דניעפּר") און פון פּרץ הירשביין („מיינע קינדער-יאָרן"). זיי האָבן זיך אַריבערגעטראָגן מיט זייערע געדאַנקען און געפילן צו אַמאָליקע יאָרן, ווען עס האָט זיך פאָרמירט דער כאַראַקטער און ס'האָט זיך געשטאַלטיקט די פּערזענלעכקייט זייערע מיט טלעכע צענדליק יאָרן צוריק.

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז רייך מיט אינטערעסאַנטע ווערק, וואָס אַנטפּלעקן פאַר אונז דאָס לעבן פון דער דאָרטיקער יוגנט. נ. אָגנעווס „דאָס טאָגבוך פון קאָסטיע ריאַבצעוו", די „רעפּובליק שקיד", נעוועראָווס בוך „טאַשקענט — די ברויט-שטאָט", אַל. אווידייענקאָס „איך האָב ליב" און נאָך און ווערק פון די סאָוועטיש-רוסישע שרייבער,

וואָס מאָלן די דאָרטיקע יוגנט אין דער גאַנצער טיף און ברייט. אָבער מיר דערמאָנען זיך נישט קיין איין סאָוועטיש-יידיש ווערק, וואָס זאָל אונז געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער סאָוועטיש-יידישער יוגנט.

אין דער „געלער לאַטע" פון פרידריך וואָלף, אַ דייטשער שרייבער, האָבן מיר אייניקע שטריכן פונם לעבן און פון דער טראַגעדיע פון דער יידישער יוגנט אין דייטשלאַנד. פראָפ. מאַמלאָקס קינדער, דאָס יינגל און דאָס מיידל, לעבן איבער דעם אומגעריכטן טראַגישן איבערברוך, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום זיי, און צו וועלכן זיי האָבן פריער קיין שום צוגרייטונג נישט געהאַט. אָט די מאָמענטן אין דער פיעסע האָבן אויפגעציטערט און אויפגעשוידערט אונז אַלעמען. מיר געדענקען נישט, אַז די יידישע היינטיקע דראַמאַטורגיע זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם לעבן און מיט דעם גורל פון דעם יידישן וואַקסנדיקן דור דאָ און דאָרט, אין פוילן, צי אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער יידישע פיעסעס גיבן זיך אָפּ מיט דער רוח ווייסט וואָס, און קיין איין פיעסע האָט אונז נישט געבראַכט קיין גרוס וועגן דעם וואַקסנדיקן יידישן דור אין אַמעריקע. אָט לייענען מיר איצט, אַז אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן מיר איבער 400 טויזנט יידישע קינדער, און בלויז אַ 90 טויזנט באַקומען אַ יידישע דערציונג אין די וועלטלעכע, צי אין די רעליגיעזע שולן. וואָס ברענגט אונז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור וועגן אָט די הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער הן די וואָס לעבן מפלומרשט אין אַ יידישע סביבה און הן די, וואָס זענען שוין אינגאַנצן מחוץ פון דעם יידישן לעבן?

ווער איז אונזער יוגנט — פרעגן מיר זיך און פרווון צו זוכן אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווער איז אונזער יוגנט, — דאַרף אויך פרעגן דער יידישער קינסטלער, וואָס מוז שטיין מיטן פנים צו דער רעאַלערווירקלעכקייט.

1934

דאָס, וואָס איז דער עיקר

עס וואָלט געווען אינגאַנצן פאַלש, ווען מען וואָלט איצט, ביי דער פּראָקלאַמירונג פונם חודש פאַרן יידישן בוך, באַגנוגנט זיך בלויז מיט אַלגעמיינע פראַזן וועגן קריזיס פונם בוך און נישט דערגראָבן זיך אַביסל טיפער אין די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם קריזיס.

אַוודאי און אַוודאי האָט אַ גרויסן חלק אין דער ביכער־קאַטאַסטראָפע דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וואָס האָט געבראַכט צו דעם צוזאַמענבראָך פון אונזער יידישן פאַרלאַגס-וועזן. אָבער דער עקאָנאָמישער קריזיס איז ווייט־ווייט נישט דער איינציקער אַליינשולדיקער אין דער לאַגע. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט נאָר פאַרענדיקט, וואָס אַנדערע, מער־טיפערע, אינעווייניקסטע סיבות האָבן אָנגעהויבן.

עס איז אַ פאַקט, וועלכע מיר קאָנען, ליידער, נישט אָפּלייקענען, אַז דאָס יידישע בוך, דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע שאַפן איז פאַרטריבן געוואָרן פון דער יידישער שטוב נאָך פיל פריער, איידער דאָס האָט געטון דער איצטיקער לעצטער קריזיס. אַ בוך איז נישט סתם קיין מזוזה, וואָס מען קלאַפּט אַמאָל צו צו דער טיר און יוצא. דאָס בוך, דאָס וואָרט איז דער אָנהויב, דער המשך, דער פּועל־יוצא פון לעבעדיקער סביבה, פון לעבעדיקן קאָנטאַקט, פון הין־און צוריק־צירקולאַציע. דער יידישער ספר האָט געהאַט אין דער יידישער שטוב אַ דריסת־הרגל, ווען די שטוב האָט געלעבט מיט די אינטערעסן, וואָס דער ספר האָט באַהאַנדלט, אָדער וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם ספר. דאָס אַמאָליקע יידישע הויז האָט געהאַט און געמוזט האָבן אַ ספרים־אַלמער, ווייל דער אַמאָליקער ספר איז געווען דער רוח־החיים אין דעם אַמאָליקן הויז. פון דעם ספר האָט מען געלערנט ווי צו לעבן, ווי צו באַגיין זיך בין־אדם־למקום און בין אָדם־לחברו. דער ספר איז געווען דער קוואַל, פון וואַנען מען האָט שטענדיק געשעפּט

חיות, יניקה, טרייסט און פרייד. האָט דער ייד נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו האָבן אַ ספרים-אַלמער ביי זיך אין שטוב, האָט ער אים געהאַט אין בית-המדרש,—די צווייטע היים פון דעם אַמאָליקן ייד. דער ייד האָט געלעבט מיט דעם ספר, און ממילא האָט דער ספר נאָכגעפאָלגט דעם ייד אויף זיין וועג, אין זיין היים. האָט אַ ייד אַליין נישט געקענט אַריינקוקן אין די קליינע אותיותלעך, האָט ער צוגעלייגט אַן אויער, ווען אַ צווייטער האָט געלערנט, און זיך גע-קוויקט מיט דעם, וואָס ער האָט געהערט ווי יענער לערנט.

איצט איז שוין דער צושטאַנד גאָר-גאָר אַן אַנדערער. אָנשטאָט ל ע ר נ ע ן, ל יי ע נ ט מען איצט. און דאָס לייענען איז געוואָרן ביי פיל-פיל אַ לייכטער צייט-פאַרטרייב. דאָס בוך איז געוואָרן אַ וואָכעדיקער ענין, עס איז אַראָפּ פון אים די קדושה, דער יום-טוב. און דאָ שטעקט די גאַנצע צרה, דער גאַנצער אומגליק.

וויפיל מיר זאָלן נישט וועלן האָבן קיין טענות צו אונזער שאַפן פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן, וועלן מיר אָבער אַלע מודה זיין, אַז די יידישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע פופציק יאָר איז איינע פון די וויכטיקסטע אַנטפּלעקונגען פון אונזער יידישן זיין און לעבן. געוואַלטיקע אוצרות פון יידישע גאונות ליגן באַהאַלטן אין דער ליטעראַטור. גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען האָבן מיר באַוויזן אין אונזער יידישן שאַפן. די יידישע קינסטלערישע ליטעראַטור, וועלכע פאַרמאָגט מענדעלען, שלום-עליכמען, פּרצן, לינעצקין, דינעזאָן, ספּעקטאָרן, פרוג, פרישמאַנען, בערדיטשעווסקי, אַנסקי און די היינט-ווירקנדיקע שלום-אַש, ביאַליק, א. רייזען, ד. פינסקי, אָפּאַטאָשו, בער-געלסאָן, לייוויק, שניאור און נאָך און נאָך צענדליקער, — איז אַ קאָלאָסאַלער שאַפנדיקער כּוח אין אונזער יידישן לעבן. צו דער גרוי-סער צאָל שאַפנדיקע בעלעטריסטן קומען צו זשורנאַליסטן, קריטיקער, וויסנשאַפטלער, וועלכע זענען טעטיק יעדער איינער אויף זיין געביט, און אַלע צוזאַמען האָבן דערהויבן די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע וואָרט צו אַזאַ מדרגה, וואָס ווייניק ליטעראַטורן פון קלענערע פעל-קער קאָנען זיך דאָ פאַרגלייכן.

און צי איז פּראָפּאָרציאָנעל מיטן וואַקסן פון דער יידישער ליטע-ראַטור געוואַקסן אין דער יידישער וועלט, צווישן יידן איר השפעה, איר קרייז, איר סביבה? דערויף דאַרף מען, ליידער, ענטפערן, אַז ניין! די יידישע ליטעראַטור איז נישט אַריינגעדרונגען אין דעם

יידישן הויז, ווי זי פּאַרדינט עס. גאַנץ ברייטע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק זענען ווייט, פרעמד, גלייכגילטיק צו דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דעם יידישן שאַפן, און דאָס איז נישט בלויז ווייל עס איז נישטאָ קיין אינטערעס צו די ווערק פון די שרייבער, נאָר ווייל דאָס גאַנצע דערציונגס-סיסטעם האָט זיך ביי אונז אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז דער יידישער שרייבער, דאָס יידישע בוך בלייבט אויסן, אין דרויסן.

אינטערעסאַנט: ביי וועלכע נאָך אומה-ולשון איז עס מעגלעך, אַז אין די ווייט-גרעסטע צאָל יידישע שולן, ווו עס ווערן דערצויגן יידישע קינדער, די יידישע יוגנט (איך מיין די שולן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך יידן און פאַר יידן!), ווערט אינגאַנצן איגנאָרירט און פאַרשוויגן די יידישע ליטעראַטור און די יידישע שפּראַך? ווי קאָן מען פאַרלאַנגען דערנאָך פון אַ יונגנמאַן, פון אַ פרוי, אַז זיי זאָלן האָבן אַ אינטערעס צו דעם יידישן שאַפן, ווען אין די גימנאַזיעס, ווו זיי זענען דערצויגן געוואָרן, האָט מען זיי אַפילו נישט דערציילט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער ליטעראַטור, פון אַ יידישן שרייבער. און פאַרוואָס חידושן מיר זיך דערנאָך, אַז דאָס יידישע בוך ווערט נישט געלייענט, ווערט נישט געקויפט, און אַז מען לויפט פון יידיש צו פויליש? שאַפן מיר דען נישט אַליין די אַסימילאַציע מיט אונזערע אייגענע הענט אין שול, ביי זיך אין שטוב, אין דער יידישער געזעלשאַפט, אין דער יידישער גאַס? פאַרוואָס-זשע גלאָצן מיר דערנאָך אויס די אויגן און פאַרשטייען נישט, הלמאי די יוגנט איז נישט אונזערע, הלמאי אונזערע יידישע היימען זענען פרעמדע, אונזער בעסער טעאַטער פוסטעוועט, און עס איז נישטאָ קיין אינטערעס צום יידישן בוך?

וואָס קומט אַרויס, אַז מען האָט די אַסימילאַציע טעאָרעטיש באַקעמפט, באַגראָבן, ווען פּאַקטיש קריכט די אַסימילאַציע דורך טיר און טויער אין יידישן לעבן, אין יעדן יידישן הויז? וואָס קומט אַרויס, ווען יעדער יחיד פאַר זיך האָט נישט באַוויזן אַזוי איינצוואָרדענען זיין לעבן, דאָס לעבן פון זיינע קינדער, פון זיינע אַרומיקע, אַז זיי זאָלן לעבן מיט יידישע אינטערעסן, מיטן יידישן שאַפן, מיט יידישער ליטעראַטור? דער כלל איז דאָך אַ סכום פון יחידים, און אויב יעדער יחיד איז מוותר אויף וויכטיקע עיקרים אין לעבן, איז דאָך ממילא אויך דער כלל פּטור דערפון. דער כלל פאַרמאָגט נישט מער, ווי

די יחידים איינעם געגומען, און אויב דער יחיד האָט אַרויסגע־יאָגט דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע בוך, די יידישע ליטעראַטור, דעם יידישן אינהאַלט פון זיין געבראַך, פון זיין שטוב — ממילא איז עס נישטאָ, אָדער עס איז נאָר אין אַ קלענער מאָס דאָ אין דעם כּלל.

מיר דאַרפן פאַר זיך אַליין מודה זיין, אַז צוזאַמען מיט די גרויסע נצחונות פון אונזער נאַציאָנאַלן געדאַנק, פון אונזער נאַציאָ־נאַלן שאַפן, מערקן מיר אין אונזער לעבן געוואַלדיקע מפּלות, און דאָס לאָזט זיך איצט זייער גוט פילן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון אונזער יידישער וועלט.

דאָס איטאַליענישע יידנטום, וואָס האָט געשפּילט אַמאָל אַזאַ גלאַנצפולע ראָלע אינם יידישן שאַפנדיקן לעבן, דאָס דייטשע יידנטום, דאָס יידישע ווין, לאָנדאָן — אָט די אַמאָל וויכטיקע יידישע קיבוצים, וועלכע האָבן די לעצטע יאָרן אינגאַנצן אָנגעוווירן זייער יידישן אויס־זען און אינהאַלט, דאַרפן פאַר אונז זייןביישפּילן און באַווייזן, אַז די אַסימילאַציע וועט אויך אונז אויפפרעסן אינגאַנצן, ווי מיר שטייען און גייען, אויב מיר וועלן אַזוי ווייטער גיין.

אין די טעג פון דעם חודש פאַרן יידישן בוך, וואָלט געווען אַן עוולה און אַ פאַרברעך, ווען אַלץ וואָלט זיך קאָנצענטרירט בלויז אַרום יאָ־קויפן אָדער נישט־קויפן אַ יידיש ביכל.

דאָס, וואָס עס איז דער עיקר אין אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע־חודש פאַר דעם יידישן שאַפן איז — טיפער זיך אַריינטראַכטן אין דער געשאַפענער לאַגע און פאַרשטיין, אַז דער קריזיס פונם יידישן בוך איז פאַרבונדן מיט זייער טיפע, אינעווייניקסטע סיבות אין אונזער היינטצייטיקן יידישן לעבן.

די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם יידישן בוך, מיינט נישט, מען זאָל עפענען בלויז דעם מאָגערן בייטל פון דעם פאַראָרעמטן ייד צו קויפן אַ יידיש בוך, נאָר עס מיינט, — ברייטער און טיפער פאַנאַנדערוויק־לען דאָס פּראָבלעם פון דער שייכות פון יידישן פאָלק מיט זיין יידישן שאַפן.

און אָט דאָס איז דער עיקר

1930

שטאָף צום שאַפן

פונקט ווי עס איז וויכטיק דאָס פּראָבלעם פון שאַפן, אַזוי איז אויך אינטערעסאַנט דאָס פּראָבלעם פון ש ט אָ ף פאַרן שאַפן. נישט-נאָר דער אופן און כאַראַקטער פונם שאַפן פון דעם קינסטלער דאַרף אונז אינטערעסירן, ווען מיר באַהאַנדלען און פאָרשן אַ שרייבער, נאָר אויך דער שטאָף, וואָס דער קינסטלער קלייבט אָפּ פאַר זיין שרייבן. יעדער קינסטלער פאַרברויכט פאַר זיינע ווערק מאַטעריאַל, וואָס איז אים באַזונדערס נאָענט און אינטערעסאַנט. אַזוי איז פון אַלעמאָל ביז היינטצוטאָג. שעקספּיר און מאָליער, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, זאָלאַ און מאָפּאַסאַן, מענדעלע און שלום-עליכם, פּרץ און שלום-אַש, אָפּאַטאָשו און בערגעלסאָן — יעדער איינער פון די קינסטלער צייכנט זיך אויס נישט-נאָר מיט די ספּעציפישע מאַנירן פון שרייבן, נאָר ער טיילט זיך אויך אויס פון דעם אַנדערן מיט דעם אָפּקלייב פון דעם שאַפונגס-מאַטעריאַל פאַר זיינע ווערק.

פאַראַן פאַרשיידענע תקופות אין לעבן, — תקופות, ווען דער עיקר איז אין שאַפן דער ו ו י אַ ז ו י, און תקופות, ווען דער עיקר איז דער ו אָ ס. אין רויִקערע, שטילערע צייטן פאַרגינט זיך דער קינסטלער צו וויגן און פאַרוויגן זיך מיט טרוימען פון אַמאָל, און מער אַכט ווערט געלייגט אויף דער פאָרם ווי אויף דעם אינהאַלט. באַצירונגען, באַפּוצונגען, אָרנאַמענטיק, שיין-שרייבעריי. ראָמאַנטיק און פאַרהערלעכונג פון אַמאָליקע העלדן און פּאַסירונגען. דער „איצט“ ווערט אַוועקגערוקט אָן אַ זייט. ער ווערט פאַרהוילן אין דעם שלייער פון טרוימען און נעפּלען. אין צייטן אָבער פון אויפברויז, פון אויפשטורם, ווערט דער קינסטלער מיטגעריסן פון די אַרומיקע געשעענישן און ער שעפּט פולע הויפנס שטאָף פון דעם אַרומיקן קאָכעדיקן לעבן. פאַראַן קינסטלער, וועלכע קאָנען אויך אין דער שטורמישער צייט לעבן פון אַמאָל, פון דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס געשעט אָדער מיט

גאָר גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייער אינערלעכע וועלט איז בײַ זיי שטאַרקער, ווי די אַרומיקע,ווירקלעכע, אָדער סתם מיט באַגרע־נעצטע שרייבער, וואָס זעגען נישט תּופס וואָס עס טוט זיך אַרום און זיי זויגן אַלץ די אייגענע לאַפּע, ווי דער בער, וואָס ליגט לאַנגע ווינטער־חדשים אין זיין בערן־נאָרע.

מענדעלע מוכר־ספרים האָט איבערגעלעבט די רוסישע רעוואָ־לוציע פון 1905—1906. ער איז צענדליקער יאָרן געווען אַן אָדעסער תּושב, געלעבט אַרום דעם ברויזנדנקן שוואַרצן ים; ער איז אַ צוויי יאָר געווען אין דער שווייץ און געקלעטערט דאָרט אויף די הויכע בערג און נתפּעל געוואָרן פון די פּרעכטיקע שווייצאַרישע לאַנדשאַפטן. אָבער אין זיין שאַפן האָט ער אַלץ און כּסדר געלעבט מיט דעם שטאָף פון קאַבצאַנסק, דלפּונבקע, און פאר די אויגן האָט ער אַלץ געזען גנילאָפּיאַטאָווקע. דער הקדש און דער אַמאָליקער קליינשטעטל־דיקער יאַריד האָט פאַר אים פאַרשטעלט די גרויסע יידישע און אַלגע־מיינע וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט פיל צענדליקער יאָרן. שוין אין דעם אַליין, ווי מענדעלע האָט געשעפּט יניקה פאַר זיין שאַפן, ליגט דער כאַראַקטער און אייגנאַרט פון מענדעלעס טאַלענט. ער איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער אַלטער יידישער וועלט, נישט צום אָפּרייסן, און נישט געקענט זיך אַריבערטראָגן אין דער נייער וועלט. זיינע וואָרצלען האָבן געלאָזט אַזעלכע טיפע אָפּ־צווייגן אין דעם באָדן פון די 50־ער און 60־ער יאָרן פונם 19־טן יאָרהונדערט, אַז ער האָט נישט געקענט באין־אופן איבערפלאַנצן זיי אויף אַן אַנדער ערד.

און אַפילו פּרץ, וואָס זיין גייסט האָט אים געטראָגן אין דער הויך און אין דער ווייט, — איז נאָך אַלץ געווען אַזוי טיף אַריינגע־וואַקסן אין דעם אַלטן יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן, אַז אַפילו זיינע בונטאַרישע געפילן האָט ער אויסגעדריקט דורך די אַלטע בית־המדרש־געשטאַלטן („אין פּאַליש אויף דער קייט", „גאָלדענע קייט" און אַ ריי ערטער אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"). פּרץ האָט אין זיין לעבן קיין חסידישן רבין נישט געזען, אָבער דאָך האָט ער געלעבט אַזוי־פיל אין דער חסידישער וועלט און אַטמאָספער, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסבאַפרייען פון איר צויבער און נישט אויפגעהערט צו טרינקען פון איר קוואַל.

שלום אַש האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן פון דער יידישער

אַלטער וועלט, און זיין טעמאַטיק איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערע, אַ הייגטוועלטיקע און אָפּטמאָל — אויך אַ נישט־יידישע, אָדער ריכטי־קער — נישט קיין ספּעציעל־יידישע. ווייל שלום אַש פּאַנאַנדערוווקס איז שוין פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען די מחיצות צווישן יידישן און נישט־יידישן לעבן זענען שוין געווען אין אַ גרויסער מאָס צעגו־מען, און ער האָט געהאַט שוין אַ מגע־ומשא מיט דער אויסערלעכער וועלט. אין יידישן לעבן האָבן זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן ווינטן און מאָטיוון פון דרויסנדיקער וועלט. איז פאַר שלום אַשן כאַראַקטע־ריסטיש נישט־נאָר דער אופן, מאַניר און כאַראַקטער פון זיין שרייבן, נאָר אויך די באַנייטע טעמאַטיק, דער נייער שטאָף, פון וועלכע ער בויט זיינע ווערק. אין שלום אַשס ווערק פון די ערשטע יאָרן פיגורירט נאָך אַלץ דאָס שטעטל, דאָס קוילער געסל, די יידישע יאַטישע טאָכטער. און וואָס־ווייטער אַלצמער ווערן פאַנאַנדערגעברייטערט זיינע שריפטשטעלערישע האָריזאָנטן, און גלייכצייטיק — קומען פאָר גרויסע ענדערונגען אין דעם אָפּקלייב פון דעם שטאָף פאַר זיינע ווערק. שוין אין זיין „מערי" און „דער וועג צו זיך" ווערן אַריינגע־צויגן פּעטערבורג, מאָסקווע, זאַקאָפּאַנע, ווי אויך אַ ריי נייע געשטאַלטן און טיפּן, יידישע און נישט־יידישע, וואָס שטייען אויסער דער יידי־שער געטאָ. נאָכמער ענדערט זיך דער שאַפונג־שטאָף ביי שלום אַש אין זיינע ווייטערדיקע ווערק. גאָר נישט־יידישער שטאָף איז דורך שלום אַש גענומען פאַר זיינע ווערק פון די לעצטע יאָרן טיילווייז אין זיין טרילאָגיע „פּעטערבורג, וואַרשע און מאָסקווע" (איבערהויפּט אין לעצטן באַנד) און אין זיין ווערק „גאָטס געפאַנגענע". אין דעם לעצטן ווערק לעבט אויף שלום אַש קינסטלעריש שטיקער לאַנד־שאַפטן פון דרום פראַנקרייך, וואָס איז גאָר א נייעס אין דער יידי־שער ליטעראַטור.

אין דער הינזיכט פון אָפּקלייבן שטאָף פאַר זיין שאַפן איז זייער אינטערעסאַנט י. אָפּאַטאָשו. ווי באַקאַנט, שטאַמט ער זינט דורי־דורות פון פוילן. ער האָט פאַרלאָזט זיין געבוירן־שטאָט אין דער יוגנט און אָנגעהויבן צו שרייבן אין אַמעריקע. און טשעקאַווע איז, ווי אין אַלע זיינע ווערק, פריערדיקע און ווייטערדיקע, מישן זיך כסדר דער יידיש־פוילישער שטאָף מיט דעם אַמעריקאַנישן: זיין ערשט ווערק איז „אויף יענער זייט בריק", ווו ער וגיט אַ שטיק לעבן פון מלאַווע, און שפּעטער קומט זיין „מאָריס און זיין זון פיליפּ" — פונם

יידיש-אַמעריקאַנישן לעבן. אַט שרייבט ער זיין פּרעכטיקע דערציילונג „אַ ראָמאַן פון אַ פערד-גנבֿ" און דערנאָך — זיין „פון ניו-יאָרקער געטאָ". און אין עטלעכע יאָר אַרום שאַפט ער זיין טרילאָגיע „אין פּוילישע וועלדער", אין וועלכער ער לעבט אויף גאַנצע תּקופֿות פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן. און אַט פירט זיין שעפערישער גייסט גאָר צום יידישן לעבן אין דייטשלאַנד מיט 400 יאָר צוריק, קיין רעגענסבורג. דער קולטור-פאַרשער, דער למדן, דער קינסטלער י. אָפּאַטאָשו מיט זיין טיפן חוש פאַר געשיכטע ווערט באַהאָפטן מיט שטיקער יידיש לעבן פון פאַרצייטנס.

אונזערע יידישע שרייבער אין פּוילן, אַמעריקע און אין אַלע אַנדערע לענדער זענען פריי אין זייער אויסוואַל פון דעם שאַ-פונגס-שטאָף. האָט שלום-אַש געקענט פון דער וועלט פון די טיפן אין „גאָטס געפאַנגענע" אַריבער צו דער אַלטער יידישער וועלט פון דעם „תהלים ייד", און אַ. וו.

גאָר אַנדערש האַלט עס מיט דער ליטעראַטור אין ראַטנפאַר-באַנד. דאָרט איז דער יידישער שרייבער אויפגעפאָדערט נישט-נאָר ווי אַזוי צו שרייבן, נאָר אויך וואָס צו שרייבן. די טעמאַטיק מוז זיין בעיקר פון דעם היינטצייטיקן פּראָדוקטיוויזירנדיקן לעבן. דער שטאָף מוז גענומען ווערן פון דער בויענדיקער וועלט.

עס איז בלי-ספק אַ מזל-ברכה פאַר אַ שרייבער, ווען ער איז אַריינגעצויגן אין שאַפנדיקן פּראָצעס פון לעבן. דער שרייבער מוז לעבן מיט די פּראָבלעמען, מיט די ווייען און פריידן פון זיין דור, פון זיין תּקופֿה. דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דעם שאַפערישן לעבן איז פאַר דעם קינסטלער אַן אומאויסשעפּנדיקער קוואַל פון באַגייסטע-רונג, פון ענטוזיאַזם, פון כּסדרדיקער ווירקונג. און אין דעם ליגט דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז דאָ אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס זי שטרעבט צו גיין מיט דעם שטראָם פונם לעבן. אָבער אין דער מעלה ליגט אויך אַ געוויסער חסרון. דער קינסטלער ווערט געטריבן אָפט צו אַ לעבן, וואָס איז אים און זיין קינסטלערישן מהות גאַנץ פרעמד. ער ווערט אָפט געטריבן צו לעבנס, צו אַ סבֿיבֿה, צו וועל-כער ער האָט נישט קיין אינעווייניקסטע, אינטימע פאַרבינדונג און נאָענטקייט. רעדן אַלע איצט אין ראַטנפאַרבאַנד וועגן פאַבריקן, וועגן שלאָגלערישע אויפטוען, וועגן נצחונות אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט, ווען נישט ביי אַלעמען איז דאָס האַרץ שטענדיק דערביי.

יאָ, אַוודאי דאַרף אַ שרייבער זיין דער מיטשאַפער פון לעבע־דיקן לעבן, ער קאָן נישט און טאָר נישט זיך באַהאַלטן אין זיין נאָרע און „שפּייען אויף דער וועלט”. אָבער נישט אַלעמאָל איז גוט דער צווייטער עקסטרעם — ווען מען זאָגט צו אַלע שרייבער אָן אויסנאַם: „נאַ דיר שטרוי, נאַ דיר ליים און קנעט גלייך אויס פון אָט דעם ליים ציגל פאַר דעם בנין, וואָס מיר דאַרפן שוין אויפשטעלן”. אויס־שטעלן אַ פּאַרטיקע מעניו פאַר דעם שרייבער, וואָס ער דאַרף קאָכן אין זיין שרייבער־קיך — דאָס איז אָפט שעדלעך פאַר דעם שאַפערישן גייסט. אמת, ווייט־נישט אין דער מאָס שעדלעך, ווי גרייטן שטענדיק געקעכטס פון אָפפאַל, פון אומגעזונטע פּראָדוקטן, פון וועלכע עס ווערן געגרייט די שלעכטע ווערק אָדער שונד־ראָמאַנען.

דער קינסטלער מוז טראַכטן נישט בלויז פון דעם אופן און שטייגער ו ו י צו שרייבן, נאָר עס דאַרף אים אויך פאַרנעמען די פראַגע פון דעם שטאָף פאַר דעם שרייבן, דער וו אָ ס, פון וועלכן דאָס ווערק ווערט געשאַפן.

שטאָף פאַר דעם שאַפן — עס איז אַ גאָר וויכטיקע פראַגע אין דער קונסט, און אַ שאַד, וואָס מען באַהאַנדלט זי ביי אונז אַזוי זעלטן.

1931

דאָס לעבן און שונד־ווערק

אַנומלט האָב איך געזען אין יידישן טעאַטער אַ האַרצרייסנדיקע מעלאָדראַמע מיט אָן אַ שיער אומגעריכטע, סענסאַציאָנעלע פּאַרפאַלן, מיט וועלכע עס זענען געווייטלעך אָנגעפּיקעוועט די יידישע פּיעסעס, וואָס האָבן די אויפגאַבע צו דערשיטערן דעם יידישן צושויער און אַרויסרופן ביי אים ימים טרערן. די מעלאָדראַמע האָבן געשפּילט די אינטעליגענטע, קולטורעלע אַרטיסטן מישאַ און לוסי גערמאַן. צווישן איין אַקט און צווייטן איז מען אַריין אין דער גאַרדעראָבע פון די אַרטיסטן. אויף דער שטומער פראַגע פון די אַמעריקאַנער געסט „נו?”, האָט מען געענטפערט: „וואָס איז דאָ צו רעדן, אַ האַרצירייסנדיקע מעלאָדראַמע מיט אַלע פּישטשעווקעס!” האָבן די אַמעריקאַנער אַרטיסטן געענטפערט: „גלויבט אונז, די גאַנצע געשיכטע, וואָס ווערט דאָ אין דער דראַמע געגעבן, איז אַ פּינקטלעכע, גענויע שילדערונג פון אַ מעשה שהיה, טאַקע אין ניו־יאָרק”! און זיי דערציילן מיר דיווירקלעכע פּאַסירונג, לויט וועלכע די מעלאָדראַמע איז געשריבן, ריכטיקער — קאָפּירט. — און זיי האָבן זיגעריש צוגעגעבן: „זעט איר, דאָס לעבן איז אויך גענוג מעלאָדראַמאַטיש! גייט האָט טענות צום לעבן!” און ווי מיר שמועסן אַזוי געמיטלעך, רייסט זיך אַריין אין דער גאַרדעראָבע אַן אויפגערעגטע פרוי, פאַלט צו צו דער אַרטיסטין לוסי גערמאַן, קושט איר די הענט און מיט אַ היסטערישן געוויין רופט זי אויס: „איר שפּילט מיין טראַגעדיע! איך בין עס די מאַמע, וואָס ווערט אַזוי באַליידיקט דורך די קינדער, פאַר וועלכע זי האָט איר לעבן מקריב געווען!” (מען האָט דאַן געשפּילט „די אייביקע מאַמע!”)... מיר זענען אַלע אין דער גאַרדעראָבע דערשיטערט געוואָרן. די פרוי איז געפאַלן אין חלשות, מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט. די פּאַסירונגען אויף דער בינע האָבן אויפגעריסן אירע ווונדן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט פאַרהיילט... הכלל, מיר האָבן אויפן אָרט געהאַט אַ באַשיינפּערלעכן

באַווייז, אַז דער פּראָפעסאָר פון דער פּיעסע האָט זיין שפּאַנענדיקן שטאָף נישט גענומען פון דער אייגענער קראַנקער פאַנטאַזיע, נאָר דאָס לעבן גופא האָט אים מיט אַ פולער האַנט צוגעשטעלט מעלאָ-דראַמע-שטאָף...

און אַ צווייטער פאַל: מיר זענען פאָריקן ווינטער געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישן פּען-קלוב אין וואַרשע. אַלע געמיטער זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט און אויפגערייצט. מען האָט באַהאַנדלט אַ „קיצלדיקע" פראַגע — מכּה דעם שונד-ראָמאַן, וואָס פאַרפּעסטעט די יידישע פּרעסע און מכּה אַ קאַמף קעגן אָט דער מגפה און קעגן די מיטגלידער פונם פּען-קלוב, וואָס האָבן אַזאַ אָדער אַנדערע שייכות צו אָט דער „פּראָדוקציע". די אַטמאָספער איז געווען אָן אָנגעגליטע. רעדעס און רעדעס. אָנצוהערענישן און אָנדייטונגען אויף דעם און יענעם מיטגליד. און אין מיטן דער הייסער און פיינלעכער דעבאַטע איז אויפגעשפּרונגען איינער אַ פּען-מיטגליד און אויסגעשריען: „איר קעמפט קעגן די פּאָר מיטגלידער פון פּען-קלוב, הלמאַי זיי לייגן צו אַ האַנט צו דעם שונד-ראָמאַן! דאָס גאַנצע היינטיקע לעבן איז דאָך שונד! קעמפט פריער קעגן דעם שונד אין לעבן!" אָט דאָס קורצע וואָרט פון דעם אויפגערעגטן שרייבער, וועלכער מוז אָפּט קעגן זיין ווילן גיין אויף פּשרות מיט זיך גופא צוליב דעם לעבן, וואָס איז שונדיש, האָט געמאַכט אויף אונז אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק, — מער ווי די איבעריקע לאַנגע לאָגישע און אויסשעפּנדיקע רעדעס.

איך לייען איצט אין אַ ליטעראַטור-צייטונג, אַז אַ באַוווסטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, דער מחבר פון אַ ריי זייער שפּאַנענדע קרימינעל-ראָמאַנען, האָט געהאַלטן אין פּאַריז אַ פאָרטראָג, אין וועלכן ער האָט זיך שטאַרק געקלאָגט, אַז די סאַמע שפּאַנענדיקע ווערק פון קרימינעלן כאַראַקטער און אינהאַלט זענען גאָר נישט אין פאַר-גלייך אָרעמער אין פאַנטאַזיע און שוואַכער אין פאַרנעם ווי די לעבנס-פּאַסירונגען. די סיוזשעטן פון די קרימינעלע ראָמאַנען זענען קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס דיווירקלעכקייט אַליין פאַנטאַזירט אויס. אַזוי פיל אויסטערלישע אומגעריכטע קאָמבינאַציעס „טראַכט אויס" דאָס לעבן און אַזוי פיל קרענקלעכקייט און ווילדקייט גיט עס צו די „העלדן", וואָס עס שאַפט אין די ווירקלעכע לעבנס-דראַמעס! און אָט דער קרימינעל-ראָמאַניסט האָט נעבעך באַקלאָגט די שאַפונגען פון די שפּאַנענדיקע ראָמאַנען-שרייבער, — זיי זענען איצט

שטאַרק הינטערשטעליק לגבי דעם לעבן... דער לעזער ווערט שוין איצט ווייניק נתפעל פון די אויסטראַכטענישן פון די שרייבער, ווען אין לעבן און אין דער לעבנס-כראָניק טרעפט ער אָן טשעקאַווערע, אָנציִענדיקערע טעמעס און סיוזשעטן... —

אויך אונזער שמ״ר האָט געהאַלטן און איז געווען זיכער, אַז זיינע העלדן און זייערע פּאַסירונגען זענען גענומען פון לעבן. מער נישט, ער האָט געהאַט זיין דרך אין שרייבן, אַז מען מוז דערלאַנגען דעם לעזער די שפּייז צוגעריכט און צוגעפּראַוועט, אַז עס זאָל „שמעקן זיין גומען״. ער האָט געשריבן אין אַ פאָררעדע צו זיינעם אַ ראָמאַן: „...אום אַלעמענס פאַרלאַנג צו דערפילן, מוז דער פאַרפאַסער פון אַ ראָמאַן אַלע מיטלען אָנווענדן יעדן צופרידן צו שטעלן, ער מוז פון אַלעם צו ביסלעך אין זיין ראָמאַן אַריינשטעלן, בילדער פון לעבן, רירנדע סצענעס, איבערנאַטירלעכע עראייגניססע״. — „דאָס וועט זיין אַן אַנטוואָרט — שרייבט ער ווייטער — פאַר די קריטיקער, וועלכע שרייען געוואַלט, פאַרוואָס שטעל איך אַריין אין מיינע ראָמאַנען איבערנאַטירלעכע סצענעס. יאָ, ליבע ברידער! איר מוזט געוויס וויסן, אַז ווען מען גיט אַ קינד אַ מעדיצין איין, מוז מען דאָס מיט עטוואָס זיסעס פאַרמישן. בילדער פון לעבן, ווי זיי זענען נאָר קינסטלעך פאָרגעשטעלט, זענען דער בעסטער מעדיצין פאַר די מאָראַלישע קראַנקהייטן. נאָר דער פּראָסטער מענטש וויל אַזעלכע מעדיצינען נישט איינעמען, דערום מוז מען אים צוליב טון און געבן דערצו עטוואָס פון דעם, וואָס ער האָט ליב״. אין אַ הקדמה צו אַ צווייטן ראָמאַן שרייבט שמ״ר, אַז „מיין ראָמאַן האָט אין זיך אַלעס, וואָס דאָס יידישע פּובליקום פאָדערט: רירנדע סצענעס, גרויסע אינטריגעס, ליבעס-געהיימניסן, איבערראַשנדע צוזאַמענטרעפונגען״. שמ״ר האָט נאָך דאַן נישט געהאַט די פאַרענטפערונג, אַז דאָס לעבן אַליין פאַרמאָגט אָט די אַלע „רירנדע סצענעס, גרויסע אינטריגעס, איבעראַשנדע צוזאַמענטרעפונגען״. דאָך האָט עס שמ״ר געשריבן מיט אַ 50 יאָר צוריק!

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז שוין דאַן האָט מען קעגנגעשטעלט ביי אונז די אַלע סענסאַציאָנעלע, שפּאַנענדע ראָמאַנען—דאָס עכטע ערנסטע לעבן, וואָס נויטיקט זיך אין אַן אַנדער אַרט ליטעראַטור.

צו איינער אַ פּאָזיטיווער רעצענזיע איבער די ווערק פון שמ״רן אין אַמאָליקן „יידישן פאָלקסבלאַט״, האָט דער רעדאַקטאָר אַל. צעדערבוים צוגעגעבן, אַז שמ״ר גייט אויף אַ פאַלשן וועג. „וואָס טויגן

די אויסגעטראַכטע ליבע-מעשיות מיט פאַנטאַזיעס, נאָכגעמאָלט נאָך די פראַנצויזישע ראָמאַנען פון די פערציקער יאָרן, נאָך דעם מוסטער פון איזשען סיו, דיומא און אַנדערע? היינט זענען די צייטן אַנדערש: פאַנטאַזיעס דאַרף מען בכלל נישט, ובפרט איז דאָס פאַר אונז יידן אַמווייניקסטן נויטיק. דאָס פּראַקטישע לעבן גיט גענוג שטאָף צו ערנסטע ראָמאַנען, צו באַשרייבן ווירקלעכע העלדן און העלדינס, טאַקע צווישן יידן, אַז די לעזער און לעזערינס זאָלן קענען באמת ציען דערפון מאָראַלישע פּרינציפּן"...

און אין דעם גייט עס טאַקע: דער שונד-שרייבער זעט און נעמט אויף אין לעבן בלויז דאָס שונדישע, דאָס שפּאַנענד-אויסטערלישע, און ער גיט עס אין דער שונדישער, נישטיק-אויסטערלישער פאָרם. אויך דער סאַטיריקער און טיילווייז אויך דער הומאָריסט זעט אין לעבן נעגאַטיווס, פאַרדאָרבנס, — אָבער ער רעאַגירט דערויף גאָר אַנדערש — מיט האַס, חוזק, פאַראַכטונג, מיט געלעכטער. און דער שונד-שרייבער — ער „באַלעקט זיך" דערמיט, ער „פרעגלט זיך" אין דעם שונדישן סאָס.

און אין דעם ליגט טאַקע דער טיפער אונטערשיד צווישן עכטן קינסטלער און ביליקן שונד-שרייבער: ביידע קומען זיי פונם לעבן און שעפּן מאַטעריאַל פון לעבן. איינער זעט בלויז פּסולת און שרייבט פּסולת, — און דער צווייטער — אויב ער זעט נעגאַטיווס, אומווירדיקס — שטעמפּלט ער עס, חוזקט ער דערפון און מאַכט עס צו נישט.

יאָ, דאָס לעבן פאַרמאָגט אין זיך פיל מעלאָדראַמאַטישס, שונדישס, העכסט-שפּאַנענדס, אָבער דער חוב פונם קינסטלער איז — נעמען דערצו אַ שטעלונג, אַרויסשטעלן עס לגנאי. אויב אָבער ער דערהויבט זיך נישט איבער דעם מעלאָדראַמאַטישן שטאָף — איז ער טאַקע בלויז שונד-שרייבער. ביים געניאַלן דאָסטאָיעווסקי קענען מיר געפינען פיל מעלאָדראַמאַטישן שטאָף, —אָבער ווי האָט ער עס געגעבן? אויך שלום-עליכם האָט אָפטמאָל געשריבן „העכסט-שפּאַנענד", אָבער וויפל מייסטערשאַפט איז פאַראַן אין זיין יעדער שורה?

און נאָך עפּעס: דאָס לעבן איז געוואַלדיק פילפאַרביק, קאָמפּליצירט. עס איז רייך אין סאָציאַלע קאָנפליקטן, און פול מיט אָן אַ שיער סתירות, — און זעען אינם לעבן בלויז שונד, מעלאָדראַמע, ביליקע סענסאַציע — הייסט גאָרנישט זעען, אָדער זעען אַלץ אין קרומען

שפיגל. „מבשרי אחזה" איז נישט בלויז מליצה. יעדער זעט פון זיך, דורך זיך. און דער עכטער קינסטלער דאַרף טאַקע קענען אויפנעמען אין לעבן וויכטיקע דערשיינונגען, העכערע ווערטן, — נישט בלויז שטאָף פאַר שונד-מאַכערייקעס.

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אַז דאָס לעבן גופאָ שאַפט בלויז שטאָף פאַר שונד-ווערק!

1934

ווערק און ווערטן

מיר זוכן אָפט באַצייכענונגען און דעפיניציעס פאַר גוטע, אינטערעסאַנטע ווערק. נישט אַלעמאָל קאָן מען קומען מיט „טעאָריע פון ליטעראַטור-וויסנשאַפט”, מיט פאַרטיקע ליטעראַטור-קענטעניש-געזעצן צו ווערק פון גרויסע שרייבער.

עס איז נישט פון די גרינגע זאַכן, — און אפשר איז עס די סאַמע גרינגסטע זאַך—צוצוקלעפּן אַ „יאַרליקל” צו שרייבער, און בעיקר — צו גרויסע שרייבער. אַמאָל האָבן מיר געהאַט פאַר אונזערע שרייבער פאַרטיקע נעמען: דער יידישער גאָגאָל, דער יידישער טשעכאָוו, דער יידישער גאָרקי, דער יידישער האַמסון, דער יידישער בייראָן א. אַ. וו. אָבער דאָס שעפּט ווייט-ווייט נישט אויס אַ שרייבער און זיינע באַזונדערע קינסטלערישע אייגנשאַפטן. ח. נ. ביאַליק (אין זיין גלענצנדיקן אַרטיקל „מנדלי ושלושת הכרכים”) האָט געגעבן אַן עצה די אַלע, וואָס קומען לייענען און לערנען מענדעלען: „נישט פאַרגעסט צו פארגעסן די כללים פון ליטעראַטור-וויסנשאַפט, וואָס איר האָט פון אייער שול. מענדעלע איז אַ קינסטלער און „דער ערשטער”, און ער האָט זיך זיינע אייגענע שאַפונגס-געזעצן. ער שאַפט זיך לויט זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, און מען קאָן אים נישט פאָרשן לויט פאַרגלייכן און פאַראַלעלן”.

דאָס, וואָס ביאַליק האָט געשריבן וועגן מענדעלען, לאָזט זיך זאָגן אויך וועגן אַלע גרויסע אָריגינעלע קינסטלער, וועלכע שאפן לויט זייער אייגענער פאָרם און געשטאַלט, וואָס זענען אַזוי נישט ענלעך אויף אַלע אַנדערע.

וואָס דאַרף מען מער: אין ראַטנפארבאנד ווערן דאָך אָנגעצייכנט קלאָרע וועג-צייכנס פאַר דעם שאַפונגס-וועג פונם שרייבער, און דאָך, ווי פאַרשיידן און אַנדערשדיק איז איין ווערק פונם צווייטן, וואָס

באַהאַנדלט איין און די זעלבע טעמע. פּילניאַק, לעאָנאָוו, שאָלאָכאָוו, קאַטאַיעוו, גלאַדקאָוו, און נאָך, — וואָס פאַר אַ מהלך עס ליגט אין די ווערק, וואָס זיי האָבן לעצטנס געשאַפן פון די זעלבע ליים און ציגל. מען האָט פּראָקלאַמירט איצט דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם און געטייטלט מיטן פינגער: „אָט אַזוי און נישט אַנדערש דאַרף מען שאַפן!" — און דאָך, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס איז יעדעס ווערק מיט זיין אינהאַלט און כאַראַקטער און פאָרם! וואָס פאַר אַ פאַרטיקע פאָרמען מען זאָל נישט צוטראָגן דעם קינסטלער און זאָגן אים: „אין דעם גיס אַריין דעם שטאָף", — וועט עס נישט העלפן, יעדער איינער וועט זיך גיין סוף-כל-סוף אין זיינע אייגענע וועגן, געפירט פון זיינע אייגענע מעגלעכקייטן און געטריבן פון זיין אייגענעם פאַטאָס.

אָבער עס איז דאָ איין באַצייכנונג, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע גרויסע קינסטלער, — אָן אונטערשייד פון צייט, אָרט און קלאַס: דער גרויסער קינסטלער שאַפט ווערק פון ווערטן, — און די גרויסע ווערק ווערן גיך צוריק פאַרוואַנדלט אין ווערטן. פון ווערטן געקומען און צו ווערטן גייען זיי צוריק.

גראָד דער גרויסער קינסטלער שאַפט נישט קיין „יש-מאַין", כאַפט נישט קיין שטאָף פון דער לופט, נאָר פאָרעמט אויס דאָס, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט געהאָרעוועט אויפצוזאַמלען, אויסצוואַרעמען; גראָד דער גרויסער שאַפער קומט און נעמט „מן המוכן", — פון דעם, וואָס עס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם לעבן, דורך דעם פאָלק, דורך דער תקופה.

יעדער איינער אין לעבן איז אַ שאַפער, צי ער ווייסט פון דעם, צי ער ווייסט נישט. יעדער איינער איז אין דער בחינה פון אַ קינסטלער: ער מאַכט גרויסע שאַפערישע אָנשטרענגונגען צוצוגעבן זיין אייגן לעבן פאָרם, כאַראַקטער, אינהאַלט. סטיל איז אַן ענין נישט-נאָר פאַר מאָלער, קינסטלער. פאַראַן אַ גרויסע מאַסן-שאַפונג, — און נישט-נאָר דאָס פאָלקס-ליד איז אַ פּראָדוקט פון אַנאָנימער שאַפונג. מען קאָן נישט לעבן לחלוטין-אַבסטראַקט, הויל, סכעמאַטיש. דאָס לעבן בכלל און דאָס לעבן פון יעדן איינעם מוז אָננעמען קאָנקרעטע, רעאַלע פאָרמען. שטריך צו שטריך פאַרייניקט זיך, און עס בילדעט זיך כאַראַקטער, פּרצוף. איידער מ'קוקט זיך אַרום, און שטיקער לעבן ווערן פאַרוואַנדלט אין פאַרגאַנצטן לעבנסשטייגער, — און

שוין מיט טראַדיציעס און מיט קאַנאָניזירטע פאָרמען. און אַזוי שנעל, — מ׳קוקט זיך גאָרנישט אַרום — און עס וואַקסן שיכטן אויף שיכטן.

און דאָס אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס די יעניקע, וואָס אָט־אָט זענען זיי געווען די שאַרפסטע קעגנער פון טראַדיציע, פון געשטעלטער פאָרם, — זיי אַליין שאַפן גלייכצייטיק נייע טראַדיציעס, נייע געשטעלטע פאָרמען, — וואָס אַנדערע וועלן בקרוב וועלן אויסראָטן און באַקעמפן.

און דער גרויסער קינסטלער איז דערמיט גרויס, וואָס ער איז תּופס זיין צייט און איז תּופס דאָס, וואָס די צייט שאַפט. ער געשטאַלטיקט אין זיינע ווערק די לעבנס־ווערטן. דער פלאַכער נאַטוראַליסט, דער מאָמענטאַל־פאָטאָגראַף כאַפּט־אויף אָפּט די ווירקלעכקייט, די פּאַסירונגען, די רעאַלע געשטאַלטן אינם ווירקלעכן לעבן, — אָבער ער זעט בעיקר דאָס אויסערלעכע, וואָס עס וואַרפט זיך גראָד אין די אויגן, — און איז נישט תּופס דעם תּוך, די נשמה פון די געשעענישן. די כראָניקאַלע ליטעראַטור, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אין רוסלאַנד דעם שטעמפּל „ניוואַ״־ליטעראַטור (לויטן נאָמען פונם פּאָפּולערן זשורנאַל „ניוואַ״), דערהויבט נישט די צייט, די תּקופה, די רעאַלע געשטאַלטן. אַדרבא, זי דערנידעריקט זיי, טויט־אָפּ דאָס לעבעדיקע, אָריגינעלע, שעפערישע, וואָס דאָס לעבן, די מענטשן פאַרמאָגן אין זיך. אָט אַזעלכע מיני ווערק קאָנען אויף דער מינוט אפשר פאַראינטערעסירן, אָבער זיי שטאַרבן אָפּ מיטן טאָג, אָן השארת־הנפש.

אַנדערש איז מיט דעם גרויסן קינסטלער. ער נעמט־אויף נישט דאָס אויסערלעכע, צופעליקע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, — נאָר דאָס דויערהאַפטיקע, דאָס וועזנטלעכע, — די ווערטן, וואָס זענען דורך דעם דור געשאַפן געוואָרן, און אָט די ווערטן וואַקסן אויס ביי אים אין איכות, ווערן אינגיכן פאָלקס־אוצרות.

דער קינסטלער איז טאַקע דער אויפהיטער פון אָט די פאָלקס־אוצרות, פון די פאָלקס־ווערטן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט און אויפגעזאַמלט אין משך פון דורות און תּקופות.

וויפיל עכטע פאָלקס־שאַפן, פאָלקס־ווערטן, גרויסע שאַפונגס־ענערגיע פון כּלל און יחיד פון די 40־טער, 50־טער, 60־טער און 70־ער יאָרן ליגט פאַרבאַהאַלטן ביי מענדעלע מוכר־ספרים. ווען איר טרעט איבער די שוועל פון מענדעלע־ווערק, — דערפילט איר דען

נישט, ווי איר וואָלט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ פּראַכטפולן, גוט-געאָרדנטן עטנאָגראַפיש-קינסטלערישן מוזיי, וווּ עס זענען אויפגעקליבן געשטאַלטן, בילדער, וואָס שילדערן אַ פאַרצייטיקע תקופה אינם יידישן לעבן? און האָט דען שלום-עליכם נישט קאָנצענטרירט אין זיינע ווערק דאָס, וואָס די יידישע מאַסן האָבן אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָרן מיט אַזויפיל מי געשאַפן אין שטעטל, אין שטאָט, אין שטוב, אין גאַס? וויפל שיינקייט, חכמה, נאַיוויטעט, האַרציקייט, זאָרגן און פרייד עס איז איבערגעגאָסן פון פאָלקס-מויל, פון פאָלקס-נשמה אין זיינע ווערק! און זענען דען זיינע ווערק נישט געווען קיין דירעקטע פאָרזעצונג פון דעם יידישן לעבן זינט די 80-ער יאָרן ביז דער וועלט-מלחמה? און האָט דען פרץ נישט פאַרוואַנדלט אין זיינע ווערק, — אָנגעהויבן פון זיין „מאָניש“ (1888) ביז זיינע לעצטע שאַפונגען פון 1914, — ווערטן פון דער יידישער נאַציע — הן געשריבענע (שבכתב) און הן אויסנווייניקסטע (שבעל-פה)? האָט דען פרץ נישט געגעבן קיין וועלטלעכע פאָרם די חסידישע, רעליגיעזע, מיסטישע ווערטן, וואָס האָבן זיך געקליבן אין דעם רעזערוואַר פון דער יידישער מאַסע אין לויף פון דורות? און אויך ביאַליק: זיין יעדעס ליד איז ווי געשאַפן געוואָרן פריער אין „בית-היוצר“ פון דער יידישער אומה, און דער דיכטער האָט געקאָנט, ווי קיינער נישט, אַרויסבאַקומען דעם עקסטראַקט, די קווינט-עסענץ פון געפילן, שטימונגען, איבערלעבענישן פון דעם יידישן יונגערמאַן, פונם נאַציאָנאַלן ייד פאַר די לעצטע 30—40 יאָר. און אַזוי אויך שלום-אַש, און אַזוי אויך אָפּאַטאָשו, הירשביין, לייוויק, בערגעלסאָן, און די איבעריקע וויכטיקסטע קינסטלער פון דעם לעצטן דור. יעדער איינער פון זיי האָט זיך געווענדט אין אַן אַנדער ווינקל, אין אַן אַנדער צייט-אָפּשניט פון דעם לעבן פון דער יידישער מאַסע און געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון אין זיינע ווערק פאַר די עטישע לעבנס-שטייגערישע, פּסיכאָלאָגישע ווערטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אינם געזעלשאַפטלעכן און יחידישן לעבן אין הויז, אין גאַס, אין בית-המדרש, אין קעגנוואַרט און אין דער פאַרגאַנגנהייט.

און נאָר פון די ווערק, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך די פאָלקס-ווערטן, קאָן שפּעטער צוריק אָפּשיינען אויף דעם אַרומיקן לעבן. בלויז אָט די ווערק קאָנען ווערן צוריק ווערטן און משפּיע זיין אויף דעם לעבן. די וואָגיקייט פון ווערק איז אַזוי-אַרום געווענדט — וויפל

ווערטן עס איז דורך דעם קינסטלער אין זיי אַריינגעגעבן. זייער השפּעה דערנאָך אויף דעם לעזער איז געווענדט פון אָט דער וואָגיקייט.

דער סימן־מובהק פון אַ גרויס, באַדייטנדיק ווערק איז: צי האָט דער קינסטלער גענומען פאַר זיין שאַפן ווערטן פון פאָלקס־לעבן.

ווערק דאַרפן געשאַפן ווערן פון ווערטן — און דאַן קאָנען זיי אויסוואַקסן ווידעראַמאָל אין גרויסע ווערטן און אַריינגיין צוריק אין די פאָלקס־אוצרות.

דאָס איז די וויכטיקסטע און ריכטיקסטע מאָס, מיט וועלכער מיר קאָנען מעסטן קינסטלערישע שאַפונגען.

1934

דאָס עכטע און דאָס אימיטירטע

מיר לייענען אָפט אין דער צייטונגס־כראָניק, ווי פיפיקע שווינדלער אויף די ראָגן פון דער גרויסער שטאָט כאַפּן אַריין אין זייערע נעצן נאַיִווע פּראָווינצער און שטעקן זיי אַריין אָנשטאָט עכטע בריליאַנטן — אימיטירטע שטיינדלעך־גלעזלעך ; די גלויביקע פּראָווינצלער לאָזן זיך לייכט כאַפּן אויף דער ווענדקע, און בלייבן נאַראָנים, אָפּגענאַרטע.

דאָ נישט לאַנג זענען מיר געזעסן אין אַ סביבה פון עטלעכע שרייבער, שוישפּילער און מוזיקער — און אַ וואָרט־אַהין, אַ וואָרט־אַהער, — און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס מכּוח דעם, ווי עס איז שווער אין היינטיקע צייטן פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם עכטן און אימיטירטן.

איינער האָט דערציילט אַ טשעקאַווע געשיכטע, — טאַקע אַ מעשה־שהיה, אָבער וואָס גלויבט זיך קוים: מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אין אַמעריקע אָרגאַניזירט אַ גרויסן קאָנקורס מיט אַ פיינער פּרעמיע. נעמלעך: מען האָט אָרגאַניזירט אַן עפנטלעכן קאָנקורס אויף דעם בעסטן טשאַפּלין־אימיטאַטאָר. עס זענען געווען גרויסע פּרעמיעס פאַר די בעסטע פינף טשאַפּלין־אימיטאַטאָרן. די פּרעמיעס האָבן באַדאַרפט באַשטימט ווערן דורך אַ זשורי ביי דער באַטייליקונג פון דעם „הויכגעשעצטן” פּובליקום. דער קאָנקורס איז ברייט אַנאָנסירט געוואָרן, עס זענען געקומען פיל טשאַפּלין־אימיטאַטאָרן, און אין רעזולטאַט זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די פינף פּרעמיעס. לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די אָנטיילנעמער אין קאָנקורס איז געווען אויך טשאַרלי טשאַפּלין אַליין, דער עכטער טשאַפּלין, — און ער האָט באַקומען בלויז די... פערטע פּרעמיע אַלס אימיטאַטאָר פון טשאַפּלינען. — און גיי דערגיי נאָך אַלעמען, וואָס איז עכט און וואָס איז אימיטאַציע...

אַ צווייטער דערציילט אַזאַ פאַל, ווי מען קאָן זייער לייכט

אונטערטראָגן דעם עולם נאָכגעמאַכטע סחורה, און ער וועט עס אָננע־מען פאַר גוט און ליב. מיט אַן אַכט יאָר צוריק, ווען מאַלי פּיקאָן האָט געקערט וועלטן אין ניו־יאָרק מיט איר „יאַנקעלע״, און דער גרויסער עולם האָט טאָג־טעגלעך פאַרפולט דעם טעאַטער ביז איבער די ברעגן, און צענער טויזנטער דאָלאַרן זענען געפלאָסן אין קאַסע־פּענסטערל, האָט אַמאָל געטראָפן, אַז האַרט פאַר דער פאָרשטעלונג איז מאַלי פּיקאָן פּלוצים קראַנק געוואָרן און נישט געקענט אויפטרעטן. באין־ברירה האָט מען אין דער לעצטער מינוט געכאַפּט אַ כאָריסטין, און זי האָט געשפּילט פּיקאָנס ראָלע. און גאָרנישט — דער עולם האָט ממש געשטורעמט דעם טעאַטער, און די אימיטירטע מאַלי פּיקאָן איז געוואַלדיק אויפגענומען געוואָרן דורך דעם עולם, און צו דער אַנטציקונג איז גאָר קיין שיעור נישט געווען, — אויף אַ האָר נישט ווייניקער, ווי אין די אַלע איבעריקע אָוונטן, ווען עס האָט טאַקע געשפּילט די עכטע פּיקאָן. מער נישט — אייניקע נאַיִווע צושויער האָבן זיך געחידושט: אַלע טענהן, אַז די מאַלי איז אַ קליינינקע, און לסוף — גאָרנישט אַזוי שרעקלעך! זי איז גאָר אַ פיינע „אָסאָבע״ !...

אָפטמאָל איז דער כּוח פון דעם נאָמען שטאַרקער, ווי די אייגנשאַפטן פון דעם ווערק, וואָס עס ווערט געגעבן. איינער פון דער מסיבה האָט אָנגעהויבן דערווייזן, אַז אָפטמאָל, ווען אַ דראַמע אָדער ווערק, וואָס פאַלט אַדורך אָדער באַקומט שלעכטע אָפּרופן, וואָלט געטראָגן אַ נאָמען, צו וועלכן מען האָט געוויינלעך צוטרוי — וואָלט מען דאָס זעלבע ווערק געלויבט אין הימל אַריין. און ער ברענגט אַ ריי באַווייזן פון ווערק מיט אַ „גוטער פירמע״, וואָס זענען שטאַרק געפעלן און פאַרקערט, פון לייטישע ווערק מיט אַ „שלעכטער פירמע״, וואָס זענען, נעבעך, אומשולדיק געשטראָפט געוואָרן צוליב זייער „זכות־אָבות״. עס זענען באַקאַנט פאַקטן, ווי אייניקע שיקן אַריין אין די רעדאַקציעס לידער פון באַרימטע דיכטער, און די לידער ווערן פאַרבראַקירט, ווערן דערקלערט פאַר נישט דרוק־פעיִק... און אַ מעשה מיט קיפּלינגען, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט טאָג טעגלעך אין אַ גרויסער אַמעריקאַנער צייטונג און באַקומען פאַר זיין יעדן אַרטיקעלע גרויסע סומעס, און יעדעס אַרטיקעלע איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער רעדאַקציע און לייענער מיט דער גרעסטער צופרידנקייט. איינמאָל — האָט קיפּלינג על־פּי־טעות פאַרגעסן אונטערצושרייבן זיין נאָמען אויף דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געווען געשריבן אויף

דער שרייב-מאַשין. דער אַרטיקל איז געלייענט געוואָרן דורך דעם רעדאַקטאָר, און איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאָרב צוזאַמען מיט די איבעריקע נישט דרוק-פעיִקע אַרטיקלען, וואָס זענען אָנגעקומען... ווייבאַלד עס איז נישט געשטאַנען דער נאָמען קיפּלינג אויפן אַרטיקל, האָט דער אַרטיקל מיטאַמאָל אָנגעוווירן זיין גאַנצן חן און זיין גאַנצן באַטייט. עס איז געווען אימיטירט מאַטעריאַל, וואָס קומט אָן גאַנצע פּעק אין די רעדאַקציעס.

בכלל, איז דער געביט פון אימיטאַציע זייער גרויס — ממש אומענדלעך. אַ נאָענטער קרוב צו אימיטאַציע — איז אָן ספק סטיליזאַציע. און מיר ווייסן דאָך וועגן פיל פאַקטן, ווען סטיליזאַטאָרן דערגרייכן גאָר הויכע קינסטלערישע מדרגות. וואָס זענען געווען פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטען", אויב נישט וווּנדערבאַרע, טיף-קינסטלערישע סטיליזאַציע פון דער יידישער פאָלקס-מעשה? און זענען דען נישט פּרצעס „אימיטירטע" געשיכטן פיל שענער, גלענצנדיקער און טיפער פון דער עכטער, נישט-געפעלשטער פאָלקס-מעשה? און ווי זענען עס פּרצעס חסידישע מעשיות — נישט טיפער, נישט אינטערעסאַנטער, ווי די חסידישע מעשה אין אָריגינאַל? און אַזוי אויך בערדיטשעווסקיס פאָלקס מעשיות און חסידישע געשיכטן, וואָס ער האָט איבערדערציילט אין זיינע „יידישע כתבים" פון „אַ וויטן קרוב". און אַזוי אויך יהודה שטיינבערגס חסידישע מעשיות.

און וואָס זענען די אַלע סטיליזירטע „אימיטירטע" רוסישע פאָלקס-מאָטיוון ביי די געניאַלע רוסישע מוזיקער מוסאָרגסקי, רימסקי-קאָרסאַקאָוו, — זענען זיי דען נישט אַרויס געלייטערט און דערהויבן?

מען קאָן אָט די ביישפּילן ברענגען אָן אַ שיעור. אויך אויף דעם געביט פון מאָלעריי טרעפן מיר אָן אַ שיעור געניאַלע סטיליזאַטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן דורך זייער סטיליזאַציע אַ גאָר-נייעם אייגנאַרטיקן סטיל (די רוסישע קינסטלער וואַסנעצאָוו, ביליבין א. א.).

די פראַגע וועגן דעם עכטן און דעם אימיטירטן איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און פאַרוויקלטע. מען דאַרף נישט מיט איין מאַך מיט דער האַנט אַוועקמאַכן דאָס פּראָבלעם און אַזוי באַשליסן אויף גיך — וואָס אַזוינס עס איז באמת עכט און וואָס עס איז פּשוטע אימיטאַציע. מען קאָן דאָ אַזוי לייכט נישט מאַכן קיין אַנאַליז און אָפּטיילן דעם סולת פון פסולת, דעם ריין-גאָלד פון דעם זאַמד.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז גאַנץ-אָפט טרעפט, אַז דער עכטער

קינסטלער אַליין הויבט אָן צו אימיטירן זיך גופא. אַמאָל איז ער געווען עכט און געשאַפן עכטע פאָרם, עכטן סטיל, און שפּעטער הויבט ער אָן זיך אַליין נאָכצומאַכן. און אַמאָל טרעפט, אַז אין איין און דעמזעלבן ווערק האָט דער גרויסער קינסטלער עכטע שטעלן און דערבײַ — אימיטירטע, נאָכגעמאַכט זיך אַליין.

יעדנפאַלס לאָזט זיך עס גרינג כאַפּן. אויב דער אימיטאַטאָר איז דורכויס פאַלש, וווּלגאַר, פּרעך, בעל־מלאכהש, דאַן קאָן שוין יעדער איינער גלייך אויפן אָרט זען די פאַלשקייט, די פאַלסיפיקאַציע.

פאַראַן אימיטאַטאָרן—קינסטלער־סטיליזאַטאָרן, וואָס דערהויבן זיך צייטנווייז צו עכטער קונסט. און פאַראַן אימיטאַטאָרן—פאַלסיפיקאַטאָרן, וואָס שווינדלען און באַשווינדלען גאַנץ באַוווסטזיניק, און אָט די דאַרף מען טרייבן אין האַלז־און־נאַקן, ווייל זיי פאַראומרייניקן די עכטע קונסט, דעם שיינעם סטיל, פאַרדאָרבן דעם פאַנטאַסטישן צויבער.

1934

װעגן יידישן פֿאָלקס־סטיל

אויף אַ צונויפטרעף פֿון אַ גרופּע יידישע שרײַבער מיט די שויִשפּילער פֿון „אוהל“־טעאַטער, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע, איז צווישן אַנדערן דערוועקט געוואָרן די פֿראַגע וועגן פֿאָלקס־סטיל. איינער פֿון די בײַגעוועזענע האָט גערעדט מכּוח דעם אייגנאַרטיקן יידישן סטיל, וואָס דאַרף זײַן אין יידישן טעאַטער, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז דער עכטער יידישער סטיל איז דאָ בלויז בײַ גאָלדפֿאַדענען און טײַלווײַז בײַ שלום־עליכמען, — און אַז אויסער דעם איז אַלץ פֿרעמד, נישט־יידיש, און איז דעריבער נישט עכטע קונסט. און דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט דער קאַטעגאָרישקייט און זיכערקייט, וואָס דערוועקט גאָר קיין ספֿקות נישט.

עס איז דעריבער אינטערעסאַנט אָט־די פֿראַגע אַביסל אַדורכצולופֿטערן, — דערוועקן זי פֿאַר זיך גופֿא, און אַרויסרופֿן צום וואָרט אויך אַנדערע, זיי זאָלן זיך וועגן דעם אַרויסזאָגן.

איז פֿאַראַן און איז מעגלעך פֿאַר דער יידישער נאַציע איין פֿאָלקס־סטיל, וואָס איז איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אײַנגעשטעלט, אָן קיין שום ענדערונגען, אָפּווײַכונגען און אָפּנויגן? איז פֿאַראַן די איינע פֿאָרם, דער איינער שטאַמפּ, דער איינער נוסח, וואָס איז גילטיק פֿאַר דעם יידישן פֿאָלקס־סטיל פֿון אַלעמאָל און אויף שטענדיק?

איך האַלט, אַז נישט! אפֿשר איז עס מעגלעך פֿאַר וואָסער ס'איז שבט אָדער קליינעם פֿאָלקס־קיבוץ, וואָס לעבט זיך אויף איין און דערזעלבער ערד, אָן השפּעות פֿון דער זייט, פֿון דער פֿרעמד, פֿאַר אַ פּרימיטיוו פֿאָלק, וואָס האָט נישט אַדורכגעמאַכט קיין וועלט־געשיכטעס און קיין גלגולים אין זײַן אייגענעם לעבן און געשיכטע. פֿאַר אַזאַ פֿאָלק איז גילטיק זײַן פֿאָלקס־סטיל, וואָס הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך אין זײַן לעבנס־שטייגער, אין זײַן באַגרענעצטער סביבה, אין זײַן מוזיק, אַרט־דענקען און רעדן, אין זײַן פֿאָלקלאָר. פּאַקט מען

אייניקע ניגונים-מאָטיוון פון אַזאַ מין פאָלק אָדער שבט, נעמט מען אייניקע פאָלקס-מעשׂיות ביי אים, ברענגט מען זיינע אייניקע אויס-אַרבעטונגען — האָט מען שוין אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם גאַנצן סטיל און כאַראַקטער פון אָט דעם פאָלק.

גאָר אַנדערש איז מיט אַ פאָלק, ווי יידן, וואָס האָט אַדורכ-געמאַכט אַזאַ רייכע, פאַרשידנאַרטיקע, פיל-טויזנט-יעריקע לעבנס-גע-שיכטע און אויף פאַרשידענע באָדנס, און ביי פאַרשידנסטע סיטואַציעס, און אונטער די פאַרשידנסטע השפּעות, — דאַן, ווען מיר קומען רעדן וועגן דעם סטיל פון אַ זאַ פאָלק — איז כּלל נישט גרינג אָפּצוקומען מיט איין וואָרט, מיט איין נוסח, מיט איין שטאַמפּ מכּוח דעם פאָלקס-סטיל פון אַזאַ מין נאַציע.

וואָס איז אין תּוך סטיל, — אויב נישט אויסדרוק פון כאַראַקטער, ווילן, וואָס קומט אין צוזאַמענשטויס מיט אַרומיקע נאַטור-כּוחות און לעבנס-באַדינגונגען. דער מענטש האָט געהאַט התפּעלות פון דעם אַרומיקן, געוואָרן פאַרצווייפלט פון שטערונגען, — און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די התפּעלות-מאָטיוון אָדער צווייפל-מאָטיוון. פון קלאַנג איז געקומען דאָס וואָרט, פון איינצלנע ווערטער — פּראָזע, אַפאָריזמען, פאָלקס-ווערטל, פאָלקס-מעשׂה, פאָלקס-ווערק.

וויפל פאָלקס-סטילן זענען דאָ אין דעם תּנ״ך, — אין דעם איינעם תּנ״ך, וואָס איז ביי אונז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין משך פון טויזנטער יאָרן אין אַ קאַנאָניזירט ווערק? וואָס פאַר אַ מהלך אין סטיל, אין פאָלקס-סטיל, עס ליגט צווישן קאַפּיטלען פון בראשית און ויקרא, פון די חומש-פּרשיות פון מבול, מעשׂה-סדום און די פּרשה אין „ויחי״, ווען יעקב רופט-צו זיינע קינדער און זאָגט צו זיי: „קליבט זיך צונויף און איך וועל אייך זאָגן, וואָס עס וועט מיט אייך זיך טרעפן אין סוף פון יאָרן!״ וואָס פאַר אַ מהלך און ענדערונגען עס זענען דאָ צווישן שופטים און נביאים, און צווישן איין נביא און דעם צווייטן — צווישן עמוס און יחזקאל, צווישן יונה און ירמיהו! און וואָס פאַר אַ אונ-טערשיד אין די סטילן צווישן מגלת אסתר און איוב! און דער טיפער, טיף-אייגנטימלעכער לעבנס-סטיל פון „שיר השירים אשר לשלמה״, און „משלי שלמה בן דוד״ און „דברי קהלת בן דוד״, — אַלע די דריי ווערק, וואָס זענען אויפגעקומען אין ירושלים און זענען אַרויסגע-וואַקסן פון דעם לעבנס-סטיל אין און אַרום ירושלים. און עס איז דאָך באַקאַנט, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער יידישער אגדה

וועגן אָט־די דריי באַזונדערע ווערק: אַז אַ מענטש איז יונג זאָגט ער דברי־שירה („שיר השירים״), אַז ער ווערט עלטער, האַלט ער ביי „משלי״, און אַז ער קומט שוין אין סוף פון די יאָרן, דאַן איז שוין ביי אים „הכל הבל״ („קהלת״). און דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט אויף שלמהן, איז דאָך צוגעפּאַסט פאַר אַ פאָלק אין באַזונדערע צושטאַנדן, ביי אַ פאָלק, וואָס לעבט־איבער ווי יעדער מענטש אַ באַגינען און אַ גרויסן טאָג און אַ בין־השמשות...

און שפּעטער קומען מיר צו די אַלע ווייטערדיקע לעבנס־געשעענישן אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק, — נאָך דעם חורבן פון בית־ראשון און בית־שני, און מיר גייען אַזוי פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט, ווו עס קומען־אויף לעבנס און פּאַסירונגען, און אַרום זיי — אייגענע לעבנס־סטילן און אייגענע מאָנומענטאַלע לעבנס־ווערק — משנה, תלמוד, — תלמוד בבלי און ירושלמי, און זוהר און קבלה־ספרים און חקירה־ווערק און די ספרדישע שירה מיט דער ספרדישער פילאָזאָפיע. און וויפל פאַרשידענע סטילן איז געווען אין דער גאַנצער גלאַנץ־תקופה פון שפּאַניע? — איז דען ר׳ יהודה הלוי, שלמה בן גבירול, דער רמב״ם, די אבן־עזראס פון איין פאַרגאַנצטן און פאַרענדיקטן סטיל? און אַזוי ווייטער און ווייטער — דורך רש״י, תוספות און איבער דער חסידות, רבנישער יידישער וועלט ביז די לעצטע יאָרן אין די פאַרשידענע יידישע ישובים און קיבוצים, — גרויסע, קלענערע און גאָר־קליינע, פון די לעצטע עטלעכע הונדערטער יאָרן. סאַר אַ פאַרבנרייכקייט אין סטילן און סאַר אַ טיפע אונטערשידן צווישן דעם איטאַליענישן יידנטום, מיט עמנואל הרומי, און דעם וואָלינער מיט אַ בעל־שם! און אַפילו אין דער חסידות גופא — סאַר אַן אונטערשיד צווישן אַ חבדישער חסידות פון אַ ר׳ שניאור זלמן מליאַדי און פּאָדאָליער חסידות! און דער ווילנער גאון און דער אַפּטער רב, — זעען זיי נישט אויס מיט זייער אַרט דענקען און לעבן, מיט זייער סטיל און כאַראַקטער ווי פאָרשטייער פון פאַרשידענע פעלקער פון פאַרשידענע צייטן און תקופות!

אָט האָט פרץ אין זיך גופא און אין זיינע ווערק אויפגענומען פאַרשידענע לעבנס־סטילן און לעבנס־קולטורן און זיי געגעבן אין זיינע פאַרשידנסטע ווערק. און אַפילו דער איינער באַנד „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, וואָס איז געשריבן דורך דעם איינעם פרץ־מייסטער אין משך פון עטלעכע געציילטע יאָר, האָט אין זיך אַזוי פיל פאַרשידענע וועלטן, מיט פאַרשידענע קולטורן און טראַדיציעס, מיט פאַרשידענע

קאָלאָריטן, פאַרבן, ניואַנסן, מאָטיוון, — הכלל מיט פאַרשידענע יידישע עכט־יידישע סטילן? וואָס פאַר אַ אונטערשיד עס איז דאָ אין דעם קאָלאָריט, אין דער אַטמאָספער, אין דעם גערוך, — און ממילא אין דעם סטיל פון די מעשהלעך, וואָס פרץ האָט זיי גענומען פון דעם איין און דעמזעלבן יידישן פאָלקס־אוצר, אָדער פאָלקס־אוצרות. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אין די אינערלעכע וועלטן, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן": אין „דריי מתנות", „נסים אויפן ים", „דער קונצנמאַכער", „מסירת נפש", „דריי חופות", „שמע ישראל"!

אַט האָט שלום אַש אין איין באַנד אונטערן נאָמען „קידוש השם" אָפּגעדרוקט צוויי ראָמאַנען, אין וועלכע ער האָט געבראַכט צום אויס־דרוק אַן אַ שיעור פאָלקס־עפּאָס און פאָלקס־מעשיות און פאָלקס־צער. איין ראָמאַן איז „קידוש־השם, פון דער גזרת ת"ח־צייט, און דער צווייטער — „די כּישופמאַכערן פון קאַסטיליען". און הגם דער תוך, דער תמצית איז דאָ און דאָרט דער מאָמענט פון קידוש־השם און משיחישע מאָטיוון, — אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז דאָ אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער יידישער מאַסע, אין דעם לעבנס־שטייגער, אין דעם כאַראַקטער, סטיל, וואָס מיר האָבן דאָ און דאָרטן. דער ייד פון שפּאַניע איז ווייט־ווייט נישט ענלעך אויף דעם ייד פון פּאָדאָליע, — הגם אינמיטן, צווישן דעם יידיש־שפּאַנישן לעבן און דעם יידיש־פּאָדאָלישן זענען געלעגן בלויז אַ צוויי הונדערט יאָר.

און נאָך אַ ביישפּיל פון שלום אַשס ווערק: ר' שלמה גאָמבינער פון „שטעטל" און אָנקל מאָזעס: סך־הכל איין דור אינמיטן. דאָ די ווייסל, און דאָרט — שוין דער האָדסאָן! ווי זאָגט דער דיכטער דוד האָפשטיין אין אַ ליד: „פון דעם ירדן ביז דער וואָלגע—פאָלג מיך אַ גאַנג".

י. אָפּאַטאָשו האָט כמעט אין איין צייט אין דעם ערשטן יאָר פון זיין שאַפן אָנגעשריבן זיין „פון יענער זייט בריק", ווו ער גיט די פויליש־מלאַווער יידישער סביבה, און גלייך — זיין „פיליפּ און זיין זון מאָריס" — מיט דער ניו־יאָרקער יידישער סביבה, — און ביידע מיט די ספּעציפישע סטילן פון די ספּעציעלע סביבות.

דער וואָס האָט אויף דעם „אוהל"־צוזאַמטרעף געמאָנט דעם עכטן יידישן סטיל פון גאָלדפאַדען און שלום עליכם, האָט אָבער פאַרגעסן אויפצוקלערן, וואָסער סטיל ביי גאָלדפאַדענען און שלום־עליכמען ער מיינט. גאָלדפאַדען האָט געגעבן פאַרשידנאַרטיקע תקופות, סביבות, און מיט זיי — זייערע ספּעציפישע סטילן. „עקדת־יצחק", „בר־כוכבא",

„שולמית", „צוויי קוני לעמל", „די דפישופמאַכערין", „קבצנזאָן און הונגערמאַן" און אַזוי ווייטער און ווייטער. און סאַר אַן אונטערשיד אין די סטילן צווישן שימעלע סאָראָקערס סביבה און די גבירים פיין אין דער איינער פיעסע „דאָס גרויסע געווינס!" און וואָס פאַר אַ סטילן־אונטערשיד צווישן טביה דער מילכיקער און מנחם מענדל! און מאָטל פייכי דעם חזנס פונם ערשטן טייל און פון צווייטן, און צווישן „מבול" און „בלאָנדזשענדע שטערן"!

יאָ, די פראַגע וועגן דעם יידישן פאָלקס־סטיל איז גאָרנישט אַזוי פשוט און קלאָר און באַשטימט, אַז מיר זאָלן קומען און פאַר־לאַנגען: אָט ביי דעם סטיל האַלט זיך, און יעדער אָפּנויג איז נישט־יידיש, נישט־עכט, נישט־קינסטלעריש!

1934

רעפּערטואַר־קרענק

מיר שטייען איצט פאַרן אָנהויב פונם טעאַטער־סעזאָן אין פּוילן און אין גאָר דער יידישער וועלט, און ווידעראַמאָל שטייט אין דער גאַנצער גרייס און שאַרף די פראַגע — ר ע פּ ע ר ט ו אַ ר.

יעדער יידישער אַרטיסט, יעדער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר (עס איז נאָך פאַרבליבן ביי אונז אַ זכר פון דעם־אָ מין!) זענען איצט שטאַרק פאַרזאָרגט, פאַרדאגהט: וואָס שפּילן? מיט וואָס הויבט מען אָן דעם סעזאָן? עס איז ווי אַלע אַנדערע דאגות און זאָרגן וואָלטן זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און נאָר דאָס איינס אינטערעסירט און דאַרף אינטערעסירן — ר ע פּ ע ר ט ו אַ ר.

ר ע פּ ע ר ט ו אַ ר, — אַן אַלט פּראָבלעם, וואָס איז תמיד ניי! הונדערטער יאָרן שטעלן־צו דראַמאַטורגן שטאָף פאַר דער סצענע, — און דער מולך־טעאַטער ווערט אַלץ נישט זאַט. עס זענען געווען דראַמאַטורגן, וואָס האָבן אַליין פאַרפאַסט הונדערטער פּיעסעס, און ביי אונז, יידן, צו צענדליקער פּיעסעס (גאָלדפאַדען, גאָרדין, פּינסקי, הירשביין, אַש, לייוויק, — און להבדיל: די אַמעריקאַנער סיגעלס, קאַלמאַנאָוויטשעס!), — און דאָך צוליב דעם געדיכטן וואַלד זעט מען נישט אַרויס קיין ביימער. פאַר יעדן רעזשיסער, פאַר יעדן אַרטיסט, פאַר יעדן טעאַטער־דירעקטאָר שטייט בסדר און פונסניי און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע — ר ע פּ ע ר ט ו אַ ר!

מ. מזאה, דער אומדערמידלעכער טוער פון דער „ווילנער טרופּע", וואָס האָט שוין פאַר די 18 יאָר לעבן פון דער טרופּע געהאַט אויסצושטיין קאַלט און וואַרמס, באַגעגנט אונז די טעג אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרמרה־שחורהטער, ווי אַלע הימלען וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט. וואָס איז? רעפּערטואַר! אין דער יובילײ־אויסגאַבע, וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט אַרויסגעגעבן צו די 15 יאָר עקסיסטענץ, איז געבראַכט אַ לאַנגע רשימה פון צענדליקער אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פּיעסעס, וואָס

מ׳האָט פאַר דער צייט אויפגעפירט, אָבער דאָך — איצט ביים אָנהויב פון אַ נייעם סעזאָן, שטייט מען ווידער פאַר דער פראַגע: וואָס שפּילן?
אָט האָט אַלעקסאַנדער גראַנאַך אָפּגעשפּילט אין אַ הונדערט קלאַסישע און מאָדערנע פּיעסעס אינם דייטשן טעאַטער, — און אַז ער איז געקומען צו אונז, קיין וואַרשע, איז די סאַמע שווערסטע און וויכטיקסטע פראַגע געווען: רעפּערטואַר, — וואָס אַ שטייגער שפּילט מען?
צוריק מיט אַ פּאָר חדשים זענען מיר אַלע געזעסן שעהנווייז אין דעם הייסן, דושנעם צימער פונם יידישן אַרטיסטן-פאַריין אין פּוילן בעת דעם אַלפּוילישן צוזאַמענפאָר, און פון אַלע פּנימער האָט אַרויסגעשריגן און פון די אַלע רעדעס האָט אַרויסגעקלונגען: „רעפּערטואַר! דער יידישער טעאַטער איז אָן רעפּערטואַר! דער אַרטיסטן-פאַריין דאַרף קודם-כל זאָרגן פאַר נייע פּיעסעס!"
און דאָס איז נישט נאָר ביי אונז אַזוי, — ווו דער גאַנצער טעאַטער-אַפּאַראַט איז צעפאָרן, צערודערט, צעשרויפט. איך דאַרט, ביי די אומות-העולם, איז כסדר שאַרף די פראַגע וועגן רעפּערטואַר. ביי די גרויסע טעאַטערן זענען ספּעציעל אָנגעשטעלט מענטשן, וואָס דאַרפן זוכן פּאַסיקן דראַמאַטורגישן שטאָף. און עס איז — ווי מען וואָלט געשטאַנען באמת פאַר בראשית, ווי ביזאַהער וואָלטן גאָר קיין דראַמאַטורגן נישט געווען. אָט-די ספּעציעלע „פּיעסעס-זוכער" זענען געגליכן צו די ים-טויכער, וואָס לאָזן זיך אין ים-טיפעניש, כדי פון דאָרט ערגעץ אַרויסצוציען אַ פּערל.
אין איז טאַקע באמת אַזאַ געוואַלדיקער מאַנגל אין רעפּערטואַר, אַז מען דאַרף אים זוכן אַזש מיט ליכט?
עס איז גוט באַקאַנט, ווי דראַמאַטישע שאַפונגען, וואָס ווערן אַ „שלאַגער", אַ „סענסאַציע" קאָנען אָפּט יאָרנווייז אַרומוואָגלען פון דירעקטאָר צו דירעקטאָר, און אַלע טירן זאָלן זיין פאַר זיי פאַרשלאָסן. דאַרף מען נאָך אַ בעסערן ביישפּיל ווי אַנסקיס „דיבוק"? אַ יאָר פינף-זעקס האָט אַנסקי נעבעך אָפּגעשלאָגן אַלע שוועלן פון רוסישן און יידישן טעאַטער, פאָרגעלייגט, פאַרגעלייענט, אָנגעווענדט זיין אויטאָריטעט, — און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: ניין און ניין! און לסוף — וואָס פאַר אַ דערפאָלג די פּיעסע האָט געהאַט ביי יידן און נישט-יידן? און וואָס איז געווען מיט אַזאַ שלום-עליכם-פּיעסע ווי „דער אוצר" (גאָלדגרעבער)? אָנגעשריבן נאָך אין יאָר 1907, שיקט זי שלום-עליכם קיין ניו-יאָרק צו י. ד. בערקאָוויטש, וואָס לייענט זי פאַר פאַרשידענע טעאַטער-

דירעקטאָרן און שוישפּילער, און גאָרנישט,—די פּיעסע געפעלט קיינעם נישט. און ערשט אין יאָר 1927 איז די פּיעסע „גאָלדגרעבער" („דער אוצר") אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין ניו-יאָרק דורך מאָריס שוואַרצן אין זיין קונסט-טעאַטער (גלייכצייטיק אויך אין „הבימה"), און ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק אין לאָדזער „הזמיר"-סטודיע, און היי-יאָר דורך דעם „יונג-טעאַטער" אין וואַרשע („נאַפּאָלעאָנס אוצר").

אָט, למשל, איז שוין באַלד צוויי יאָר, ווי פון פאַרשידענע זייטן גיט מען איבער וועגן אַ דראַמע, וואָס עס האָט אָנגעשריבן יעקב פּרעגער א. נ. „שמחה פּלאַכטע". איין רעזשיסער האָט זי געלייענט און איז געווען אין אַ געוואַלדיקער התפּעלות און אויך אַ צווייטער און אַ דריטער,—און דאָך—עד היום האָט נאָך די פּיעסע נישט געזען דעם ליכטיקן שיין פון דער סצענע. און אַזעלכע ביישפּילן קאָן מען אָנצייל̈ן אַ סך. אָט האָט געהאַט גרויס ערפאָלג אַרנאָלד צווייגס „סער-זשאַנט גרישא",—געהאַט ערפאָלג ביי דער קריטיק, ביים עולם, און די-אָ פּיעסע איז דאָך אויפגעפירט געוואָרן הונדערטער מאָל אויף די וועלט-בינעס, און דאָך איז מען ערשט איצט געקומען צו איר, ריכ-טיקער: נישט געקומען צו איר, נאָר קורט קאַטש האָט באַדאַרפט איבערלעבן אַ היטלעריסטישע איבערקערעניש, כדי צו ברענגען זי אויף דער יידישער בינע.

די פראַגע רעפּערטואַר איז ביי אונז פיל שאַרפער ווי ביי זיי צוליב דער אומנאָרמאַלער לאַגע פונם יידישן טעאַטער. שטענדיקע טעאַטער-אַנסאַמבלען מיט אַ שטענדיקן מקום-מנוחה, מיט אַ נאָרמאַלער סצענישער אַרבעט לייזן לייכטער דאָס האַרבע רעפּערטואַר-פּראָבלעם. אַזעלכע טעאַטער-אַנסאַמבלען קאָנען אויפהיטן זייערע אויפפירונגען פאַר זיך גופא אויף די שפּעטערדיקע יאָרן. אָט, למשל, ליגט פאַר מיר די רעפּערטואַר-רשימה פון דער „הבימה": עס זענען אויסגערעכנט לויט די יאָרן 25 אויפפירונגען,—און נאָר אייניקע פון זיי זענען אין משך פון דער צייט, צוליב פאַרשידענע סיבות, פאַרלוירן געגאַנגען. די איבעריקע לעבן נאָך עד-היום ביי דער „הבימה" ווי אַמאָל, מיט דער זעלבער פרישקייט און ברען, ווי אין די ערשטע יאָרן. די טרופּע האָט שטענ-דיק אַ רייכן פּיעסעס-אוצר, וואָס מען קאָן אים כסדר באַנוצן. עס איז אַ גאָלד-פאָנד פאַר אַ טרופּע—צו האָבן שטענדיק אַ גרייטן רעפּערטואַר.

די „ווילנער טרופּע" האָט אין דעם הינזיכט געוויסע פאַרדינסטן. אייניקע פּיעסעס זענען אויך פאַרבליבן אין איר רעפּערטואַר-אוצר, —

הגם ווייט-ווייט נישט אין דער פולער מאָס און אין דער גאַנצקייט און שלימות, וואָס ביי דער „הבימה". אין זייער טורנע, וואָס זיי האָבן היי־יאָר געמאַכט אין אויסלאַנד, האָבן די „ווילנער" געליפערט אַ 8—10 פּיעסעס און אייניקע — אפילו מיט אייגענע דעקאָראַציעס. אויך דער „אוהל", וואָס גאַסטראָלירט איצט אין פּוילן, פאַרהיט זיין רעפּערטואַר, צו יעדער צייט קאָן ער גלייך אויפפירן אַ פּיעסע, וואָס איז געגאַנגען ביי אים מיט יאָרן צוריק.

ביי אַזאַ מין ראַציאָנעלער באַלעבאַטישקייט קאָן מען לייכטער לייזן די שווערע פראַגע פון רעפּערטואַר.

און כל-זמן מען וועט נישט אַריינברענגען קיין סדר אין דעם יידישן טעאַטער, וועט מען קיינמאָל די רעפּערטואַר-פראַגע נישט לייזן. טעאַטער-אַנסאַמבלען מוזן האָבן אַריכת-ימים! אויפפירונגען מוזן אויפ־געהיט ווערן דורך די טרופּעס. מען טאָר נישט זיין קיין וואַנדאַלן אויף אייגענעם האָב און גוטס! מען טאָר זיך נישט איבער קליינינקייטן צערייסן, און דאָס גאַנצע אָנגעהאָרעוועטע זאָל גיין לאיבוד. און דאַן— וועט מען קאָנען שפּילן פּיעסעס פון פאַר דריי יאָר, פאַר פינף יאָר, פון פאַר צען יאָר,—און נישט דאַרפן יעדע פאַר וואָכן זוכן שפּאָגל-נייע שטיק. און מיר ווייסן דאָך, ווי עס איז גרינג ביי אונזער דלות אויפ־צופירן פונסניי אַ פּיעסע?!

אָט ליגט פאַר מיר די רשימה פון פּיעסעס, וואָס מאָריס שוואַרץ האָט אין זיין קונסט־טעאַטער אויפגעפירט במשך פון 15 יאָר: 134 פּיעסעס פון 72 דראַמאַטורגען,—פון זיי אַ 30 יידישע און 6 יידן־דראַמאַטורגן. הונדערטער טויזנטער דאָלאַר זענען אין די אויפפירונגען פון אָט די פּיעסעס אַריינגעלייגט געוואָרן, און אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. קיין שריד ופליט איז נישט פאַרבליבן. און אַז מען הויבט אָן איצט אַ נייעם טעאַטער-סעזאָן, מוז מען אַלץ פונסניי אָנהויבן. פון דער גאַנצער אַמאָליקער עשירות איז קיין שיך-בענדל נישט פאַרבליבן.

די פראַגע רעפּערטואַר קאָן מען דעריבער נישט נעמען באַזונדער פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס טעאַטער־פראַגן.

כל-זמן אונזער יידישער טעאַטער איז קראַנק, געפערלעך קראַנק, וועלן מיר די רעפּערטואַר-קרענק נישט קאָנען היילן!

1934

בריוו צו אַ פריינדין

ערשטער בריוו

זאָל אייך נישט וואונדערן, וואָס איך גיי איצט פאַרעפנטלעכן אייניקע פון מיינע בריוו צו אייך. האָב איך דאָך נישט איין מאָל אייך געזאָגט און געשריבן, אַז פיל פון דעם, וואָס מיר האָבן באַרירט אין אונזערע שמועסן און בריוו, האָט אויך אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. איך וועל אַרויסלאָזן די יעניקע שטעלן, וועלכע האָבן אַ מער-פערזענלעכן כאַראַקטער און וועל באַרירן בעיקר די פראַגן און פראָבלעמען, וואָס דאַרפן אינטערעסירן די מאָדערנע יידישע פרוי. האָט איר דאָך אַליין נישט איין מאָל מיר אָנגעוויזן דערויף, אַז עס איז אַ גרויסע עוולה, וואָס די יידישע פרוי איז ווי אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דעם גאַנצן קרייז יידיש-שעפערישע אינטערעסן אין דעם הייגטצייטיקן יידישן לעבן, און אַז עס וואָלט געווען דורכויס נויטיק און וויכטיק, פריער פון אַלץ פאַר דער יידישער פרוי גופא, מען זאָל זי אַריינציען מער און שטאַרקער אין דער יידישער וועלט און בעיקר — אין דער יידישער שעפעריש-קינסטלערישער וועלט.

איך הייב אָן צו פאַרעפנטלעכן אייניקע בריוו און איך גיב זיך אָפּ אַ רעכענונג: וועלן פיל יידישע מאָדערנע פרויען לייענען די בריוו, ווען איך שרייב צו זיי אין יידיש? צו וואָס זאָלן מיר לייקענען און פאַרבאַהאַלטן עס? ווייניק, אפשר גאָר ווייניק מאָדערנע יידישע פרויען לייענען יידיש און לעבן זיך אויס אין יידיש. האָט איר דען, ליבע פריינדין, נישט דורכגעמאַכט אַ גאַנצע „רעוואָלוציע" איבער זיך מיט דעם, וואָס איר זיינט צוגעטרעטן צו לייענען יידיש? איז עס דען נישט געווען ביי אייך אַ גאַנצער „איבערבדוך", ווען איר האָט אויף זיך גענומען די „שווערע מיסיע" צו לייענען פון רעכטס אויף לינקס? און וויפיל פרויען וועלן עס גיין מאַכן אויף זיך אַזעלכע „אומנאַטירלעכע עקספערימענטן" און וועלן ענדערן דעם גאַנצן „נאַטירלעכן" סדר פון זייער לעבן?

און דאָך — דאָך וויל איך פּרוּוון: אפשר וועלן פּאָרט אייניקע פרויען, וואָס שטייען אינמיטן וועג, דאָך זיך אָנטון די מי און לייענען די בריוו, וואָס זענען צו זיי געווענדט.

די יידישע פרוי אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער שטוב איז לעצטנס שטאַרק דעגראַדירט געוואָרן און זי באַמערקט עס אפשר אַליין נישט. קערן זיך דען נישט אום יענע צייטן, ווען די יידישע פרוי איז געווען אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער סביבה אַ באַשעפעניש פון דער צווייטער מדרגה? דער אַמאָליקער ייד האָט געהאַט פאַר זיך אַ רייכע גייסטיקע וועלט מיט הימל-זאַכן, מיט געהויבענע ענינים, און די יידישע פרוי איז פאַרבליבן פאַרוקט אין ענגן קרייז פון שטוב-זאָרגן, פון ווייב-און מאַמע-אינטערעסן. דער מאַן האָט געפירט חשבונות מיט גאָט, מיט וועלט, מיט ספרים, מיט אידייען, אָבער דאָס ווייב, די יידענע, איז אין בעסטן פאַל געווען בלויז די „עקרת-הבית", איז געזעסן אין געוועלב, ווען דער מאַן האָט געלערנט אין בית-המדרש, אָדער געשאַפן דאָס גייסטיקע יידישע לעבן. און איז דען נישט געשאַפן געוואָרן איצט פאַר דער יידישער מאָדערנער פרוי די זעלבע לאַגע? דער מאַן איז דער אַקטיווער טוער אין יידישן לעבן, אין דער געזעלשאַפט, אין דער ליטעראַטור, און די יידישע פרוי איז פּאַסיוו, שטייט אָן אַ זייט, נעמט נישט קיין דירעקטן שעפערישן אָנטייל אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אמת, עס זענען אין די פאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פאַראַן איינצלנע זייער אַקטיווע פרויען, וואָס ווייזן אַרויס ענערגיע און ווילן. אמת, עס זענען אַפילו דאָ יידישע דיכטערינס, שריפטשטעלערינס, וועלכע פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און האָבן זיך זייערע אייגענע וועגן. אָבער גראָד אָט די אייניקע געציילטע אויסנאַמען פון צווישן די מאַסן יידישע פרויען באַשטעטיקן נאָך שטאַרקער דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די יידישע פרוי אין איר גרעסטן טייל שטייט ווייט און דערווייטערט פון דעם יידישן שאַפנדיקן לעבן. און צוואָס זאָלן מיר פאַרבאַהאַלטן דעם מוראדיקן אמת: אויב די אַסימילאַציע האָט אַזאַ שטאַרקע שליטה ביי אונז, אויב די אַסימילאַציע קריכט צו אונז דורך טיר און טויער — איז דאָך שולדיק אין דעם קודם-כל און דער עיקר די יידישע פרוי! און אויב אונזער יוגנט וואַקסט אויס אין אַ גרויסער מאָס פרעמד צו דער יידישער שפּראַך, פרעמד צו דער

יידישער וועלט, פרעמד צו די יידישע אידעאַלן — איז דען דאָס נישט די שולד פון דער יידישער שטוב, וואָס איז ווייניק יידיש? און ווער איז די טאָן־געבערין אין דער יידישער שטוב — אויב נישט די יידישע פרוי? און אויב, למשל, מיר ווערן אַלאַרמירט וועגן דעם קריזיס פון דעם יידישן בוך — איז דען דאָ נישט די הויפּט־שולדיקע די יידישע פרוי, וואָס האָט פאַרטריבן דאָס יידישע בוך פון דעם יידישן הויז?

די יידישע לעגענדע דערציילט, אַז „אינם זכות פון די פרומע פרויען זענען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים". יענע פרויען האָבן געוווסט, ווי צו לינדערן די יסורים פון זייערע מענער, וועלכע האָבן געאַרבעט אונטער די בייטשן פון די אַכזריותדיקע אזיפּזעער פון פרעה. אָט די זעלבע פרויען האָבן אַמאָל אויך פאַרהיטן זייערע יונגע קינדער פון די מצרישע הענט, וועלכע האָבן געוואָלט די קינדער אומברענגען. זיי האָבן די קינדערלעך אין די פעלדער אויסבאַהאַלטן, און עס איז געשען מיט זיי אַ נס, אַז די מצריים האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען. די לעגענדע שילדערט דאָס אַזוי שיין: „ווי די יונגע גרעזעלעך האָבן די קינדערלעך פון דער ערד אַרויסגעשפּראָצט און טשערעדעסווייז לעבעדיק און פריש זענען זיי אַהיים צו דער מאַמע געקומען..." וויפיל האָבן מיר איצט אַזעלכע מאַמעס, וואָס פאַרהיטן זייערע קינדער פאַר דער יידישער נאַציע, פאַר דער יידישער וועלט, פאַר די אייגענע עלטערן?

און עס איז דאָך אַ טרויעריקער פאַקט, אַז אויך קינדער פון אונזערע באַוווסטע שרייבער, פון אונזערע באַקאַנטע יידישע טוער וואַקסן אויס אין אַ פרעמדער, נישט־יידישער סביבה און זענען דער־נאָך פרעמד דעם יידישן פאָלק, זיינע אידעאַלן, זיין שפּראַך און ליטע־ראַטור. דער שרייבער, דער טוער איז אומבאַהאָלפן, ווייל די פרוי — זי איז דאָך די הערשערין אין שטוב און זי שאַפט עס די אַטמאָס־פער אין שטוב און זי גיט עס אויך די גייסטיקע יניקה די קינדער.

די מאָדערנע יידישע פרוי איז אָבער נישט די גאַנצע שול־דיקע אין דעם אַלעמען. זינט דורות האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט ביי אונז, אַז די פרוי איז דערוייטערט געוואָרן פונם יידישן שעפע־רישן לעבן. זי איז זיך געוואַקסן אַליין פאַר זיך, אָנגעוויזן אויף אייגענע כוחות און נישט געווען אימשטאַנד צו ענדערן די לאַגע,

וועלכע די מענער האָבן פאַר איר געשאַפן, און וועלכע איז שוין געוועזן ווי „פאַרהיילּיקט” דורך דורות־לאַנגער טראַדיציע.

וועגן דעם אַלעמען האָבן מיר מיט אייך פיל גערעדט. איר האָט מודה געווען, אַז עס איז אַ גרויס פאַרזען אין דעם יידישן לעבן, וואָס עס האָט זיך איינגעשטעלט ביי אונז אַ ספּעציעלער מין „אויסער פרויען”, ווי דער אַמאָליקער „קראָמיע יעוורעיעוו” אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר שוין נישט איינמאָל פאַר־נומען דעם וויי־געשריי פון דער באַוווּסטער יידישער פרוי, וועלכע האָט געמאָנט אירע רעכט און פאַרלאַנגט אַ נייע באַציונג צו זיך.

איך וועל ברענגען פאַר אייך אַ פּאָר אויסצוגן פון אָט די טענות, וואָס די פרוי האָט צו דעם מאַן, הלמאַי ער האָט זי דער־ווייטערט פונם אַקטיוון שעפערישן יידישן לעבן, און איר וועט זען, אַז אָט די אַמאָליקע טענות האָבן אויך איצט נישט אָנגעוווירן זייער אַקטועלקייט, זייער שאַרפקייט...

צווייטער בריוו

אין מיין פריערדיקן בריוו האָב איך אייך צוגעזאָגט צו ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס די טראַגעדיע פון דער יידישער פרוי, וואָס ווייסט גאָר ווייניק אָדער גאָרנישט פון דער יידישקייט, צוליב וועלכער איר קומט אויס צו ליידן, אָדער פון וואַנעט זי וואָלט געקענט שעפן קראַפט און אויך שאַפונגס־פרייד. איך וועל, פאַרשטייט זיך, ברענגען אין מיין בריוו בלויז דאָס, וואָס עס געדענקט זיך מיר איצט אין דער מינוט און פון די ביכער, וואָס איך האָב דאָ ביי זיך גראָד אונטער דער האַנט. עס איז מיר טאַקע אַ גרויס וווּנדער אויף דער יידישער פרוי: פאַרוואָס זי טרעט נישט צו צונויפצושטעלן אַן אַנטאָלאָגיע וועגן דער יידישער פרוי. האָבן מיר דאָך אַזויפיל יידישע אַנטאָלאָגיעס — ווו איז די פרויען־אַנטאָלאָגיע, אין וועלכער עס זאָל קומען אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן וועגן און אַרום דער פרוי. אָבער דאָס איז שוין ווידער אַ טענה, אַ מאָנונג צו דער יידישער פרוי, — און איך וויל אין דעם בריוו גראָד ברענגען, וואָס די פרוי מאָנט פון מענער, און נישט פאַרקערט...

איך וואָלט אייך געראָטן איבערצולייענען די קורצע נאָוועלע פון פרצן „די פאַרשטויסענע״. עס איז אַ מעשה מיט אַ יידיש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר היים, חתונה געהאַט מיט אַ פרעמדן. און אויסגעקליבן האָט זי דערצו פונקט די נאַכט פון „שבועות, זמן מתן תורתנו!״. — עס זענען אַוועקגעגאַנגען פיל יאָרן. „דאָס לעבן. צו וועלכן זי איז געלאָפן, האָט זי צוריקגעשטויסן, פון זיך אַרויסגעוואָרפן. געשווינד האָט איר דאָס געהאָפטע גליק פאַרבליט און פאַרוועלקט. — צוריקקומען האָט זי נישט געקענט... אויפן וועג איז געשטאַנען דאָס געזעץ, ווי אויך — צוויי קברים... דעם טאַטנס און דער מאַמעס קבר...״ און יעדן שבועות־אָוונט קומט זי, די פאַרשטויסענע, צום פענסטער פון איר ברודער, קומט צו אים מיט באַשולדיקונגס־רייד. זי זאָגט צו אים צאָרנדיק: „שולדיק זענט איר!״ וואָס האָב איך געוווסט פון אייער בלוטיקן קאַמף מיט יענע? — ד ו האָסט עס געוווסט — זאָגט זי צום ברודער — אין חדר געלערנט, מ י י נ ע ביכער האָבן דערפון קיין וואָרט נישט געזאָגט... ביי אייך אין שטוב האָב איך אַ פרעמד לעבן געלעבט; אַ פרעמד, שיין־אויסגעטרוימט לעבן, אַ לעבן פון ביכער אַרויס... האָב איך עפּעס פאַרראָטן, אָן עפּעס געפעלשט? — איך האָב נאָר געלע חלה מיט זאַפרען אויף אַן אַנדער זיס־געבעקס פאַרביטן... מעשהלעך פון „צאינה־וראינה״ — אויף ביכער... תחינות — אויף ראָמאַנען! — — — אייך האָב איך נישט פאַרראָטן: איך האָב אייך נישט געקענט; פון אייערע שמערצן נישט געוווסט, איר האָט מיר פון זיי קיין וואָרט נישט דערציילט... צו אייערע סודות נישט צוגעלאָזט...״ און זי טענהט ווייטער: „פאַרוואָס האָט איר מיר פון אייער ליבע נישט דערציילט. — פון אייער ליבע, וואָס נערט זיך פון אייער בלוט? פאַרוואָס האָט איר מיט מיר פון אייער שיינקייט, פון אייער אייביקער בלוטיקער שיינקייט נישט גערעדט? דאָס שיינע, דאָס ליבע, דאָס הויכע, דאָס שרעקלעך־הויכע האָט איר אין זיך פאַרשלאָסן, פאַר אייך, מענער, באַהאַלטן... אונז האָט איר פאַרשטויסן!״...

אויב פרץ ברענגט באַשולדיקונגס־רייד פון אַ פאַרשטויסענער, וואָס וויל צוריקקומען און קען שוין נישט, און זי שליידערט צאָרן־ און מאָנונג־ווערטער דעם מאַן ביי יידן, איז שלום־אַש אין זיין דראַמאַטיש ווערק „משיחס צייטן״ (פאַרעפנטלעכט נאָך אין יאָר 1906) פירט פאַר אונז אַרויס אַ יונג מיידלש געשטאַלט, וואָס איז אינגאַנצן פאַר־

וועבט אין טרוימען און לעגענדן פון פרעמדן נישט-יידישן לעבן. זי קומט צום זיידן רבי חנן צוגאַסט און אַלץ שטעלט זיך פאַר פאַר איר פרעמד — די ליַדן און פריידן, דאָס פאָרן פון דעם זיידן קיין ארץ-ישראל, און די אַלע יידישע אידעאַלן, וואָס אייניקע פון איר משפחה ברענגען דאָ אַהער אויף דעם משפחה-צונויפפאָר. — דער זיידע רבי חנן רעדט צו איר וועגן דער היים, צו וועלכער ער קערט זיך אום צוריק, ער רעדט וועגן דער אַלטער היים, ווי וועגן אַ מאַמע, אַן אַלטע מאַמע. און יוסטינאַ, די אַסימילירטע יידישע טאָכטער, זאָגט צום זיידן:

„אַז איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען, קיינמאָל נאָך איר נישט געבענקט... אַז אַן אַנדער מאַמע האָט מיך געבוירן, אַז אַן אַנדער מאַמע האָט מיך אויפגעצויגן...״ און אַלץ זעט זי שוין מיט אַנדערע אויגן. אַפילו איר זיידן דעם פאַטריאַרכאַלן ייד, וואָס איז נאָך אינגאַנצן פאַרוואָרצלט אין יידישן באָדן, — אויך ער ווייזט זיך איר אין פאָרם און געשטאַלט פון פרעמדער קולטור, אויך ער זעט אויס אין אירע אויגן, ווי אַ נישט-יידיש געוויקס. זי קוקט אויף דעם זיידן און זאָגט וועגן אים: „... קוק... באַטראַכט די געזיכטס-צוגן, דעם שטערן, די נאָז. מען דערקענט באַלד, אַז די פוילישע זון, וואָס גליט די זאַמדיקע ווייסל-ברעג, האָט דאָס פנים אָפּגעברענט. אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די יידן פון קאַזשימירזשס צייטן... די באָרד, אַך די באָרד! גלויב מיר, ווען וויספּיאַנסקי זעט די זילבערנע האָר פון דער באָרד, וואָלט ער געמאַכט אַ בילד, אַ ייד, אַ „פּאַן״ פאַרן נאַראָדאָווי מוזיי אין קראָקע״. און ווען עס ווערן אין דעם זיידנס שטוב אַרויסגערופן יידישע טרוימען פון אַמאָל, און יידישע האָפענונגען פון איצט, — בלייבט יוסטינאַ צו דעם אַלעם פרעמד און ווייט און זי שעפּטשעט ווי אַ נישט-דאָיִקע: „מיין טאַטע איז מיר פרעמד, מיין מאַמע איז מיר פרעמד... נישט אייער משיח איז מיין משיח, נישט אייער לאַנד איז מיין לאַנד! מיר רופן אַנדערע שטימען, מיר זינגען זיי אַנדערע לידער״. — און אָט די שטימען און אָט די לידער האָבן נישט אַיין יידישע פרוי אַוועקגערופן ווייט-ווייט פון יידן...

און אַפילו מירעלע הורוויץ — די טאָכטער פון דעם מיוחס און תלמיד-חכם ר׳ גדליה הורוויץ אין דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען״ — אויך זי איז פרעמד דער גאַנצער יידישקייט, און זי טראָגט איר גורל, דעם גורל פון אַ יידישער פרוי אומבאַוווּסט קעגן

איר אייגעגעם ווילן. עס לעבן אין איר אַטאַוויסטישע געפילן פון באָבעס פיל דורות פאַר איר, אפשר נאָך, פון שרה, רבקה, רחל, לאה, — און זי אַליין ווייסט אפשר נישט פון דעם. יאָ, „די היים אירע, וואָס אין שטעטל... זי איז עפּעס מער נישט, ווי אַ צו־להכעיסדיקע נאַרישקייט אָט די היים. צו דער מוטער ציט נישט, און צום פאָטער — — גלייכער איז, וואָס זי מיטן פאָטער לעבן פונדערווייטנס...״ אָט די זעלבע מירעלע הורוויץ, — די בת־יחידה פון ר׳ גדליה הורוויץ, — זי, וואָס דאַרף טראָגן ווייטער די „גאָלדענע קייט״ פון אַ ריי דורות און דורות פון די הורוויצעס, — איר איז פרעמד דער יידישער יום־טוב, דער יידישער שבת. אָט טרעפט זי זיך מיט אַ יידישן אינטעליגענט, הערץ — אַ מין גנעסינישע געשטאַלט — אין אים לעבט צוגעבונדנקייט צום פאָלק, און ער שפּייזט שטענדיק זיין קראַנקע און שטאָלצע נשמה מיטן דערהויבענעם און טראַגישן אינם יידישן פאָלק.

און מירעלע הורוויץ, אין וועמען עס זענען ווי אויפגעקליבן שאָטנס און ליכט, ווייען און פריידן, — מער ווייען ווי פריידן — פון דער מאָדערנער יידישער פרוי, — מירעלע הורוויץ פאַרנעמט נישט אָט די עלעמענטן און כאַראַקטער־שטריכן פון איר פריינט — הערץ.

אָט שרייב איך אַרויס אַ סצענע פון אַ שפּאַציר פון מירעלע און הערצן, און איך פרעג אייך: דערמאָנט אייך נישט אָט די סצענע אָן אונזערע ביידנס שפּאַצירן. עס איז פרייטיק פאַרנאַכט, און בער־געלסאָן מאָלט אַזוי דעם פאַרנאַכט: „עס איז שוין די ווייטע און רויטע זון געהאָנגען אין מערב־ווערטיקאַל, ווי אַ גרויסע פייערדיק־גאָלדענע מטבע״... עס איז געגאַנגען דער שבת אויף דעם שטעטל און „הערצס פּנים איז געווען אינגאַנצן איינגעטונקען אין דעם שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. ער האָט אויסגעזען אַ גאָלדענער״. ער האָט געוויזן מירעלען אויפן שטעטל און צו איר געזאָגט:

„זאָל זי אַ קוק טון: ממש אַ שבתדיקער הימל! שבתדיק זעען אויס אויפן מערבדיקן באַרג אַפילו די אַרומיקע פעלדער״.

„מירל, — דערציילט בערגעלסאָן — האָט מעכאַניש אַ קוק געטון צום באַרג און האָט דאָרט גאָרנישט געזען, — חוץ דעם מידן גוי, וואָס האָט דעראַקערט צו נאַכט זיין פעלד...״

איצט מעג איך דאָך אייך שרייבן: נישט איינמאָל האָט זיך מיר געוואָלט אָנצינדן אין אייער פאַנטאַזיע פעלדער אין שיין פון דער יידישער, זאָל זיין פאַרגאַנגענער יידישער וועלט. איר האָט מיר, קאָן

זיין, געגלויבט, — אפשר מער געגלויבט אויפן וואָרט, — ווען איך וואָלט אייך דערציילט וועגן דעם שבת, דעם יום-טוב, וואָס רוט אָפּט אין אונז אויך אין מיטן וואָך. — אָבער דער שבת און יום-טוב איז דאָך פאַר דער יידישער פרוי וואָך, וואָכעדיקייט. נישט אמת? איר האָט עס דאָך אַזוי אָפּט באַדויערט מיטן גאַנצן האַרצן און עס אַזוי אויפגענומען מיט אייער פיין-פילנדיקער נשמה.

און אין מינוטן אַזעלכע האָט איר נישט איינמאָל ווי איבערגע-חזרט די ווערטער פון מירעלע, — הגם איר האָט קיינמאָל נישט געלייענט „נאָך אַלעמען״:

— הערץ, מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז איר ווייסט עפּעס מער פון מיר!...״

פאַרוואָס פרעג איך אייך, ליבע פריינדין, זאָלן מיר, יידישע מענער, וויסן עפּעס מער פון אייך, יידישע פרויען?

ווער וועמען דאַרף דאָ באַשולדיקן, ווער ביי וועמען דאַרף דאָ מאָנען?

דריטער בריוו

איך האָב באַקומען אייערעביידע לעצטע בריוו, אין וועלכע איר באַרירט אויך אַ ריי פראַגן, וואָס איך באַהאַנדל אין מיינע „בריוו צו אַ פריינדין״. איר איראָניזירט אויפן חשבון פון אונז, שרייבער, וואָס מיר פאַרוואַנדלען גלייך פּערזענלעכע איבערלעבענישן אין ליטע-ראַטור און וואָס אויך איך האָב אונזערע שמועסן גענומען אַלס שטאָף פאַר „בריוו צו אַ פריינדין״. אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן, — אַזוי איז שוין אונזער גורל, די קללה אָדער די ברכה, פון דעם שריפטשטעלער, וואָס ווייס נישט פון קיין ווייטע דיסטאַנצן צווישן אייגענע, פּערזענ-לעכע געפילן און אייגדרוקן און אַלגעמיינע, קאָלעקטיווע, געזעל-שאַפטלעכע. יעדנפאַלס שפיר איך אַרויס פון אייערע בריוו, אַז פון איין זייט זענט איר צופרידן, וואָס אונזערע פּערזענלעכע שמועסן האָבן מיר געגעבן אַ שטויס צו שרייבן די „בריוו צו אַ פריינדין״. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט איר, ווי באַהאַלטענע תרעומות, הלמאַי איך פאַרעפנטלעך שטיקער פריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ... וואָס זאָלן מיר טאָן, מיר שרייבער — דער וועג פון רשות-היחיד אין דעם רשות-הרבים איז ביי אונז אַ צו-אָפענער...

איידער מיר וועלן נאָך שמועסן אין אונזערע בריוו וועגן אַנדערע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער יידישער פרוי און דעם יידישן שאַפנדיקן לעבן, — ווילט זיך ברענגען נאָך אייניקע אויסצוגן פון יידישע ווערק וועגן דעם קאָנטראַסט צווישן יידישע מענער און פרויען אין דעם יידישן לעבן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן זינט יאָרן אפשר אויסער דער שולד פון דער יידישער פרוי גופא.

איך וויל נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די יידישע פרוי אין איר גרעסטער מערהייט וואַקסט פון קינדווייז אָן אין דעם יידישן לעבן ווי אַ זייטיקע, פרעמדע, נעמט נישט אויף אַלץ דאָס טיפע, אייגנאַרטיק-יידישע. איך האָב געבלעטערט אין אייניקע ווערק פון באַקאַנטע יידישע שרייבער און ספּעציעל געזוכט אַזעלכע שטעלן, וואָס באַרירן אַזוי אָדער אַנדערש אָט דאָס, וואָס איך וויל אייך מאַכן אויפמערקזאַם.

עס איז דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ביז-גאָר אויסטער-לישע גייסטרייכע פּערזענלעכקייט, וואָס איז אייך געוויס אינגאַנצן אומבאַקאַנט. און אַ שאָד. עס וואָלט פאַר אייך געווען זייער אינטע-רעסאַנט נאָכצוגיין דעם לעבנס-גאַנג פון אָט דער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט אין משך פון עטלעכע און דרייסיק יאָר זיך געצאַפּלט צווישן דער יידישער און נישט-יידישער וועלט, צווישן דער יידישער-און נישט-יידישער קולטור. ער האָט פון דעם אַלעמען אָנגעשריבן ראָמאַנען, נאָוועלן, עסייען, וואָס זענען ווי-געשרייען, שטיקער בלוט פון זיין צאַפּלדיק האַרץ. איך מיין דאָ דעם טיפן יידישן דענקער מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס האָט אַפילו אין די עלטערע יאָרן זיך אַ נייעם נאָמען געגעבן — מיכה יוסף בן גריון. ער האָט צענדליקער יאָרן זיך באַמיט אַרויסצורייסן זיך פון יידישקייט, געריסן קייטן, געצווונגען הינטער זיך בריקן, און דאָך, וואָס-ווייטער איז ער אַלצמער פאַרבונדן געוואָרן מיט יידן און יידישקייט. איז ביי אָט דעם שרייבער-דענקער האָב איך אַרויסגעפונען אַזעלכע עטלעכע שורות, וואָס מיר ווילט זיך זיי איצט ציטירן פאַר אייך. איך האָב מורא, אַז נישט נעמענדיק אין אכט די גאַנצע גרויס פון בערדיטשעווסקי און די אַלע גלגולים, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט, וועלן די עטלעכע שורות נישט זאָגן דאָס, וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך באמת. אָבער פאַרפאַלן. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער אינטואיציע און אויף דער ספּעציעלער פרויען-עמפּינדלעכ-קייט, אַז איר וועט אויפנעמען די ווערטער אין זייער גאַנצער טיף.

אין אַ יידישער פאָלקס-מעשה „אַ וועלט מיט וועלטעלעך" וואַרפט אַריין מ. י. בערדיטשעווסקי אַזעלכע עטלעכע שורות: „... אַלץ, וואָס איך האָב היינט אין מיר, — איך, אַ ייד אָן באָרד און פאות, און ווייט אינדערפרעמד, אצל עם לא ידעתי לשונו, — קומט אַלץ פון דאָרט, פון דער מאַמען און פון דעם טאַטן, און וואָס זיי האָבן מיר אַלץ דערציילט... אַז אַ הולטאַי בין איך, אַז איך האָב דאָס אַוועקגעוואָרפן, און בין געוואָרן אַ גוי... מילא, דאָס בין איך נישט אויסן..." און איך פרעג אייך, קאָנען פיל פרויען זאָגן אַזעלכע מיני ווערטער? טראָגן זיי מיט זיך מיט פון דערהיים עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיי קאָנען שפּעטער אַמאָל דערהויבן, באַגייסטערן?

איך גלויב, אַז עס האָט אַ נאָענטע שייכות צו אונזער טעמע דאָס וווּנדערבאַרע ליד אין פּראָזע פון שלום-עליכם „שיר-השירים" (ביי שלום-עליכמען הייסט עס „אַ יוגנט-ראָמאַן"). דאָרטן ווערט דערציילט וועגן אַ יונגער, פרישער, צאַרטער ליבע, וואָס וועבט זיך צווישן צוויי יונגעטשקע יידישע קינדער, צווישן שימעק און בוזי. צוויי יונגע ריינע נשמות, וואָס וואַקסן, ווי בלומען. איז אינטערעסאַנט, ווי אַנדערש זיי נעמען ביידע אויף די ליבע. שימעק איז אין די אייגענע יאָרן מיט בוזין, אָבער ער טראָגט שוין אין זיך אַ רייכע יידישע קולטור, ער איז דורך און דורך אַדורכגעדרונגען מיט שיר-השירים און מיט די וווּנדערבאַרע פאַנטאַסטישע מעשיות פון חדר. און ווי שיין ער ווערט געטראָגן, שימעק, אויף די זייער לייכטע פליגלען פון זיין רייכער פאַנטאַזיע! און דאָס אַלץ איז אָבער אומבאַקאַנט, אומפאַרשטענדלעך פאַר איר. ער שוועבט אין הימלען און זי ציט אים צו דער ערד. עס איז אַ גלענצנדיקע דערציילונג, און איך בעט אייך: טוט זיך אָן די מי און לייענט זי אַדורך, וועט איר פאַרשטיין, וואָס איך מיין אונ-טערצושטרייכן מיט אָט דער דאָזיקער מעשה. אויף יעדן נייעם געפיל, וואָס ווערט געבוירן ביי שימעק צו איר, צו בוזין, קומען אים אויפן געדאַנק שטיקער פון „שיר-השירים": שימעק זאָגט ביי שלום-עליכמען: „איך פיל מיך גליקלעך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך. און אין דער זעלבער צייט האָב איך אויף איר רחמנות. עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ"... שימעק איז געטריבן פון קינדערשער פאַנטאַזיע. ער האָט געהערט וועגן קבלה און אים ווייזט זיך אויס, אַז אַלץ קען ער, און ער באַרימט זיך פאַר בוזין: „טרעף, וואָס איך קען טאָן, אַז איך וויל?... איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פּסוק... זי

עפנט די אויגן נאָך שטאַרקער. איך פיל מיך גרויס. איך גיב איר צו פאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד: מיר, יינגלעך, קאָנען אַלצדינג. ביי אונז אין חדר איז דאָ אַ חבר, ווייסט ער אַלצדינג. ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל נישט וויסן. אַפילו קבלה. ווייסטו, וואָס הייסט קבלה? — ניין, פון וואַנען זאָל זי וויסן? איך פיל מיך אויפן זיבעטן הימל, וואָס איך קען איר געבן אַ לעקציע וועגן קבלה״.

„מיטן כוח פון קבלה קאָן איך דיך זען, און דו מיך נישט. מיט קבלה קאָן איך צאַפּן וויין פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנט. מיט קבלה קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז מיר ביידע, אַזוי ווי מיר זיצן אָט־אָ, זאָלן מיר זיך אויפהויבן ביז צו דער כמאַרע און נאָך העכער פון דער כמאַרע!...״

און אַזוי ווייטער און ווייטער מאָלט שלום־עליכם אין זיין פראַכטפולער דערציילונג דאָס יידישע יינגל און יידיש מיידל. און ס׳אַרא דיסטאַנץ עס איז דאָ צווישן זיי און צווישן זייערע אינער־לעכע וועלטן. שימעק גיט איבער: „בוזי האָט ליב, אַז איך דערצייל איר מעשיות. שיינע מעשיות פונעם חדר, מעשיות פון „טויזנט איין נאַכט״. זי רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָענט, איר האַנט אין מיין האַנט: דערצייל, שימעק, דערצייל!״

מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ תהום עס ליגט שפעטער צווישן דעם אופן, ווי שימעק און בוזי נעמען אויף אַלדאָס יידישע און אַלגעמיינע לעבן, יעדער מיט זיין „זאַפּאַס״ און קולטו־רעלער אַנלאָדונג!

איך האָב נאָך צום סוף פון מיין הייַנטיקן בריוו געוואָלט ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף אַ דראַמע „אין פייער״, וועלכע עס האָט פאַרפאַסט איינער פון די סאַמע טראַגישסטע יידישע שרייבער, אַ. ווייטער. אָט דער דראַמאַטורג, וואָס איז אייך געוויס אומבאַקאַנט, האָט אין לויף פון זיין אינטערעסאַנט, טראַגיש, ווייטיקדיק און פיינלעך לעבן פאַרפאַסט דריי דראַמאַטישע ווערק („פאַרטאָג״, „אין פייער״ און „דער שטומער״), אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען די ליידן, פיין, די שווערע זוכענישן פון דער יידישער יוגנט בעת דער רוסלענדישער רעוואָלוציע 1905—1906 און אַלע אירע אינעווייניקסטע געראַנגלענישן אין דער צייט פון דער שווערער רעאַקציע. אין דער

צווייטער דראַמע „אין פייער" הערן מיר פון דעם זון סימא וועגן דעם גייעם ייד, וואָס קומט בויען, אָפּבויען אויף די חורבות פון דעם אַלטן. „אַלץ פונדאַסניי, אַנדערש און בעסער וועל איך אָפּבויען, און קיין האַנט וועט שוין נישט וואַגן זיך צו יענע בנינים צו הויבן." און אַרום סימא, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט דעם ווילן צו בויען, דרייט זיך אַרום זי, רחלע. זי איז צעפּייניקט, זי גייט אַוועק, זי האָט נישט פאַרוואָס צו בלייבן. סימא בעט זיך ביי איר: „רחלע, גיי נישט אַוועק, פאַר די זינד פון אַנדערע דורות ליידן מיר, מיר דאַרפן די זינד אויסקויפן; דאַרף מען הערא̇ישע מוטיקייט האָבן, פאַרשאָלטענע כוחות אַנטוויקלען און אָפּקומען און איבערקומען. מיר וועלן נאָך דאָס נייע לעבן דערזען..." אָבער רחל וויל אַוועק, זי גלויבט נישט אין דעם נייעם לעבן, וואָס דאַרף קומען. און זי פרעגט פּיינלעך: „פאַרוואָס האָבן יידן קיין מאָנאַסטיר נישט? פאַרוואָס האָט דאָס גאָרנישט אַ יידישע פרוי ווו זיך אַהינצוטון פון איר צער? אָט איז פול מיט פּיין מיין האַרץ, עס שטיקן טרערן דעם האַלז — אַזוי פּוסט, אַזא זינד ליגט אויפן געוויסן. די טרויער מאַכט מיד, און ס'איז נישטאָ וווהין, ניטאָ וווהין..."

האָט נישט אַרויסגערעדט אין אָט די ווערטער דער פּיין, די יסורים, דער ווייי פון דער יידישער פרוי, וואָס ליידט און ווייסט נישט פאַרוואָס, וואָס פּייניקט זיך און זוכט דעם באַשייד?...

פערטער בריוו

איך בין זייער צופרידן, וואָס מיינע בריוו האָבן אייך פאַראינטערעסירט. איר שרייבט: „זיי רעדן נישט צו מיין קאָפּ, נאָר אויך צו מיין האַרץ?" — דאָס איז אַ גוטער סימן. הייסט עס, אַז די מאָדערנע יידישע פרוי האָט דאָך אַ פאַרשטענדעניש פאַר יידישע קולטורפּראָבלעמען — און אויב זי ווייזט נישט אַרויס צו זיי דעם געהעריקן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט — זענען פאַראַן דערצו פאַרשיידענע סיבות, וועלכע מען דאַרף זוכן און געפונען.

איין אָרט אין אייער לעצטן בריוו האָט מיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט: איר גייט אַריבער פון פאַרטיידיקונג צו אָנגריף. איר טענהט: „ווו זענען עס די ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָלן אונז, פרויען, באַזונדערס פאַרכאַפּן?" „אויב די יידישע פרוי —

זאָגט איר — איז דערווייטערט געוואָרן פונם יידישן שאַפן: — ווייזט אויס, אַז דאָס יידישע שאַפן האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי, די יידישע פרוי, צובינדן צו זיך!"

און טאַקע וועגן דעם ווילט זיך מיר אין מיין הייַנטיקן בריוו, מיט אייך זיך אַדורכצושמועסן.

איך מוז אייך זאָגן, אַז פאַר מיר קלינגט מאָדנע און אומנאַטירלעך דאָס מאָנען פון דער יידישער פרוי ביי אונז, מענער: „גיט אונז גוטע ווערק!" „שאַפט פאַר אונז ווערק, וואָס זאָלן אונז פאַראינטערעסירן!" אין דעם אַליין איז שוין דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס שטעלט אַוועק די יידישע פרוי אָן אַ זייט. זי ווערט אַ זייטיקע, זי ווערט בלויז אַ „צד". און דאָס איז געוויס נישט גוט.

דער קינסטלער-שאַפער איז דאָך בלויז אַ מין „שליח-ציבור", — ער דריקט אויס אין זיינע ווערק דאָס, וואָס עס טראָגט זיך אַרום אין דער לופט, אין דעם לעבן פון פאָלק. נאָך איידער עס קומט דער קינסטלער און שאַפט די ווערק, — שאַפט זיך דאָס „ווערק" אין לעבן גופא. וויפיל שאַפונגס-ענערגיע האָט עס געפּטרט דאָס יידישע פאָלק אין דעם לעבן גופא, איידער עס האָט אויסגעשטאַלטיקט אַזאַ געשטאַלט, ווי, למשל, טוביה דער מילכיקער? דורות און תקופות זענען אַריבער, און אין די אוצרות פון פאָלק האָבן זיך געקליבן צו ביסלעכווייז שטריכן, איינצלהייטן, קלייניקייטן פאַר אָט דעם פאָלקס-מענטש. און ערשט שפּעטער איז געקומען דער גרויסער קינסטלער שלום-עליכם, דאָס אַלץ צונויפגענומען און געגעבן עס אין דעם זאַמלטיפּ טביה דער מילכיקער. און אויך שלום-עליכם האָט זיין „טביה דער מילכיקער" נישט געשאַפן מיטאַמאָל, — איינס-און-צוויי און פאַרטיק. אין משך פון אַ צוואַנציק יאָר האָט ער געלייגט ציגל צו ציגל פאַר זיין בנין „טביה דער מילכיקער". יעדעס נייע קאַפּיטל אין ווערק איז געוואַקסן מיטן וווקס פון דעם לעבן גופא, וואָס האָט אָנגעווענדט אָן אַ שיעור שאַפונגס-ענערגיע אויסצוגעשטאַלטן די אַלע טיפּן, כאַראַקטערן, לעבנס-שטייגער, צוזאַמענשטויסן, — און שלום-עליכם האָט שפּעטער אָט דעם שטאָף פאַרווענדט אויף זיין „טביה דער מילכיקער". און דאָס, וואָס מיר זאָגן דאָ וועגן טביה דער מילכיקער — קאָן מען זאָגן אויך וועגן אַלע אַנדערע ווערק, וואָס ווערן געשאַפן דורך גרויסע קינסטלער. אַזוי איז מיט „מנחם מענדל", אַזוי איז מיט פּרצעס „גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט" און אַזוי אויך איז מיט

די אַלע ווערק פון דוד פּינסקי, שלום־אַש, י. אָפּאַטאָשו, דוד בערגעלסאָן און פיל אַנדערע. אָט די אַלע קינסטלער האָבן אויסגענוצט פאַר זייערע ווערק דעם שטאָף, די שאַפונגס־ענערגיע, וואָס איז געווען אין לעבן גופא, געפונען פאַר דעם אַ קינסטלערישן אויסדרוק און פאַרקערפּערט עס אין בילדער און געשטאַלטן.

איך טראַכט איצט: אפשר זענט איר גערעכט, ווען איר זאָגט, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור איז ווייניק פאַרטראָטן די יידישע פרוי מיט אירע ליידן און פריידן. אָבער איז עס נישט קיין באַווייז, אַז די מאָדערנע יידישע פרוי איז ווייניק אַקטיוו אינם יידישן לעבן, אַז זי איז ווייניק שעפעריש, — און דערפאַר טאַקע איז זי ווייניק געגעבן אין דער יידישער ליטעראַטור? דער קינסטלער קאָן נישט שאַפן אַ „יע־מאַין" — אַ זאַך פון גאָרנישט, — און אויב די ראָלע פון דער יידישער פרוי אינם יידישן לעבן איז אַזאַ קליינע, נישטיקע, — איז זי דעריבער אַזוי ווייניק אָנזעעוודיק אין דער יידישער ליטעראַטור. קען מען פאָרוואַרפן די יידישע קינסטלער, הלמאַי זיי גיבן אָפּ אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט דעם לעבן פון דער מאָדערנער יידישער פרוי? — איז דען אין דעם נישט שולדיק די מאָדערנע פרוי גופא, וואָס זי איז אינם יידישן לעבן אַזוי פאַסיוו, אַזוי אין שאָטן?

אָט האָבן כמעט אין איין צייט שלום־אַש און דוד בערגעלסאָן מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק געשאַפן צוויי גרויסע ווערק, געווידמעט אויסשליסלעך דער מאָדערנער יידישער פרוי — „מערי" און דער „וועג צו זיך" (שלום־אַש) און „נאָך אַלעמען" (דוד בערגעלסאָן). עס איז גוט באַקאַנט, אַז דאָס אמתע לעבן פון אַ ווערק הויבט זיך אָן ערשט דאַן, ווען עס קומט אין ענגער באַרירונג מיטן לעזער. אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע ווייסן מיר פון פיל־פיל פאַלן, ווען אַ ווערק איז ערשט אויפגעלעבט געוואָרן, ווען עס איז אַריבער צום לעזער, און אָפטמאָל האָט דער לעזער אַרויסגעשלאָגן פון ווערק אַזעלכע נייע טענער, וואָס זענען געווען פאַר דעם פאַרפאַסער גופא ווי נישט באַקאַנט. דער לעזער ווערט אַזוי אַרום דער מיטשאַפער פון דעם קינסטלער, — ער פאַרטיפט און פאַרברייטערט דאָס, וואָס איז אָפטמאָל געגעבן בלויז אין אָנדייטונג ביים קינסטלער.

האָט די מאָדערנע יידישע פרוי, ווי ס'דאַרף צו זיין אויפגענומען אָט די ווערק? האָט זי סטימולירט אַנדערע קינסטלער צו שאַפן אַזעלכע מינע ווערק?

איר טענהט אין אייער בריוו: „ווו זענען עס די ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס זאָלן אונז, פרויען, באַזונדערס פאַרכאַפּן״. און איך פרעג אייך: ווו זענען עס די איבערלעבענישן פון דער יידישער פרוי, ווו איז עס די שאַפונגס-ענערגיע פון דער יידישער פרוי, וואָס דער יידישער קינסטלער זאָל עס דאַרפן און וועלן פאַרווענדן אין ווערק? און ווייטער: ווו איז דער קאָנטאַקט, דער לעבעדיקער קאָנטאַקט, וואָס די יידישע פרוי האָט אַרויסבאַוויזן צו די ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן די פרוי יאָ געקענט און באַדאַרפט פאַראינטערעסירן?

און נאָך אַ זאַך:

שוין דאָס אַליין, וואָס איר, מאָדערנע יידישע פרויען, ווילט אין דער יידישער ליטעראַטור ווערק, וואָס זאָלן דווקא באַהאַנדלען פרויען-פּראָבלעמען, — דאָס אַליין איז אַ שלעכטער סימן. דאָס אַליין שטעלט אייך אַוועק אין אַ שלעכטער מדרגה. פאַרוואָס גראָד ריין-פרויאישע פּראָבלעמען, און פאַרוואָס נישט קיין אַלגעמיין-מענטשלעכע? פאַרוואָס ווילט איר שאַפן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ספּעציעלע פרויען-געטאָ מיט ספּעציעלע אינטערעסן בלויז פאַר פרויען? — איז עס אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע, וואָס איר פאַרלאַנגט פאַר זיך דערפאַר, וואָס איר ווילט אַזוי גוט זיין און זיך „אַראָפּלאָזן״ צו דער יידישער ליטעראַטור? אָבער פאַרשטייט איר דען נישט, אַז אָט די ספּעציעלע פּריווילעגיע איז סוף-כל-סוף אַ דערנידערנדיקע און באַליידיקנדיקע פאַר אייך? איז דען די פרוי נישט מענטש, — פולשטענדיקער מענטש, און איז דען נישט די יידישע פרוי — אויך יידישער מענטש, פולער יידישער מענטש?

און דעריבער קלינגט אייער טענה צו אונז — „גיט אונז גוטע ווערק, וואָס זאָלן אונז, פרויען, קאָנען פאַרכאַפּן״ — עפּעס מאָדנע, און רופט אַרויס נישט גינסטיקע געדאַנקען וועגן דער יידישער פרוי. דערמיט אַליין שטעלט איר זיך אין אַ זייט, ווערט זייטיקע און שטעלט פאָדערונגען צו אַ נ ד ע ר ע און נישט צו זיך אַ ל יי ן.

בכלל, אָט דער צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איר, פרויען, ווייזט אַרויס איז זייער אַ פאַרדריסלעכער. דאָס, וואָס איר שטעלט אַזוי אַוועק די פראַגע פון „מה העבודה הזאת לכם״ — און „לכם ולא לו״ — דאָס, וואָס איר וואַרפט-צו די יידישע ליטעראַטור אונז, און נעמט זיך אַליין אַרויס פון כלל, — דאָס איז אַ פאַלשער גאַנג,

די יידישע ליטעראַטור איז אונזער עלעמענס, און געהער אויך די יידישע פרויען. איז די ליטעראַטור גוט פאַר אונז, דאַרף זי אויך זיין גוט און אינטערעסאַנט אויך פאַר אייך.

פאַרלאַנגט נישט קיין ספּעציעלע פרויען־ליטעראַטור.

פינפטער בריוו

מיינע ווערטער אין דעם פאַריקן בריוו, אַז איר, מאָדערנע פרויען. ווילט שאַפן פאַר זיך אַ פרויען־געטאָ אין דער יידישער ליטע־ראַטור דערמיט, וואָס איר פאַרלאַנגט ווערק, וואָס זאָלן זיך פאַרנע־מען אויסשליסלעך מיט פרויען־פראַגן — אָט די ווערטער מיינע האָבן אַרויסגערופן ביי אייך אַ גאַנצן שטורם. „סטייטש — טענהט איר אין אייער לעצטן בריוו — מיר, פרויען, ווילן עס שאַפן אַ געטאָ? זענען דען נישט מיר, פרויען, די ערשטע אין די פאָדערשטע רייען פון די קעמפּער קעגן דעם יידישן געטאָ? זענען דען נישט מיר, פרויען, די צוימענברעכער פון דעם יידישן געטאָ? האָט איר דאָך אַליין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז מיר, פרויען, זענען ווייניקער פאַרוואָרצלט אין דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, און דעריבער איז אונז ממילא לייכ־טער אַרויסצורייסן זיך פון דעם יידישן באָדן. און צום סוף קומט איר און וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר גייען עס שאַפן אַ ספּעציעלע פרויען־געטאָ!"

ווי איך זע, האָט איר דאָ אין אייער אויפרעגונג צונויפגעמישט צוויי־ערליי געטאָס — אַ יידישע געטאָ און אַ פרויען־געטאָ. און צווייטנס — פאַרפלאָנטערט נישט בכלל דעם באַגריף געטאָ. איינס איז, ווען אַ מענטש אָדער אַ נאַציע ווערן פאַרטריבן קעגן זייער ווילן אין אַ ווינקל, זיי ווערן פאַרשפאַרט אין אַן ענגן קרייז, דערווייטערט פון פרייער לופט און ליכטיקער זון, און זענען פאַרמשפט צו דעגע־נערירן אין אָט דער ענגשאַפט, אָן אַ פרייען פאַרקער מיט דער לע־בעדיקער וועלט. און אַ צווייטע זאַך איז, ווען אַ מענטש, אַ נאַציע לעבט און וויל לעבן און אויסלעבן זיך אין אייגענע, אייגנאַרטיקע פאָרמען און מיט אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן אינהאַלט. דאָס ערשטע איז אַ טויט־אורטייל פאַר דעם מענטש, פאַר דער נאַציע. דאָס צוויי־טע—איז אַ מזל־ברכה, אַ דערקוויקונג פאַר דעם גייסט, אַ דערמוטיקונג פאַר דער פערזענלעכקייט. — נעמט אַ נאַציאָנאַלן יידן, קוקט זיך צו,

וויפיל לעבעדיקע, שעפערישע כוחות ער פאַרמאָגט! וויפיל געזונטע, דערמוטיקנדיקע איבערלעבענישן ער האָט! וואָט פאַר אַן אינטערעס עס דערוועקט אין אים אָן אויפהער יעדע געשעעניש, יעדע פּאַסירונג אינעם יידישן און אין דעם אַלגעמיינעם לעבן! — און פאַרקערט — ווי בלוטלאָז, פּאַראייינזאַמט, לאַנגווייליק עס פילט זיך דער ייד, וואָס האָט אָנגעוווירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט, די נאַטירלעכע באַציונגען מיט דער יידישער שאַפערישער נאַציע! — קוקט זיך נאָר צו, וואָס דאָס אַקטיווע, שאַפערישע יידנטום האָט אויפגעטון פאַר די לעצטע פופציק יאָר אין גייסטיקן און קינסטלערישן לעבן, — וואָס פאַר אַ ווייטע וועגן עס האָט אַדורכגעמאַכט אויף אַלע געביטן פון שאַפן, — און וואָס עס האָט אין זיין אַקטיוו פאַר דער יידישער נאַציע דאָס אַסימילירטע יידנטום! דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום בויט אויף אייגענעם באָדן, שאַפט וויכטיקע קולטור און קונסט-בנינים, — און דאָס אַסימי-לירטע — זייט אויף ווינט.

מישט דעריבער נישט צונויף — געטאָ און געטאָ! אָבער נישט דאָס בין איך איצט אויסן. איך וויל זיך ווייטער אָפּשטעלן אויף דער ראָלע פון דער יידישער פרוי אין דער יידישער וועלט און נישט-נאָר אין דער ברייטער יידישער וועלט, נאָר אויך אין דער אייגענער יידישער שטוב.

אין אונזערע שמועסן האָט איר, ליבע פריינדין, נישט איינמאָל צו מיר געטענהט: „וואָס ווילט איר פון אונז, פרויען, — מיר זענען דאָך מער באַשעפטיקט אין שטוב, מיר דאַרפן דאָך שאַפן דאָס הויז. מיר דאַרפן דאָך זיין ווייב, מוטער — און דאָס נעמט צו אונזער גאַנצע צייט, ענערגיע און לייב און לעבן!"

אָבער צי שאַפט טאַקע די מאָדערנע יידישע פרוי אַן עכטע יידישע שטוב? איז די יידישע שטוב פון דער מאָדערנער יידישער פרוי טאַקע אָט-דאָס „וואַרעם ווינקל" און די אמתע נאַטירלעכע היים פאַר דעם מאַן און קינד?

איר אַליין האָט זיך פאַר מיר נישט איינמאָל געקלאָגט, אַז איר פילט אָפט, ווי איר באַגייט אַ פעלער לגבי אייער זון. „מיין זון" — האָט איר מיר דערציילט — איז זייער עמפינדלעך, באַמערקט פיל זאַכן, וועלכע דאַרפן אים אַלס יידיש קינד אינטערעסירן — אָבער עס האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דאָס קינד וואַקסט אויסער יידן און

יידישקייט!" „דאָס קינד — האָט איר מיר פאַרטרויט — פּילט עפּעס, אַז מען פאַרבאַהאַלט פון אים זאַכן, וואָס ער האָט באַדאַרפט יאָ וויסן!"

און טאַקע וועגן דעם וואָלט מען געדאַרפט גענויער רעדן. אין די אַלע הייזער, ווו דער מאַן איז אַ ייִד, האָט אַ שייכות צו יידישע ענינים, לייענט שטענדיק אַ יידישע צייטונג, און אַמאָל אויך אַ יידיש בוך, נעמט אָנטייל אין יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, — אין אָט די הייזער שטייט די פרוי אויסער דעם אַלעמען — און עס מוז זיך שאַפן אַ שאַרפער אַנטאַגאָניזם, צי מען וויל צי מען וויל נישט. דער מאַן איז אין דער היים, אין דער סביבה פון זיין פרוי, פיל ווייניקער, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט; ער לאָזט איבער אויף דער שוועל פון זיין שטוב פיל זאַכן, וואָס אינטערעסירן אים, באַגייס־טערן, פאַרכאַפּן, — ווייל די פרוי איז פרעמד צו דעם אַלעמען. פיל פרויען קוקן אויף אָט די „אָפּגייען" פון דעם מאַן, ווי אויף עפּעס אַן איבעריקע זאַך, ווי אויף אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. און אַז דער מאַן באַגעגנט ביי זיין פרוי אַזאַ מין באַציונג צו זיין אַרבעט, צו זיין פאַראינטערעסירונג—באַהאַלט ער אויס, שאַפט ער זיך אין זיין אייגענער שטוב אַ באַזונדער אייגן ווינקל, וווהין די פרוי האָט מיט דער צייט קיין צוטריט נישט.

מיר האָבן מיט אייך גערעדט פיל וועגן די התחייבותן, וואָס מיר, נאַציאָנאַלע יידן, האָבן צו אונזערע קינדער. איר האָט אין פּרינ־ציפּ מסכים געווען, אָבער גלייכצייטיק מיט באַדויערן קאָנסטאַטירט, אַז אין דער פּראַקטיק פירט זיך ביי אייך גאָר אַנדערש. אייער זון וואַקסט אויס אין אַ להלוטין־פרעמדער סביבה, און ווייסט גאָר ווייניק וועגן דער יידישער וועלט, וועגן יידישע אינטערעסן, און דערמיט אַליין ווערט ער דערווייטערט פון זיין פאָטער, פון דעם מאַן. און עס שאַפן זיך אין הויז צוויי וועלטן, — צוויי וועלטן, וואָס קערן זיך איינע מיט דער אַנדערער גאָרנישט אָן.

איך האָב אייך אין אונזערע געשפּרעכן דערציילט וועגן פיל באַקאַנטע הייזער, ווו עס זענען פאָרגעקומען אַזעלכע מיני קאָנפליקטן. און אַזעלכע מיני ביישפּילן וואָלט איך אייך געקאָנט ברענגען און ברענגען אָן אַ שיעור. דאָ איז דער פאָטער דער פּרעדיקער פון אַ יידיש־וועלטלעכער דערציונג. אַגיטירט מינדלעך און שריפטלעך פאַר אַ יידישער שול, און די מוטער דערציט די קינדער אין פּויליש, און שיקט דאָס קינד אין אַ פּוילישער שול, — דאָס קינד פּילט עפּעס אַ

מאָדנע צעצווייטקייט, עס פילט, אַז מען נאַרט אים אָפּ, אַז עס איז נישט נאַטירלעך זיין לעבן און זיינע טווּנגען. — אין אַ צווייטן הויז האָט די מאַמע געמוזט נאָכגעבן דעם פאָטער דעם „עקשן“, — דאָס קינד ווערט דערצויגן אין יידיש, עס באַקומט אַ יידישע דערציוּנג. אָבער דאָס קינד פילט עס אַרויס פון דער מאַמעס שטענדיקער אומצופרידנקייט, — און עס הויבט אָן אַליין צו פילן זיך אַלס קרבן פון דעם פאַרעקשנטן טאַטן. ס'איז זיין, דעם טאַטנס, שול, זיינע, דעם טאַטנס יידישע ביכלעך! — אַזוי נעמט אויף דאָס קינד די יידישע דערציוּנג. ווען די מאַמע איז נישט מיטן גאַנצן האַרצן מיט דער יידישער שול. — און אויב דאָס קינד געפינט זיך אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון דעם טאַטן און פון דער יידישער דערציוּנג — דאַן שאַפט זיך צווישן אים און דער מאַמען אַ תהום. די מאַמע מיט איר וועלט — איז אים פרעמד. אויך אַזעלכע פאַקטן זענען מיר פיל באַקאַנט צווישן מיינע באַקאַנטע. — אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז אין פיל הייזער איז דער מאַן דער בויער פון דעם נאַציאָנעלן לעבן, און די פרוי — איז די צעשטערערין.

פאַראַן אַ יידיש גלייכווערטל: פרעה דער מלך פון מצרים האָט געוואָלט אויסראָטן יידן און יידישקייט, האָט ער אָנגעזאָגט פריער צו די יידישע הייבאַמס: „אַז איר העלפט די יידישע ווייבער געבוירן, זאָלט איר זען: אויב דאָס איז אַ זון, זאָלט איר אים טויטן, און אויב אַ טאָכטער, זאָל זי בלייבן לעבן!“ און שפּעטער האָט ער באַפוילן זיין גאַנצן פאָלק: „יעטוועדער זון, וואָס ווערט געבוירן (ביי יידן) זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפן און יעטוועדע טאָכטער זאָלט איר לאָזן לעבן!“ פרעגט זיך, פאַרוואָס זאָל מען די טעכטער לאָזן לעבן? ווייל די טעכטער וועלן סיי־ווי אַוועק פונם פאָלק, זיי זענען דעריבער פאַר פרעהן נישט געפערלעך...

האָט נישט פאַריבל, וואָס מיין איצטיקער בריוו איז פול מיט מוסר. איך האָב עס, גלויבט מיר, נישט געוואָלט. אָבער אַז מען רעדט־צערעדט מען זיך.

עס זענען דאָך אַלץ ביטערע אמתן...

1934

דאָס איכה־ליד פונם יידישן שטעטל

איכה ישבה בדד העיר...

דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון דער יונגער יידישער דיכטונג אין פּוילן? אויף דעם קאָן מען ענטפערן קורץ און קלאָר:

דער אונטערגאַנג פונם יידישן שטעטל, — אַן איכה־מאָטיוו אין פאַרשידענע וואַריאַנטן און נסחאות.

דער יונגער יידישער דיכטער שטייט פאַר דעם אונטערגייענדיקן שטעטל—ער זעט בלויז חורבונות און חורבות, — און קיין איין שטראַל פון האָפענונג, קיין איין טראָפּן פרייד.

דער עלטערער יידישער דיכטער איז נאָך ווי עס איז איינגעאָרדענט אין דער גרויסער שטאָט, אָדער זיין עמפּינדלעכקייט איז שוין אָפּגעטעמפּט און אָפּגעשוואַכט. דער יונגער יידישער דיכטער איז עמפּינדלעך, רעאַגירט ער זייער שטאַרק אויף די אַרומיקע דערשיינונגען, נעמט ער אויף זייער שאַרף די אומנאָרמאַלקייט, די קלעפּ, וואָס דאָס לעבן שטעלט אים כסדר צו. דער עלטערער דיכטער לעבט ווי עס איז מיט דער אינערציע פון פריערדיקע יאָרן, און דער יונגער דיכטער הויבט ערשט אָן אויסצוטרעטן פאַר זיך אַ וועג אין לעבן, — און דאָס לעבן איז צו אים זייער אכזריותדיק, זייער האַרב, — איז ער פאַרצווייפלט, איז ער דערשלאָגן, — און דאָס רופט זיך אָפּ אויף זיינע לידער.

געווען צייטן, ווען מען איז געלאָפן אין דער גרויסער שטאָט ווי אין אַן עיר־המקלט. פון דאָרט האָט גערופן, געמאַניעט. אין דעם לעבנס־געברויש פון דער גרויסער שטאָט איז דאָס שטעטל שפּעטער אויסגעוואָקסן ווי אין טרוים אַ ליבס, אַ ווילס, אַ האַרציקס. האָט דער דיכטער געשאַפן אין דער גרויסער שטאָט ליבע־לידער, ליבע־פּאָעמעס צום יידישן שטעטל. איצט איז פון דער אידילישקייט און פּאַטריאַרכאַלישקייט פונם שטעטל קיין זכר נישט פאַרבליבן. שוין נישטאָ איצט ביים דיכטער אָט די ראָמאַנטישע בענקשאַפט צו זיין אַמאָליקער, שטילער און ליבער היים. דאָס שטעטל שיקט מער נישט קיין ליבע גריסן, —

עס קומען אָן פון דאָרט נאָר טרויעריקע ידיעות, נאָר זיפצן און קרעכצן, נאָר וויי־געשרייען.

דאָס לעבן אין דער שטאָט שטעלט אויך נישט צו דעם יונגערמאַן קיין פריילעכע, מונטערע איבערלעבענישן, זיין געמיט־צושטאַנד איז אַ דערדריקטער, דערשלאָגענער, — איז ער פונדערווייטן נישט מסוגל אויסצוואַרעמען ביי זיך זיסע ליבע־ערינערונגען פון זיין אַמאָל, פון זיינע קינדהייט־יאָרן.

ווען מיר זאָלן גיין ציטירן שורות און פערזן פון די יידישע לידער, וואָס זענען ביי אונז דערשינען אין די לעצטע יאָרן, הן אין זשורנאַלן און הן אין באַזונדערע לידער־ביכער, וואָלט עס פאַרנומען אָן אַ שיער אָרט. מיר וועלן אַרויסכאַפּן אייניקע אויסצוגן פון די לידער, וואָס ליגן פאַר אונז. און דערביי איז אינטערעסאַנט אונ־טערצושטרייכן, אַז דאָס רוב לידער וועגן דעם יידישן שטעטל, וועגן זיין גסיסה און אונטערגאַנג, זענען שטאַרק ענלעך איינס צום אַנ־דערן. אָפטמאָל איז גאָר שווער אונטערשיידן איין פּאָעט פון דעם צווייטן, — ווייל זייער פיל יידישע דיכטער זינגען דאָס איכה־ליד כמעט אויף איין מאַניר און כאַראַקטער.

מער נישט, וואָס אייניקע דיכטער זענען יוצא מיט קרעכצן און זיפצן, זיי טרויערן און קלאָגן, זיי לאָדן אויס זייער שווערע שטימונג און פאַרבלייבן מאַכטלאָז, פאַרצווייפלט און דערשלאָגן. אַנדערע אָבער פרווון שרייען, גוואַלדעווען, ווי זיי וואָלטן דורך די וויי־געשרייען געלינדערט דעם ווייטיק. אַנדערע ווידער זענען גאָר צופרידן פון דעם חורבן און קאַטאַסטראָפע, זיי באַמיען זיך וואָס־שאַרפער עס אונטערצושטרייכן, כדי צו אַקצענטירן דערמיט, אַז דאָ איז שוין נאָך אַלעמען, אַז עס איז כלו כל הקצין, — און נישטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי אָריענטירן זיך אויף סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָדער (אין אַ קלענערע מאָס) — אויף דעם אויפבוי און אויפבלי פון ארץ־ישראל, ווו זיי זעען אַן אויסוועג און רעטונג פון דעם חורבן.

טרויערן אייניקע דיכטער, פאַלן אונטער דער שווערער לאַסט פון פאַרצווייפלונג, און אַנדערע זעען אין דעם אונטערגאַנג — דעם אויפשיין פון אַ בעסערן ליכטיקערן מאָרגן.

אין פיל פון די לידער פיגורירן טאַטע־מאַמע. זיי זענען עס די פאַרקערפּערונג פון דער אַלטער היים, פון דעם אונטערגייענדיקן שטעטל. אָפטמאָל איז נאָך דער פאָטער פול מיט אמונה, ער טרעט

נאָך אַרויס מיט טענות ומענות צום קינד. אָבער דאָס רוב איז שוין אויך דער טאַטע פאַרצווייפלט, צעבראָכן, און ער זעט נישט קיין אָנהאַלט און קיין אינהאַלט אין דער אַלטער וועלט. מיטן אונטערגאַנג פונם שטעטל, גייט אויך אונטער די אַלטע וועלט מיט איר פעסטקייט און גלויבן. באַזונדערס ריירנד איז אין פיל לידער די מאַמע. זי פילט זייער שטאַרק די ליידן פון אירע קינדער, נעמט עס אויף מאַמעדיק און קאָן, ליידער, גאָרנישט העלפן. עס קומען-צו אַ שוועסטערל און ברודערל, וואָס זענען פאַרבליבן אינם שטעטל, זיי נעמען אויף אַלדי ווייטיקן און פיינען פון דעם אַרום. די קינדער אין דער גרויסער שטאָט זענען אומבאַהאָלפן, זיי קענען גאָרנישט העלפן זייערע עלטערן, זיי קאָנען נישט לינדערן זייער נויט, קאָנען נישט ענדערן זייער דעפּרעסיע-שטימונגען. קומען אָפט אין די לידער בריוו פון טאַטע-מאַמע צו קינדער אין שטאָט, און פאַרקערט — פון קינד צו טאַטע-מאַמע, פון שטאָט אין שטעטל. אָפטמאָל נאַרט אָפּ דער זון דעם פאָטער, די עלטערן, ער וויל זיי נישט אַנטפּלעקן דעם גאַנצן אמת וועגן זיין שווער לעבן אין שטאָט, כּדי נישט צו פאַרגרעסערן זייערע יסורים. אין די בריוו פון די עלטערן פיגורירט זייער אָפט דער עקזעקוטאָר, וואָס האָט מיט זיין אויפמאָנען די שטייערן אומגעבראַכט אינגאַנצן די היים, דאָס געוועלבל, — דעם איינציקן חיונה-קוואַל.

אין אַ ליד „אַ בריוו פון שטעטל" פון דעם יונגן דיכטער שמחה דאָן (פון אַ שטעטל פולטוסק אַרום וואַרשע) געפינען מיר אַזעלכע עטלעכע שורות:

ס'איז אומעטיק-פיינלעך און שווער איז דאָס שווייגן,
עס שאַרט זיך פאַמעלעך אַ שעה נאָך אַ שעה...

— — — — — — — — — — — — —

ביי אַ ספר זיצט דער טאַטע מיד און ער דרימלט,
אַ פאַרציטערטע די מאַמע פאַרלאַטעט אַ העמד,
אין ווינקל זיצט טרויעריק די טאָכטער אַ בלאַסע,
און שרייבט צו אַ ברודער, וואָס לעבט אין פרעמד...

אין דעם בריוו פון שטעטל ווערט דערציילט:

דער טאַטע פאַרדינט נישט, איך בין קראַנק און דערשלאָגן,
די מאַמע איז מיד שוין פון טראָגן די נויט...

— — — — — — — — — — — — — — —

און אזוי איז ביים שכן, אזוי יעדע שטוב,
אין א בית־עולם איז ס׳שטעטל פארוואנדלט געווארן,
ס׳זענען ליידיק די קראמען, עס שטייט די פאבריק,
אין אומרו איז ס׳יונגווארג אין שטעט זיך צעפארן...

א צווייטער יידישער יונגער דיכטער פון גאליציע, נחום באמזע, שילדערט בילדעריש וואס עס קומט פאר אין זיין שטעטל:

איינגעפאלן אלע דעכער פון די שטיבער אין מיין היים,
אלע בריקן פון די וועגן — אפגעברענט...

נחום באמזע זעט דאס שטעטל ווי עס וואלט ארומגעכאפט געווארן פון א מוראדיקער שרפה.

ס׳ברענען אלע דעכער פון די הייזקעס אין מיין היים,
— — — — — — — — — — — — — — —
ס׳שטייען מיינע ברידער מיט פעקלעך איינגעבונדן
און זעען: האריזאנטן זענען רויט צעצונדן
און רעווען אויף ס׳געשריי צום פייער,
ווי קי צעשראקענע, וואס רייסן זיך צום שייער...

קאנקרעטער רעדט וועגן דעם שטעטל ברוך אליצקי, א יונגער יידישער דיכטער פון וואלין, פון דעם שטעטל טריסק:

דער יאוש לויערט ווי א מארדער
— — — — — — — — — — — — — — —
אז אויסגעטרייסלט האט שוין עקזעקוטאר
פונם זאק
דאס לעצטע פונטל זאלץ...

און דער יינגערער ברודער פון דעם־א דיכטער, מאטעס אליצקי, א סטודענט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט, דערציילט אין א ליד, ווי ער הערט פון דאנעט, פון דער ווייט, ווי „ערגעץ וויינען היימען אומעטיק און שטיל״.

אין א גרעסערן ליד פון א ווילנער דיכטער נ. פערסקי „די בריוועלעך פון שטעטל״ ווערט געשילדערט דאס שטעטל און די שטימונג, וואס הערשט ביי די דארטיקע יידישע איינוווינער:

„די בריוועלעך פון שטעטל—ווי אויסגעוויינטע אויגן פון דער מאַמען,
און די אויסגעקרומטע אותיות אויף בייגעלעך פּאַפּיר—ווי שטיקער פלאַמען
שניידן זיך אין לייב אַריין ווי ווונדן.
ס'איז יעדער אות אַ מאַמעס טרער, און יעדעס וואָרט
אַ לעצטע שעה פון אונטערגיין.
דער טאַטע שרייבט: עס זענען הענט אונזערע דאָ אין נויט געבונדן,
ס'ליגט זיך שווער אַזוי אויף אונז דער טאָג, כאָטש ווילן אונזערער
איז אַזוי נישטיק קליין.
אַז ס'האָט דער סעקוועסטראַטאָר אָפּגעשריבן שוין דעם שראַנק —
האָסטו אוודאי שוין געהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין געוועלב ביי אונז איז אויסגעגאַנגען שוין דאָס לעצטע ביסל מעל פון זאַק,
און שלומקע גייט אַרום אָן אַרבעט און פאַרדינט נישט קיין פיטאַק...

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס „ליד פון שטעטל" פון דעם גלובאָ־קער דיכטער א. ח. זייטשיק (נישט ווייט פון ווילנע):

נישט קיין סטאַדעס שאָף און רינדער, נישט קיין בלודנע קאַראַוואַנען,
בלאָנדזשעט אומעט אויף די וועגן, אויסגעשפּרייט און צעשפּליטערט;
ס'זענען שטעטל, דיינע קינדער, אָפּגעריסענע פון שטאַמען,
טראָגן הייט זיך מיט ווינטן, זוכן בלינד פאַר זיך אַ פּיטער.

היי, איר שטעטלעך פון פאַרצייטן, אַלטע דורותדיקע נעסטן,
אויסגעבאָוועטע פון אומעט, אויסגעטוליעטע פון לאַנגווייל;
ווער האָט אייער רו צענומען, ווער האָט אייער פרייד געלעסטערט,
און צעטראָגן אייך אויף ווייטן, איבער ווייַרסטן, איבער מיילן;

דער דיכטער זעט נישט נאָר עקאָנאָמישן חורבן, ער שפּירט אויך דעם גייסטיקן חורבן, דעם תהום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן טאַטעס און קינדער. ער דערציילט ווייטער אין זיין „ליד פון שטעטל":

ס'ווילן קינדער מער נישט טראָגן שווער די יאָך פון גוט־און־פרום־זיין,
גייען קינדער קעגן טאַטעס, זענען קינדער ווי אויף מעסערס;
נעמען קינדער זיך באַטראַכטן, נעמען קינדער זיך אַרומזען —
און דער תהום, וואָס ליגט צווישן, ווערט אַלץ ברייטער, ווערט אַלץ גרעסער.

שטייען טאַטעס ווי געפּלעפטע, קוקן אָן אויף זיך פאַרחידושט,

קיקן פרעמד אָן זייערע קינדער, זייער אייגן בלוט און פלייש;
עפּעס רעדן זיי פון שטרייקן, בונטן, צרות און מרידות —
און זיי רעדן אזוי הארב אַלץ, גיי פאַרשטיי זיי און גיי ווייס...

און פיל לידער זענען דאָ אָנדייטונגען אויף די אַרעסטן פון די קינדער, אויף די תפיסות, ווו די קינדער זיצן, אויף די גריסן פון „הינטער די קראַטעס"...

אַן אַנדערער יונגער דיכטער חיים סעמיאַטיצקי, פון שטעטל טיקטין, ביי לאָמזשע, זעט אַזוי זיין שטעטל:

שטעטל איז איצט מיט פאַרנאַכט שוין פול,
ווייבער טראָגן וואַסער, אויסגעמישט מיט שקיעה,
און מערב־גאָלד רינט אין בלאָטיקע רינעס,
אומעטיקע גייען יידן אום, ווי זיי וואָלטן געריסן קריעה...

און גאָר טרויעריק קומט ארויס דאָס יידישע שטעטל, די היים, ביי דעם דיכטער מ. נאטיש פון סוועציאַן, ווילנער געגנט:

אין דער היים, אין דער היים,
ליגט דער עלנט אין האַרץ ווי אַ שטיין...
ס'צווייפלען טאַטעס אויבעט אין גאָט,
נאָר זיי גייען אין מנין, אין קלויז,
ווי מ'גייט ערב־שבת אין באָד...

אין דער היים, אין דער היים
דרעמלען קרעמער ביי קרעמלעך אַליין...
ס'האָט דער האנדל די אויגן פאַרמאַכט
מיט שלאָפיקע אַפּלען,
מיט שטאַביקע ווייעס
אויף יידישן חיות...

הקיצור—נויט, עלנט, חורבן, פאַרצווייפלונג, אויסזיכטלאָזיקייט — דאָס איז דער שטאָף, וואָס דאָס איצטיקע יידישע שטעטל אין פוילן שטעלט צו זיינע יונגע דיכטער.

טרויעריק איז דאָס יידישע ליד אין פוילן, ווי טרויעריק עס איז דאָס יידישע לעבן אין דעם היגן קליינשטעטל.

1935

דור הולך ודור בא...

עס טרעפט אַמאָל: איר נעמט אַרויס ערגעץ פון אַ שיפלאָד אַן אַלטן אַלבאָם פון פאַמיליען־פאָטאָגראַפיעס, איר מישט איבער די בלעטער מיט די אַלטע בילדער, און איר ווערט דערשטוינט: „ווײ, ווי די יאָרן לויפן! און סאַר אַן ענדערונגען עס זענען פאָרגעקומען אין דער פאַמיליע: אָט קינדער נאָך, — און איצט, שוין לאַנג טאַטעס פון גאַנצע משפחות! און אָט — יונגע־לייט אין סאַמע בליענדיקן עלטער, און איצט שוין פון יענער זייט לעבן!" עס ווערט טרויעריק און אומ־היימלעך צו קוקן ווייטער אויף די פאָטאָגראַפיעס פון די אַלטע היימישע, ליבע, און איר גיט זיך איבער „אין שויס" פון אָט די אַלע פּאַסי־רונגען, וואָס זענען אַדורך אין דעם לעבן פון אייער פאַמיליע...

אַזאַ מין געפיל האָב איך געהאַט איצט, ווען איך האָב צופעליק אַרויסגענומען פון מיינע ביכער־פּאָליצעס אַ „לוח אחיאָסף" פון יאָר תרס"ג, — דאָס הייסט פון צוריק מיט דרייסיק יאָר. עס איז געווען נישט סתם אַזוי אַ „לוח", נאָר אַ יובליי־לוח, — דער צענטער יאָר־גאַנג און צו די צען יאָר פון דער גרינדונג פונם פאַרלאַג „אחיאָסף". און אָט, אַוועקזעצנדיק זיך אַזוי געמיטלעך אויף דער סאָפע און בלע־טערנדיק אָט דעם „לוח", — בין איך נשתומם געוואָרן, ווי אונזער שרייבער־משפחה האָט זיך פאַר די דרייסיק יאָר געוואַלדיק געביטן. דאָס לעבן האָט פאַר אָט דער צייט אינגאַנצן פאַרענדערט דעם אויסזען פון אונזער ליטעראַרישער פאַמיליע, — ממש נישט צום דערקענען!

מען לעבט אַלץ מיט אימפּעט. עס טרייבט און עס יאָגט. מיר דרייען זיך אָפּטמאָל, ווי די וועווערקע אין אַ שטייגל, און מיר באַ־מערקן גאָרנישט, ווי די וועלט רוקט זיך אַזוי שטאַרק, און מיר מיט איר. און אָט, — מיר עפענען אַן אַלטן אַלבאָם — מיט בילדער פון צענדליקער יאָרן צוריק, — און מיר דערזעען פּלוצים דעם געוואַלדיקן

שטיק וועג, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אויף נישט אומצוקערן זיך צוריק אויף אים.

פריער פון אַלץ, — פון די פופציק שרייבער און טוער, וועלכע זענען פאַרטראָטן אין אָט דעם ליטעראַרישן „לוח אחיאָסף״, זענען איבער אַ דריטל אויפן עולם־האמת, אייניקע פון זיי זענען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן פון דעם איצטיקן דור. אייניקע זענען אָקאָרשט אַוועק פון אונז, און מיר שפירן נאָך זייערע וואַרעמע טריט אין אונזער לעבן און זייער השפעה האָט זיך נאָך נישט אויסגענומען. אָט איז די טרויעריקע רשימה: געאָרג בראַנדעס, אחד-העם, א. לודוויפּאָל, זאב יעבץ, מענדעלע מוכר-ספרים, ראובן אשר ברוידעס, ד״ר דוד ניימאַרק, יהל״ל, ד״ר מאַקס מאַנדעלשטאַם, אלעזר שולמאַן, ד״ר מאַקס נאָרדוי, משה לייב לילִיענבלום, ש. ל. גאָרדאָן, גוסטאַוו קאַרפּעלעס, ל. מאָצקין, י. ל. פרץ, ש. פ. ראַבינאָוויטש. —

דאָס רוב פון אָט די שרייבער און טוער האָבן פאַרנומען יאָרנ־לאַנג דעם אויבנאָן אין דעם יידישן ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און זיי האָבן באַשיינט און באַשיינט קאָנגרעסן, צוזאַמענפאָרן, אסיפות, ליטעראַרישע אויסגאַבעס. עס איז אַפילו געווען שווער פאַר־צושטעלן זיך אַ געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, ליטעראַרישע אונטערנע־מונג אָן זיי. אָבער עס העלפט נישט — זיי זענען אַוועק, און דאָס לעבן גייט זיך ווייטער זיין גאַנג.

אָבער נישט בלויז מיט דעם אַליין מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער „לוח״ — דער דענקמאָל פונם יידישן לעבן מיט דרייסיק יאָר צוריק. נאָך מער שפּירט מען דעם קאָלאָסאַלן אונטערשיד, ווען מ׳נעמט אין אַכט דעם קאָמפּלעקס פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס מען האָט דאַן באַטראַכט און באַהאַנדלט אין די אַלע אַרטיקלען. ווי ווייט מען איז איצט אַוועק פון יענער יידישער וועלט, און ווי בכלל עס האָט זיך אַלץ געענדערט אין דעם יידישן לעבן! עס באַקומט זיך אַן איינ־דרוק, ווי עס זענען דאַן נישט געווען קיין אַקטועלע יידישע געזעל־שאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן, און ווי עס איז נישט געווען קיין אייגן יידיש קולטור־לעבן, קיין אייגענע יידישע ליטעראַטור! און אינטערעסאַנט: אין דער העברעישער פּובליציסטיק — האָט דאַן ארץ־ישראל, למשל, כמעט קיין שום אָרט נישט פאַרנומען.

און נאָך אַ זאַך, וואָס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן: פון די אַלע איבער 50 שרייבער האָט אפשר איינער אָדער צוויי געוווינט

דאַן אין ארץ־ישראל. אַ גרויסער רוב האָט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צום לאַנד און צום ציוניזם. און ווי אַנדערש עס איז איצט, ווען מיר נעמען אין האַנט אַ העברעיִשע אויסגאַבע. איצט זענען פיל פון די שרייבער, וועלכע זענען פאַרטראָטן אין „לוח אחיאָסף", תּושבים אין ארץ־ישראל, און אייניקע — אויפן עולם־האמת אין ארץ־ישראל. — בלויז אַ פּאָר פון די שרייבער זענען אין אַמעריקע אָדער אין אייראָפּע.

די העברעיִשע ליטעראַרישע משפחה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין ארץ־ישראל און דאָרט זיך באַפעסטיקט. דער מרכז־רוחני פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס אחד־העם האָט וועגן אים אַזוי פיל געטרוימט און געפּריידיקט, איז געוואָרן אַ פאַקט. — פון דער רשימה העברעיִשע שרייבער, וואָס זענען דאָ אין דעם „לוח אחיאָסף", ווינען און זענען טעטיק איצט אין לאַנד (איך גיב זיי אין דעם סדר, ווי עס גייען זייערע זאַכן אין דעם „לוח"!): שאול טשערניכאָווסקי, ח. נ. ביאַליק, יעקב פיכמאַן, י. רדלר (ר' בנימין), י. ל. ברוכוביץ (י. ל. בן־ברוך), בן־אבי, נח פינעס, ד"ר יוסף קלויזנער, ד"ר שמריהו הלוי (לעווין), מרדכי בן הלל הכהן, נחום סלושץ, י. ח. ראַווניצקי (מידד). עס זענען פאַראַן נאָך אייניקע שרייבער, וואָס זייער איצטיקער ווין־אָרט איז מיר נישט באַקאַנט. און מעגלעך, אַז אויך זיי ווינען איצט אין א"י. די העברעיִשע ליטעראַטור האָט זיך טעריטאָריעל אַריבער־געפלאַנצט אויף דעם ארץ־ישראל־באָדן נישט אויף אַ קאַטאָוועס! —

עס זענען אינגאַנצן פאַר אָט דער צייט אומגעקומען אַלס צענטרן פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור און העברעיִשע שרייבער אָדעס, וואַרשע און בערלין. אין דעם „לוח" האָבן מיר אַ גרעסערע צאָל שרייבער, וואָס זייער „מרכז־רוחני" איז אָדעס, וואַרשע אָדער בערלין. ווי באַקאַנט, איז דער „השלח" אַ לענגערע צייט רעדאַגירט געוואָרן אין אָדעס, געדרוקט געוואָרן אין בערלין, ווו עס איז אַפילו געווען אַ רעדאַקציע־אָפּטיילונג פון דעם „השלח", און די אַרויסגעבער — „אחיאָסף" — האָבן געוווינט אין וואַרשע. אין אָדעס איז שוין איצט קיין איין העברעיִשער שרייבער נישטאָ, אין בערלין — לעבט נאָך אפשר איין אָדער צוויי שרייבער, וואָס זענען אָבער נישט טעטיק אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, און אַזוי אויך אין וואַרשע. פון די אַלע 50 שרייבער איז פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד איין שרייבער בלויז — דער עקאָנאָמיסט ד"ר ח. ד. הורוויץ, — שפּעטער מיטרע־דאַקטאָר פון „דעם פריינד", פון „טאָגבלאַט" (פּעטראָגראַד) און לעצטנס

אינגאַנצן פאַרשווּנדן פון דער ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער וועלט. — אין וואַרשע וווינען איצט פון יענע 50 „לוח-אחיאָסף"-מיט-אַרבעטער בלויז אייניקע — הלל צייטלין, מנחם מענדל הורוויץ, א. ל. יאַקובאָוויטש, א. גליקסמאַן (די לעצטע צוויי האָבן דאַן דעביוטירט אין דעם „לוח-אחיאָסף"). אויסער איין א. ל. יאַקובאָוויטש — זענען די איבעריקע ווייניק טעטיק אין דער העברעישער ליטעראַטור און פרעסע.

דער רעדאַקטאָר פון דעם „לוח-אַחיאָסף" איז געווען ראובן בריינין,—ער איז דער ראש-המדברים אין דעם זאַמלבוך פון דער העברעישער ליטעראַטור... — צייטן בייטן זיך, און מיט זיי — אויך די פאַרהעלטעניש אין דער יידישער געזעלשאַפט, ווי אויך די ראָלע און שטעלונג פון דעם יידישן שרייבער אין דער יידישער וועלט.

עס איז אינטערעסאַנט נאָכצוקוקן דאָס אָרט, וואָס יעדער איינער פון די שרייבער פאַרנעמט אין „לוח-אַחיאָסף", — עס ווייזט גלייכצייטיק אויף זיין אָנזען אין דער אַמאָליקער יידישער וועלט. זינט די דרייסיק יאָר האָבן אייניקע פון אָט די שרייבער געמאַכט אַ באַרג-אַרויף, געשטיגן פערזענלעך און געזעלשאַפטלעך אויף פיל מדרגות אַרויף, אַנדערע—פאַרקערט—זענען אַראָפּ, שטאַרק אַראָפּ. גלגולים און איבערוואַנדלונגען פון מענטשן! פאַר וועמען די צייט איז געווען שווער, אומברחמנותדיק אַראָפּגעשליידערט אים און דערווייטערט פון אויבנאָן, און וועמען — די צייט, די באַדינגונגען, די פערזענלעכע אייגנ-שאַפטן האָבן דערהויבן העכער און העכער.

עס איז דאָ, למשל, אַן אַרטיקל „הנפש ומוכני בצדקה" פון אַ מחבר, וואָס באַהאַלט זיך אונטער די צוויי אותיות נ. ס. — דאָס אַרטיקל איז געגעבן אויפן איינאונפופציקסטן אָרט לויט דער ריי. אין דעם זעלבן „לוח" איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטיק, געשריבן פון ראובן בריינין וועגן נחום סאָקאָלאָוו, צו דעם 25-יאָריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. עס איז אויך דאָ אַ בילד פון נ. סאָקאָלאָוו — דאַן אַ מאַן ביי פערציק. אַ יונגער, פעסטער, פריילעכער. אָט דער יונגער, פעסטער מאַן איז שוין איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרייז-גרויען זקן, — וואָס איבעראַשט נאָך מיט זיין יוגנט און אימפעט און אַרבעטספעיִקייט.

און אָט האָבן מיר דאָ אַ שיר פון ח. נ. ביאַליק, — דאַן ערשט אַ יונגערמאַן פון קנאַפּע דרייסיק יאָר, וואָס זינגט ערשט אַ שיר-געזאַנג צו איר — „עם דמדומי-חמה" — מיט די ערשטע זון-שטראַלן. עס איז נאָך אַ יונגער ביאַליק, וואָס זאָגט פיל צו. עס איז נאָך דער

ביאַליק, איידער ער האָט געזונגען זיינע צער-און צאָרן-לידער און „משירי-החורף״, „הברכה״, „המתמיד״, און אַנדערע ווערק, וואָס האָבן אים געקרוינט פאַר דעם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער.

אין דער זייט פון דעם אָנהויבנדיקן ביאַליק, האָבן מיר אַ שיר „דור הולך, דור באָ״ פון יהל״ל. דער אָנהויב פון אַ נייער תקופה, און דער סוף פון אַ רייכער תקופה. דער אַלטער, דאַן שוין האַלב-פאַרגעסער, יהל״ל האָט ווייטיקדיק קאָנסטאַטירט דאָס איבערלעבן פון אַ דיכטער איבער זיין צייט. ער פילט זיך ווי אַ טויטער צווישן די אַלע לעבעדיקע און ווירקנדיקע דיכטער. ער איז פאַרגעסן פון אַלעמען, ער פילט דעם ביטול, מיט וועלכן מען באַציט זיך צו אים. אָבער ער דערמאָנט זיך, אַז אויך ער האָט זיך אַמאָל אַזוי באַצויגן צו די אַלטע דיכטער פון זיין צייט. און ער ענדיקט מיט ווייטיק און צער און אויך מיט איראָניע: „על דאטפת, אטפוך!״ — אַזוי איז שוין דער שטייגער פון דער וועלט: „איצט לאַכסטו פון יענעם, שפּעטער — לאַכט מען פון דיר!״ די וועלט-ראָד דרייט זיך און דרייט אַזוי מיט די שרייבער...

אין דעם „לוח-אחיאָסף״ איז דאָ דער באַוווסטער אַרטיקל פון אחד-העם „אחר עשר שנים״. עס איז דאַן געוואָרן צען יאָר, זינט ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַרלאַג „אחיאָסף״, וואָס האָט זיך געשטעלט גאָר גרויסע פּלענער. מען האָט געהאַט גרויסע האָפנונגען אויף דעם שרייבער און אויף דעם העברעיִשן לעזער. און אָט, נאָך צען יאָר אַרבעט — קומט אחד-העם און מאַכט זייער אַ טרויעריקן סך-הכל. „צו-וואָס זאָלן מיר זיך אָפּנאַרן? נישט געקוקט אויף די אַלע געוואַלדן וועגן דער אויפלעבונג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, איז דאָך אין אונזער תקופה נישט צוגעקומען קיין איין שרייבער נישט, וואָס מיר זאָלן קענען זאָגן אויף אים: אָט איז ער דער, וואָט מיר האָבן אויף אים געוואַרט! עס איז נישט דערשינען אַפילו קיין איין ווערק, וואָס מיר זאָלן אויף דעם ווייזן, אַז עס האָט פאַרגרעסערט אונזער גייסטיק פאַרמעגן מיט עפּעס אַ וויכטיקן אָריגינעלן געדאַנק, וואָס מיר האָבן עס פריער נישט געוווּסט, אָדער וואָס איז נישט גע-נומען געוואָרן אויף באָרג פון דער פרעמד״. און אחד-העם שרייבט ווייטער: „עס איז געקומען די צייט מודה צו זיין אויפן אמת: אונזער ליטעראַטור איז קיין ליטעראַטור נישט, ווייל אונזערע שרייבער זענען קיין שרייבער נישט!״

פון די אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אין דעם „לוח-אחיאָסף“ ווילט זיך דאָ דערמאָנען דעם אַרטיקל פון י. רדלר (איצט באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ בנימין !). — דאַן נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, און טשעקאַווע, ווי ער האָט דאַן טרעפלעך אין אייניקע פראַזעס תופס געווען די שוואַכקייטן פון דער אחד-העם-שיטה. ער הויבט אָן דערמיט: „אַחד-העם, וואָס איז געווען דער ערשטער אין אונזער ליטעראַטור, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף קעגן דער הערשאַפט פון ספר ביי אונז, און וועלכער האָט גערופן אונזער פאָלק מיטן נאָמען „אַ פאָלק, וואָס זיין נשמה איז אַרויסגעפלויגן פון זיין האַרץ און איז אַריין אינגאַנצן אין געשריבנס“,—אָט דער זעלבער אחד-העם — און דאָס איז די טראַגעדיע פון אונזער לעבן — באַמיט זיך אַריינצוברענגען אונזער האַלז אין יאָך פון אַ נייעם ספר: „על פרשת דרכים“. אַז איך וועל מאריך-ימים זיין, וועל איך זוכה זיין צו זען אָט דעם ספר געדרוקט אין דער דרוקעריי פון האחים ואלמנה ראָם מיט 64 פירושים און ביאורים. ווער ווייסט,— וועט נישט זיין אַמאָל אָט דער ספר אַ מין נייער „שולחן-ערוך“ פאַר אַ באַשטימטן טייל יידן? אָבער ביז וואַנעט בכלל וועלן מיר אין אונזער לעבן זיך נויטיקן אין אַ „שולחן-ערוך“?...“ און דער גורל פון אַ מענטשן: ר׳ בנימין שטייט דאָך איצט צווישן די רעליגיעזע יידן אין ארץ-ישראל און ער האַלט זיך גאָר ביים אמתן „שולחן-ערוך“!

און אויף ווי ווייט מיר זענען אַוועק פון יענער צייט, באַווייזן די פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען און כאַראַקטעריסטיקעס וועגן מענטשן, קינסטלער און טוער. מיר האָבן דאָ אַן אַרטיקל פון געאָרג בראַנדעס וועגן דעם דענישן שרייבער מאיר אַהרן גאָלדשמידט, אַ כאַראַקטעריסטיט פון גוסטאַוו קארפעלעס וועגן חיים שטיינטאַל, אַן אָפּהאַנדלונג פון גרשון באַדער וועגן מאיר הלוי לעטעריס, פון ראובן בריינין וועגן יוסף איזראַעלס, פון ש. פ. ראַבינאָוויטש וועגן ד״ר יצחק רילף און וועגן אהרן בן חיים לאַנדוי.—די לעצטע דרייסיק יאָר האָבן אַרויסגערוקט גאָר אַנדערע פערזענלעכקייטן!

פאַראַן אין דעם „לוח“ נעמען, וועלכע האָבן אַמאָל געררייצט און געוועקט האָפענונגען. אַ סך פון זיי זענען דורך די רעדער פון דער צייט צעריבן געוואָרן. זיי זענען געבליבן ביי זייערע ערשטע זאַכן, וואָס האָבן דאַן פאַראינטערעסירט, און ווייטער נישט געגאַנגען.

1934

עלטערע געלערטע און יונגע פאָרשער

אויף דעם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע זענען געווען פאַרטראָטן יידישע וויסנשאַפטלער פון עטלעכע דורות — פון דעם 75 יאָריקן פּראָפ. שמעון דובנאָוו ביז די ייִנגסטע פאָרשער, וואָס זענען ערשט געקומען פון דער שטודיר־באַנק. און עס איז געווען אינטערעסאַנט צו צוקוקן זיך צו די דורות־פאָרשער, און דורך די לעבעדיקע געשטאַלטן פון די וויסנשאַפטלער־היסטאָריקער, פילאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן — אַרויסצוברענגען אינם געדאַנק כאַראַקטעריסטיקעס, דעפיניציעס וועגן די עלטערע און ייִנגערע און גאָר יונגע פאָרשער, — און אָנצייכנען זייער אייגנאַרטיקן לעבנס־וועג אין דער יידישער וויסנשאַפט.

וואָס פאַר אַ ווייטער מהלך עס ליגט אין דער דערציונג, אַנטוויקלונג, פאַנאַנדערוווקס, אין דעם קרייז אינטערעסן און אין דעם אופן פון שטודירן און פאָרשן צווישן אַ יידישן וויסנשאַפטלער פון צוריק מיט עטלעכע צענדליק יאָר און אַ הייַנטיקן יידישן פאָרשער!

דער אַמאָליקער יידישער וויסנשאַפטלער איז געגאַנגען זיין פאָרשונג־וועג אייגער אַליין, ער איז געטריבן געווען דער עיקר פון אינעווייניקסטן דראַנג, אָן וועג־צייכנס און אָריענטיר־מאַפּעס. דער אַמאָליקער יידישער וויסנשאַפטלער איז געווען, ווי אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ, אַליין מיט אייגענע כוחות, אָן זייטיקער הילף, אַלץ אַליין געמוזט אַדורכמאַכן. און דער וועג זיינער איז געווען אַ שווערער, אַ מיפולער. ער האָט געמוזט אַלץ אָנהויבן פון „בראשית". לייענט אָקאָרשט אַדורך די ביאָגראַפיע פון שמעון דובנאָוו, און איר וועט זיך אָנטרעפן אויף די אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען אַמאָל געלעגן אויפן וועג פון דעם יידישן וויסנשאַפטלער. ער האָט געמוזט אָנהויבן צו זאַמלען מאַטעריאַלן, אָרגאַניזירט (מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק) אַליין אַ מין געזעלשאַפט צו שטודירן די געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד און צוליב

דעם צוועק אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן זאַמלען היסטאָרישע מאַ-טעריאַלן („נחפשה ונחקורה”). גלייכצייטיק האָט ער באַדאַרפט קעמפן אין דער פּרעסע און אין דער געזעלשאַפט פאַר דער נויטיקייט און וויכטיקייט פון זיין יידישער פאָרשונגס-אַרבעט. ער האָט געמוזט אַליין קלויבן מאַטעריאַל און פון דעם שטאָף בויען געשיכטלעכע בנינים. און ווי אַנדערש איז מיט דעם איצטיקן יידישן וויסנשאַפטלער! ער האָט שוין פאַר זיך גאָר אַנדערע מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט, ער האָט שוין פאַר זיך גאַנצע אוצרות מאַטעריאַלן, וואָס בעטן זיך צו באַאַרבעטן. ער האָט שוין ריכטליניעס פאַר זיין פאָרשערישער אַרבעט, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דורות וויסנשאַפטלער פאַר אים.

דער אַמאָליקער יידישער וויסנשאַפטלער איז נישט געקומען גלייך צו זיין פאָרשונגס-אַרבעט. ער איז געגאַנגען זייטן-וועגן, געשריבן פריער פּובליציסטיק, געשריבן פריער קריטיק (ווי דער פאַל איז געווען ביי ש. דובנאָוון און ביי ד"ר י. שיפּער!), און געטריבן פון אַן אינערלעכן דראַנג, זיך אַריבערגעוואָרפן צו געשיכטס-פאָרשונג. אויך די אַלע אַנדערע עלטערע פאָרשער האָבן אַדורכגעמאַכט אומוועגן ביז זיי זענען געקומען צו זייער אייגנטלעכער „פאַך” — צו דער וויסנשאַפט. יעקב לעשטשינסקיס אינטערעס צו עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק איז אפשר אַ פּועל-יוצא פון זיין פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, פון זיין שטרעבן אונטערצופירן אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר זיין וועלט-אַנשויונג.

גאָר אַנדערש איז מיט דעם היינטיקן יידישן פאָרשער און וויסנשאַפטלער, וואָס קומט צו דער וויסנשאַפט לשמה (אויב נישט רעכענען די אייניקע פאָרשער-מאַרקסיסטן, וואָס גייען צו צו זייער פאָרש-אַרבעט מיט אַ מאַטעריאַליסטישן מעטאָד!), אינטערעסירט זיך בעיקר מיט זיין געביט גופא, אָן ספּעציעלע לכתחילהדיקע כוונות און שטרעבונגען.

דער עלטערער יידישער וויסנשאַפטלער מאַכט סך-הכלען. אים אינטערעסירן די סינטעטישע אויספירן, ער פירט אונטער די אונטערשטע שורה. דער יונגער פאָרשער הויבט ערשט אָן צו קלעטערן באַרג-אַרויף פון דער יידישער וויסנשאַפט, און ער זעט בעיקר פּרטים, זייטן-זאַכן. ער קלויבט ציגל צו אַ בנין.

אין דער צייט, וואָס דער פריערדיקער פאָרשער האָט געשטעקט

ראשו ורובו אין דער יידישער וועלט, געווען געוואָרצלט אין יידישן באָדן, און געשעפּט פון יידישע קוואַלן, האָט שוין דער ייִנגערער יידישער פאָרשער צו טון מיט פרעמדע קוואַלן, מיט אַרכיוון, מיט אַקטן, וואָס ליגן אויסער דעם יידישן גבול, אויסער דער יידישער וועלט.

מען קען בלי-ספק מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דעם אַמאָליקן יידישן פאָרשער מיט דעם יידישן קלאַסיקער פון דעם שניט מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם, און אויך צווישן דעם הייַנטצייטיקן יידישן פאָרשער מיט דעם מאָדערנעם יידישן שרייבער. ווי דער יידישער קלאַסיקער, אַזוי האָט אויך דער פריערדיקער וויסנשאַפטלער געגראָבן גאַנצע שיכטן פון דעם יידישן שטייגער-באַרג, אַריבערגעפירט אין זיינע ווערק שטי- קער יידישע לעבנס און יידישע געשטאַלטן פון דער עכט-יידישער וועלט. אויך אַלע אַנדערע איבערלעבענישן און השפעות זענען ביים פריערדיקן יידישן קינסטלער און אַזוי אויך ביים וויסנשאַפטלער פאַר- קערפּערט געוואָרן אין יידישע געשטאַלטן. דער שפּעטערדיקער יידי- שער שרייבער איז שוין מער נישט אַזוי געקניפּט און געבונדן בלויז מיט דעם יידישן לעבנס-שטייגער, זיינע השפעות קומען שוין אויך פון אויסן, פון דער דרויסנדיקער וועלט, און צו דעם יידישן לעבן האָט ער שוין נישט מער די ראָמאַנטישע געפילן און באַציונגען.

און אין דער הינזיכט איז געווען זייער אינטערעסאַנט אויפן צוזאַמענפאָר דער העפטיקער מיינונגס-אויסטויש צווישן די צוויי פאָר- שער — ד״ר יצחק שיפּער און ד״ר י. שאַצקי. דער ערשטער האָט געהאַלטן אַ באַגייסטערטן רעפעראַט וועגן די פאָרשונגס-מעטאָדן פון דעם יידישן וויסנשאַפטלער. ער האָט אונטערגעשטראָכן די ראָלע פון אינטואיציע ביים פאָרשער, ער האָט געמאָלט אַ ראָמאַנטיש בילד, ווי דעם יידישן וויסנשאַפטלער איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. ד״ר י. שאַצקי האָט אים אָפּאָנירט און אַרויסגעטראָטן קעגן דעם ראָמאַנטישן אָרעאָל און גערעדט וועגן דער זאַכלעכקייט, פּראַקטישקייט און ניכ- טערקייט, וואָס דאַרף זיין דער עיקר אין פאָרשן.

צוויי וועלטן, צוויי צוגאַנגען, צוויי וועגן אין פאָרשן.

דער עלטערער יידישער פאָרשער איז געווען בקי, דער יונגע- רער — ערודיט. עס זענען צוויי גאָר באַזונדערע באַגריפן. ביים ערשטן געפינען מיר התמדה, המצאה, חריפות, ביים צווייטן — אָנגעלייענט- קייט, באַהאַוונטקייט.

עס איז אינטערעסאַנט: דער עלטערער יידישער פאָרשער שטייט צווישן צוויי וועלטן, ער איז געבונדן מיטן אַמאָל, ער ציט זיין השפעה עד-היום פון דער אַלטער יידישער קולטור — ער זעט נישט קיין סתירה צווישן „ירושלים פון ארץ-ישראל און ירושלים פון גלות" (דער אויסדרוק פון ש. דובנאָוו אין זיין רעדע אויף דער פייערלעכער עפענונגס-זיצונג פונם וועלט-צוזאַמענפאָר פון ייוואָ). אַדרבא, זיי דער-גאַנצן איינע דער צווייטער. דער הייַנטצייטיקער יידישער וויסנ-שאַפטלער קומט בעיקר פון אַ פרעמדער וועלט. פיל פון די יונגע וויסנשאַפטלער, פאָרשער זענען אפשר מער געטריבן דורך אויסערלעכע סיבות צו יידן, צו דער יידישער וויסנשאַפט. אַרויסגעשטויסן פון אַנדערע וויסנשאַפטלעכע פאָזיציעס, באַהעפטן זיי זיך צו דעם יידישן פראָנט און זייער באַהעפטונג איז צוערשט נאָך ווייניק אָרגאַניש, נאָך ווייניק טיף-אינערלעך. און דאָס רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף דעם כאַראַקטער פון זייערע פאָרשונגען. און אויך די מעטאָדן פון דער אַרבעט זייערע זענען פרעמדע, נישט-יידישע. עס דאַרף געדויערן פיל, ביז וואַנעט דער פאָרשער, וועלכער קומט פון דער פרעמד, מיט אַ נישט-יידישער אויסבילדונג, מיט נישט-יידישע מעטאָדן פון אַרבעט, וועט זיך איינבירגערן אין דער יידישער קולטור-סביבה. און אַ באַשייַנ-פערלעכער באַווייז איז געווען, ווי אייניקע אַזעלכע פאָרשער זענען נאָך נישט שוה-בשוה מיט דער איינפאַכער יידישער שפּראַך, און זייערע יידישע רעפעראַטן זענען געווען איבערגעזעצט פון פויליש אָדער דייטש, און אַזוי אויך דער יידישער לשון פון זייער מויל. אַזוי האָבן דאָך אויסגעזען די זייער אינטערעסאַנטע רעפעראַטן פון ד"ר רודאָלף גלאַנץ (ווין), ד"ר פיליפּ פרידמאַן (לאָדזש) און אַנדערע. און אויב עס איז געווען גאָר אַ טיפער תהום צווישן דעם עלטערן יידישן וויסנשאַפטלער מיט דעם נישט-יידישן פאָרשער און געלערטן ד"ר בעראַנעק (פון טשעכאָסלאָוואַקיי), איז געווען אין תוך אַ סך ענלעכס צווישן אים מיטן יידישן וויסנשאַפטלער ד"ר דאַווידזאָן (פון קאָפּענהאַגען)... און נאָך אַ טיפער אונטערשייד, וואָס האָט זיך געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן: דער עלטערער יידישער געלערטער האָט פאַר זיך שטענדיק דעם גאַנצן יידישן כלל, גאָר דאָס יידישע קיום-פּראָבלעם, ער זוכט צו געבן פאַראַלגעמיינערטע ענטפערן מיט זיין וויסנשאַפטלעכער טעטי-קייט, און דער יינגערער איז ספּעציאַליזירט אויף צווייגן און אָפּ-צווייגן פון זיין געביט, די פרטים פאָרשטעלן פאַר אים דאָס גאַנצע,

דאָס אַלגעמיינע. דער פריערדיקער יידישער וויסנשאפטלער איז גע־גאַנגען פון כּלל צום פּרט, און דער איצטיקער פאָרשער גייט שטענדיק פון פּרט צום כּלל.

נישט נאָר די יאָרן ,עלטער, אויסזען שיידן אָפּ דעם פריערדיקן יידישן וויסנשאַפטלער פונם היינטיקן — נאָך דער גאַנצער תּוך, דער גאַנצער עצם איז אַן אַנדערער.

און דאָס האָט זיך זייער שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווען מען האָט זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט די פאַרשידענע פאָרשטייער פון דער יידישער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אַלוועלטלעכן ייוואָ־צוזאַמענפאָר.

1935

דער יום-טוב פונם יידישן בוך

מיר האָבן באַקומען פונם טשאָרטקאָווער פּרץ-פאַריין אַ ריזיקן אַפּיש וועגן די פייערונגען, וואָס וועלן אין טשאָרטקאָוו איינגעאָרדנט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריינברענגען אין זייער יידישער ביבליאָטעק דעם 2.000-סטן יידישן בוך. די פייערונגען וועלן דויערן אַ גאַנצן חודש. די פּראָקלאַמירונג פונם חודש פאַרן יידישן בוך און פאַר דער פּרץ-ביבליאָטעק איז באַשטימט אויף פרייטיק דעם צווייטן פעברואַר. עס ווערט אויפגעפנט אַן אויסשטעלונג פון די שענסטע און בעסטע יידישע ביכער, עס ווערט איינגעאָרדנט אין משך פון חודש אַ ריי פּראָפּאַגאַנדע-אונטערנעמונגען פאַר דעם יידישן בוך, עס וועלן פאָר-קומען קאָנצערטן פון דעם אייגענעם פּרץ-כאָר, עס וועלן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן וועגן דער ראָלע פון יידיש און דער יידישער ליטע-ראַטור, עס וועט אַרויסגעשטעלט ווערן אַ סטאַטיסטיק „ווער און וואָס מען לייענט" אין דער פּרץ-ביבליאָטעק אין טשאָרטקאָוו פאַר די זיבן יאָר פון איר עקזיסטענץ. עס איז אויך דערקלערט געוואָרן אַן אומזיסטיקער חודש, — מען קאָן לייענען אין פעברואַר ביכער אָן געלט. — הכלל — עס איז אַ גרויסער יום-טוב פונם יידישן בוך אין טשאָרטקאָוו.

עס איז כדאַי צו פאַרצייכענען אָט דעם יום-טוב פון טשאָרטקאָ-ווער פּרץ-פאַריין. אין דער איצטיקער שווערער, געדריקטער צייט איז עס אַ שטיקל נחמה.

איז דאָך דאָס יידישע בוך לעצטנס שטאַרק פאַריתומט, עס פילט זיך אָפּטמאָל אין דעם יידישן לעבן ווי אַ שטיף-קינד, אויף וועלכן קיינער לייגט נישט קיין אַכט. און דאָ קומט אַ יידיש שטעטל און איז זיך מיט דעם בוך אַזוי משמח און מאַכט דערפון אַ גאַנץ וועזן!

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס יידישע לעבן ווערט כסדר פאַרוועלטלעכט, האָט אָבער דאָס יידישע בוך נישט באַוויזן צו פאַר-

נעמען אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער שטוב דאָס אָרט, וואָס עס פאַרנעמט דאָס בוך, די ליטעראַטור ביי אַנדערע פעלקער. די יידישע צייטונג איז דאָך פיל יינגער פון דעם יידישן בוך, — די יידישע צייטונג אין פוילן איז דאָך קוים אַלט דרייסיק יאָר, — און דאָך האָט די יידישע צייטונג דעראָבערט דאָס יידישע הויז, די יידישע משפחה, און דאָס בוך איז נאָך אַלץ ווי איבעריק, איז אַן ענין פאַר געציילטע, פאַר ספּעציעלע ליבהאָבער, וועלכע מען קאָן אין יעדן שטאָט און שטעטל ציילן ממש אויף די פינגער.

אָבער די צייטונג איז דאָך סוף-כל-סוף חיי-שעה און דאָס בוך איז חיי-עולם, — הייסט עס, אַז דער יידישער מענטש לעבט בלויז חיי-שעה, מיטן מאָמענט, מיט דער מינוט. איבערגעלייענט, אָפּגעכאַפּט דאָס ביסל נייעס פון דער יידישער צייטונג, און אַן עק, אַ סוף צו דער גאַנצער שייכות מיט דער יידישער וועלט, מיט דער יידישער קולטור, מיט די יידישע ווערטן און פּראָבלעמען?

יאָ, ליידער, איז דאָ אַ גרינגשאַצונג צום יידישן בוך, צום יידישן ווערק. אין וויפיל יידישע הייזער זענען עס דאָ איצט ביכער-שראַנקען מיט יידישע ביכער? אַמאָל האָט דאָך יעדע יידישע שטוב געהאַט אַ שראַנק מיט ספרים. האָט דער למדן געהאַט ש״ס, ספרי-חקירה, שאלות-תשובות, פּוסקים, חסידישע ספרים, און דער פּראָסטער ייד — די חומשים, אַ חק-לישראל, מחזורים, אָדער גאָר — שמחת-הנפש, מנורת-המאור מיט עברי-טייטש און דעם צאינה-וראינה פאַר דער פרוי און מאַמע. אַמאָל פלעגט מען שיקן דעם חתן אַ מתנה אַ זילבערנעם אָדער גאָלדערנעם זייגער און דערביי אויך אַ זשיטאָמירער, אָדער סלאַוויטער, און שפּעטער — אַ ווילנער ש״ס, איינגעבונדן אין אַ פּראַכט-לעדער-באַנד, וואָס האָט באַשיינט און באַשיינט די יידישע שטוב און געוויזן דעם גראַד פון דער אינטעליגענץ פון דער יידישער שטוב. און וואָס איז געוואָרן פון אָט דער יידישער פיינער טראַדיציע — מיט דער פּיעטעט און אַכטונג פאַר דער ספר?

ביי י. אָפּאַטאָשון אין זיין נייעם בוך „אַ טאָג אין רעגענסבורג און אליהו בחור" איז פאַראַן אַ פּרעכטיק בילד, ווי אליהו בחור קומט צו גיין צום רייכן מענדל ווירמיזער, וועמעס שיפן עס האָבן זיך געטראָגן איבערן מיטללענדישן ים, געפירט סחורות פון אַזיע קיין אייראָפּע. אליהו בחור איז גערופן געוואָרן דורך מענדלס פרוי, די גוטהאַרציקע פעסלין. זי מאַכט חתונה די עלצטע טאָכטער, וויל זי

באַשטעלן ביים „מייסטער״ אליהו בחור פאַר איר טאָכטער „ווייבערישע ספרים״, און י. אָפּאַטאָשו שילדערט, ווי די מוטער און די טאָכטער שמועסן אַרום מיט אליהו בחור, וואָס פאַר אַ זאַכן ער זאָל אַריינ־שרייבן אין דעם סידור און מחזור, וואָס ער דאַרף צוגרייטן פאַר דער יונגער פרוי.

דאָס יידישע לעבן ווערט אַלצמער פאַרוועלטלעכט, און דאָך איז די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע בוך נאָך נישט אַריין אין פלייש און אין בלוט פון דעם היינטיקן ייד. דאָס יידישע בוך איז נאָך נישט קאַנאָניזירט געוואָרן ביי אונז, נאָך נישט אַריין אין דער טראַ־דיציע, אינם נוסח פון אונזער לעבן. אַפילו יידיש טעאַטער איז מער איינגעוואָרצלט געוואָרן אין דער יידישער וועלט, ווי די יידישע ליטע־ראַטור. אַמאָל האָט שלום-עליכם דעראָבערט פאַר זיך דאָס יידישע הויז,—און טאַקע מער קיינער נישט אין אַזאַ מאָס, ווי שלום-עליכם. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וועלכער האָט איין צייט געזוכט פאַרשידענע וועגן מיט זיין יידיש שרייבן צו דערגיין צום האַרץ פון יידישן פאָלק, — האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן מעשה-ביכלעך אין דער פאָרם און סטיל פון די אַמאָליקע פאָפּולערע פאָלקס-ביכלעך. ער האָט אַפילו געפּרוּווט אַרויסצוגעבן אַ ריי העפטן, אָבער דער פּרווו האָט זיך נישט איינגעגעבן.

פאַראַן פאַרצייטיקע הייליקע ווערטער, וואָס זענען שוין אַריין אין דעם היינטיקן טאָג-טעגלעכן געברויך. מיר באַנוצן דאָס וואָרט „ע ב ו ד ה״ פאַר גוטע, איבערגעגעבענע טעאַטער-אויפפירונגען. מיר באַנוצן דאָס וואָרט „ס י ו ם״ פאַר דעם ענדיקן פונם שול-יאָר. אָבער די אַלע וואָכעדיקע טואונגען אונזערע האָבן נאָך אין זיך ווייניק יום-טובדיקייט. פרצעס ווערטער „מיר שבתדיקע, מיר יום-טובדיקע, מיר נשמה-יתירהדיקע יידן״ זענען שוין אַ געגנוג-ביסל פאַרשאַבלאָניזירט, פאַרוואָכעדיקט געוואָרן, און האָבן אָנגעוווירן זייער גלאַנץ, אינהאַלט, זייער נשמה, זיי ווערן געברויכט צו-אָפּט און ביי יעדער געלעגנהייט.

און דערפאַר האָט אַ שלאָג געטון מיט אַ וואַרעמקייט אָט דער ריזיקער גרויסער אַפּיש, וואָס עס איז אָנגעקומען פון טשאָרטקאָוו וועגן די פייערונגען, וואָס מען גייט דאָרט מאַכן צוליבן אַריינברענגען דעם 2.000-סטן יידישן בוך אין דער ביבליאָטעק.

דאָס יידישע שטעטל איז אַזוי דערשלאָגן, אַזוי רויניִרט, און

אַ יום-טוב דאָרט איז גאָר אַ זעלטנקייט. און דאָ גייט אַ פּרץ-פאַריין און פּראָקלאַמירט אַ גאַנצן חודש פייערונגען.

און נישט-נאָר טשאָרטקאָוו מאַכט אַזאַ יום-טוב. אויך פּינסק קומט מיט אַן אָנזאָג פון אַזאַ מין יום-טוב. די פּינסקער ברענער-ביבליאָטעק גייט פייערן דאָס אַריינברענגען פונם 4.000-סטן בוך אין זייער ביבליאָטעק, און ביאַליסטאָקער שלום-עליכם-ביבליאָטעק מאַכט אַ יום-טוב פון אַריינברענגען אין דער ביבליאָטעק דאָס 40.000-סטע בוך.

אויך דאָס פאַריתומטע יידישע בוך האָט זיך דערלעבט צו אַ יום-טוב!

זאָל עס אין אונזער שווערער צייט פאַרצייכנט ווערן!

1935

מיט געמיינזאַמע כּוחות

וווּ האַלטן מיר איצט אין דער וועלט מיט אונזער קולטור-שאַפן אין פּוילן?

מען לעבט צופיל מיטן לויפנדיקן טאָג, און מען באַווייזט נישט אָפּצושטעלן זיך אויף אַ ווײַלע, צו באַטראַכטן ווי ס'דאַרף צו זיין די לאַגע און צו מאַכן די געהעריקע אויספירן.

מען מוז אונטערפירן אַ שטיקל סך-הכּל פון אונזער קולטור-שאַפן אין פּוילן און אָנצייכענען די נאָענטסטע דרינגנדיקסטע אויפגאַבן.

איז טאַקע באמת אין אונזער קולטור-וועלט בלויז קריזיס, קאַטאַסטראָפע, אָדער גאָר באַנקראָט, ווי מען האַלט אין איין באַהויפּטן? די וואָס זאָגן אַזוי, פאַרזעען די וויכטיקע אויפטוען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף די פאַרשידענע געביטן פונם יידישן שאַפן. אמת, אונזערע קולטור-פּאָזיציעס זענען לעצטנס שטאַרק באַדראָט. די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע, דער עקאָנאָמישער חורבן, די געזעלשאַפטלעכע אַפּאַטיע, — אַלץ צוזאַמען האָבן אָנגעמאַכט פאַרוויסטונגען אין אונזערע קולטור-אינסטיטוציעס, הן אין צענטער און הן אויף די ערטער. דאָס יידישע שול וועזן האָט שטאַרקע פאַרלוסטן, די יידישע ביבליאָטעקן געפינען זיך אין אַ קלאָגעדיקן מצב, דאָס יידישע פאַרלאַג-וועזן איז צערודערט, דער יידישער טעאַטער איז פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, דער יידישער שרייבער איז פאַרצווייפלט, דער יידישער פּען-קלוב איז אַפּאַטיש און האָט פאַר זיך קיין שום אידעע נישט, די יידישע פּרעסע שענקט צופיל אָרט פאַר שונד און סענסאַציע. יאָ, אַלץ איז אמת, אָבער דאָך...

אָבער דאָך האָבן מיר צו פאַרצייכענען פאַר די לעצטע יאָרן פיל וויכטיקע אויפטוען און אויך גרויסע געווינסן.

קודם-כּל — מ'איז רייפער און רייכער געוואָרן. אונזערע דיכטער

און שרייבער האָבן אדורכגעמאַכט אַ גרויסן שאַפערישן מהלך און באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט גאָר ווירקזאַמע ווערק.

מיט אַ צען יאָר צוריק האָט געהערשט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ צעפלאָסנקייט, אַן ערבוב-תחומים פון אידעען, אידעאָלאָגיעס און איינשטעלונגען. לעצטנס זענען אָנגעמערקט געוואָרן קלאָרע וועג-און גרענעץ-צייכנס. און זאָל נישט זיין אַזוי גרינג אין אונזערע אויגן די-אָ זעלבסטבאַשטימונג. נישט נאָר די היינטצייטיקע שרייבער זענען געוואָרן אויסגעשפּראָכענער, שטאַנדהאַפטיקער אין זייערע וועלט-אָנשויונגען, נאָר אויך די פריערדיקע, אַמאָליקע שרייבער זענען אין ליכט פון שאַרפער קריטיק, אַדאַנק דעם נייעם צוגאַנג, אויסגעוואַקסן ביי אונז אין די אויגן. און נישט נאָר מענדעלע, פּרץ, שלום-עליכם — אויך אקסענפעלד, ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און נאָך און נאָך שרייבער פונם 19-טן י״ה זענען פאַר אונז ווי פונסניי אַנטפּלעקט געוואָרן. ווער דורכן טעאַטער, ווער דורך דער נייער „איבערשמידונג״ פון אונזערע אויפנעם-מעגלעכקייטן. פאַראַן דאָך צייטן און תקופות, ווען מען איז אויך שטאַרק פאַרנומען מיט איבערשאַצן די פריערדיקע ווערטן. און דאָס איז אַ ווירקזאַמער שאַפונגס-פּראָצעס. נישט ווייניקער ווירקזאַם ווי אַרויסרוקן נייע יונגע דיכטער.

די לעצטע עטלעכע יאָר איז פאָרגעקומען אַ זעלבסטשטענדיקע אינטענסיווע אַרבעט אין די פאַרשידענע נייע ישובים און קיבוצים. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע ערנסטע טעטיקייט פון זעלבסטבאַשטימונג אין אַ ריי לענדער, וואָס זענען געקומען צו אַ ניי לעבן. אין דער ערשטער ריי אין ראַטנפאַרבאַנד: נייע קאָלאָסאַלע, ביזאַהער נישט געדאַכטע מעגלעכקייטן פאַר דעם יידישן שאַפן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. די השפעה אָבער פון דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, שול אויף דעם היגן יידישן קולטור-לעבן איז נישט קיין באַדייטנדיקע. עס האָט פיל צוזאָגן דער תהום, דער פאַקטישער און פסיכאָלאָגישער, וואָס ליגט צווישן זיי און אונז. דערפוןליידן זייער שטאַרק ביידע צדדים, הן זיי און הן מיר. דאָרטן העלפט מען מיט מיט אַלע מיטלען דער צעריסנקייט, דער איזאָלירטקייט, דער פאַרפרעמדקייט. פעלט דעריבער דער לעבעדיקער קאָנטאַקט, וואָס האָט געקענט זיין אַ מזל-ברכה פאַר זיי און פאַר אונז.

עס איז אַ גרויסע עוולה, וואָס מען וויל לחלוטין פאַרזען די געוואַלדיקע שאַפערישע ענערגיע, וועלכע עס פאַרמאָגט דאָס היגע

יידישע לעבן, נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן. עס זענען פֿאַר די לעצטע יאָרן צוגעקומען טאַלענט-פֿולע, פֿעיִקע, און צוזאַגנדיקע דיכטער. מיר האָבן איצט פֿיל אינטערע-סאַנטע און פֿיינע יונגע פּאָעטן, אָבער צוליב דער אַלגעמיינער שווערער סיטואַציע איז יעדער איינער אַ וועלטל פֿאַר זיך. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי יעדער איינער וואָלט אין זיינע אייגענע ד׳ אמות גע-דוכנט זיינע לידער, אָן קאָנטאַקט, אָן פֿאַרבינדונג מיטן צווייטן. און אויך אָן פֿאַרבינדונג, אָן קאָנטאַקט מיטן לייענער. מען האָט שוין פֿיל גערעדט וועגן דער קעגנזייטיקער אַנטווישונג, וואָס עס הערשט ביי אונז צווישן שרייבער און לעזער,—נישט מען ווירקט און נישט מ׳ווערט באַווירקט איינער פֿון אַנדערן. און אָפּטמאָל קומט אויס, ווי אַ גרויסער אָרקעסטער, פֿאַרשיידענע שפּילער האַלטן אין איין אָנשטעלן זייערע אינסטרומענטן. קיין געמיינזאַם קאָלעקטיוו האַרמאָניש שפּילן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ פֿירנדיקער אידעע איז נישטאָ. אַמאָל דוכט זיך, ווי יעדער איינער פֿון די דיכטער וואָלט געשטאַנען ווי יענער זעלנער ביים טויטן טעלעפֿאָן ביי בערגעלסאָנען אין דער דערציילונג. ער קלאַפּט אינם אַפּאַראַט, ער וויל פֿילן פֿאַרבינדונג מיט זיין טייל, וואָס איז ערגעץ אויפֿן פֿראָנט, נאָר ער רעדט ווי צו דער וואַנט...

און ס׳איז אינטערעסאַנט צו שטעלן אַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס איז איצט אַזאַ צופֿלוס פֿון נייע יונגע, באַגאַבטע דיכטער, און אַזאַ מאַנגל אין יונגע נאָוועליסטן און עסייאיסטן? משמעות, ס׳איז דאָ באַדן און באַדינגונגען פֿאַר דיכטונג, פֿאַר שטימונגען, פֿאַר מאָטיוון, פֿאַר מאָ-מענטאַלע זעעלישע און זעערישע באַטראַכטונגען, נאָר ס׳איז נישטאָ קיין אַטמאָספֿער פֿאַר הרחבת-הדעתדיקער, שאַפֿערישער טעטיקייט, פֿאַר עפּישע פֿאַרגעשטאַלטיקונגען. די פֿאַרצווייפֿלונג רופֿט אַרויס קורצע דיכטערישע שורהלעך און פֿערזן, און זי איז נישט בכוח צו גע-בוירן לאַנגאָטעמדיקע שילדערונגען.

עס דערשיינען פֿון צייט צו צייט ביכער, אָבער זיי ווערן גע-בוירן ווי על פּי נס, — זיי וואָלטן יאָ געקאָנט דערשיינען און נישט. נישט מ׳האָט אויף זיי געוואַרט און נישט זיי זענען אַזוי שטאַרק אָנ-געלייגט, ווען זיי זענען געקומען. נישטאָ עפּעס קיין אמתער פּאַטאָס פֿון שאַפֿן ביי אַ טייל פֿון אונזערע קינסטלער.

אַזוי זעט אויס אין אַלגעמיין אונזער שאַפֿנדיקע וועלט פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. אָבער ס׳איז קיין ספֿק נישט, אַז סיי די טיף-

אינעווייניקסטע סיבות און סיי די אויסנווייניקסטע, לאָזן זיך באַקעמפן און מוזן באַקעמפט ווערן.

און דאָס איז איצט דאָס געבאָט פון דער שעה.

מיר מערקן סיי אין צענטער, סיי אויף די ערטער אַ דראַנג אַרויסצורייסן זיך פונם הינערפלעט. די צעשפּליטערטקייט, די צעריסנקייט, דאָס שטענדיקע באַקעמפן זיך צווישן די ריכטונגען האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן דער פאַרוויסטונג, וואָס הערשט אויף דער יידישער קולטור-גאַס. ס'איז גרינגער געווען צו באַקעמפן די אַלע יידישע קולטור-אינסטיטוציעס, ווען הינטער זיי איז נישט געווען קיין פעסטער געשלאָסענער פראָנט. דער קעגנזייטיקער אינער-לעכער קאַמף האָט נישט-ווילנדיק מיטגעהאָלפן דעם אַלגעמיינעם קולטור-חורבן. און דאָס האָט מען סוף-כל-סוף דערזען און דערשפּירט. עס איז כלל קיין צופאַל נישט, וואָס כמעט אין איין צייט איז אַרויסגעשוווּמען דער פּראָיעקט פון אַ יידיש-ליגע און פון אַ געמיינזאַמען קולטור-פאַרבאַנד. פון פאַרשיידענע זייטן קומט איצט אַ שטאַרקער דראַנג צו קאָנסאָלידירן די פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע קולטור-כוחות אויף דער יידישער גאַס. אין דער ווענדונג פון אַ ריי שרייבער און וויסנשאַפטלער צום ייוואָ-צוזאַמענפאָר איז אין אַ מטושטשער פאָרם, אָבער מיט גאַנץ קלאָרע כוונות געווען אויסגעדריקט דער ווילן צונויפצוזאַמלען די בעסטע און אויפריכטיקסטע טוער פון דער יידישער ליטעראַטור, טעאַטער, וויסנשאַפט, כדי צו פאַרטיידיקן די יידישע מאַסן-קולטור אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען.

אַט דער ווילן צו שאַפן אַ געמיינזאַמען קולטור-פאַרבאַנד דרינגט איצט אַרויס פון פאַרשידענע זייטן, און ער מוז געפינען באַגייסטערונג ביי אַלע אויפריכטיקסטע פריינד פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און ביי אַלע פּראָגרעסיווע כוחות. אַט דער דראַנג דאַרף אויך סטימולירן די שאַפערישע כוחות, — די דיכטער, קינסטלער, שוישפּילער — פאַר אַ נייער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט און פאַר אַ נייעם פּאַטאָס אין שאַפן.

אַ סוף צו דער צעשפּליטערונג, אַ סוף צו דער צעפלאָסנקייט, צו דער אַפּאַטיע.

מיט געמיינזאַמע כוחות, מיט אַ נייעם ברען צו דער אַרבעט — צו שיצן און באַשיצן די דעראָבערטע קולטור-פּאָזיציעס אויף דער יידישער קולטור-גאַס אין אַלע לענדער.

1935

אַ סוף צום מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס!

דער יידישער שרייבער און קולטור־טוער אין פּוילן (און אויך אין די אַלע אַנדערע „גלות״־לענדער, ווי אַמעריקע, רומעניע, אַרגענטינע, ליטע א. אַ.) ליידט זינט יאָרן אויף אַן ערנסטן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. און עס איז קיין חידוש נישט: פון צוויי פאַרשיידענע זייטן (פון ארץ־ישראל און פון ראַטנפאַרבאַנד, און אויך פון זייערע אָנהענגער דאָ אויף די ערטער) ווערט כסדר, אויף באַזונדערע אופנים געפירט אַ סיסטעמאַטישע, ברייט־פאַרצווייגטע און עקשנותדיקע אַרבעט צו פאַראומווירדיקן און צו דערנידעריקן אָס אַלץ, וואָס עס ווערט דאָ מיט אַזוי פיל מי געטון און געשאַפן. פאַר די ביידע דערמאָנטע וועלטן און וועלט־אָנשויונגען זענען מיר דאָ אַלע פאַרמשפּט צום טויט, צום אונטערגאַנג. און וואָס פאַר אַ האַפט און אויסזען קאָן שוין האָבן דאָס שאַפן און די טאַטן פון די, וואָס שטייען אויפן ראַנד פון אָפּגרונט? נאָך צוריק מיט אַ צען יאָר, אין דער צייט פון גאַנג העפטיקן קאַמף צווישן די דריי ליטעראַרישע הויפּט־צענטרען — פּוילן, אַמעריקע און ראַטנפאַרבאַנד — פאַר דער העגעמאָניע אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט מען אין באַשטימטע קרייזן געהאַט אָפּגעמאַכט: די פאַרגאַנגנהייט געהערט צו פּוילן, די קעגנוואַרט געהערט נאָך צו אַמעריקע, אָבער די צוקונפט געהערט שוין אינגאַנצן צו ראַטנפאַרבאַנד. הייסט עס, אַז דאָס יידישע פּוילן (און ממילא אויך רומעניע, ליטע א. אַ.) איז שוין נישט בכוח מער צו פּראָדוצירן און צו שאַפן. און דער פּועל־יוצא דערפון? אַלץ וואָס מען טוט דאָ, איז געבויט אויף זאַמד, דאָס מינדעסטע ווינטל וועט עס אַוועקרייסן, און קיין שפּור וועט נישט בלייבן.

די־אָ פּראָפּאַגאַנדע פון די „גלות״־פאַרניינער (הן פון רעכטס, און הן פון לינקס) איז געפירט געוואָרן זייער אויסגערעכנט. עס איז דערקלערט געוואָרן אַ קאַמף די אַלע אָרטיקע פּאָזיטיווע אַרבעטן, וואָס

שאַפן ביי די מאַסן „אילוזיעס“ און ציען אַזוי־אַרום אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עיקר־העיקרים. און עס איז טשעקאַווע, ווי דיביידע ווידערשפּרעכנדיקע וועלט־אָנשויונגען — ציוניזם און קאָמוניזם, און איצט קומט־צו צו זיי די אַלט־נייע „פריילאַנד“־באַוועגונג — זענען געווען נאָענט מיט זייער נעגאַטיווער און פיינטלעכער באַציונג צו די באַמיונגען אויפצושטעלן דאָ אויף די ערטער קולטור־אינסטיטוציעס, און מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט, יעדער אויף זיין שטייגער און לויט זיין אידעען־קאָנצעפּציע, צו דיסקרעדיטירן זיי, און צו דערווייזן זייער נישטיקייט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס שאַפט זיך „דאָרט“ (ביי איינע איז דער „דאָרט“ — ארץ־ישראל, ביי די אַנדערע — ראַטנפאַרבאַנד, און לעצטנס ביי די פריילאַנדיסטן — „דאָרט“ — אינם צוקונפטיקן פריילאַנד).

ס'איז איבעריק איבערצוחזרן דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט און געשריבן געוואָרן קעגן די, וואָס אַרבעטן דאָ אויף די ערטער. עס האָט זיך געשאַפן ביי די „גלות“־קעגנער פון די ביידע לאַגערן צוויי מאָסן: אַלץ, וואָס ווערט געטון דאָרט, איז שיין, וויכטיק, שטאַנדהאַפטיק, און אַלדאָס, וואָס ווערט געשאַפן דאָ, אין „חוץ־לארץ“, איז נישטיק, באָדנלאָז, קקיון דיונה, וואָס הײַנט בליט עס און מאָרגן וועלקט עס.

אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ“, וואָס עס גיט אַרויס די קאָמוניסטישע אַקאַדעמיע אין מאָסקווע, אין דער אָפּהאַנדלונג „יעווריעיסקאַיאַ ליטעראַטוראַ“, איז גאַנץ קלאָר און שאַרף דערקלערט: „די רעוואָלוציע (די אָקטאָבערישע — נ. מ.) האָט צעטיילט אויף צוויי לאַגערן די יידישע ליטעראַטור — פ. ס. ס. ר. און די בורשואַזע לענדער: אין דער צייט, וואָס די ערשטע האַלט כסדר אין איין וואַקסן, קומט פאָר אין דער אַנדערער אַן אומפאַרמיידלעכער דעגראַדירונג־פּראָצעס. און ווי די ליטעראַטור, אַזוי אויך די אַלע יידישע קינסטלער, וואָס לעבן און שאַפן מחוץ דעם ראַטנפאַרבאַנד, — זיי אַלע מיט זייערע ווערק קייקלען זיך כסדר באַרג־אַראָפּ און פאַלן אין די אָרעמס פון פאַשיזם און סאָציאַל־פאַשיזם...“

אָט דער טויט־אורטייל אויף די יידישע בויער און שאַפער אין די „גלות“־לענדער הענגט זינט יאָרן, און עס האָט זיך נישט ווילנדיק איינגעקריצט אין זייערע געהירן דאָס שטענדיקע נאָכשרייען: „מתים, אין אייער רו אַריין!“ דער עמפינדלעכער יידישער שרייבער, און

בעיקר דער, וואָס האָט זיך באַצויגן געוויסנהאַפט צו זיין שאַפן און געווען וואַך צו דער צייט און אירע טיפע ווייען, האָט זיך געפילט געטראָפן פון אָט דער אַכזריותדיקער באַציונג. אַלע זוכענישן און דערגרייכונגען פון די היגע יידישע שרייבער זענען דאָרט אין ראַטנ־פאַרבאַנד און אויך צווישן די סימפּאַטיקעה פון ראַטנפאַרבאַנד מחוצן לאַנד, פאַרשוויגן אָדער פאַרשריגן געוואָרן. ס'איז גענוג צו דער־מאָנען זיך, מיט וואָס פאַר אַ חוזק און ביטול מ'האָט אויפגענומען אויך די ווערק פון אָפּאַטאָשו, הירשביין, לייוויק, לעיעלעס, ק. מאָלאָדאָווסקי און פון פיל אַנדערע קינסטלער, — אַפילו סימפּאַטיקער פונם ראַטנ־פאַרבאַנד! און ווי די אויפריכטיקע און ערנסטע שרייבער האָבן נישט געפּרוווט זיך צו ווערן, האָט עס אויף זיי דאָך שטאַרק געווירקט. ביי אַזאַ מין צושטאַנד, ווען סיי די אַרומיקע סביבה און סיי דער קינסטלער ווערן כסדר דעגראַדירט, האָט זיך געמוזט שאַפן אַ שווערע פאַר־צווייפלטע שטימונג: פון וואָס איז פאַראַן דאָ וואָס צו שאַפן, און ווער קאָן דאָ עפּעס שאַפן?

אַלעקסאַנדער בלאָק האָט אַמאָל געשריבן: „כדי צו שילדערן אַ מענטש, דאַרף מען אים ליב האָבן, דערקענען אים". און ווי קאָן מען דען ערנסט שילדערן דאָס אַרומיקע לעבן און אַפילו זיך אַליין, ווען מ'האָט אָן אויפהער געפּריידיקט, מ'זאָל דאָס אַרומיקע לעבן און זיך גופא בלויז פיינט האָבן? ווי קאָן מען ווערן געטריבן צום פריידיקן שאַפן, ווען מ'האָט דעם אַרוט געהאַלטן אין איין פאַרמיאוסן? און ווי האָט געקאָנט געמאָלט זיין עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט „דאָרט", ווען מ'האָט פון יענער זייט געהאַלטן אין איין אָפּשטויסן, דערווייטערן און פאַראומווירדיקן? אָט די שנאה און פאַראַכטונג האָט מען אויך כסדר געזייט צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן-לעזער.

איך וויל דאָ זיך נישט אָפּשטעלן אויף דעם, צי זענען טאַקע באמת מינדערווערטיק די אַלע קינסטלער און זייערע ווערק, וועלכע זענען געשאַפן אין די לענדער, אויסער „דאָרט"? מען קאָן זאָגן מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט, אַז פאַר די לעצטע 15 יאָר זענען אין פוילן און אין אַנדערע לענדער געשאַפן געוואָרן פיל ערנסטע און אינטערעסאַנטע ווערק, וואָס וועלן פאַרבלייבן וויכטיקע ווערטן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַוודאי זענען „דאָרט" די אַלגעמיינע באַדינגונגען, דער צושטאַנד פונם יידישן שרייבער און די אַרויסגעבערישע מעגלעכ־קייטן אין פיל היגזיכטן גינסטיקער פאַר דעם וווקס פון דער יידישער

ליטעראַטור. אָבער אויב מיר ווילן גיין פֿאַרגלײַכן די קינסטלערישע דערגרייכונגען פֿון דעם יידישן שרײַבער דאָרט און דאָ, בין איך זיכער, אַז אונזערע קינסטלער וועלן מיט זייער ווערק כּלל און כּלל נישט בלײַבן הינטערשטעליק. דאָס אָבער איז אַ פֿראַגע, וואָס מען מוז זי באַזונדער און אויספֿירלעכער באַהאַנדלען.

עס איז איצט נויטיק צו זאָגן אָט וואָס:

אונזער יידישער שרײַבער מוז באַקעמפֿן אין זיך דעם מינדערווערטיקייטס-געפֿיל, וואָס פֿרעסט אים, כּדי ער זאָל מסוגל זײַן צו שאַפֿן ערנסטע דערמוטיקונג-ווערק. און גראָד איצט, ווען מיר ווילן מאָביליזירן די פּראָגרעסיווע שאַפֿונגס-כּוחות אין אַ געמיינזאַמען פֿאַרבאַנד קעגן די באַדראָטע קולטור-פּאָזיציעס, דאַרף אין דער ערשטער ריי אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער אַרבעט דער ערנסטער, אויפֿריכטיקער שרײַבער און ווערן דערמונטערט און דערמוטיקט צו שאַפֿן אין גייסט און אין דער ריכטונג, וואָס עס ווערט אָנגעצייכנט דורך די מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע גייסטער. דערצו איז אויך נויטיק, אַז עס זאָל זיך ענדערן די ביטול-באַציונג מצד דעם בעסערן מאַסן-לייענער צום היגן ערנסטן שרײַבער און צו זײַן שאַפֿן.

די יידישע ליטעראַטור איז אַ ביז גאָר וויכטיקע קולטור-פּאָזיציע אין די אַלע לענדער, און זי קאָן עס ווערן, — אויב דער יידישער שרײַבער וועט אַדורכגעדרינגען ווערן פֿון פֿאַראַנטוואָרטונגס-געפֿיל, און דאָס וועט מעגלעך זײַן דאַן, ווען ער וועט זיך באַפֿרייען פֿון דעם מינדערווערטיקייט-קאָמפּלעקס, וועלכער באַהערשט אים די גאַנצע צייט.

1935

מענטש און קינסטלער

צי איז דער קינסטלער אַ פרייער פויגל, וואָס זינגט זיך און קאָן זיך זינגען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין און דאַרף נישט טראָגן קיין אַחריות פאַר זיין זינגען? אָדער פאַרקערט, דער קינסטלער איז אַ מענטש און בירגער פון דער געזעלשאַפט, אַ מענטש און בירגער פון זיין תקופה און ער איז מחויב צו טראָגן אויף זיך די זאָרגן און לאַסטן פון דער צייט?

דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער קונסט, און די־אָ פראַגע מוזן מיר כסדר שטעלן די קינסטלער, הן פון אַמאָל און הן פון איצט. דאָס איז אויך אָן שום ספק אַ וויכטיקער פּראָ־בּיר־שטיין פאַר אַ קינסטלער, — ווען מיר ווילן פרעגן און ענטפערן — וואָס דער קינסטלער איז בכלל און וואָס ער איז פאַר אונז, פאַר די לייענער.

געווען צייטן, ווען קינסטלער האָבן זיך געגרויסט מיט זייער שוועבן אין „הויכע עולמות״ און זיך געצאַצקעט דערמיט, וואָס זיי גייט גאָרנישט אָן, וואָס עס טוט זיך אויף דער נידעריקער און נישטיקער ערד. אָט די קינסטלער האָבן זיך פאַרקליבן אין זייערע העלפאַנט־ביין־טורעמס און דאָרט פאָרגעזעצט אַ לעבן אַן אויסגעטרוימטס, וואָס האָט ווייניק שייכות צו דעםווירקלעכן לעבן. און עס זענען געווען, ווי צוויי באַזונדערע רשויות, צוויי גאַנץ־אָפּגעטיילטע וועלטן, — איין וועלט די ממשותדיקע און די צווייטע — די אויסגעדיכטעטע. באַזונדערס איז עס געשען אין צייטן פון רעאַקציע, פון אַנטוישונג, פון רעפּרעסיע. נאָך שווערע קלעפּ פון דעם „גורל״, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז פאַרלוירן און אַז עס איז שוין קיין תקומה און האָפענונג נישטאָ פאַר בעסערע צייטן, — דאַן איז פאַראַן איין אויסוועג — וואָס־ווייטער צו אַנטלויפן פונם לעבן, פון מענטשן, און וואָס־שטאַרקער צו פאַרגעסן און מבטל צו זיין דאָס רעאַלע, דאָס ווירק־

לעכע. וואָס־טיפער פאַרגראָבן זיך אין אייגענע טיפקייטן, כדי נישט אַרויסצוזען דאָס דרויסנדיקע. דאָס טרעפט אויך זייער אָפט ביי קינסטלער פון אונטערגעדריקטע פעלקער, ווען צעבראָכענע, אַנטוישטע, פאַרלירן זיי דעם מוט און עס בלייבט זיי מער נישט איבער, ווי אָפּרוקן זיך פון דעם רעאַלן לעבן און איבערגעבן זיך פאַנטאַסטישע, מיסטישע שטימונגען. קאָן מען נישט די וועלט באַזיגן, דאַן בלייבט איבער זי מבטל צו זיין, אָדער צו שאַפן אַ צווייטע נישט־רעאַלע וועלט.

עס איז אינטערעסאַנט אַן אויסצוג פון ראָמען ראָלאַנס לעצטן בריוו וועגן דער שטימונג, וואָס עס האָט באַהערשט אַמאָל, צוריק מיט אַ 50—60 יאָר, פראַנקרייך און די פראַנצויזישע קינסטלער. ער שרייבט וועגן זיינע גאָר ערשטע שאַפונג־יאָרן: „איך בין אַרויס פון אָט דער באַזיגטער פראַנקרייך, — צוויי מאָל באַזיגט, אי אין דער מלחמה, אי אין דער רעוואָלוציע — פראַנקרייך, וועלכע האָט אין משך פון מיין גאַנצער קינדהייט און יוגנט־יאָרן זיך געבויגן אונטער דער שווערער לאַסט פון פעסימיזם. דער שטעמפּל פון דער דאָזיקער עפּאָכע איז לאַנג געלעגן אויף דער פראַנצויזישער אינטעליגענץ, בלויז אין דער סקעפּטישער איראָניע האָט זי געפונען פאַר זיך אַ מקום־מקלט...“

אמת איז, אַז אויך אָט די דערשלאָגנקייט און רעפּרעסיע האָט אָפטמאָל געדינט אַלס אַ קוואַל פאַר אַ רייכן און פּראָדוקטיוון שאַפן. „וואָס־פינסטערער די נאַכט, אַלץ־העלער לויכטן די שטערן“, — זינגט זיך ערגעץ אין אַ רוסישן ליד. און וואָס־טיפער דער ווייטיק, די ליידן ביי גרויסע קינסטלער, אַלץ־שטאַרקער זינגט אַרויס פון זיי דער גלויבן. אָבער דער איינציקער תנאי איז — דער קינסטלער מוז זיין געקניפּט און געבונדן מיטן לעבן און, ווי מ'זאָגט אויפן הייניקן לשון, שטיין שטענדיק מיטן פנים צום לעבן, צום לעבעדיקן מענטש. און קודם־כל — דער קינסטלער דאַרף טראָגן אחריות פאַרן מענטשלעכן אין זיך גופא.

ווען מיר קוקן זיך צו צו דער ליטעראַטור, צו די וויכטיקסטע פאָרשטייער אירע, — סיי די נישט־יידישע, סיי די יידישע, — קומען מיר צו אַזאַ אויספיר: וואָס־גרעסער דער מענטש איז אינם קינסטלער, אַלץ־גרעסער איז דער קינסטלער גופא. עס איז אַ פאַלשע איינרעדעניש, אַז עפּעס אַ „געהיימע האַנט“ פירט אַן מיטן קינסטלער, עפּעס אַ נישט־ערדישע מאַכט. ווי אין דער לעגענדע, אַז מלאכים קומען ביינאַכט און לערנען אויס שבע־חכמות און שבעים־לשונות... מען

קען נישט דערהויבן ווערן צו העכערע מדרגות בלויז דורך „רוח־הקודש". ניין, מען קאָן נישט שאַפן קיין „יש־מאין", — פון דעם „אַין", פון דער גאָרנישט וועט קיינמאָל נישט געשאַפן ווערן קיין „יש", קיין וויכטיקע ווערטן. עס איז בשום־אופן נישט מעגלעך קיין גרויסער קינסטלער אָן דעם גרויסן מענטש.

פרץ האָט אַמאָל פאַנאַנדערגעטיילט שרייבער אויף קינסטלער און דיכטער. דער קינסטלער מאָלט זיך גלאַט אַזוי, שילדערט זיך זאַכן געוועזענע, געהערטע, — און גאָרנישט. דער דיכטער אָבער קלע־טערט אויף הויכע בערג־שפּיצן, ברעכט אָפּטמאָל האַלז און נאַקן און ווערט נישט מיד ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו קלעטערן, כּדי אויפצוהויבן זיך נאָך העכער. דער קינסטלער איז גלייכגילטיק, נייטראַל צו דעם לעבן, וואָס ער שילדערט, דער דיכטער שרייבט מיט האַרץ, מיט נשמה, מיט שטאַרקער פאַראינטערעסירונג און צוגעבונדנקייט.

איך וואָלט געגאַנגען נאָך ווייטער אין כאַראַקטעריזירן דעם ערשטן און דעם צווייטן סוג שרייבער. איך מיין, אַז עס קומט צו נאָך אַ וויכטיקער פּרט: דער שרייבער, וועלכער איז מענטש, פּערזענ־לעכקייט, דער־אָ שרייבער לייגט אַריין „אין קאָן" אויך זיך פּערזענלעך, זיין גאַנצן מהות. ער שאַפט לויט דער אייגענער געשטאַלט, און די ווערק זענען שפּליטערס פון זיין אייגענעם „איך", פלייש פון זיין פלייש און בלוט פון זיין בלוט. עס איז נישט נאָר אין דעם, וואָס אַזעלכע ווערק זענען סוביעקטיווע. אָפּטמאָל קאָן אַזאַ מין שרייבער אָביעקטיוויזירן געשעענישן, פּאַסירונגען, איבערלעבענישן אייגענע און פרעמדע. אָבער די מעשה איז, וואָס דאָס ווערק איז דער שפּיגל פון דעם־אָ שרייבער, דער אויסדרוק פון זיין אינעווייניקסטער וועלט. די דאָזיקע שרייבער־פּערזענלעכקייטן וואַקסן כּסדר מיט זייערע ווערק, און עס איז שווער אָפּצוטיילן די ווערק פון זיי, און זיי פון די ווערק.

אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר פיל ביישפּילן פון גלאַט שרייבער, פון שרייבער, וואָס שרייבן אַזוי זיך, ווייל זיי קאָנען די מלאכה פון שרייבעריי, ווי אַ גוטער פידלער (און נישט קיין גרויסער קינסטלער־פּערזענלעכקייט) שפּילט גוט אָפּ פאַרשי־דענע מוזיקאַלישע שאַפונגען אָן אייגענער, אינטימער באַציונג צו די געשפּילטע זאַכן. אַזעלכע ווערק פון גלאַט שיין־שרייבער קאָנען גע־לייענט ווערן אָפּט זייער פיל, אָבער ווייטער פונם לייענען גייט עס נישט. הינטער די־אָ ווערק שטייט נישט דער מענטש, די פּערזענלעכקייט,

און דע׳ לייענער ווייזט נישט אַרויס קיין אינטערעס זיי צו קענען און זיי צו וויסן.

ביישפּילן קאָן מען ברענגען אַסך, און יעדער איינער, וואָס וועט זיך אַריינטראַכטן אין דעם, וועט קאָנען זיי ברענגען אָן אַ שיעור. די־אָ סתם־ווערק זענען פיל מער אין דער צאָל אין יעדער ליטעראַטור און אויך אין דער יידישער, ווי אמתדיקע, עכטע ווערק, וואָס ווערן נישט סתם געשריבן, נאָר אויסגעוויטיקט און אויסגעפיבערט פון דעם שרייבער־פּערזענלעכקייט.

די עכטע ווערק פון דעם עכטן קינסטלער ווערן נישט געשריבן, נאָר געשאַפן. דער שרייבער איז אַ שאַפער. עס איז דאָ אַ גרויסער מהלך פון שרייבעריי ביז שאַפן. דאָס שרייבעריי האָט איר שאַבלאָן, עס שיידט זיך פיל נישט אָפּ איין בוך פונם צווייטן, וועלכע די גלאַט־שרייבער לאָזן אַרויס פון זייער, אָפטמאָל פלינקער פעדער. אַזעלכע ווערק קומען אָן חבלי־לידה, מען שוואַנגערט גאָר מיט זיי נישט. איינס און צוויי — און פאַרטיק אַ בוך.

גאָר אַנדערש איז מיט די ווערק, וואָס גרויסע שרייבער־פּערזענלעכקייטן שאַפן. עס וואַקסן כוחות, עס וואַקסן גאַנצע שיכטן פון לעבנס־שטייגער, פון פאָלקס פריידן און ליידן, און דער שרייבער־פּערזענלעכקייט נעמט עס אַלץ אויף מיט זיין עמפינדלעך האַרץ, ער פורעמט עס אויס אין זיין „בית־היוצר". די־אָ ווערק זענען ווי רינגען אין דער גאָלדערנער קייט פונם שאַפן פון דער פערזענלעקייט, וואָס איז אויך איינגאַנצן גענומען אַ גרויס ווערק פון דער צייט, פון דעם דור, פון דעם פאָלק. דערנאָך ווערן אָט די ווערק אויך וויכטיקע ווערטן פונם פאָלק. עס איז נישט קענטיק אַפילו, ווי אַרום די ווערק ווערן גלייך „אומבאַוועגלעכע גיטער" פונם פאָלק.

איינמאָל פאַר אַלעמאָל — גרויסע קונסט־ווערק ווערן געשאַפן דורך גרויסע קינסטלער־פּערזענלעכקייטן. און וואָס־גרעסער דער שרייבער איז מיט זיין מענטשלעכקייט, אַלץ־גרעסער איז דאָס ווערק, און אַלץ־מער קען עס ברענגען גליק, פרייד, רייכקייט דער מענטשהייט.

מיר דאַרפן נישט מיד ווערן צו זוכן און צו פאַרלאַנגען אין קונסט, ביים קינסטלער דעם מענטש, די פּערזענלעכקייט.

1926

וואָס פאַרלאַנגען מיר פונם יידישן שרייבער?*)

וואָס מיר פאַרלאַנגען פונם יידישן שרייבער?

קודם-כל — פאַרלאַנגען מיר! עס מוז נעמען אַ סוף צו דער מהיכי-תּיתידיקייט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעפרעסן אינם שרייבערישן אָרגאַניזם און צו דעם „קלוגעטשקן" ציניזם, וואָס איז אַ דירעקטער פועל-יוצא פון דעם „לאָז-מיך גענאַך". מיר פאַרלאַנגען פונם שרייבער פאַראַנטוואָרטונג פאַר זיין שרייבן, פאַראַנטוואָרטונג פאַר זיינע טאַטן. ביי אונז האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט דער פּרינציפּ פון פּרינציפּלאָזיקייט, און מען האָט זיך דערמיט געגרייסט און שטאָלצירט. האָט איינער אַ שרייבער זיך באַרימט, אַז זיין גאַנץ לעבן גייט ער נישט אויף דער טומלדיקער זייט פון דער גאַס, נאָר בלויז אויף דעם ליידיקן טראָטואַר. דערמיט, זאָגט ער, איז ער באַוואָרנט, אַז די זייטן בלייבן ביי אים גאַנץ... און וויבאַלד דער שרייבער איז אַזוי באַוווּסטזיניק אַוועק פונם לעבן, האָט דאָס לעבן זיך שטאַרק נוקם געווען אין אים. עס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן... הינטן צו אים. דער שרייבער האָט אַ לענגערע צייט געמאַכט כסדר הקפות אַרום זיך, האָט זיך אים לסוף דער קאָפּ פאַרדרייט. מיט דעם ביסל אייגענע פרייד אָדער אומעט, וואָס מ'האָט מעשה-קמצן אויפגעקליבן ביי זיך אין די קעמערלעך, קאָן מען ווייט נישט אַוועק. און מיר זענען דאָך עדות, ווי פיל שרייבער, פעיִקע און צוזאָגנדיקע, האָבן גאָר גיך ביי אונז זיך אויסגעשריבן, געבליבן לער און ליידיק, און האַלטן אין איין מעלה-גירהן פריערדיקן, לאַנג-אויסגענוצטן שטאָף. ווייל וויפל קאָן מען עס אַלץ זיין פאַרנומען בלויז מיט זיך, אַ ר ו ם זיך, פון זיך און צ ו זיך? ליטעראַטור — איז פיל מער ווי בלויז ליטעראַטור. עס איז פאַלש

---

*) רעדע, געהאַלטן אויף דער קאָלעקטיווער אַרויסטרעטונג אינם וואַרשעווער ליטעראַטן-פאַריין דעם 8-טן יאַנואַר 1936

דאָס איינרעדעניש, אַז מען קאָן שאַפן אַ יש־מאין, עפּעס וויכטיקס פון גאָר־גאָרנישט. פאַר יעדן געשאַפענעם ווערק מוזן קומען ווערטן, מוז קומען מאַסן־ענערגיע. און אויב אַ קינסטלער לייקנט עס, — איז ער קיין קינסטלער נישט, אָדער ער זאָגט ליגן. וואָס גרעסער דער קינסטלער, אַלץ מער פאַרבראַוכט ער פאַר זיינע ווערק אָנגעזאַמלטן שטאָף, און אָפטמאָל — פון גאַנצע דורות און גאַנצע תקופות. דער קינסטלער איז דער שותף צו די מעשה־בראשית פונם אַרומיקן לעבן. עס איז גוט, ווען ער קען שעפּן פולע הויפנס פון דעם לעבעדיקן קוואַל פונם לעבן. מענדעלע, וועלכן מיר פייערן איצט אומעטום, האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז די „גלופּסקער האָבן אים געדינט פאַר אַ קרענעצע צו זיינע מעשיות". יעדער עכטער און אויפריכטיקער קינסטלער דאַרף זיך פאַרבינדן מיט די מאַסן, מיט זייער לעבן, מיט זייערע גראַנגלעבנישן, מיט זייערע זאָרגן און פריידן, און דאָס אַלץ אויפנעמען אין זיך און געבן דעם אַ קינסטלערישן אויסדרוק.

די יידישע ליטעראַטור אויף דער יידישער שפּראַך איז אין איר תוך, אין איר מהות געווען אַ מאַסן־קולטור. זי איז געווען אַן אויסדרוק פונם דראַנג פון די מאַסן זיך פולער אויסצולעבן. זי איז געווען לויט איר שורש אַ מאַסן־ליטעראַטור. דער גאַנג פון די מאַסן אין דער פריי — דאָס איז געווען אַ לענגערע צייט דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור, איר אינטענץ. דער גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אירע פאַרשיידענע תקופות. סיי פריער, ווען זי איז געווען בלויז אַ ליטעראַטור פאַר די מאַסן, און נאָך מער און שאַרפער, ווען זי איז געוואָרן אַ ליטעראַטור פון די מאַסן. קעגן דעם תלמיד־חכם, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך אַ געוואַלדיק־רייכע און איבערפליסנדיקע קולטור אין לשון־קודש און דערנאָך אין העברעיש, איז אויפגעקומען דער מאַסן־מענטש, דער „עם־הארץ", וועלכער איז געזעסן לכתחילה ביי דער זייט פון דעם למדנישן טיש און מיט אַ צוגעבויגענעם אויער געוואַלט אויפכאַפּן עפּעס אַ וואָרט אויף דער שפּראַך, וואָס איז אים פאַרשטענדלעך, ביז דער „עם־הארץ" האָט גענומען שאַפן פאַר זיך אַליין אַן אייגענע ליטעראַטור, אויף זיין שפּראַך. די יידישע ליטעראַטור האָט צוגעקראָגן נייע שאַפער יעדעס מאָל, ווען עס איז געווען אַ מאַסן־אויפברויז. יעדער שטורם האָט מיטגעבראַכט אויף זיינע כוואַליעס נייע שטראָמען יידישע קינסטלער פון די סאַמע טיפענישן פון דעם פאָלק. אַזוי איז געווען אין די 80־ער יאָרן, אַזוי אין די רעוואָלוציע־יאָרן פון

1906-1905, און נאָכמער — בעת דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָ־לוציע פון 1917. און אַזוי אויך אין די אַלע נייע יידישע קיבוצים — ווי פאַראייניקטע שטאַטן, דרום-אַמעריקע א. א. יעדע מאַסן-עמיגראַציע ברענגט מיט זיך אַן אויפשטייג אין דער דאָרטיקער יידישער ליטע-ראַטור און קולטור-לעבן, און דערביי אויך אַ צופלוס פון נייע שאַ-פערישע כוחות. הקיצור, די יידישע ליטעראַטור קומט-אויף און צעבליט זיך דאָרט, ווו עס איז דאָ אַן אַקטיוו און פראָדוקטיוו מאַסן-לעבן.

די יידישע ליטעראַטור איז אַ פועל-יוצא פון דעם מאַסן-לעבן און גלייכצייטיק האָט זי אויסצופילן אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע שליחות, אַרויסצוברענגען דאָס לעבן אין זיין ליכט און שאָטן, צו שילדערן די געשטאַלטן, וואָס ווירקן צום גוטן און צום שלעכטן, אונ-טערצושטרייכן דאָס לעכערלעכע און נישטיקע, כדי אָפצושוואַכן זייער השפעה אינם לעבן, אָנצוווייזן אויף די אַנטיגעזעלשאַפטלעכע געפאַרן, וואָס קומען פון פאַרשידענע זייטן, פון דרויסן און פון אינעווייניק. די ליטעראַטור האָט די גרויסע פונקציע — אויף איר קינסטלערישן אופן צו שטיין אויף דער וואַך פון דעם פראָגרעסיוון לעבן קעגן די אַלע פינסטערע באַדראָער...

עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז בלויז איצט קערט זיך דער בעסערער, ערנסטער קינסטלער צום געזונטן רעאַליזם... מענדעלע נאָך אין דער צווייטער תקופה פון זיין שאַפן איז געווען דער באַגרינ-דער פונם סאָציאַלן רעאַליזם. לאָמיר זיך אויך דערמאָנען די גינסטיקע השפעה פון די יידישע אַרבעטס-מאַסן אויף פרצן, אויף פרצן פון די 90-טער יאָרן, ווען ער איז ממש יינגער געוואָרן און געשאַפן דאַן מוטיקע און פריידיק-מונטערע ווערק. פרץ איז אויך שפּעטער אָפט אַריינגעצויגן געוואָרן אינם פּאָליטישן קאַמף, און דאָס איז אים שטענדיק ווויל באַקומען.

דער אמתער קינסטלער שעפּט אין אַ שטורם - און דראַנג-פּעריאָד פּאַטאָס און אויפברויז פונם אַרומיקן לעבן, און אין דער צייט פון רעאַקציע, פון שפלות און געפאַלנקייט — דאַרף ער זיך פילן מיט-שולדיק, מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אַלעמען און דאַרף וועקן, וואָרנען, מאָנען. יעדער גרויסער קינסטלער מוז און איז געבונדן מיט זיין צייט, — און אויב ער איז עס נישט, איז ער קיין קינסטלער נישט.

מען רעדט די לעצטע יאָרן מכוח קריזיס און קאַטאַסטראָפע פונם יידישן בוך. עס קומט דערפון, ווייל עס האָט זיך געשאַפן אַ תהום

צווישן דעם לייענער און שרייבער. דער לייענער געפינט נישט אָפּט אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס, וואָס אים אינטערעסירט. עס איז דאָך אַ פאַקט: אייניקע ביכער מיט אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישן אינהאַלט, מיט אַ באַשטימטער טעמאַטיק און טענדענץ ווערן דאָך פאַרשפּרייט אין גרויסע צאָלן. און אויב דער ייִדישער לייענער האָט אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו פיל שרייבער, איז עס דערפאַר, ווייל ער האָט דערשפּירט די פּוסטקייט, וואָס ווייעט פון יענע שרייבער, פון די-אָ, וואָס זענען אַזוי פאַרליבט אין זייער ביסעלע אומעט, אָדער וואָס היטן זיך אַזוי שטאַרק צו גיין נאָר אויפן לייִדיקן און נישט, חלילה, אויפן טומלדיקן טראָטואַר...

אין זיין שלוס-רעדע אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע שרייבער האָט מאַקסים גאָרקי געזאָגט וועגן דעם דאָרטיקן לייענער און שרייבער: „די שרייבער ווייסן און זעען פאַר וועמען זיי אַרבעטן. דער לייענער קומט צו זיי און פאָדערט פון זיי, פון „די אינזשענערן פון דער נשמה“, זיי זאָלן אָרגאַניזירן מיט פּשוטע ווערטער און דורך גוטע, אמתדיקע געשטאַלטן זיינע געפילן, זיינע שטרעבונגען, געדאַנקען און די הערלעכקייט פון דער אַרבעט“...

לאָמיר דאָ, ביי אונז, אויך וויסן — פאַר וועמען און צוליב וואָס מיר אַרבעטן.

מיר דאַרפן דערביי נישט פאַרגעסן, אַז מיר, דאָ אין פּוילן, שאַפן ליטעראַרישע ווערק און קולטור-ווערטן נישט בלויז פאַר פּוילן. דאָס יידישע בוך פון פּוילן, אַ היגע סצעניש ווערק, אַ היגער ערנסטער זשורנאַל קריגט זיין פאַרשפּרייטונג און דערגרייכט וויט-ווייט איבער די גרענעצן פון פּוילן (דערווייל — צוליב פאַרשידענע אומשטענדן, ליידער, אין גאָר אַ נישטיקער צאָל אין ראַטנפאַרבאַנד!). איז דעריבער די אַחריות פאַרן וואָרט, פאַרן קולטור-אויפטו נאָך גרעסער און וואָגיקער.

און נישט נאָר וואָס עס איז געווען אַ תהום צווישן שרייבער און לייענער. עס האָט געהערשט אויך אַ פאַרפרעמדקייט צווישן שרייבער און שרייבער. נישט געווען קיין ווילן איינער דעם אַנדערן אַרויסצוהעלפן, צו דערמוטיקן, צו שטאַרקן. יעדער איינער האָט געזען אינם צווייטן אַ פיינט, און געקרענקט, געליטן פונם צווייטנס דערפאָלג. און נאָך מער האָבן געליטן און ס'ליידן דערפון די יונגע. נישטאָ קיין

סביבה, קיין אַטמאָספער פאַר קאָלעקטיוון וואַקסן, פאַר געמיינזאַמען פאַרמעסטן זיך:

און דערפון דער קאַטאַסטראָפאַלער מצב פון דעם יידישן פאַרלאַגס-וועזן, וואָס האָט אויך געבראַכט צום חורבן פון דער יידישער ביבליאָטעק. דער יידיש-לייענער איז געלאָפן צו אַנדערע שפּראַכן, וויבאַלד די גייסטע ביכער, וועלכע אינטערעסירן אים אַמשטאַרקסטן, האָט ער די לעצטע יאָרן נישט געהאַט אין אַ יידישער איבערזעצונג. האָט דער יידישער מאַסן-לייענער זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אַנדערע שפּראַכן, וויבאַלד ער האָט דאָרט באַקומען די נאָענטע אים ביכער אין אַן איבערזעצונג. דער יידישער לייענער האָט זיך אָפּגעקערט פונם יידישן שרייבער, ווייל דער יידישער שרייבער האָט פאַרלוירן דעם וועג צו דעם רעאַלן לעבן און צו דעם אַקטועלן אינם לעבן. דער קריזיס פונם יידישן בוך איז ענג פאַרבונדן מיטן קריזיס פון דער גאַנצער יידישער קולטור-אַרבעט, מיט דער באַציִונג פונם יידישן שרייבער צו ערנסטע געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע פראַגן.

דער יידישער שרייבער דאַרף אַדורכגעדרונגען ווערן מיטן געדאַנק, אַז ער מוז פילן אחריות פאַר דעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום. ער דאַרף זיך שטעלן אין די ערשטע רייען אין שוץ פון די יידישע קולטור-פּאָזיציעס,— הן מיט זיין קינסטלערישן וואָרט און הן מיט טאָט.
דאָס פאַרלאַנגען מיר פונם יידישן שרייבער!

1936

אינהאַלט:

	זײַט
מידע און אָפּגעשוואַכטע	5
אומגערעכטע פֿאָרוואורפֿן	9
אַמאָל און איצט	14
ווער איז שולדיק?	18
פּױלן און אַמעריקע	22
דער קאַמף פֿאַר העגעמאָניע	27
צי איז די ייִדישע דיכטונג טויט?	34
פֿאַרלוירנקייט	38
אַ מאָדע, וואָס איז כּדאַי נאָכצוטון	42
פֿרעסע און בוך	46
איז די ייִדישע קריטיק אַכזריותדיק?	55
דאָס קאָלעקטיווע זאַמלבוך	58
דאָס פּראָבלעם פֿון איבערזעצונגען	64
די פּרץ־„רעוויזיע"	71
אַ שטיקל סך־הכּל	78
ווער זענען מיר?	85
בענקשאַפֿט נאָך קלאַסיקער	90
ליטעראַטור אויף דער עלטער	95
יובילייען	100
שרייבער־צוזאַמענפֿאָ־	105
איז טאַקע די לאַגע אַזוי טרויעריק?	110
מיר און די וועלט	115
עטלעכע אָדער איין ייִדישע ליטעראַטור	121
דער אויפֿשטאַנד פֿונם קינסטלער	129
רוח־הקודש	134
פֿאַרוואָס אַזוי פֿיל מלחמה־ווערק?	139
וועגן אונזער טעאַטער	144
דער ייִדישער פּען־קלוב	149

אָריענטאַציע	155
ייִדישע ליטעראַטור און ייִדישע געשיכטע	159
נייע צעשפּליטערונג פון אונזערע שאַפונג־כוחות	165
אָן דער זײַט און אין דער שטיל	171
רעאַלע און פאַנטאַסטישע וועלט	175
חלמא טבא חזיתא	184
אַ פראַגע, וואָס דאַרף געשטעלט ווערן	190
ווייען און פּלאָגן אין ייִדישן טעאַטער	194
וואָס עס איז נויטיק	217
רעכט פון דער קריטיק	225
דאַרף מען פירן לייוויקן צו דער עקדה?	230
ווער איז אונזער יוגנט?	235
דאָס, וואָס עס איז דער עיקר	243
שטאָף צום שאַפן	247
דאָס לעבן און שונד־ווערק	252
ווערק און ווערטן	257
דאָס עכטע און דאָס אימיטירטע	262
וועגן ייִדישן פאָלקס־סטיל	266
רעפּערטואַר־קרענק	271
בריוו צו אַ פריינדין	275
דאָס איכה־ליד פונם ייִדישן שטעטל	294
דור הולך ודור בא	300
עלטערע געלערטע און יונגע פאָרשער	306
דער יום־טוב פונם ייִדישן בוך	311
מיט געמיינזאַמע כוחות	315
אַ סוף צו דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס	319
מענטש און קינסטלער	323
וואָס מיר פאַרלאַנגען פונם שרייבער	327
אינהאַלט	333

ווערק פון נחמן מייזיל

נאָענטע און ווייטע	
ערשטער באַנד (דריי אויפלאַגעס)	204 זייטן
נאָענטע און ווייטע	
צווייטער באַנד (צוויי אויפלאַגעס)	260 זייטן
פּרצעס בריוו און רעדעס	
געזאַמלט און איבערגעזעצט מיט אַריינפירן און דערקלערונגען (צוויי אויפלאַגעס)	302 זייטן
פּרץ — זיין לעבן און שאַפן	
ערשטער באַנד, מיט בילדער	240 זייטן
אהרן שמואל ליבערמאַן	
דער ערשטער יידישער סאָציאַליסט	64 זייטן
חיים נחמן ביאַליק	
זיין לעבן און שאַפן	64 זייטן
אברהם גאָלדפאַדען	
דער פאָטער פונם יידישן טעאַטער	64 זייטן
מענדעלע מוכר ספרים	
זיין לעבן און זיינע ווערק	64 זייטן